STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09782

SHRIFTEN

Abraham Coralnik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם קאָראַלניק
(1937 — 1883)

אברהם קאָראַלניק

שריפטען

ערשטער באַנד

געשטאַלטען און געדאַנקען

אַרויסגעגעבען פון
קאָראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1938

Copyright, 1938
by
SARA CORALNIK
New York, N. Y.

490
אסטאָריאַ פּרעס, ניו יאָרק

פון דעם „קאַראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט"

דעם 16טען יולי, 1937, אום זעקס פאַרטאָג, איז אין שפּיטאָל פון דער שטעדטעל מאונט קיסקאָ, ניו יאָרק, געשטאָרבען פון האַרץ־קראַנקהייט דער גייסטרייכער אידישער שריפטשטעלער, דר. אברהם קאַראַלניק.

זיין טויט האָט געטראָפען ווי אַ דונער זיינע פילע פאַרעהרער, וואָס האָבען זיך אַזוי אָפט געקוויקט מיט זיינע אַרטיקלען און עסייען איבער די פאַרשידענסטע פראַגען און פּראָבלעמען פון לעבען. די פאַרעהרער האָבען געפיהלט, אַז מיט דר. קאַראַלניק'ס טויט איז אויסגעלאָשען געוואָרען אַ טיפע נשמה און עס איז אָפּגעהאַקט געוואָרען די בריליאַנטענע פעדער פון דעם שעפערישעסטען שרייבער אין דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע. ער איז געווען אַ שרייבער פאַר שרייבער און פאַר די אינטעליגענטסטע לייענער פון אידיש. ניט איבערטריבען איז געווען געשריבען אין אַ לייט־אַרטיקעל פון „טאָג", אויף מאָרגען נאָך זיין טויט, אַז „אַ שרייבער איז ער געווען, וואָס עס איז צווישען אונז ניט צו געפינען זיין גלייכען".

דעריבער איז עס ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז עס זאָל זיך ביי פילע מענשען אויסדריקען אַ פאַרלאַנג פאַר אַרויסגעבען דעם פאַרשטאָרבענעם דר. א. קאַראַלניק'ס שריפטען. האָט זיך, אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון אַ צאָהל פריינט און קאָלעגען, ווי אויך פיהרער פון די אומאָנער לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס און דער קאַראַלניק צווייג פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד, געגרינדעט אַ „קאַראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט".

דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט באַשלאָסען גלייך צוצוטרעטען צו דער אַרבייט און אַרויסגעבען צוערשט דריי בענדער פון דר. א. קאַראַלניק'ס שריפטען. די בענדער וועלען אַנטהאַלטען יענע אַרטיקלען, וואָס זיינען נאָך אין בוך פאָרמאַט ניט געדרוקט געוואָרען.

דאָס איז דער ערשטער באַנד. דאָס מאַטעריאַל, וואָס שטעלט צוזאַמען דעם באַנד, איז בלויז אַ טייל פון דער רייכער ליטעראַרי־

שער ירושה, וואָס דר. קאָראַלניק האָט איבערגעלאָזט פון זיין פּרוכטבאַרער שאַפונג פון די יאָהרען 1928 ביז 1937.

די רעדאַקציע קאָמיטע (וואָס באַשטעהט פון דר. יהושע בלאָך, חיים גרינבערג, ה. לייוויק, ש. ניגער, וויליאַם עדלין און מענדיל עלקין) האָט באַשלאָסען צו רופען דעם ערשטען באַנד „געשטאַלטען און געדאַנקען", אין איינקלאַנג מיט דר. קאָראַלניק'ס אייגענער באַצייכענונג פון זיינע עסייען וועגען באַריהמטע פערזענליכקייטען. דער צווייטער באַנד וועט אַנטהאַלטען דעם פאַרשטאָרבענעם'ס באַריהמטע רייזע־באַשרייבונגען. דער דריטער באַנד וועט זיין געווידמעט זיינע אינהאַלטסרייכע פּובליציסטישע אַרטיקלען.

די רעדאַקציע קאָמיטע דריקט דאָ אויס אַ דאַנק דר. יהושע בלאָך, הויפט פון דער אידישער אָפּטיילונג פון דער ניו יאָרקער פּאַלקס־ביבליאָטעק, זיין געהילף א. בערגער און מאַניאַ קאָראַלניק פאַר זייערע לייסטונגען אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבייט פון צו־גרייטען די „שריפטען" פאַר'ן דרוק.



(פאַקסימיליע פון דר. א. קאַראַלניק'ס האַנדשריפט)

אינהאַלט

פון דעם „קאַראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט" v
אַברהם קאַראַלניק — פון חיים גרינבערג xi

I

1. דער רמב"ם אַלס פילאָזאָף 1
2. דער רמב"ם און זיין פילאָזאָפישע שיטה 12
3. דער לעצטער נשיא. (דאָן יצחק אברבנאל) 27
4. די מאַסקע פון דעקאַרט 34
5. ברוך שפינאָזאַ 41
6. דער גאון פון נעסוויזש (שלמה מיימון) 51
7. הערמאַן כהן 57
8־9. צווישען איוב און יחזקאל. 1. וועגען לעוו שעסטאָוו 65
2. הערמאַן כהנ'ס וועג צו גאָט 71
10. אנרי בערגסאָן 78
11. אנרי בערגסאָן 85
12. דזשאָן דיואי 100
13. אין דעם גאַרטען פון עפּיקורוס 109
14. דער הומאַניסט (וועגען עראַזמוס פון ראָטערדאַם) 117
15. עראַזמוס פון ראָטערדאַם 123

II

16. פישקע און סענדערל (מענדעלע מוכר־ספרים) 131
17. שלום־עליכם שמייכעלט 136
18. אַרום יהואש'ן 143
19. דער אייביגער שמיד (ה. ליוויק) 150
20. ע פּיניטא לאַ קאָמעדיא? (ה. ליוויק) 156
21. אָהן זיידעס (מענדעלע מוכר־ספרים) 162

III

22. דריי פּאָעטען (שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, יהודה הלוי) 168
23. מרדכי זאב פייערבערג 175
24. וועגן י. ח. ברענער און דעם גרויסען „ווידעראַנאַנד" 183

IV

25. טאָמאַס מאַן 190
26. „יוסף און זיינע ברידער." (טאָמאַס מאַן) 198
27. אויף דעם פּאַרשטויסענעם שטערן (יעקב וואַסערמאַן) 206
28. די אילוזיע פון גייסט (מאַרטין בובער) 214

V

29. דער כשוף פון נוצלאָזיגקייט (טשאַרלס לעם) 222
30. „פאַרגעסענדיג די צייט" — וועגן דזש מ. בערי 229
31. וועגן טאָמאַס וואולפ׳ס „פון צייט און טייך." 235
32. ציילענדיג די שטיינער ביים טייך (עדווין ארלינגטאָן ראָבינסאָן) 243

VI

33. אָנרי בעיל סטענדאַל און דער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן 248
34. אָנדרע ספּיר 257
35־37. די דריי אַנדרע׳ס. 1. אָנדרע זשיד 264
2. אָנדרע מאָרוא 271
3. אָנדרע ספּיר 276

VII

38. טאָלסטאָי און זיין חלום 284
39. דער פּראָבלעם טאָלסטאָי 294
40. דאָקטאָר טשעכאָוו 302
41. אַרום דעם אומרוה פון דאָסטאָיעווסקי 310

חיים גרינבערג

אברהם קאָראַלניק

די פֿאַרלעגער און די רעדאַקציע פֿון די דריי נייע בענד קאָראַלניק׳ס שריפֿטען האָבען מיך באַעהרט מיט׳ן אויפֿטראָג אָנצושרייבען אַ פֿאָרוואָרט צום ערשטען באַנד.

די צייט, וואָס טיילט אונז אָפּ פֿון׳ם מאָמענט ווען דער גרויסער שריפֿטשטעלער איז פֿון אונז אַוועקגענומען געוואָרען, איז נאָך צו קורץ, אַז ווער עס איז זאָל זיך שוין קענען אונטערנעהמען שרייבען זיין ביאָגראַפֿיע. די באַדינגונגען פֿאַר אַזאַ אַרבייט זיינען, איצט, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, אומגעוויינליך שווערע. כדי צו זאַמלען און אָפּקלייבען די נויטיגע מאַטעריאַלען מוז מען זיך שטעלען אין פֿאַרבינדונג מיט אַ גרויסער צאָהל פּערזאָנען, אידען און נית־אידען, מיט וועלכע קאָראַלניק איז געקומען אין באַריהרונג אין די פֿאַרשידענע פּעריאָדען פֿון זיין לעבען אוןווירקען, אין אַ גאַנצער רייע לענדער. די איצטיגע פּאָליטישע אומשטענדען אין אייניגע פֿון די לענדער מאַכען דערווייל דאָס זאַמלען פֿון מאַטעריאַל ספּעציעל שווער, אויב נית אינגאַנצען אוממעגליך. דער שרייבער פֿון די שורות פֿיהלט, אַז אויך אַ קאָראַלניק־מאָנאָגראַפֿיע אין דעם זינען פֿון אַן אַלזייטיגער און אויסשעפּענדער ליטעראַרישער אָפּשאַצונג קען נאָך דערווייל אויך נית געשריבען ווערען. פֿאַר אַזאַ אַרבייט פֿאָדערט זיך אַ לאַנגזאַמער און, אַזוי צו זאָגען, אַ „סימפּאַטעטישער” שטודיום פֿון קאָראַלניק׳ס שריפֿטען פֿון וועלכע פֿילע זיינען צעוואָרפֿען, אין פֿינף אָדער זעקס שפּראַכען, איבער צעהנדליקער פּעריאָדישע אויסגאַבען. מיר האָפֿען, אַז מיט דער צייט וועלען זיי געזאַמעלט און קאָנצענטרירט ווערען אין קאָמפּעטענטע הענט.

ארויסגעבענדיג דעם ערשטען באַנד פֿון דער נייער סעריע קאָראַלניק׳ס שריפֿטען, מוזען מיר, צוליב די דערמאָנטע טעמים, זיך באַגרעניצען מיט די פֿאָלגענדע, אפשר אומפֿאַרמיידליך סובּיעקטיווע באַמערקונגען, וואָס פּרעטענדירען נית צו געבען אַן

אומפּאַסנדע תמצית־כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּערזענליכקייט אָדער פון זיין ליטעראַרישען שאַפען.

* * *

זיין גאַנץ לעבען האָט קאַראַלניק ניט געוואָלט — און אפשר אויך ניט געקאָנט — זיך מצמצם זיין, זיך באַשרענקען אויף אַ באַשטימט־אָפּגעגרעניצטען געביט אָדער זשאַנר. עס איז דערפאַר כמעט אוממעגליך צוצושטעלען צו זיין נאָמען וועלכע ניט איז „פאַך"־קוואַליפיקאַציע.

ער איז געווען אַ פּובליציסט און אין משך פון גוטע עטליכע און דרייסיג שטורמישע יאָהרען איז ניט געווען קיין איין מעהר אָדער וויניגער באַדייטענדע פּאָליטישע געשעהעניש, אָדער סאָציאַלע דערשיינונג, אויף וועלכער ער האָט זיך ניט אָפּגערופען אויף זיין אייגענעם, ניט־דאָגמאַטישען, „קאַפּריזנעם" שטייגער.

ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור דעם מאָדערנעם פעליעטאָן — דעם ווינער־פּאַריזער נוסח פונ׳ם פרייען שמועס, פונ׳ם פּאַראַדאָקס אָהן צו־להכעיס, פונ׳ם וויץ אָהן בייזקייט, פון מעלאַנכאָלישער ליריק געפּאָרט מיט „גאַלגען־הומאָר".

אין דער ליטעראַרישער ירושה וואָס ער האָט אונז געלאָזען געפינען מיר אומצעהליגע מאָנאָגראַפיעס, אָפּהאַנדלונגען און געלעגענהייטס־אַרטיקלען וועגען וואָרט־קינסטלער און זייערע אייגענע ווערק: קריטישע אַרטיקלען וועגען אידישע, העברעאישע, דייטשע, רוסישע, פראַנצויזישע, ענגלישע, שפּאַנישע, איטאַליענישע, סקאַנדינאַווישע שרייבער. לאַנד, סביבה, עפּאָכע און שפּראַך זיינען פאַר איהם ניט געווען קיין מחיצה אָדער מניעה.

די טעאַטראַלע ביהנע איז איהם געווען נאָהענט און ער האָט ביי פיעלע געלעגענהייטען געשריבען ראַפינירטע, כאָטש אָפטמאָל בכיוון־„נאַכלעסיגע", טעאַטער־קריטיק־אַרטיקלען.

אָן אָפּטער אַריינגעהער אין די אייראָפּעאישע קונסט־מוזעאומס און אַ שטענדיגער באַזוכער פון אויסשטעלונגען, האָט ער אונז געשענקט אַ באַדייטענדע צאָהל עססייען און פעליעטאָנען וועגען מאַלעריי און סקולפּטור, פון וועלכע עס שטראַהלט אַרויס דער חן פונ׳ם „ניט־פאַכמענישען", אָבער ראַפינירטען בעאָבאַכטער.

צווישען זיינע דייטשע כתבים געפינען מיר אַ צאָהל דראַמען, וואָס ער האָט געשריבען פאַר בערלינער און ווינער טעאַטערען.

די לענדער, וואו ער האָט געלעבט און וואָס ער האָט צייטווייליג באַזוכט, האָבען געפונען אַ שמייכלענדיג־לירישע, אימפּרעסיאָניסטישע אָפּשפּיגלונג אין זיינע רייזע־פעליעטאָנען און סקיצען, פון וועלכע מען וואָלט איצט געקאָנט צוזאַמענשטעלען גוטע עטליכע בענד.

אַ פילאָזאָפישע נאַטור, מיט אַ גרינטליכער פילאָזאָפישער בילדונג, האָט ער פריי אַרומשפּאַצירט אין די גערטנער פון דער קלאַסישער פילאָזאָפיע און אָפט באַוואונדערט די שטרענגע קאָלאָנען פון די גריכישע ספּעקולאַטיווע בנינים. זיין „נייגעריגקייט" און זיין חוש פאַר אינטעלעקטועלער „יוצא־דופנ'דיגקייט" האָט איהם געפיהרט אויך צו די פּלאָנטערס און זיגזאַגען פון מיטעלאַלטערליכען דענקען, אין די לאַבירינטען פון קאַטוילישער סכאָלאַסטיק און אויף די איינזאַמע סטעזשקעס פון אידישע טעאָלאָגען און מקובלים. ביי זיך אין דער היים אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, האָט ער געזוכט אין איהר פאַרקניפּונגען מיט דעם מעטאַפיזישען „אַמאָל" און צזגעלייגט צו איהר אַן אויער — אפשר קען מען אַרויסהערען פון איהרע אונטערטאָנען, פון איהר „לחש", אַ רמז אויף אַ נאָך ניט־געבוירענער צוקונפטס־פילאָזאָפיע, מיט וועלכער די וועלט איז פיליכט פאַרשוואָנגערט געוואָרען.

פּובליציסט, פעליעטאָניסט, ליטעראַטור־קריטיקער, טעאַטער־ און קונסט־קריטיקער, פילאָזאָף, טעאָלאָג, היסטאָריקער, דראַמאַטורג, פילאָלאָג — וואָס איז אייגענטליך פון דעם אַלעמען קאַראַלניק געווען? ווער עס מוז האָבען קוואַליפיקאַציעס פאַר זיין „קאַטאַלאָג", וועט זיך דאָ נאַטירליך אַנשטויסען אויף געוויסע שוועריגקייטען. אָבער אין גרונט (אַלץ איינס וואָס עס קען אָדער עס מוז שטעהן אין אַ רעפערענץ־בוך) איז קאַראַלניק געווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ניט אַריינפּרעסען אין אַן ענגער „סדום"־דעפיניציע. ער איז נעמליך געווען — קאַראַלניק, — אַ באַגאַבטע, סענסיטיווע, אומגעהויער וואַכעדיגע נע־ונד־נאַטור, אַן אינסטרומענט וואָס צויפל ניגונים האָבען „געהאַט חשק" אויסגעשפּילט צו ווערען אויף זיינע סטרונעס, אַ גייסטיגער שיקזאַל וואָס איז אָפט געשטאַנען פאַר דער סכנה פון צעבראָכען ווערען צוליב זיין שפע'דיגער פילזייטיגקייט, און — אפשר דער עיקר — אַ „פּאַטאַלער פרעגער", אַ צום פרעגען און פרואווען פאַראולטיילטער, וועמען דאָס לעבען האָט פאַראורזאַכט אַ סך פּיין, צוליב דער מאוים'דיגער דיספּראָפּאָרציע צווישען

„שאלות" און „תשובות". די קאַריקאַטור פֿון אַמאָליגע אַלץ־ווי־סענדע למדנים איז געווען: „פֿרעג מיך אַ קשיא, איך האָב אַ תּירוץ". קאַראַלניק'ס טראַגיק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי אָפֿט געקאָנט זאָגן: „גיב מיר אַ תּירוץ, איך האָב אַ קשיא". ניט קיין אויסגעקלערטע, קינסטליך צוגעשניטענע קשיא פֿון אַן „איפּכא מסתברא'ניק", נאָר אַ פֿאַרניכטענדע אָדער שטאַרק אָפּפֿרעגענדע קשיא, וואָס איז ערגעץ־וואו אָרגאַניש פֿאַרבונדען מיט'ן תּירוץ. דערפֿון אפשר — דאָס שטענדיגע וואַנדערען פֿון גע־ביט צו געביט, פֿון וויסענשאַפֿטליכע פּראָבלעמען צו רײן־פֿילאָזאָ־פֿישע, פֿון ניט־צופֿרידענשטעלענדע פֿילאָזאָפֿישע אילוזיעס צום סימ־באָלישען האַלב־אמת פֿון דער קינסטלערישער אילוזיע, אָדער צו סתם באַאָבאַכטונג פֿון די געשלענגעלטע און פֿאַרפּלאָנטערטע ווע־גען פֿון מענשליכע דענק־פּראָצעסען און אינטריגירענדיגע „טשיקאַוועקייטען"...

אין דער הינזיכט איז קאַראַלניק'ס גייסטיג לעבען געווען, כאָטש מסתמא גאַנץ אומבאַוואוסטזיניג, אַ רעוואָלט געגען „ספּע־ציאַליסטענטום". ער האָט זיך אין קיין איינעם פֿון די געביטען, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַן אינעווייניגסטע שייכות ניט ספּע־ציאַליזירט, ווייל — איהם איז ערגעץ־וואו גאָר נישט „אַנגעשטאַנען" זיך צו ספּעציאַליזירען, ווייל ער האָט געהאַט זיין גוטען סוביעק־טיווען גרונט „זיך צו פֿילען" צו ווערען אַ ספּעציאַליסט, ווייל ספּעציאַליזאַציע מיט אַלע איהרע ברכות פֿאַר באַשטימטע צוועקען איז אויך אַ פֿאַרשמעלערונג און פֿאַרענגונג, ממילא שוין אויך אַ פֿאַראָרעמונג פֿון דער פּערזענליכקייט. כדי זיך צו פֿאַרשטייפֿען און זיך אינגאַנצען קאָנצענטרירען אויף אַ באַשטימטען געביט, פֿאָדערט זיך אויך אַ באַשטימטע מאָס פֿון אינטעלעקטועלער גאווה, וועלכע האָט קאַראַלניק'ן אין זיינע חשבונות מיט זיך אַליין אינגאַנ־צען געפֿעהלט — די הנחה, אַז דאָס געביט איז גענוג עכט און אַז ער גופֿא איז אומבאַדינגט נויטיג פֿאַר יענעם געביט.

יעדע ספּעציאַליזאַציע איז פֿאַרבונדען אין אַ גרויסער מאָס מיט אינטעלעקטועלען און עמאָציאָנעלען אַסקעטיזם. קיין „אַסקעט" אין דעם זינען האָט קאַראַלניק ניט געוואָלט זיין. אין הינטערגרונט פֿון זיין גאַנצען דענקען שטעהט אַ ניט־פֿאָרמולירטער אַלגעמיינער געדאַנק: אַלע אַסקעטיזמען זיינען עפּעס ווערט, אויב זיי קענען פֿיה־רען צו איין ציל — צום גרויסען סינטעז, צו אַן עכטער וויזיע פֿון דער

וועלט־טאָטאַליטעט. אויב ווייניגער פון אַזאַ לעצטען סינטעז, לוינען זיך ניט די קרבנות פון דיסציפּלין־תּעניתים און „ספּעציאַ־ליזם״־סיגופים. שטענדיג פאַרפאַלגט פון אַנטיטעזען, האָט ער אָבער דעם קאָנקרעטען און זיכערען וועג צו קיין טעזיס־מקום־מנוחה ניט געזעהען. אין די גרעניצען פון דערגרייכבאַרקייט האָ־בען פאַר איהם עקזיסטירט בלויז איינצעלנע רמזים, אויפבליצען אָדער האַלב־אַנדייטונגען אויף אַ סינטעז, וועלכער לאָזט זיך קיינ־מאָל ניט „כאַפּען״ אין זיין גאַנצקייט און אָפּגערונדעשקייט. און די דאָזיגע רמזים, אויפבליצען און „ניצוצות״ זיינען פאַר איהם געווען צעזייט און צעשפּרייט אומעטום — אין אַ פילאָזאָפישען סיסטעם, אין אַ פּאָעמע, אין אַ טעאָלאָגישער אומלאָגישקייט, אין אַ בילד אָדער סטאַטוע, אין דער וויבראַציע פון אַ שוישפּילער׳ס שטימע, אין אַ היסטאָרישער אַוואַנטיורע, אין דער משונה׳דיגקייט פון אַן אומבאַקאַנט לאַנד, אין . . . דעם פאַרבען־און־ליניען־שפּיעל פון אַ בלומען־אויסשטעלונג. ער האָט ביי זיך ווי לכתחילה גע׳פּועל׳ט, אַז מעהר ווי „ניצוצות״ און איזאָלירטע „ווינקען״ קען מען סיי ווי סיי ניט „אָוועקראַנגלען״ פון דעם עיקר, פון׳ם לעצטען סינטעז, און דאָס האָט איהם געמאַכט פאַר אַן אַנטוישט־געניסענדען שפּאַצירער איבער אַזוי פיעל פאַרשיידענע פעלדער און גערטנער.

„וואָס איז דען דער חילוק״, האָט ער צו מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן, „וועגען וואָס צו שרייבען? סיי־ווי־סיי, פון וואָס איך זאָל ניט שרייבען, שרייב איך דאָך, דער עיקר, וועגען זיך אַליין, שטיק־לאַך אויטאָביאָגראַפיע. עס איז אפשר בכלל אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַז ווער עס איז שרייבט וועגען עפּעס אָדער וועגען עמיצן. מיט אַזאַ פונקציע קען זיך „איבערנעמען״ בלויז אַ פּראָטאָקאָלען־שרייבער אָדער אַ רעגיסטראַטאָר פון פאַקטען. פילאָזאָפען, דראַ־מאַטורגען, דיכטער, היסטאָריקער, סתם עכטע שרייבער — שרייבען שטענדיג, צי זיי ווילען צי זיי ווילען ניט, אויטאָביאָגראַפיע. אַ פילאָזאָפישע סיסטעם איז אויך ערגעץ־וואו ניט מעהר ווי אַ סיפור־המעשה, די געשיכטע וואָס אַ פילאָזאָף דערצעהלט וועגען זיך אַליין, ווי אַזוי ער האָט געבלאָנדזשעט און געבלאָנדזשעט, זיך געראַנגעלט מיט דער וועלט אַרום זיך און אין זיך, ביז ער האָט זיך איינגע־שמועסט, אַז ס׳איז איהם געלונגען אויפצובויען פון תּוהו־ובוהו אַ מאָנומענטאַלען בנין״.

שעפערישקייט איז פאַר איהם געווען אַ נאָבעלער אופן פון

„זיך־אַליין־אָפּנאַרען" אָדער „איינשמועסען", אַ סעריע פון דאָן־קיכאָטישע אַקטען, אומגעפעהר דאָס זעלבע וואָס ניצשע פלעגט באַצייכענען אַלס „דער ליגען אין אויסער־מאָראַלישען זינען", דער פאַרזוך צו „נעהמען" אַ בליץ און פאַרוואַנדלען איהם אין אַ לאַמטערן.

אין דעם לאַמטערן האָט קאַראַלניק ניט געגלויבט. דערפאַר איז ער אָבער געווען להוט אויף די בליצען, וואָס האָבען פאַר איהם אַרויסגעצויבערט פון פאַרשיעדענע אַרטען קונסט און אינטעלעקטועלע קאָנסטרוקציעס, פון יעדער פילאָזאָפישער סיסטעם און פון דעם היפוך פון יענער סיסטעם.

און האָט איהם עמיצער געכאַפּט ביי אַ סתירה — און סתירות זיינען געווען, אַזוי צו זאָגען, זיין „טעגליך ברויט" — האָט ער איהם דערמיט ניט מבייש געווען. קאַראַלניק האָט אין חשבון מיט זיך אַליין ניט געהאַט קיין גרונט אַראָפּצופּאַלען ביי זיך צוליב זיינע ניט־אויסגעהאַלטענקייטען. צוזאַמען מיט'ן שווייצאַרישען דיכטער, קאַרל שפּיטעלער, וואָלט ער שטענדיג געקאָנט זאָגען וועגען זיך עהרליך און אָהן התבטלות:

„איך בין קיין אויסגעקליגעלט בוך,
איך בין איין מענש מיט אַלעס זיינען ווידערשפּרוך".

* * *

אין יאָהר 1919 פלעגען מיר זיך באַגעגענען יעדען זונטאָג אויף די זיצונגען פון דער קיעווער רעליגיאָנס־פילאָזאָפישער געזעלשאַפט. אין יענעם יאָהר האָט אונז דער שיקזאַלביידען פאַרטראָגען קיין אוקראַינע — איהם פון פעטערבורג, מיך פון מאָסקווע. אַרום אונז האָבען קאַליידאָסקאָפּיש זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט ליידענשאַפטען און קאָנוואולסיעס פונ'ם בירגער־קריג, און דאָס האָט געשאַפען ביי עטליכע צעהנדליגע מענשען פון פאַרשיעדענע אנשויאונגען און פּאָליטישע ריכטונגען אַ באַדערפעניש זיך צו טרעפען וואָס אָפטער און מאַכען אַ פאַרזוך צו באַלייכטען דאָס, וואָס עס קומט פאָר אַרום אונז, אין ליכט פון, אַזוי צו זאָגען, „סובסטאַנציעלע", קערנהאַפטע אמת'ן. די רעליגיאָנס־פילאָזאָפישע געזעלשאַפט איז געווען אונזער זאַמל־פּלאַץ און די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אונז אַ געוויסע צייט ניט געשטערט: זי האָט זיכער פון אונז געוואוסט, אָבער זי

האָט וואַרשיינליך באַשלאָסען צייטווייליג צו איגנאָרירען אַזאַ גרופּע פון „אינטעליגענטע פּוסטעפּאַסניקעס".

דערמאָן איך זיך איצט אָן איינעם פון אונזערע רעליגיאָנס־פילאָזאָפישע זונטאָגס. פּראָפעסאָר קויגען, זכרונו לברכה, האָט געהאַלטען אַ קורצען פאָרטראָג וועגען דעם גאָט־באַגריף אין ליכט פון דער קריטישער דערקענטניש־טעאָריע. דער פאָרטראָג האָט אַרויס־גערופען אַ היציגען ויכוח, כאָטש די טעמע אָן און פאַר זיך איז פאַר קיינעם פון די אָנוועזענדע ניט געווען קיין נייע. ווען עס איז געקומען קאָראָלניק׳ס רייהע, האָט ער זיך באַגרעניצט מיט עטליכע ווערטער. שטיל און מיט אַ האַלב־נאַאיווען און האַלב־שטיפערישען שמייכעל האָט ער ווי גערעדט צו זיך אַליין (ער האָט אַ גאַנץ לעבען געפיהלט אַן עכט־אַריסטאָקראַטישע אַנטיפּאַטיע צו וועלכע ניט איז אָראַטאָרישע „שטיק"):

— איך האַלט נאָך אַלץ מיט רענאַנ׳ען. ווי אַזוי האָט עס אַמאָל דער גייסטרייכער פראַנצויז געזאָגט? אין געווויסע שטונדען גלויב איך אין גאָט. אין אַנדערע שטונדען לייקען איך אין האַרצען זיין עקזיסטענץ. אין דער הינזיכט איז מיין פּאָזיציע שטאַרקער ווי די פּאָזיציע פון אַן אויסגעשפּראָכענעם אַטעאיסט אָדער פון אַן אויסגעשפּראָכענעם טעאיסט. איינס פון די צוויי מוז דאָך זיין אמת: אָדער ס׳איז פאַראַן אַ גאָט אָדער ער איז ניט מעהר ווי אַ מענש־ליכע איינבילדונג. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, זיינען פאַראַן אין מיין לעבען, לכל הפחות, שטונדען ווען איך באַהעפט זיך מיט׳ן אמת. איך ווייס נאָר ניט וועלכע שטונדען דאָס זיינען, די טעאיסטישע אָדער די אַטעאיסטישע.

אייניגע פון אונז, געדענק איך, האָבען זיך געפיהלט שאָקירט פון אַזאַ „לייכטזיניגען" צוגאַנג צו אַ פראַגע, וואָס ווי מען זאָל זי ניט באַטראַכטען, שטעהט זי, אַזוי צו זאָגען, „ברומו של עולם". אָבער דער „אַקאַדעמישסטער" צווישען אונז, דער וואָס איז שוין אין יענער צייט געשטאַנען נאָהענט צו דער אויסבילדונג פון זיינער אַן אייגענער פילאָזאָפישער סיסטעם, דויד קויגען, האָט פאַרשטאַנען דעם עכטען ערנסט, וואָס איז געווען פאַרשטעקט הינטער קאָראָל־ניק׳ס „שטיפעריי": ניט סתם סקעפּטיציזם, נאָר אַ טראַגישער אומגלויבען אין אַלע מעגליכע אינטעלעקטועלע קאָנסטרוקציעס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די „ערשטע און לעצטע" פראַגען. קאָראָלניק געדענקט צו גוט, האָט אונז קויגען דערקלעהרט, קאַנט׳ס

אַנטינאָמיעס — די טאַבעלעס פון באַוויזען און ניט וויניגער קרעפטיגע געגענבאַוויזען אין דער אייביגער דעבאַטע: גאָט, ניט־גאָט; שטערבליכקייט, אומשטערבליכקייט; ווילענספרייהייט, אומ־פרייהייט פון ווילן. סוף־כל־סוף ווערט אויך ביי קאַנט׳ן די פּראָ־בלעם געלייזט „פּראַקטיש״, ניט טעאָרעטיש; אויך ביי איהם איז עס אין תוך אַ פּראָבלעם פון גלויבן און אומגלויבן, ניט אַ פּראָ־בלעם פון וויסען און ניט־וויסען. און וואָס איז גלויבן? ווילן! ניט אומזיסט רעדט וויליאַם דזשעימס וועגן דעם „ווילן צו גלויבן״. אָבער ווילן, מיינט קאַראַלניק, איז ניט שטענדיג אַק־טיוו: ניט שטענדיג איז ער בכוח אַרויסצורופען אַ מעטאַפיזישע „וויזיע״. אין דער הינזיכט איז אפשר קאַראַלניק, צוזאַמען מיט רענאַנ׳ען, גערעכט. אויך דער גלויביגער מענש איז אין געוויסע מאָמענטען פון זיין לעבען אַן אומגלויביגער — אין זיינע אומשע־פערישע מאָמענטען, ווען דער „ווילן צו גלויבן״ איז, אַזוי צו זאָגען, געליימט.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען מיר האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען עטליכע מעת־לעת אויף אַ שיף, אויפ׳ן וועג קיין איטאַליע, האָב איך דערמאָנט קאַראַלניק׳ן יענעם קיעווער זונטאָג.

ער האָט זיך אָפּגערופען אויף מיינע דעראינערונגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט אַ ציטאַטע, דאָס מאָל מיט אַ ציטאַטע פון עוואַנגעליום:

ווי אַזוי זאָגט דאָרט טאָמאַס דער אוימגלויביגער? „גאָט, איך גלויב, אָבער — העלף מיין אומגלויבען״...

* * *

דער פּשטן, וואָס איז פאַרגלויבט אין זיין פּשטנות, קען בשום אופן ניט משיג זיין, אַז ס׳איז מעגליך אַזאַ משונה׳דיגער „זיווג״ ווי צווישען סקעפּטיציזם און מיסטיק. אָבער עכטע סקעפּטיקער ראַנגלען זיך אַ גאַנץ לעבען מיט זייער סקעפּטיציזם און ווייזען אָפּטמאָל אַרויס „פאַרדעכטיגע״ נויגונגען צו דער וועלט פון מיס־טיק. פריץ מאַאוטנער איז איינער פון די ערשטע אין אונזער דור, וואָס האָט די דאָזיגע פּאַראַדאָקסאַלע שייכות׳ן פאָרמולירט — אין תוך איז עס אָבער קיין אַנטדעקונג ניט געווען.

קאַראַלניק האָט וועגען אַזעלכע שייכות׳ן געוואוסט פון זיך אַליין, פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט און שיקזאַל. ניט אומזיסט

פלעגט ער אַנאַטאָל פראַנס׳ן, וועמען ער האָט אַזוי גוט געקאַנט און געפּיהלט צו איהם אַ שורש־נשמה־קרובה׳שאַפט, אָפּטמאָל באַציי־כענען אַלס מיסטיקער, אַמאָל אַפילו אַלס — „טעאָלאָג״.

דער „האַנג״ צו מיסטיק האָט זיך ביי קאָראַלניק׳ן ניט געגוג אַנטוויקעלט (צו פיל פּיקחות? צו וויניג „מוט״?). דאָס ראַפינירטערע אויער וועט אָבער אין זיינע ליטעראַטור און קונסט־קריטישע אַרטיקלען פאַרנעמען די צאַרטע פרעלודיע־טענער צו אַ מיסטישער איינשטעלונג: דאָס שאַטנהאַפטע, דאָס מעלאַנכאָליש־טרוימהאַפטע וואָס האָט געשוועבט פאַר איהם איבער יעדען עכטען קינסטלערישען ווערק און איבער׳ן שיקזאַל פון יעדען עכטען קינסטלער...

* * *

אין ניו יאָרק פלעגען מיר האָבען פון צייט צו צייט אונזערע געמיטליכע שמועס־שטונדען אין קאַפע לאַפאַיעט. דעם פּלאַץ האָט אויסגעקליבען קאָראַלניק. זיין בענקשאַפט נאָך אייראָפּע, פון וועלכער ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען אַלע יאָהרען פון זיין זיצען אין אַמעריקע, פלעגט איהם פיהרען אין יענעם קליינעם פראַנצויזישען קאַפע מיט די פאַריזער צייטונגען אויף די טישען, מיט דעם פאַר איהם געשמאַקערען „קאָנטינענטאַלען״ קאַפע, מיט אַ פּאָר קעלנערס וואָס היטען נאָך אָפּ אויף אַנגלאָ־זאַקסישען באָדען זייער פאַריזער „אַרגאָ״.

איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען, אַז אין קאַפע לאַפאַיעט, וואו מיר פלעגען קיינמאָל קיין פריינט און באַקאַנטע ניט באַגעגענען און האָבען דערפאַר געקאָנט פיהרען לאַנגע און אומגעשטערטע שמועסען, זאָלען מיר ווען עס איז האָבען דיסקוטירט אַ פּאָליטישע אָדער סתם אַן „אַקטועלע״ פּראָבלעם. מיר פלעגען ביידע בענקען נאָך יענע באַגעגענישען (ווען עס זיינען אַמאָל פאַרגעקומען צו לאַנגע הפסקות צווישען איין באַגעגעניש און דער אַנדערער, פלעגען מיר איינער דעם אַנדערען באַשולדיגען אין „סאַבאָטאַזש״), מסתמא דערפאַר וואָס מיר האָבען זיך אין יענעם פּלאַץ צוגעוואוינט צו זיין אָפּענהאַרציג. דאָרט פלעגען מיר ריידן פראַנק און פריי, אָהן אַ „צענזאָר״, וועגען ענינים, וועלכע פיעלע פון אונז האַלטען פאַר די וויכטיגסטע, די צענטראַלע, און טאַקע דערפאַר האָבען זיי מורא זיך צוצוריהרען צו זיי, אָדער זיי „שעהמען זיך״ וועגען זיי עפּעס

צו זאָגען, ווייל זיי זיינען צו יחיד׳יש אינטים און אויף יענער זייט פון יעדער „סאָציאָלאָגיע״.

אונזער לעצטער „סעאַנס״ — אַזוי פלעגט ער שפּאַסענדיג אָנרופען אונזערע באַגעגענישען — אין קאַפע לאַפּאַיעט האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון. קאַראָלניק איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק, אָבער ער האָט ניט געוואוסט (אָדער זיך געמאַכט ניט וויסענדיג?), אויף וויפיל זיין צושטאַנד איז ערנסט. מיר האָבען לאַנגע שטונדען דעבאַטירט פּסיכאָאַנאַליזע: וואָס מוזען זיין די רייך־פילאָזאָפישע פועל־יוצא׳ס פון פרויד׳ס לעהרע און פאָרשונגען? קאַראָלניק האָט געגלויבט, אַז פרויד גופא האָט זיין שיטה פאַרפיהרט אין אַ טעמפּען, גראָען ווינקעל, אָבער דער גרונט־אמת פון זיין סיסטעם קען מיט דער צייט — געגען פרויד׳ס אייגענעם ווילען — עפענען גאָר־גאָר ברייטע און העלע האָריזאָנטען פאַר אַ נייער, מעטאַפיזישער פּסיכאָלאָגיע. פרויד גופא רעדט אין טערמינען פון פאַרשיעדענערליי „מעכאַניזמען״ (דער „היפּנאָז״ פון די נאַטור־וויסענשאַפטען!); דער פילאָזאָף וועט אָבער מיט דער צייט אַנטדעקען הינטער יענע „מעכאַניזמען״ די שליטה פון אַנדערע, איבערזינליכע קרעפטען — אפשר גאָר פון די „פּלאַטאָנישע אידייען״.

אין צוזאַמעהאַנג מיט דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען קלאָגען: „דאָס לעבען געהט אַוועק אויף גאָרנישט מיט גאָרנישט. פאַר׳ן וויכטיגסטען און פאַר׳ן אינטערעסאַנטסטען איז קיין צייט נישטאָ. אַרטיקלען, אַרטיקלען און אָבער־אַמאָל אַרטיקלען... אָט האָבען מיר זיך אַלע איינגערעדט, אַז אַוועקצוגעבען צייט אויף טעאָסאָפיע, אויף אָקולטיזם לוינט זיך ניט. פון וואַנען ווייסען מיר, אַז עס לוינט ניט, איידער מיר האָבען זיך געענוי מיט יענער ליטעראַטור באַקאַנט? אפשר איז דאָך אין איהר עפּעס פאַראַן? עך, מיר זיינען נאָך אַלע געבליבען שטיקלאַך משכילים... אָט מאַכט מען, גראַד אין אַמעריקע, נייע און ווי איך הער, „ריזיקאַלישע״ פאָרשונגען אין אַ פּסיכאָלאָגישער „לאַבאָראַטאָריע״. און די טענדענץ פון יענע פאָרשונגען פיהרט, ווי מיר דוכט זיך, גראַד אין דער ריכטונג פון טעאָסאָפיע. עס קען זיין, אַז „אונטער אונזער נאָז״ ווערט איצט געבוירען אַ נייע פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט, וועלכע וועט מיט דער צייט אַרויספיהרען די פאָרשונג פון דער מענשליכער נשמה פון דעם טומלען קעלער, וואו זי געפינט זיך נאָך. אָט מיט וואָס מען

וואָלט זיך געדאַרפט איצט פאַרנעהמען — ניט מיט פּראַייניקטע פּראַנטען און מיט פּראָטעסטען געגען דעם האַי־קאָמישיאָנער אין ארץ־ישראל״.

זיין אינטערעס פאַר די סימפּטאָמען פון אַ נייער פּסיכאָלאָגי־שער ריכטונג איז ניט געווען קיין סתם למדנ׳ישער. מיט זיין גאַנצען סקעפּטיציזם פלעגט ער פון צייט צו צייט טראַכטען, אַז . . . אפשר: אפשר וועט פון ערגעץ־וואו זיך באַווייזען אַ נייער „בליץ״ און מיט׳ן כח פון יענעם ריין־וויסענשאַפטליכען „ליכט־רמז״ וועט מען שוין נאָכדעם קענען אַביסעל לייכטער און זיכערער . . . טאַפּען אין דער פינצטערניש און אפשר טאַקע עפּעס „אָנטאַפּען״...

אויך זיינע וויסענשאַפטליכע ווי זיינע קונסט־אינטערעסען זיינען, אין לעצטען חשבון, געווען פאַרבונדען מיט זיין, ווי מ׳פלעגט אַמאָל זאָגען אין דייטשלאַנד, „מעטאַפיזישער באַדערפעניש״.

„אין גרונט״, האָט מיר קאָראַלניק אַ זאָג געטאָן אויף יענעם לעצטען „סעאַנס״, „איז דאָך פאַראַן אין גאַנצען לעבען בלויז איין פּראָבלעם — די רעליגיעזע. אַלע אַנדערע פּראָבלעמען זיינען פון אַ סעקונדערען כאַראַקטער, „תולדות״, ניט קיין „אָבות״. האָט איינער געלעזט, ענדגילטיג און אינערליך־זיכער געלעזט, פאַר זיך די רעליגיעזע פּראָבלעם, האָט ער שוין אַ שליסעל צו דער לעזונג פון אַלע אַנדערע, פון אַלע מעגליכע פּראָבלעמען. דעמאָלט לעזען זיי זיך שוין אַליין, פון זיך, כמעט אויטאָמאַטיש. דער אומגליק מיט אונזער גאַנצער איצטיקער קולטור באַשטעהט דאָך אין דעם, וואָס מיר פאַרמאָגען ניט קיין „קאָוד״, וואָס מיר האָבען פאַרלוירען אַלע אַמאָליגע „שליסלען״ און קענען מעהר ניט „דעשיפרירען״ וואָס מיר זעהען אַרום זיך און אין זיך. די אַמאָליגע „שליסלען״ זיינען שוין, אמת, אָפּגעריבען און פאַרראָסטעט. אָבער קיין נייעם „שלי־סעל״ האָבען מיר ניט באַוויזען צו געפינען. צי וועט מען איהם אַמאָל געפינען? דער כעמיקער מיט׳ן מקובל וואָלטען צוליב דעם געדאַרפט אַרבייטען צוזאַמען, אין איין „לאַבאָראַטאָריע״ אָדער אין איין דאַך־שטיבעל. אָבער דער כעמיקער קוקט אויפ׳ן מקובל ווי אויף אַ „קרענק״ אָדער אַן אָפּגעריסענעם נאַר, און דער מקובל אויפ׳ן כעמיקער ווי אויף אַ מגושמ׳דיגען מענשען, וואָס האָט צו טהאָן בלויז מיט׳ן „עולם התחתון״. אַמאָל, אין מיטעלאַלטער, האָבען זיי געאַרבייט צוזאַמען — איז דערפון אַרויסגעקומען אַזאַ לעפּישע זאַך ווי אַלכעמיע. פון דעמאָלט אָן ווייכען זיי איינער פון

דעם אַנדערען. אָבער וואו שטעהט עס דען געשריבען, אַז פון זייער זיווג מוזען שטענדיג אַרויסקומען אַזעלכע פּאַרזעהענישען? איינמאָל איז ניט געלונגען — דאָס איז ניט קיין ראיה, אַז עס דאַרף ניט אָדער עס קען ניט געלינגען אַן אַנדערש מאָל.

מיט אַזעלכע מחשבות האָט זיך יאָהרענלאַנג אַרומגעטראָגען דער סקעפּטיקער, דער פאַרניינער, דער — ווי פרישמאַן האָט אַמאָל געשריבען וועגען טעאָדאָר הערצל — „בלויז פּעליעטאָניסט".

ניט צופעליג האָט ער די לעצטע צייט געטרוימט פון אָנ־שרייבען אַ גרעסערע אַרבייט וועגען דעם „אומגליקליכסטען איי־ראָפּעער", וועגען פרידריך ניצשע, וועלכער איז צעריסען געוואָרען צווישען גלויבען און אומגלויבען, צווישען דער עקסטרעמסטער אַפּיקורסות און מיסטיציזם, ווייל אַלע אַמאָליגע „שליסלען" זיינען שוין פאַר איהם געוועזען אָפּגעניצעוועט און קיין נייעם „שליסעל" האָט ער ניט געזעהען.

* * *

אַ געמיינזאַמער פריינד האָט אונז אַמאָל דערצעהלט וועגען אַ דערפאַהרונג, וואָס ער האָט געהאָט אין זיינע בערלינער סטודענטען־יאָהרען מיט אַ באַריהמטען חבד'ישען חסיד. דער חסיד איז גע־קומען קיין בערלין אויף אַ פּאָר טעג זיך באַראָטען דאָרט מיט אַ פּראָפעסאָר וועגען זיין געזונט. דער יונגער סטודענט, זיינער אַ וויטער קרוב, האָט עס איהם געדאַרפט באַהילפיג זיין אין דער פרעמדער שטאָדט: פיהרען איהם צום פּראָפעסאָר, זיין זיין דאָל־מעטשער. אין דער לעצטער שטונדע, פאַר דעם חסיד'ס אָפּפאָהרען צוריק קיין ליטע, איז זיי אויסגעקומען דורכצוגעהן די אונטער־דען־לינדען־שטראָסע. מאַכט דער סטודענט אויפמערקזאַם דעם חסיד אויף דער ברייטקייט און שעהנקייט פון דער גאַס, אויף די מאָנו־מענטאַלע געביידעס, אויף דעם קייזערליכען פּאַלאַץ, אויפ'ן טעאַ־טער, אויף די פאַרשיעדענע מיניסטעריומס. דער חסיד הערט און רעאַגירט ניט: ער קוקט די גאַנצע צייט אויפ'ן טראָטואַר און טהוט אפילו ניט אַ בליק אויף דער גאַס און אויף די געביידעס:

„צוליב וואָס זאָל איך קוקען אויף די אַלע „חידושים"? — האָט דער חסיד נאָכדעם דערקלעהרט — „איך וויל ניט בלייבען בערלין קיין בעל־חוב".

אויף קאָראָלניק'ן האָט די מעשה געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַר־

קען איינדרוק. „אָט דאָס", האָט ער מיר איינמאָל באַמערקט, „הייסט האָבען אַן אייגענע קולטור, אַ גוטע צי אַ שלעכטע, אַ רייכע צי אַן אָרעמע, אָבער אַן אייגענע. אָט דאָס הייסט פאַרמאָגען וואָרצלען און יענע וואָרצלען האַלטען טהייער. ער וויל ניט בלייבען בערלין קיין בעל־חוב; ער האָט מורא, הייסט עס, טאָמער וועט איהם עפּעס דאָרט געפעלען, טאָמער וועט ער זיך שפּעטער אָן בערלין דערמאָנען, זיך פאַרבענקען. לעכערליך צו ריידן, קיין „ליבע" וואָלט צווישען יענעם חסיד און בערלין ניט אַנטשטאַנען, אָבער ער האָט זיך געוואָלט אויסהיטען אַפילו פון אַן „אחד מששים", פון . . . פלירט. יאָ, פלירט איז גאָר ניט אַזאַ האַרמלאָזער ענין. אין יעדען פלירט איז דאָך פאַראַן אַ דאָזע פון פּאָטענציעלער פאַרליבטקייט, און עטליכע אַזעלכע דאָזען זיינען אַמאָל גענוג צו אַנטוואָרצלען אַ ליבע".

זיין גורל האָט איהם אָבער געבראַכט אין נאָהענטער באַריהרונג מיט מעהר ווי איין „בערלין". זיין טעמפּעראַמענט, „נייגעריגקייט" און לעבענס־שיקזאַל האָבען גורם געווען דערצו, אַז עס האָבען זיך אין איהם אויסגעבילדעט זעלישע קאָנטאַקטען מיט אַ רייהע לענדער, שפּראַכען, קולטורען. די דאָזיגע קאָנטאַקטען זיינען אפשר ניט געווען גענוג וואָרצעלהאַפט, אָבער וויט, וויט ניט אויבערפלעכליך. דאָס זיינען אפשר ניט געווען קיין „ליבעס", אָבער אַ סעריע זעהר :אינטריגירענדע „פאַרליבטקייטען": אַ פאַרליבטקייט אין דייטשלאַנד (די אַנטוישונג פון די היטלער־יאָהרען איז פאַר איהם געווען פאַרבונדען מיט באַזונדערס שאַרפען פּיין), אַ פאַרליבטקייט אין איטאַליע, אַ ראָמאַנטיש־סטימולירענדע באַציהונג צו שפּאַניע (צום „שפּאַנישען", ווי ער פלעגט אַמאָל זאָגען), שוין ניט ריידענדיג וועגען זיין פריהען יוגענט־„ראָמאַן" מיט רוסלאַנד, וועגען זיין כראָנישער רוסישער „נאָסטאַלגיע", וואָס די חשבונות .מיט'ן באָלשעוויזם האָבען ניט געקאָנט אָפּשוואַכען. די לייכטקייט מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעלערענט פרעמדע שפּראַכען און זיין שאַרפער חוש פאַר דעם נאַציאָנאַל־אייגענאַרטיגען, פאַר די אָפט אומזיכטבאַרע היסטאָרישע אָפּלאַגערונגען אויף היינטיגע לעבענס־שטייגערס, האָבען פאַר איהם אין אַ קורצער צייט אויפגעשלאָסען ווערטען, שיינקייטען, ניואַנסען, געשיכטליכע אָרנאַמענטען פון דענקען און האַנדלען אין עטליכע לענדער, ביי עטליכע פעלקער. אַליין אומרוהיג, נערוועז־דינאַמיש, נע־ונע'דיש, האָט ער פאַרמאָגט

אַ שטאַרקען חוש פאַר יענעמ׳ס שורש׳דיגקייט, פאַר יענעמ׳ס סאָלידער און, אַזוי צו זאָגען, „סטאַבילער״ קריסטאַליזאַציע. די דאָזיגע אינטואיטיווע פאַרשטענדעניש איז ביי אַזאַ קינסטלערישער נאַטור, ווי קאַראַלניק איז געווען, געוועזען אומפאַרמיידליך פאַרבונדען מיט דעם, וואָס כ׳האָב פריהער אָנגערופען „פאַרליבטקייטען״. עס זיינען, ווייזט אויס, פאַראַן אַלערליי אינטערנאַציאָנאַליזמען — פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע. קאַראַלניק איז געווען, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקען, אַן עסטעטישער אינטערנאַציאָנאַליסט.

און דערפאַר טאַקע איז ער געווען, נוצענדיג יענעם חבד׳ניק׳ס פאָרמולע, אַ גרויסער „בעל-חוב״, אפשר איבערגעלאָדען מיט „חובות״, אַ מענש מיט צופיל פאַרבינדונגען און עמאָציאָנאַלע פאַרקניפּונגען.

פילע האָבען איהם דערפאַר מקנא געווען, אַנדערע האָבען אין דעם געזעהן דעם מקור אָדער וועניגסטענס אַ מקור פון זעעלישער צוריסענהייט.

אין אַ שמועס מיט קאַראַלניק׳ן האָב איך איינמאָל באַריהרט די דאָזיגע אומגעהויער דעליקאַטע טעמע. איך האָב איהם דערמאָנט וואָס שאָפּענהויער האָט אין איינעם פון זיינע פראַגמענטען געזאָגט וועגען לינגוויסטיק: „וויפיל שפּראַכען איינער באַהערשט, אַזוי פיל מאָל מענש איז ער״.

קאַראַלניק האָט מיר געענטפערט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל:

„עס קען זיין, אַז ס׳איז אמת. אָבער זיין עטליכע מאָל מענש— וואָס פאַר אַ קאַטאַרגע דאָס קען אַמאָל ווערען...״

איך גלויב ניט פונדעסטוועגען, אַז קאַראַלניק האָט ווען עס איז „חרטה געהאַט״ אויף זיין עטליכע מאָל מענש זיין. ער האָט ליב געהאַט זיין גייסטיגע נע־ונד׳ישקייט, טראָץ אַלע איהרע שווערִיגקייטען און אומבאַלאַנסירטקייטען. אַ וואַנדערער און פרעמדקייט־אויפנעהמער פון זיין טיף דאַרף אָבער האָבען ערגעץ־וואו, אין הינטערגרונט, אַן אייגענע היים, פון וועלכער ער זאָל ציהען זיין שטענדיגע הויפּט־יניקה, צו וועלכער ער זאָל קענען פון צייט צו צייט זיך צוריקקעהרען און נאָכאַמאָל דערפיהלען שטאַמהאַפטיגקייט און איינגעוואָרצעלטקייט. אַזאַ היים האָט פאַר איהם געקאָנט זיין בלויז אידענטום. האָט איהם די דאָזיגע „לאַנדלאָזע היים״ ווירקליך געוואָרעמט?

* * *

קאָראַלניק האָט פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַ מאַן פון זיין אינטע־לעקטועלער מדרגה דאַרף פאַרמאָגען, כדי זיך צו פיהלען אַלס פולשטענדיגער „בן־בית“ אין אידישער קולטור און אין אידישען לעבען. זיין אידישע בילדונג איז געווען אַ ברייטע און אַ גרינד־ליכע און זעלטען ווען אַ אידישער שריפטשטעלער פון זיין דור און דערציהונג האָט ארויסגעוויזען אַזויפיל פאַרשטענדעניש פאַר דער אייגענאַרטיגקייט פון אידישען לעבענסשטייגער און פאַר דער מענ־טאַליטעט פונ׳ם אידישען פאָלקסמענשען ווי ער (נאָך אַלע זיינע טאָפּאָגראַפישע און קולטורעלע וואַנדערונגען האָט ער פאַרמאָגט אַ מעהר אידיאָמאַטישען און פאָלקסטימליכען אידישען סטיל, ווי פילע אידישע שרייבער וואָס האָבען אַ גאַנץ לעבען געשריבען בלויז אידיש און זיינען קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון די גרעניצען פון „געטאָ“־לעבען). איך ווייס ניט, וואו ער האָט פאַר דעם אַלעמען גענומען צייט, אָבער קאָראַלניק איז געווען אַ גוטער ביבעל־קענער און אָפען זיינען פאַר איהם געווען סיי די מעהר פון ל״ב אי־דישע פירושים, סיי די ניי־פּראָטעסטאַנטישע און מאָדערן־פילאָלאָגישע ביבעל־קריטיק. דאָס שווימען אין דעם ברייטען און לאַבירינט־רייכען ים פון תלמוד איז פאַר איהם געווען אַזוי לייכט, אַז נאָך אין זיינע גאַר־גאַר יונגע יאָהרען האָט מען איהם באַשטימט פאַר אַן אינסטרוקטאָר פון תלמוד אין פלאָרענ־טינער ראַבינער־סעמינאַר. מיטעלאַלטערליכע אידישע טעאָלאָגיע, העברעאישע פּאָעזיע פונ׳ם שפּאַניש־אַראַבישען פּעריאָד, קבלה, חסידות, די מאָדערנע „חכמת ישראל“, אידיש־ליטעראַטור, פאָלק־לאָר און עטנאָגראַפיע, ביז דעם „לאָכען מיט יאַשטשערקעס“ פונ׳ם אידישען פאָלקסוויץ — עס איז ניט געווען קיין איין געביט פון אידישען שאַפען, וואָס איז איהם געווען פרעמד, וואו ער האָט זיך ניט געפיהלט „אין דערהיים“. וואוהין זיין שיקזאַל זאָל איהם ניט האָבען פאַרוואָרפען, האָט ער מיט זיך מיטגעטראָגען זיין פאַ־טאַלען, ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אינטערעס פאַר דעם „אידישען“.

און דאָך — מעג מען עס זאָגען? — איז איהם אָפטמאָל, אפשר צו אָפט, געווען „שווער צו זיין אַ איד“. ער אַליין פלעגט עס אין געוויסע מאָמענטען פאַרמולירען אַביסעל אַנדערש: „שווער צו זיין אַ מאָדערנער איד“. ווייל אויך אין איד־זיין, ווי אין זיין בכלל, האָט ער שטענדיג געזוכט אַ באַשטימטען זינען, אָבער דער זינען

פון דעם מאָדערנעם, „וועלטליך־נאַציאָנאַלען" איד־זיין איז איהם געוועז ניט גאַנץ קלאָר. האָט ער, אין פאַרשידענע פעריאָדען פון זיין לעבען, געוואָגט צו פרעגען זיך און אַמאָל אויך אַנדערע: צוליב וואָס? דער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער איד פון אַמאָל, האָט ער געוואוסט, האָט אַזאַ פראַגע ניט געפרעגט — ניט געקאָנט און ניט גענדאַרפט פרעגען. זיין אידישקייט און איד־זיין איז געווען אַ קאָסמישער, ניט בלויז אַ היסטאָרישער פאַקט, זיין עצם קיום האָט ער באַטראַכט אַלס „טראַנסצענדענטאַל": אַ „ברית" צווישען איהם און דעם בורא־עולם. וואָס איז דער זינען פונ׳ם מאָדערנעם, „סעקולערען" איד־זיין? דעם פּאַטאָס פון דער אידישער געשיכטע האָט קאָראַלניק — געזעהן ניט אין אייגענאַרטיגקייט, נאָר אין איינציגאַרטיגקייט, אין זיין אַן „אוניקום" צווישען די פעלקער, אין ניט־זיין „ככל הגוים". האָט עס געהאַט אַ תכלית, אַ באַרעכטיגונג און אַ זינען — יעדענפאַלס אַ סוביעקטיווען זינען.

אָבער וואָס איז דער „מהות", דאָס וועזען, דער אָביעקטיווער אָדער אַפילו דער סוביעקטיווער זינען פונ׳ם מאָדערנעם איד־זיין, אָהן אַ אידישען גאָט, אָהן אַן אייגענעם „לאָגאָס", אָהן אַ שליחות? פון די אָפּהאַנדלונגען וואָס ער האָט אין זיין בערלינער פעריאָד פאַרעפענטליכט אויף העברעאיש אין ש. י. הורוויץ׳ס זאַמעלביכער „העתיד", קען מען אַרויסהערען די דאָזיגע געוואָגט־מרה־שחורה׳־דיגע פראַגע וועגען זינען און זינלאָזיגקייט אין אידישער עקזיס־טענץ. אפשר, האָט ער איינמאָל געפרעגט אין אַ שמועס, דאַרף מען האָבען דעם מוט צו זאָגען: „קאָנטשען באַל" (דער באַל האָט זיך שוין געענדיגט) — און וואָס מיר האָבען געהאַט, אַלס פאָלק, אַלס „כנסת ישראל", אָפּצוטאָן, אָפּצוזאָגען, אַריינצושטראַהלען אין דער וועלט, האָט זיך שוין אויסגעשעפּט און אונזער ווייטערדיגע עקזיסטענץ וועט הייסען „זיך אַליין איבערלעבען"? אָדער אפשר איז פאַראַן אַ געוויסער, כאָטש פאַר אונז פאַרבאָרגעטער „פּראָווי־דענציאַלער" זינען אויך אין אַזאַ „זינלאָזער" עקזיסטענץ, אויף וועלכער די געשיכטע פאַראורטיילט אונז איצט?

וועגען דער פראָבלעם פון אידענטום און איד־זיין האָט ער ליב געהאַט צו דענקען (אַן אַלטע בערלינער אינטעליגענטישע טראַדי־ציע!) אין העגעליאַנישע טערמינען, אין טערמינען פון ספּעציעלע היסטאָרישע פונקציעס פאַר פעלקער, ראַסען, געאָגראַפישע קולטור־קרייזען, קיין באַזונדערע היסטאָרישע פונקציע האָט ער אָבער

פאַר׳ן אידענטום איצט ניט געזעהן, יעדענפאַלס ניט קלאָר און ניט זיכער געזעהן. און אויב ניט אַזאַ פונקציע, אַ „שליחות״, איז טאַקע ווייטער אַמאָל — „צוליב וואָס?״

דאָס איז פאַר קאָראַלניק׳ן ניט געווען בלויז אַן אַקאַדעמישע פראַגע, אַ חקירה צוליב חקירה. אין געוויסע פעריאָדען איז עס פאַר איהם געווען אַ פּיינליכע לעבענס־פראַגע. לעבען אָהן דינאַמיק, אָהן די גרויסע שפאַנונגען, וואָס האָבען כאַראַקטעריזירט אידענטום אין משך פון דורות און עס אויסגעטיילט פון די אומות העולם, לעבען בלויז מיט׳ן כח פון שווערער היסטאָרישער אינערציע? יאָ, מען קען עס אפשר אויספירען, אָבער — „צוליב וואָס״? דאָס איז דאָך די זינלאָזיגקייט אַליין. אַזאַ לעבען דאַרף אונז גאָר ניט „אָנשטיין״, האָט ער אָפּטמאָל געטראַכט.

עס איז ניט לייכט צו דערקלעהרען, ווי אַזוי ער האָט סוף־כל־סוף גובר געווען אין זיך די דאָזיגע „האַמלעטישע״ שטימונגען אין באַצוג צו אידענטום און איד־זיין. אפשר האָט ער אָנגענומען דאָס „פאַטאַלע״, די באַרוהיגענדע לאָגיק פון „בעל כרחך אתה חי״? אפשר האָט ער זיך דערשראָקען פאַר די קאָנסעקווענצען פון דעם „זיין־אָדער־ניט־זיין־פּראָבלעם״, פאַר דער קאָנסעקווענץ פון באַוואוסטזיניגער, ציעלשטרעביגער זעלבסט־פאַרלייקענונג מיט אַלע איהרע זיבען און זיבעציג אומ׳חנ׳ען?

אָבער וואוהין האָט איהם געקאָנט ברייגנען זיין יאָ־זאָגען צום אידישען לעבען און, דער עיקר, צום אידישען המשך? אין דער ספערע פונ׳ם וועלטליכען, נאַציאָנאַלען אידענטום. האָט ער יענע ספערע אַקצעפּטירט, האָט ער זיך מיט איהר באַהעפט, האָט ער אין איהר דערזעהען דאָס שיקזאַלהאַפטע, זיין אייגענעם שיקזאַל. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז ער איז „מחוייב״ אין יענער ספערע זיך צו פיהלען גליקליך. סוף־כל־סוף, וויפיל מ׳זאָל ניט „מאָדערניזירען״ און „אוניווערסאַליזירען״ דאָס איצטיגע אידישע נאַציאָנאַלע לעבען, מוז עס, האָט ער געפיהלט, אין אַ גרויסער מאָס בלייבען געטאָ־באַגרעניצט. און דאָ קומען צו נאָך פראַגען פון שאַפען אַן עלעמענטאַרע ראַמע פאַר יענעם לעבען, נייע באַדינגונגען פאַר אידישער עקזיסטענץ. האָט איהם אָבער שטענדיג פאַרפאָלגט דער געפיהל, אַז אידישע ענערגיע, טיילווייז אויך זיין אייגענע ענערגיע, מוז איצט אָוועקגעגעבען ווערען ניט אַזוי פיעל אויף „תכלית״, ווי אויף באַדינגונגען פאַר אַ „תכלית״.

קיין ענטוזיאַזם פאַר׳ן שאַפן פון יענע באַדינגונגען האָט ער אָבער ניט פאַרמאָגט.

„דער אַמאָליגער, שעפּפערישער איד״, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט מיט אַ ביטער געפיהל און מיט זיין נייגונג צו איבערטריי־בונגען, „האָט געטראַכט וואָס צו זאָגען, אפשר אויך ווי אַזוי עס צו זאָגען, אַז עס זאָל זיין קלאָר זיינע מיטמענשען און עס זאָל מאַכען אויף זיי אַן איינדרוק. די פּראָבלעם פונ׳ם מאָדערנעם, נאַציאָנאַלען איד באַשטייט שוין אין דעם — אויף וואָס פאַר אַ לשון ער זאָל עפּעס זאָגען, אויב און ווען ער וועט אַזאַ „עפּעס״ האָבען. די אידיש־העברעאיש־מחלוקת איז אפשר אַן אומפאַרמיידליכע, אַרויפ־געצוואונגען פונ׳ם לעבען גופא, אָבער אַז אַך און וועה צו אַזאַ לעבען, וואָס רופט אַרויס און שטעלט אַוועק אין צענטער אַזעלכע פּראָבלעמען.

„מ׳האָט מיר די טעג געוויזען״, האָט ער מיר ווייטער דער־צעהלט, „אַ אידישען טעקסטבוך פאַר אַריטמעטיק, וועלכען מען נוצט אין פּוילען, אין אידיש־וועלטליכע שולען. האָט מען דער־וואַרט, כ׳זאָל קריגען דערפון גרויסע התפעלות, און מ׳איז געוועזען שאָקירט וואָס כ׳האָב קיין „הלל״ אויף דעם ניט געזאָגט. און אַן אַנדערער, אַ שליח פון ארץ־ישראל, האָט מיר געבראַכט פאַר אַ מתנה אַ העברעאיש אילוסטרירט ביכעל, וואָס לערענט יונגע מוטערס ווי אַזוי צו דערנעהרען זייערע קליינע קינדער. האָט יענער געוואָלט איינקאָלעקטירען מיין ענטוזיאַזם פאַר זיין סחורה. האָב איך זיי ביידע אַנטוישט. אודאי און אודאי, מ׳דאַרף און מען מוז עס האָבען—מען דאַרף האָבען עלעמענטאַרע טעקסט־ביכער אויף אידיש אין פּוילען און אַ העברעאישען קאָך־בוך אין ארץ־ישראל, אָבער . . . קריגען דערפון התפעלות? נאָך איבן־גבירול, נאָך יהודה הלוי? אַכט הונדערט יאָהר נאָכ׳ן רמב״ם, דריי יאָהר־הונדערטען נאָך שפּינאָזאַ קלייבען נחת פון אַ טעקסט־בוך־קאָמפּי־לאַציע? וואָס זיינען מיר עס — בוריאַטען, קאַלמיקען, קירגיזען, פאַר וועלכע מ׳האָט ערשט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע געדאַרפט צוטראַכטען אַן אלף־בית? עד, מיר זיינען שוין צו אַלט, איך יעדענפאַלס בין שוין צו „אַלט״, אַז כ׳זאָל קריגען התלהבות פון אידישער דרדקי־מלמד׳ישער „קולטור״. איז דאָס המשך? און איז דאָס וואָס מיר אַלע שרייבען און טהוען — המשך פון אַ גרוי־סער, קלאַסישער קולטור?

די זעלבע „אומגעדולד" האָט ער אַרויסגעוויזען אָפטמאָל אויך בנוגע דעם ציוניזם. ער האָט איהם אָנערקענט אַלס אַ פאַרזוך ווידער־אויפצונעמען אַן איבערגעריסענעם „מאָטיוו". אָבער אויך דער ציוניזם איז, אין זיינע אויגען, אומפאַרמיידליך געווען פאַר־נומען ניט מיט תכלית, נאָר מיט שאַפען אָדער זוכען צו שאַפען באַדינגונגען פאַר עפּעס תכלית׳דיגס. די דאָזיגע עלעמענטאַרע באַדינגונגען — אייגענער באָדען, אייגענע עקאָנאָמיק, אַ קאָנ־צענטרירטער ישוב, אַ מלוכה — זיינען דאָך כמעט אומעטום און ביי יעדען עפּעס געגעבענעס, פאַר אונז — ערשט אַן אויפגאַבע. און די דורכפיהרונג פון דער אויפגאַבע איז פאַרבונדען מיט „קינ־דערישע שטיק", מיט „דרדקי־מלמדות", מיט קריגען הנאה פון דעם כמעט „פּרימיטיווען", מיט אַריינלייגען ענערגיע אין דעם, פון וואָס פעלקער האָבען אָנגעפאַנגען זייער אַנטוויקלונג, פון וואָס מיר אַליין האָבען אָנגעפאַנגען צוריק מיט טויזענטער יאָהרען. אַן אייגען לאַנד אַלס אַ מינימאַלע באַזע פאַר אידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ? יאָ, דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט. אָבער ווער קען פאַר׳שיכור׳ט ווערען, קריגען עלית נשמה, פון שאַפען — „זעלבסטפאַרשטענדליכקייטען"? דאָס נאַציאָנאַלע אַלס אַ ראַמע און פונדאַמענט פאַר קאָלעקטיווען לעבען? קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער. אָבער נאַציאָנאַליזם, פאָרמעלער, ערשט באַדינגונגען־שאַ־פענדער נאַציאָנאַליזם אַלס אידעאַל? ווייטער אַמאָל, צו „אַלט", כדי צו קריגען התלהבות פון דעם זעלבען מקור וואָס אַלבאַנעזער אָדער כאָרוואַטען. און דערפאַר איז אויך זיין ציוניזם געווען אַ פיינליכער זיווג פון געשפּאַנטען דערוואַרטען דעם מאָמענט פון ענדגילטיגער פאַרווירקליכונג און פון אַ געוויסער „מידקייט" און „אַרויסגעוואַקסענקייט" אין באַצוג צו דער ענגער גייסטיגער אַט־מאָספערע, אין וועלכער עס מוז, ווי ער האָט געפיהלט, פאָרקומען דער פּראָצעס פון זיין פאַרווירקליכונג.

* * *

אין זיינע אָפטע מינוטען פון אומצופרידענקייט מיט זיך אַליין פלעגט קאָראַלניק האָבען טענות צו זיך, הלמאי ער גיט אַוועק אַזאַ באַדייטענדען טהייל פון זיין שריפטשטעלערישער ענערגיע אויף פובליציסטישער אַרבייט. פון צייט צו צייט פלעגט איהם פלאַגען

דער געדאַנק, אַז אפשר פאַרנעמט ער זיך מיט אַן אַרבייט פאַר וועלכער ער איז ניט באַרופען, און אַז עס וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ווען ער קאָנצענטרירט זיך אויף דעם געביט פון ליטעראַרישען און פילאָזאָפישען עסעי, אויף וועלכען עס זיינען ניט חל אין אַזאַ מאָס די פאָדערונגען פון „סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטליכקייט". אַרום איהם זיינען געווען ניט ווייניק מענשען, וואָס פלעגען איהם צייטענווייז „דערמוטיגען" אויפצוגעבען זיין פובליציסטישע אַרבייט, און זייערע עצות פלעגען אַמאָל טעג און טעג ליגען ווי אַ שווערער דרוק אויף זיין געמיט.

דער זינען פון יענע עצות און „דערמוטיגונגען" איז באַשטאַנען אין דער הנחה, אַז אַ פובליציסט מוז פאַרמאָגען קוואַליפיקאַציעס פון אַ פּאָליטישען פיהרער, מוז זיין אויסגערעכענט, „פאַרזיכטיג", „קאָנסעקווענט" און זיך קנייפען די באַקען, אַז די פאַרב זאָל אין זיי שטעהן, אַלץ איינס ווי עס זאָל איהם ניט זיין אויפ׳ן האַרצען. אַזעלכע „מעלות" האָט קאַראַלניק ניט פאַרמאָגט. צוליב אַ פיהרערישער מאַסקע האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אויפגעבען זיין „קאַפריזנעקייט". דער טעאַטראַלער זשעסט פונ׳ם „טריבון" איז איהם געווען פרעמד און אַנטיפּאַטיש. ער איז ביי זיך שטענדיג געווען זיכער, אַז די סאַמע „אומפאַראַנטוואָרטליכע" שטיפעריי איז שעהנער און, דער עיקר, עהרליכער פון דעמאַגאָגישע שליח־ציבור־שטיק. אויב מיט אַזעלכע „חסרונות" קען מען ניט זיין קיין פובליציסט, איז קאַראַלניק קיין פובליציסט טאַקע ניט געווען. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט ספעקולירען אויפ׳ן לעזער׳ס תמימות, עם־הארצות אָדער לייכט־גלויביגקייט. און דאָך איז ער געווען אַ גייסטרייכער און פּראָדוקטיווער פובליציסט, כאָטש לויט זיין אייגענעם נוסח און לויט זיינעם אַן אייגענעם קריטעריום. מ׳דאַרף נאָר פאַרמאָגען אַ איידעלער אויג און אַ מעהר ראַפינירט אויער, כדי תופס צו זיין אונטער דער אויבערפלאַך פון זיין „ניט־אויסגעהאַלטענקייט" אַ טיפען געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט — פון דער גרעסטער פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס אַ מענש קען פאַרמאָגען: לגבי זיך אַליין, לגבי זיין געפיהל פון אמת און לגבי זיינע ספקות אין דער אמת׳דיקייט פון אַן אמת. אין דער הינזיכט האָט קאַראַלניק — כאָטש ער האָט עס מסתמא אַליין ניט געוואוסט — אויסגעאיבט אַ באַדייטענדע היגיענישע און דערציהערישע השפעה אויך און אפשר גראָד אַלס פובליציסט. אַזאַ השפעה לאָזט זיך ניט

לייכט „אַנטאַפּען מיט דער האַנט“, זי איז אָפּט אומזיכטבאַר, אָבער דערפאַר ניט ווייניגער רעאַל.

ניט שטענדיג איז עס דאָס וויכטיגסטע, אויב מען קען איבער־צעהלען אויף די פינגער די אַזויגערופענע „קאָנקרעטע ווערטען“, וואָס בלייבען בירושה פון אַ דענקער, פון אַ דיכטער, פון אַ שריפטשטעלער בכלל. די גייסטיגע באַדייטונג פון אַזעלכע „קאָנ־קרעטע ווערטען“ איז אין געוויסע פאַלען ווייניגער, ווי דער אַנדערער „עלעמענט“ פון אַ ליטעראַרישער ירושה: די פּערזענ־ליכקייט גופא.

אין אַ געוויסען זינען איז עס אויך דער פאַל מיט קאָראַלניק׳ן. די הויפּט־ירושה וואָס מיר קריגען פון איהם איז, אַזוי צו זאָגען, זיין פּאָרטרעט גופא—דער פּאָרטרעט פון אַ מענשען, אין וועמענס נשמה עס האָבען זיך אויף אַ שטיל־דראַמאַטישען אופן אָפּגעשפּיגעלט אַלע גרויסע קאָנפליקטען און וואונדיגע סתירות פון אונזער דור.

אין אונזער זכרון וועט ער אויף שטענדיג בלייבען אַלס דער מאַן וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבען געראַנגעלט און גראַד דורך זיינע ראַנגלענישען מיט זיך אַליין אַרויסגעבראַכט די סטרונענרייכע, אייגענטימליכקייטען פון זיין קאָמפּליצירטער נשמה.

דער רמב״ם אַלס פילאָזאָף

דער דאָקטאָר פון מענשליכקייט

1

פאַרנאַכט אין קאָרדאָווא. ביי דעם אַלטען בריק איבער דעם „וואַד על כביר״, דעם גרויסען טייך. אַ פריש ווינטעל ווייעט פון דעם ברייטען, גרין־בלויליכען וואַסער. גרין און בלוי, און פאַסען פון מאַראַנץ קאָליר, ווי גאָלדענע סטענגעס. עס זעצט זיך די זון.

צוויי אינגלעך שטעהען ביי דעם בריק. שוואַרץ־געלאָקטע, זון־געברוינטע, אָבער אויף די נאָך קינדישע פנים׳ער אַ בלאַסקייט. אַ גאַנצען טאָג אָפּגעזעסען אין דער „מעדרעסע״, אין דער שול, מיט אונטערגעבויגענע פיס, און געשאָקעלט זיך און גע׳חזר׳ט. שטרענגע לערער און קאָפּ־צעברעכענדיג די לימודים. מאַטעמאַטיק און גראַמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, דער גרויסער אַלמאַגעסט פון פטאָלאָמעי, אַזוי שווער צו באַנעמען פאַר אַ קינדישען קאָפּ. און נאָך אַנדערע חכמות. אָבער דער שטרענגסטער לערער פון אַלע — אַט דער לערער פון פילאָזאָפיע; ער אַליין דער תלמיד פון דעם גרויסען אַבו־בכר־אבן־באַדזשאַ־אַל־צאיג.

„מיין פאָטער, אַבו מחמד דזשאַ־באַראַ בן אפלאה, — רופט זיך אָן איינער פון די אינגלעך, „האָט מיר שטענדיג געזאָגט, אַז ס׳איז איינגאַנצען אַן איבעריגע זאַך אָט דאָס לערנען פון פילאָזאָפיע. און דו ווייסט דאָך, אַז מיין פאָטער איז אַ גרויסער געלערנטער, האָט אַ שם פון סעוויליאַ ביז סאַמאַרקאַנד פאַר אַ היסטאָריקער. וויל, זאָגט ער, נאָר דאָס האָט אַ ווערט און אַ זין, וואָס קאָן באַוויזען ווערען אין פאַקטען. אָבער ווי אַזוי קאָן אונזער לערער באַווייזען דאָס, וואָס ער לערנט אונז? אָט האָט ער אונז אַ גאַנצע שעה גע־לייענט דעם בוך פון אַבו־בכר וועגען דער „הערשאַפט פון די איינזאַמע״. האָסטו, אבו אמראן, פאַרשטאַנען וואָס ער האָט גע־זאָגט?״

„געוויס, אבו מחמד, זיכער האָב איך פאַרשטאַנען. איך האָב עס שוין ניט איינמאָל געהערט פון מיין אייגענעם פאָטער. דו ווייסט דאָך, מיין פאָטער, רבי מימון, איז ניט נאָר אַן אַסטראָנאָם — ער האָט דאָך אָנגעשריבען אַ פירוש אויף אַסטראָנאָמיע פון אַל פאַרגאַני

— נאָר אויך אַ פילאָזאָף. און ער האָט מיר דערקלערט ניט איינמאָל, אַז עס זיינען דאָ מדרגות פון דעם מענשליכען פאַרשטאַנד, אַזוי ווי אַ לייטער. וואו דער נידעריגסטער טרעפּ דערגרייכט ביז צו דער ערד און באַריהרט זיך מיט דער חיה. אָבער וואָס העכער ווערט דער גייסט ריינער און געהויבענער און דערנעהנטערט זיך צו דעם געטליכען מקור".

„אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי? — פרעגט וויטער דער זון פון דעם סעווילער היסטאָריקער — און ווי אַזוי קאָן מען פאַרט דערגרייכען צו דעם העכסטען פאַרשטאַנד, אויב ניט ווי גאַזאַלי האָט אונז געלערנט, דורך התלהבות און מיסטישען עקסטאַז?"

דער שמועס וואָלט זיך נאָך לענגער געצויגען צווישען די צוויי אינגלעך, אָבער אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פינף און־צוואַנציג, אַ הויכער און שיינער, מיט אַ יונג בערדעל אויף די ברוינע באַקען, איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט זיך אַ וויל ווי די אינגלעך רעדען צווישען זיך. פלוצלינג רייסט ער איבער דעם שמועס: „אלא אכבאר, אַלאַ איז גרויס, קינדער! הערט איהר דען ניט, ווי דער מועזין רופט און זינגט אויף דעם טורעם פון דער מאָסקע מדינה אַזהאַראַ? וואָס ווייסט איהר, קינדער, פון אַזעלכע זאַכען? ניט פאַר אייערע קעפּ!" די אינגלעך האָבען זיך אַרומגעקוקט און זייערע פּנים'ער האָבען זיך געשטראַלט. „אַט, גוט, וואָס דו קומסט! דיך דאַרפען מיר טאַקע האָבען, אבול וואליד אבן ראשד, דו ווייסט דאָך אַלצדינג! זאָג דו, דערקלער דו!"

דער יונגער אבן ראשד האָט אַ שמייכעל געטאָן. „עס וואָלט געווען צו־וויט און צו־ברייט דער שמועס. פריהער פון אַלעמען מוזט איהר וויסען, קינדער, וואָס דער לערער פון אַלע לערער, אַריסטאָטעל, האָט געלערנט. איהר מוזט דערגעהן צום שורש, זיך פאַרטיפען אין די ווערק פון די מייסטער, ווי איך, און דער־נאָך... אָבער דערוויל שטעהט ניט די נאַכט. געהט אַהיים, קינדער. מאָרגען איז אויך אַ טאָג, און איהר האָט צייט".

און די קינדער זיינען זיך צעגאַנגען. אבו מחמד — צו דער אַראַבישער משפּחה, וואו ער האָט געלעבט אין קעסט, און אבו אמראן — אין זיין פאָטער'ס הויז, צו דעם דיין, ר' מימון.

„רוה זיך אָפּ, מיין קינד, ביזט אַזוי בלייך. גאַנצע טעג נאָר לערנען און לערנען. ביזט מיד, מיין קינד". אָבער דער דיין האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף זיין זוהן. „משה, פאַרטיג זיך

גיך אָפּ מיט דיין עסען, מיר האָבען נאָך וואָס צו טאָן, מיר דאַרפען היינט נאָכאַמאָל איבערגעהן די שווערע סוגיא אין עירובין. דו געדענקסט דאָך! בכל מערבין ומשתתפין... אמר ר׳ יוחנן אין למידין מן הכללות...״ זאָג־זשע, זוהן, וואָס מיינט עס?״

אין דער שטילער גאַס פון דער קאָרדאָווער אַלדזשאַמיאַ, דעם אידישען קוואַרטאַל, האָבען זיך דערהערט צוויי שטימען. עס האָט געזונגען דער פאָנטאַן אין דעם גאָרטען זיין נאַכט־ליד, זיין אייביג ליד, און דאָס יונגע קול פון דעם דרייצעהן־יעריגען משה בן מימון האָט זיך צעזונגען אויף אַראַביש: „זאָגט ר׳ יוחנן, מ׳קאָן ניט אָפּ־לערנען פון אַלגעמיינע רעגלען!...״ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט געזונגען דער דועט; אָבער דער פאָנטאַן האָט גובר גע־ווען, און זיין ליד האָט געזונגען אַ גאַנצע נאַכט אין דער שלאָפענ־דער אַלטער שטאָט קאָרדאָווא ביי דעם גוואדאַלקוויויר.

2

און יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען. יאָהרען פון שווערע וואַנדע־רונגען און פון מאַטערניש. דער דיין ר׳ מימון און זיין פאַמיליע זיינען אַנטלאָפען פון קאָרדאָווא, ווען דער פאַנאַטיקער אבדול־מומין האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין אַנדאַלוזיע און אָנגעהויבען צו רודפ׳ן פילאָזאָפען, פריידענקער און, דער עיקר, אידען. פעס אין מאַראָקאָ, עכו, ירושלים, עטאַפּען פון דער וואַנדערונג. דער אַל־טער דיין, ר׳ מימון, שטאַרבט אין ירושלים און משה בן מימון עמיגרירט קיין מצרים, באַזעצט זיך אין אַלט־קאַירא, אָדער פאָס־טאַט, ווי זיי האָבען גערופען די שטאָט אין אַראַביש. און דאָרט, אין דעם קוואַרטאַל, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען מוסקי, לעבט משה בן מימון אָפּ זיין גאַנצען לעבען, כמעט פערציג יאָהר. הויף־דאָקטאָר ביים סולטאַן סאַלאַדין, רב. און צום סוף געקרוינט מיט דעם טיטול „ראש היהודים״, דער עלטסטער פון די אידען, דער קאָפּ פון די אידען.

אַ רייך לעבען פון אַרבייט און פון שעפערישער טעטיגקייט. אויף אַלע געביטען. מעדיצין — אַכט ביכער געשריבען, אָדער מער, וועגען אַלגעמיינע און ספעציעלע פּראָבלעמען פון דער מעדי־צין און פון דער פאַרמאַקאָפּעע, דער לערע פון רפואות. יוריס־פּרודענץ — דער קלאַסישער פירוש אויף משניות, דאָס מאָנומענ־טאַלע ווערק „יד החזקה״, וואָס האָט געזאָלט ווערען, און איז ביז

אַ געוויסען פּונקט געוואָרען, די אָפּשליסונג און די פאַרענדיגונג פון דעם אידישען געזעץ: ביכער וועגען לאָגיק, עטיק, פּסיכאָלאָגיע, און וואָס ניט? פון אַלע עקען פון דער אידישער וועלט ציהען זיך בריוו צו איהם, שאלות וועגען שווערע דינים, פאַרפּלאָנטערטע הלכות, און דער רמב״ם ענטפערט אויף זיי אין זיינע תשובות מיט געדולד, מיט קלאָרקייט און מיט אַזאַ טיפען, רייכען וויסען פון דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור. אַ ריזען־ארבייט, וואָס וואָלט אויסגעשעפּט די כוחות פון יעדען אַנדערען, פון יעדען וואָס שטעהט נאָך אויף דעם מיטעלען שטאַפּעל פון גייסט. אין אַ בריוו, וואָס ער שרייבט צו אבן תיבון מאַלט ער אויס זיין לעבען, דאָס פיל־באַשעפטיגטע און רייך־פאַרצווייגטע. אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט היילט ער מענשען, העלפט ער מענשען. דערנאָך, שפּעט ביינאַכט, זייענדיג אין דער היים ווידער אַמאָל, וואַרטען מענשען מיט זייערע פראַגען, און ער מוז אַלע אויסהערען, אַלע ענטפערען, און ערשט שפּעט אין דער נאַכט, מיד און אויסגעשעפּט ווי ער איז, זעצט ער זיך אַוועק אויפס׳ניי צו דער אַרבייט, צו דער אַרבייט פון זיין לעבען, דער פילאָזאָפיע פון אידענטום.

אין דער געשיכטע פון יעדער קולטור קומט אַ מאָמענט פון זאַמלונג און פאַרענדיגונג און פון אונטערציהען סך־הכל׳ס. אַזוי איז געוועז אין דער גריכישער וועלט, די אַלעקסאַנדרינישע פּע־ריאָדע, ווען פּלאָטינאָס און זיינע תלמידים, די ניי־פּלאַטאָניקער, האָבען דערפיהרט די גריכישע פילאָזאָפיע, אַזוי רייך אין אידייע און אין ווידערשפּרוך, צו אַ סיסטעמאַטישען אָפּשלוס און צו אַ נייער האַרמאָניע פון די פאַרשיידענאַרטיגע עלעמענטען. און אַזאַ צייט איז אויך געוועז אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור אַרום דעם 12טען יאָהרהונדערט. האָבען ביז אָהער די אידען גע־לעבט. גייסטיג אין דער אַרביטע פונ׳ם מזרח האָט זיך דער שווער־פּונקט פון דעם אידישען גייסט אַריבערגעטראָגען אויף דעם מערב. די אַראַבישע סביבה אין שפּאַניע איז אויך געוועז אַ מערב׳דיגע אַטמאָספערע. די אַראַבער האָבען איבערגענומען די ירושה פון די גריכען און זיינען געוואָרען די וויטער־פיהרער און אויסטייטשער פון דעם גריכישען געדאַנק, פון די מייסטערווערק פון דער אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע. פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל און זייערע אַלעק־סאַנדרינישע, ניי־פּלאַטאָנישע מפרשים, ווי פּאָרפירויס, טעמיסטיוס, א. אַז. וו., זיינען געוואָרען די לערער פון די אַראַבישע דענקער, און

דורך זיי, אַ דאַנק זיי, אויך די לערער און מייסטער פון דער גאַנצער מערב־איראָפּייאישער וועלט. אבו נאצאר, אָדער ווי ער איז באַ־קאַנט אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע אונטער׳ן נאָמען אַל־פאַראַבי, אבו בכר, אבן סינא, אָדער דער לעצטער און באַדיי־טענדסטער פון זיי אַלע, אבן ראשד, אָדער אַווערראָעס, ווי מ׳רופט איהם, אַווערראָעס, וואָס האָט „געמאַכט״, ווי דאַנטע זאָגט וועגען איהם, „זיין גרויסען פּירוש״, האָבען געזוכט אין דער גריכישער פילאָזאָפיע דעם ענטפער אויף די פונדאַמענטאַלע פראַגען, וואָס זיינען געבליבען ניט ענטשידען אין דער אַלטער קולטור, די מע־טאַפיזישע פראַגען פון דער באַציהונג צווישען גאָט און וועלט, די פראַגען וועגען אַנהויב און תכלית און זין, און אין דער ערשטער ליניע — די פראַגען וועגען גאָט.

אין דער אַלט־אידישער פילאָזאָפיע זיינען אָט די דאָזיגע אַלע פראָבלעמען אַנגעדייטעט און אויפגעוואָרפען, אָבער זיי זיינען ניט דורכגעפיהרט געוואָרען ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ. דער פרייער צוגאַנג צו די לעצטע פּראָבלעמען — פריי, ווייל ניט רעלי־גיעז געבונדען און דאָגמאַטיש פאַרפיקסירט — האָט געגעבען די גריכישע דענקער אַ מעגליכקייט פאַרבייצוגליטשען זיך און אויס־צומיידען דעם אַנטשיידיגענדען ענטפער. פאַר זיי איז גאָט געווען אַ פראָבלעם, וואָס מ׳האָט געקאָנט לייזען, אָבער אויך געקאָנט לאָ־זען ניט פאַרענדיגט. און ווי דער גרונט־מאָטיוו, אַזוי אויך דער נעבען־מאָטיוו. נאָך אין דער פראַגע פון עטיק און אין אַלע פּראָב־לעמען, וואָס זיינען נוגע צו דעם לעבען פון דעם מענשען פון דער וועלט, זיינען די ענטפערס פון די גריכישע פילאָזאָפען געווען, אַזוי צו זאָגען, פיל־געשטאַלטיגע. עס האָט געפעלט דער איין־און־איינציגער צענטער.

און אָט דערגעהט דער גריכישער געדאַנק צו מענשען מיט אַן אַנדער איינשטעלונג, מיט אַ גרונט־פאַרשיידענעם צוגאַנג, צו מענ־שען מיט אַ רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג, און עס קומט דער קאָנ־פליקט פון אידייען. אין דער אַלט־אידישער וועלט איז עס געווען אַ קאַמף אָהן אַ קאָמפּראָמיס. און דער איינציגער וואָס האָט גע־וואָלט שאַפען אַזאַ מין שותפות, אַ צוזאַמענלעבען צווישען דער גרי־כישער און אידישער וועלט־אַנשויאונג, אָדער ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צווישען משה און פלאַטאָן, פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין דער ספערע פון דעם אידישען

קולטור־באַוואוסטזיין, און איז געבליבען איזאָלירט.

אָבער אָט ענדערט די גריכישע פילאָזאָפיע איהר קורס. דער גאָט־באַגריף דרינגט אין איהר אַריין. דער געפיהל פון וועלט־אחריות דרינגט זי דורך און פּלאָטינאָס, דער ניי־פּלאַטאָניקער, איז אַ סך נעהנטער צו דעם גייסט פון דעם אידענטום, צו דעם צענטער פון דעם אידישען דענקען, ווי עס איז געווען דער איד פילאָן, דער באַהאַוועגטער אין מדרשים. און וואָס ווייטער אין דער צייט, וואָס ברייטער די השפעה פון דעם אידענטום, ווערט אַלץ שטאַרקער איהר אָריענטאַליזירונג אָדער, ריכטיגער, איהר אָריענטאַציע אויף דעם עטישען געדאַנק.

און דאָס איז דער פּראָבלעם פון די אַראַבישע פילאָזאָפען. די איינהייט פון גאָט איז ביי זיי אין צענטער. די פראַגע איז בלויז, ווי איז די באַציהונג צווישען דעם צענטער און דער פּעריפעריע? איז פאַראַן אַ דירעקטע שייכות און באַרירונג, אָדער זיינען די אומ־געציילטע ראַדיוסען, וואָס געהען פון דעם צענטער צו דער פּערי־פעריע, אויך שאַפענדע און באַשטימענדע כוחות? און אַרום דעם דאָזיגען פּראָבלעם האָט געקעמפט דער אַראַבישער געדאַנק. האָבען זיך די עלטערע, די אָרטאָדאָקסיע, די אָנהענגער פון דעם אַזוי־גערופענעם „קאלאם״, געהאַלטען ביי דעם אות פון דער טראַדיציע, זיינען די אַנדערע, די זיך־דערווייטערענדע, אָדער ווי זיי הייסען אויף אַראַביש, די מוטאַזאַליטען, געפּרואווט צו שאַפען אַ סינטעז צווישען דער רעליגיעזער טראַדיציע און דעם אַריסטאָטעלשען גע־דאַנק. און וואָס איז פאַר זיי אָט דער געדאַנק געווען? עס איז דער פּרינציפּ פון פאָרם און מאַטעריע, אָדער פון גייסט און שטאָף, פון די צוויי שטופען פון זיין. אַזוי האָט אַריסטאָטעל געלערענט. זיי־נען דאָ צוויי גראַדאַציעס פון זיין: דאָס וואָס איז — „טאָ אָן״, און דאָס וואָס איז אין דעם אמת׳ן אופן „אָנטאָס אָן״.ביידע עקזיסטירען. ס׳איז נישטאָ קיין „ניין״ אין דער וועלט, ווי ס׳האָבען געזאָגט פאַר איהם די עלטערע גריכישע פילאָזאָפען און צווישען זיי אויך פּלאַ־טאָן. אָבער די ביידע פאָרמען פון זיין זיינען פאַרבונדען צווישען זיך אַזוי, אַז איינע אָהן דער צווייטער קאָן ניט עקזיסטירען, פּונקט ווי ס׳קאָן ניט זיין קיין געשטאַלט אָהן אַ פאָרם, קיין ליכט אָהן דעם, פון וואָס עס שטראַלט אַרויס. הייסט עס, אַ דואַליזם אין דער וועלט, אַ צוויי־טיילונג. און דאָ שטעלט זיך אָפּ דער רעליגיעזער געדאַנק פון דעם מזרח און פרעגט: ווי איז דאָס מעגליך, אַז אין

אַ וועלט פון איינס, זאָל זיין אַט די דאָזיגע צעשפּאַלטונג? דאָס איז ניט בלויז אַ ריין־מעטאַפיזישע פראַגע, נאָר זי איז אויך פאַר־בונדען מיט דער גאַנצער וועלט־אויפפאַסונג, מיט דער פראַגע פון פרייהייט אָדער נויטווענדיגקייט, פון דער אויטאָנאָמיע פון דער מאַ־טעריע אָדער פון דער אָפּהענגיגקייט פון דעם גייסט. די פראַגע פון ווילען, און דאָס הייסט, פון עטיק.

זיינען אידישע דענקער צוגעגאַנגען צו דער פראַגע, און יעדער פון זיי האָט געזוכט אַן ענטפער אויף זיין אופן; אָבער צום רוב האָבען זיי זיך דערשראָקען פאַר דער דאָזיגער פראַגע און האָבען זיך דערוויטערט פון דער שאַרפקייט פון דעם פּראָבלעם. אַזוי ר׳ סעדיה גאון אין זיין „אמונות ודעות״, בחיה אבן פאקודה אין דעם „„חובות הלבבות״ אָדער יהודה הלוי אין דעם „כוזרי״. זיי האָבען זיך אַלע באַהאַלטען אונטער דעם מאַנטעל פון דער טראַדי־ציע, פון דעם דת. אַט אַזוי האָבען די חכמים געזאָגט, אַז מען טאָר ניט פאַרשען, „מה למעלה״ און „מה למטה״, אַז מען טאָר ניט געהן צו־וויט אין „פרדס״, סיידען בלויז ווי ר׳ עקיבא, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם לעצטען „את״, דאָס הייסט, דעם פּראָב־לעם פון גאָט. דער איינציגער, וואָס האָט געוואָגט, איז געווען שלמה אבן גבירול, אָנו דערפאַר איז אויך זיין פילאָזאָפישע אַרבייט דער „מקור חיים״, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוואַלדיגע ווירקונג אויף דער גאַנצער מיטעלאַלטערליכער פילאָזאָפיע, געבליבען אַ פאַר־שלאָסענער בוך ביי אידען. ווייל אבן גבירול האָט אָוועקגעשטעלט שאַרף און קאַטעגאָריש דעם פּראָבלעם פון פאָרם און מאַטעריע און האָט אַקצעפּטירט דעם וועלט־דואַליזם.

אָבער דער פילאָזאָפישער געדאַנק ביי אידען האָט געגאָגט און געפאָדערט אַן ענטפער. ניט קיין מיסטישען, ניט קיין טראַדיציאָ־נעלען, נאָר אַ ראַציאָנעלען. האָט זיך אבן דאוד פון טאָלעדאָ (דער ערשטער ראב״ד) געפּרואווט אין זיין „אמונה רמה״ ווייטער צו שפּינען דעם אַריסטאָטעלישען געדאַנק; אָבער אויך זיין ענטפער האָט ניט באַפרידיגט. דער אידישער גייסט בלאָנדזשעט און זוכט אַ פאָרמולע פון דער וועלט. און די אויגען ווענדען זיך צו דעם רב פון קאַאירא, צו דעם קאָדיפיקאַטאָר פון דעם אידישען געזעץ, צו דעם רמב״ם. דעם רמב״מ׳ס תלמיד, דער יונגער יוסף בן יהודה, פרעגט איהם אַ פראַגע און דער לערער ענטפערט. און דער ענטפער איז: דער „דאַלאַלאַט אל חאירין״, דער פיהרער פון די

פאַרבלאָנדזשעטע, דער „מורה נבוכים״.

דער רמב״ם דערמאָנט זיך אָן דער פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט געלערענט אין דער שולע פון קאָרדאָוואַ, דער שיטה פון אבו בכר; ער פאַרטיפט זיך אין דער רייכער אַראַבישער ליטעראַטור, אין די קאָמענטאַרען פון אבן ראשד און, דער עיקר, די מייסטערווערק פון אַריסטאָטעל. ער אַרבייט דורך די ווערק, פון זיינע פאָרגענגער אין דער אידישער וועלט, אָבער נעמט צו זיי ניט קיין דירעקטע שטעלונג, ווי זיין מנהג איז געווען. ער איז אויסען דעם תוך און ניט קיין פּאָלעמיק אָדער קריטיק.

דער תוך איז, ווי אַזוי אַריינצוטראָגן דעם וויסענשאַפטליכען גייסט און סיסטעמאַטישען דענקען און שטרענג־לאָגישען אַנאַליז אין דער אידישער פילאָזאָפיע פון דער וועלט. און זיין אויפטו איז געווען, מער פון אַלעמען, אַ מעטאָדאָלאָגישער. ער האָט פאַר זיך געהאַט דעם אייגענעם פּראָבלעם, ווי אונטער אַנדערע באַדינגונגען און אונטער אַנדערע פאָראויסזעצונגען, עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער, עמאַנועל קאַנט. אויך קאַנט האָט זיך געשטעלט די פראַ־גע: „וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע האָבען מיר, אַז די לעצטע גרונטלאַגען פון אונזער וויסען זיינען ריכטיג? די ערפאַהרונג האָט עס אונז ניט באַוויזען, לאָגיש קאָן מען זיי ניט באַגרינדען; דערפאַר מוזען זיי זיין אויסער ערפאַהרונג און איבער דעם פאַרנונפט, און דערפאַר אַ פּריאָרי, — דאָס הייסט, איבער יעדער ערפאַהרונג. און ערשט ווען די דאָזיגע זיכערקייט איז געגעבען, ווערט די ערפאַהרונג לעגיטימירט.

און אָט דעם מעטאָדאָלאָגישען חידוש האָט דער רמב״ם אויפ־געטאָן אויף זיין אופן און אין זיין טערמינאָלאָגיע בנוגע צו די גרונט־פּראָבלעמען אָדער, ריכטיגער, צו דעם גרונט־פּראָבלעם פון גאָט. און ער שטעלט אויף דעם גרונט־פּרינציפּ: גאָט איז איבער יעדער ערפאַהרונג, ניט נאָר פון די חושים, נאָר אויך פון דעם שכל; וועגען גאָט קאָן מען גאָרניט זאָגען, אַחוץ איין־און־איינציגע זאַך: „ער איז״. אַלע ווערטער וועגען איהם זיינען ווערט־לאָז, ווייל זיי קאָנען ניט אויסדריקען אין קיין שום זין זיין לעצטען תמצית, און ווען מען זאָגט איינס, דאָס הייסט, גאָט איז איינער, האָט דאָס וואָרט איינער ניט קיין אַריטמעטישען זין, ווייל יעדער איינס זעצט אַרויס אַ פאָרטזעצונג, איז אַן אָנהויב פון עפּעס; די איינהייט פון גאָט אָבער איז אַזעלכע, וואָס איז ניט קיין צאָל, נאָר

אַ באַגריף און אידייע. און אַלע אַטריבוטען, וואָס מ׳שרייבט־צו צו גאָט, האָבען בלויז דעם זין פון אַ משל, פון אַ בילד, דערגעהען אָבער ניט צו דעם תוך. עס איז דערפאַר, זאָגט דער „רמב״ם (מורה נבוכים, קאַפּ. 48) ניט נאָר זינלאָז, נאָר אויך אַ דערנידערונג פון גאָט, דאָס הייסט, פון אונזער גאָט־באַגריף, ווען מ׳באַשיט איהם מיט אַלערליי לויבגעזאַנגען און מיט די געהויבענסטע ווערטער. „משל למה הדבר דומה? עס איז געגליכען, זאָגט ער צו אַ מלך, וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען פון גאָלדענע דינאַרען און דאָ קומען לויב־זינגער און באַזינגען זיין זילבער״. הייסט עס, דער גאָט־באַגריף איז אַ ריין־נעגאַטיווער. נעגאַטיוו אין דעם זין, אַז מען קאָן פון איהם גאָרניט מער זאָגען און דענקען, אַחוץ דעם, אַז ער איז און אַז אין איהם איז דער שורש פון אַלעמען, וואָס איז פאַראַן. און אַזוי ווי ער איז איינער און אַן אומגעטיילטער, זיינען אַלע חקירות וועגען דער צעטיילונג פון זיין עצם אין דעם וועלט־שכל, די וועלט־סיבה און דעם ערשטען באַוועגער, אויך בלויז קינסט־ליכע און אומלאָגישע. פאַרקערט, ער איז דער פועל און צורה און תכלית, און אַלע דריי קוואַליטעטען שטאַמען פון דעם איינציגען קוואַל, זיינען דער אויסדרוק פאַר דער דאָזיגער איין־און־איינציגער שעפערישער אַקטיוויטעט (מ״נ, קאַפּ. 69).

פון דער דאָזיגער הנחה פירט דער רמב״ם אַרויס, מיט דעם גאַנצען לאָגישען אַפּאַראַט פון זיין דענקען, דעם צווייטען גרונטזאַץ פון זיין סיסטעם, דעם פּרינציפּ פון „חידוש העולם״ אין דעם גע־גענזאַץ פון דער „קדמות העולם״, דאָס הייסט, די דערשאַפונג און ניט די אייביגקייט פון דער וועלט. אָט דאָ צעגעהט ער זיך ניט נאָר מיט די אַראַבישע פעריפּאַטעטיקער, ניט בלויז מיט אַריסטאָ־טעל, נאָר אויך מיט אַ סך פריהערדיגע אידישע דענקער. און דער פּראָבלעם איז אַ סך טיפער, ווי ס׳קאָן זיך אויססווייזען. ווייל עס איז קלאָר: אויב די וועלט איז אייביג, דאָס הייסט, עקזיסטירט פאַר זיך אַליין מיט׳ן גלייכען רעכט, ווי דער גייסט, די אידייע אָדער גאָט, דעמאָלט איז דער פּרינציפּ פון דער גאָט־איינהייט אוממעגליך. ווייל צוויי סובסטאַנצען, צוויי מהותים, צוויי אַפּריאָריס, זיינען לאָ־גיש אַבסורד. דער רמב״ם געהט אין דעם פּרט נאָך אַ סך ווייטער, ווי די אידישע טראַדיציע. ער ערקלערט אָפען, אַז ער בויטיגט זיך גאָר ניט אין באַווייזען פון דער תורה און אַז ער וואָלט גע־קאָנט טייטשען פסוקים, ווען ער וואָלט געוואָלט, אָבער ער שטיצט

זיך הויפּטזעכליך, און כמעט אויסשליסליך, אויף דעם לאָגישען אַרגומענט, אויף דער צווינגענדער נויטווענדיגקייט פון דעם פאַרשטאַנד.

און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט גובר געווען די ערשטע צוויי שוועריגקייטען, ערשט ווען ער האָט זיך אָפּגעשיידט, זיך און דעם אידישען געדאַנק, פון דעם גריכישען דענקען, ערשט דעמאָלט פיהלט ער זיך פריי צו ווערען אַ שותף מיט, אָדער אַ תלמיד פון, אַריסטאָטעל. אין דער פיזיק, אין דער פסיכאָלאָגיע, אין דער לערע פון דער מאַטעריעלער וועלט, זיינען ניטאָ קיין גרענעצען צווישען חקירה און פילאָזאָפיע. אידיש אין דער מעטאַפיזיק, ווערט ער אַלגעמיין מענשליך אין דער שיטה פון דער עקזיסטירענדער וועלט.

און ער זוכט צו דערנעהנטערען דעם אידישען געדאַנק צו דעם וועלט־געדאַנק אין אַלע פּרטים פון׳ם מענשליכען לעבען. ווייל סוף כל סוף איז דער גרונט־פּראָבלעם פון זיין גאַנצען ווערק, — דער מענשליכער, און ער לערנט מיט מענשען, מיט די פּראָבלאָנדזשעטע און די זוכענדע, די תורה פון מענשליכקייט. און עס ציהט זיך דער פאָדים פון זיין מעטאַפיזיק צו זיין עטיק. פּונקט ווי דאָרט, אין דער ספערע פון אידייען, איז פאַראַן אַ גלידערונג און אַ שטאַפּעלונג, אַ העכערע מדרגה און אַ נידעריגע מדרגה, אָדער אפילו די העכסטע דערגרייכט אויך ניט צום לעצטען סוף, ווייל אַלצדינג איז בלויז אַ וועג און אַ דערנעהנטערונג, אַזוי אויך אין דער עטיק, אין דער באַציהונג צווישען מענש און מענש. „שתי קצוות הרחוקות זו מזו שבכל דעה ודעה אין דרך טובה. הדרך הישרה היא מידה בינונית״. עקסטרעמען זיינען שעדליך; דער בעסטער וועג איז דער מיטעלוועג; אַזוי זאָגט דער רמב״ם אין זיין „משנה תורה״, און אַזוי, און דערנאָך פאַרשטאַרקט, מיט אַ פּאָעטישערען טאָן, אין דעם שלוס פון דעם „מורה נבוכים״. דער צוועק פון דעם מענשען, זאָגט ער, פאַרענדיגענדינג זיין מאָנומענטאַלען ווערק, איז צו זוכען די שלמות, די פולקאָמענקייט פון דעם מענשען, אָבער לויט מעגליכקייטען, אַזוי ווייט ווי מעגליך. און אין דעם דאָזיגען רעזיגנירטען און הכנעה׳דיגען „אַזוי ווייט״ איז דער שליסעל צו דער רמב״מ׳ישער עטיק, צו זיין שיטה וועגען דעם לעבען.

איך וויל ניט און קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף די דעטאַלען און אַלערליי פאַרפלאָנטערטע נעבען־פראַגען פון דער רמב״מ׳ישער פילאָזאָפיע. עס איז אין יעדער פילאָזאָפישער סיסטעם בלויז

פאַראַן איין אידייע, איין צענטער, און פון דער ריכטיגקייט פון דער גרונט־אידעע הענגט־אָפּ דער ווערט, דער קולטור־ווערט פון אַ פי־לאָזאָפישער סיסטעם. די אויספירונגען מעגען זיין אומריכטיג אָדער פאַרעלטערט, די באַווייזען ניט פולקאָמען. אָבער, איז דער קערן געזונט, ווערט די שיטה פרוכטבאַר. און ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער מיטעלאַלטערליכער פאָרם, אויף דעם רבנישען אַפּאַ־ראַט, אויף פאַרשיידענע ווידערשפּרוכען אין דעם סיסטעם פון דעם רמב״ם, — זיין גרונט־געדאַנק פון דער אַפּריאָריטעט פון גאָט און פון דער איין־און־איינציגער סובסטאַנץ, האָט געהאַט אַן אומגע־הייערע באַדייטונג פאַר דער וויטערער אַנטוויקלונג פון דער אידי־שער פילאָזאָפיע און אַ גרויסען איינפלוס אויף דער פילאָזאָפיע בכלל. ניט נאָר האָט אַלבערטוס מאַגנוס אַריבערגענומען כמעט די גאַנצע שיטה פון דעם רמב״ם; ניט נאָר האָט טאָמאַס פון אַק־ווינאָ, דער גרינדער פון דער קאַטוילישער פילאָזאָפיע, זיך אָנגע־ליינט אויף דעם „מורה נבוכים״, — און עס איז באמת פּאַראַדאָק־סאַל, אַז דער פילאָזאָף פון דעם אידענטום האָט געהאָלפען שאַפען די פילאָזאָפיע פון דעם קריסטענטום, — דאָס אַלץ וואָלט געווען וויכטיג בלויז פון דעם היסטאָרישען שטאַנדפונקט. דאָס וויכטיג־סטע אָבער איז, וואָס דער רמב״ם האָט אין דער לעצטער דורכ־אַרבייטונג פון זיין געדאַנק, דערפירט צו שפינאָזאַ׳ן.

אין דער מיטעלאַלטערליכער צייט האָט יעדער גרעסערער פילאָזאָף געהאַט אַ טיטול און אַ צונעמעניש. איינער האָט געהייסען דער דאָקטאָר אַנגעליקוס (דער מלאכ׳שער דאָקטאָר), אַן אַנדערער — דאָקטאָר סעראַפיקוס (דער שרפ׳שער דאָקטאָר); אַלבערטוס מאַגנוס רופט־אָן דעם רמב״ם: דאָקטאָר פידעליס — דער גע־טרייער. אָבער ניט דאָס איז דער תוך פון דער פילאָזאָפישער און עטישער פערזענליכקייט פון רמב״ם. זיין אמת׳ער טיטול וואָלט באַדאַרפט זיין: „דאָקטאָר הומאַנוס״, דער דאָקטאָר פון מענשליכ־קייט. ווייל מענשליכקייט, מענשליך לעבען, מענשליך גליק איז געווען דער זין און דער צוועק פון דער גאַנצער רמב״מ׳שער שאַ־פונג און דער אינהאַלט פון זיין ווערק. און דאָס איז דער ביי־טראַג פון דעם אידישען געדאַנק צו דער קולטור געשיכטע פון דער וועלט: הומאַניטעט, מענשליכקייט, אין איהר שטאַפּלונג. און מיר האַלטען נאָך אַלץ ניט ווייט פון דעם לעצטען שטאַפּעל.

מערץ 31, 1935

דער רמב״ם און זיין פילאָזאָפישע שיטה

די פילאָזאָפיע פון געגעבענעם גאָט

עס איז פאַראַן אַן אַלטע לעגענדע — ביי דעם קירכען־פאָטער אריגענעס, אַז הערַאקליט דער טונקעלער, דער טיפסטער דענקער פון אַלט־גריכענלאַנד, איז אויף איינער פון זיינע רייזען, געקומען קיין בבל, און האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט יחזקאל בן בוזי הכהן, יחזקאל דעם נביא און פון איהם, דעם ערשטען מיסטיקער פון אי־דענטום, דעם וויזיאָנער פון דער מרכבה, האָט הערַאקליט געלערנט זיין פילאָזאָפיע. אַ שעהנע און טיפזיניגע לעגענדע! אַן אָנווייז אויף אַלטע פאַרבינדונגען, אויף, אין די טיפענישען פון די צייטען, פאַרבאָרגענע באַרירונגען צווישען די צוויי וועלטען, דער אַלט־אידישער און דער העלענישער.

אָבער באַלד צוגעהען זיך די וועגען. אויב הערַאקליט, אָדער אַן אַנדערער גריכישער דענקער האָט עפּעס געלערנט פון יחזקאל, אויב די גריכישע פילאָזאָפיע איז ערגעץ וואו, אין איהרע וואָרצלען צונויפגעוואַקסען און פאַרבונדען מיט׳ן אידישען געדאַנק. איינס האָט דאָס גריכענטום נישט געלערנט פון דעם אידענטום — און דאָס איז די מעטאָדע. מחמת די מעטאָדע פון הערַאקליט — און איך נעם איהם פאַר דעם סימבאָל פון דעם גריכישען דענקען — איז געווען די פּלוזייטיגקייט פון צוגאַנג, די פּרייהייט פון דעם באַ־נעם, אַזוי צו זאָגען, די עקוויוואַלענץ פון דער ריכטונג. „דער וועג אַרויף און דער וועג אַראָפּ איז דער אייגענער״, האָט הערַאקליט גע־לערענט, און דאָס מיינט — די וועלט איז גלייכוויכטיג אין אַלע איהרע דימענסיעס, אויבען־צו, אָדער אין דער ריכטונג אַראָפּ, אָנ־הויב און סוף דעקען זיך. זיי זיינען באַגריפען וואָס לאָזען זיך בייטען און דערפאַר אויך איז די גרעניץ צווישען אורזאַך און פאָלגע אַ פליסיגע. הערַאקליט לייקענט די קאַוזאַליטעט.

ער איז געווען דער „טונקעלער״ דער אומפאַרשטענדליכער, דער סודות׳דיגער, ווייל ער האָט ניט דערפירט זיין געדאַנק צו דעם לעצטען לאָגישען שלוס. ער האָט איהם געלאָזט הענגען אין

דער לופט. אָבער אויך די וואָס זיינען געקומען נאָך איהם, די שפּעטער און פּאַרענדיגער פון דעם גריכישען געדאַנק: פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל און דער באַגרינדער פון דער ניי־פּלאַטאָנישער שול אין אַלעקסאַנדריע, פּלאָטינאָס, זיינען ווילענדיג, ניט ווילענדיג, ווי־סענדיג אָדער געצוואונגען דורך דער פּראָבלעם שטעלונג, אין אַ געוויסען זין געבליבען הערמקליטיאַנער. אין זייער צושטימונג אָדער אין זייער קאַמף איז זייער פילאָזאָפיע געווען שטענדיג אַ זוכען פון דעם אָנהויב און אַן אייביגע מורא פאַר דער אומזיכער־קייט און דער אומפאַרוואָרצליכקייט פון דעם זיין, און זייער פּראָב־לעם איז געווען — גאָט.

עס קלינגט זיכער ווי אַ פּאַראַדאָקס, מחמת גראָד אין דער גריכישער פילאָזאָפיע שפּילט גאָט גאָר אַ קנאַפּע ראָלע. מען גע־פינט דעם באַגריף זעלטען ביי פּלאַטאָן אָדער אַריסטאָטעל און אַפילו ווען ער איז פאַראַן, האָט ער נישט דעם טעאָלאָגישען קלאַנג און זין, ער איז ניט דער צענטראַל־פּונקט. אָבער בלויז טערמינאָ־לאָגיש, אפשר טאָקע ווייל אין אַ פּאָליטעאיסטישער סביבה, ווייל רעליגיע איז געווען ביי זיי בלויז אַ ריטואַל, אַ קייט פון מנהגים און טראַדיציעס, מעהר דיכטונג ווי דערפיהלטער אמת, טאָקע ווייל אַזוי פיל געטער אין דעם גריכישען פּאַנטעאָן איז גאָט צורונען געוואָרען, אַ צעשוואומענער באַגריף אָהן אַ לאָגישער פאַראַנקערונג, און ווייל גאָט איז נאָך ניט געווען, האָט מען איהם שטענדיג געזוכט.

יחזקאל אָבער, האָט איהם ניט באַדאַרפט זוכען. ער האָט איהם געפונען אַ פאַרטיגען, ווען ער, יחזקאל, איז אַריינגעוואַקסען אין דעם באַוואוסטזיניגען לעבען. גאָט איז פאַר איהם געווען אַ געגע־בענער פאַקט, אַן אַקסיאָם, דער צענטער. ער איז געווען דער אויסגאַנג־פּונקט, און אויסגאַנג־פּונקטען זוכט מען ניט, זיי זיינען דאָ. די ליניע וואָס זוכט צוריקצוקומען צו איהר אייגענעם אָנהויב ווערט אַ קרייז — און דאָס אויך, בלויז אין דער אַבסטראַקציע, אין דער פּאָפּירענער געאָמעטריע. אין דערווירקליכקייט אָבער, וואו אַלצדינג איז אין באַוועגונג איז אויך דער אומקער צו דעם יסוד אַ פיקציע, געפינט מען איהם ניט וואו ער איז געווען. יחזקאל האָט ניט באַדאַרפט זוכען גאָט. ער איז געווען פאַר איהם די ערשטע הנחה. דאָס וואָס דער „איך״ פון דער קאַרטעזיאַנישער און אידע־אַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס די וועלט פון ערשיינונגען פאַר אַלע רעאַליסטען, דאָס איז געווען גאָט פאַר יחזקאל. יחזקאל — אידענ־

טום. די לעצטע און דאָס מיינט די ערשטע און דערפאַר די איינ־ציגע רעאַליטעט, ניט בלויז די ערשטע סיבה, דער ערשטער באַ־וועגער, נאָר דאָס רעאַלע. דאָס ווייטערע־וועלט אין איהר גאַנצער סומע פון אַטריבוטען, אפילו ביז צו רוים און צייט, האָט ערשט באַדאַרפט דעדוצירט ווערען פון גאָט און דורך איהם פאַרענטפערט ווערען. איז די גאַנצע גריכיש־מערב׳שע פילאָזאָפיע געווען אין אַ געוויסען זין אַ טעאָדיציע אין אַלע מעגליכע וואַריאַנטען. אַ פאַר־ענטפערונג פון גאָט, איז דער אידישער וועלט־סיסטעם געווען גע־ריכטעט אויף אַ קאָסמאָדיציע, אַ פאַרענטפערונג פון דער וועלט.

און ווייל גאָט אין צענטער און ווייל ער איז דער קריטעריום, האָט דער אידענטום קיינמאָל ניט געזוכט צו דערפאָרשען זיין מהות. בלויז זיינע וועגען האָט דאָס אידענטום געוואָלט פאַרשטעהן, דעם וועג פון דעם רייטוואָגען איבער דער אומענדליכקייט פון דער צייט, פון דער „מרכבה״, און ניט קוקענדיג דערויף וואָס די אידישע פילאָזאָפישע ליטעראַטור איז געווען ניט נאָר, ווי יאַקאָבי האָט זיך אויסגעדריקט וועגען ספינאָזאַ, „פאַר׳שכור׳ט מיט גאָט״, נאָר ממש איינגעטונקען אין איהם, ווייל ס׳איז ניטאָ כמעט קיין איין שורה אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור פון פאַרצייטענס, וואָס זאָל זיך באַגעהן אָהן דעם נאָמען פון גאָט, איז זי פאַרט נישט מעהר ווי נאָר אַ טערמינאָלאָגישע טעאָלאָגיע. דאָס הייסט ניט קיין טעאָלאָגיע אין דעם קריסטליכען זין פון דעם וואָרט — די לעהרע פון גאָט, נאָר אַ חקירה וועגען די באַציהונגען צווישען מענש און גאָט, נאָך גענויער צווישען מענש און מענש דורכגעזיפט דורך דעם גאָט טערמין. גאָט איז דער אינטעגראַל, די סומע פון די אומענד־ליכע, מענשליך וועלטליכע פאַרשווינדענדיג קליינע אונטערשידען, אַ מין געאָמעטרישער סיסטעם וואָס אַנטוויקעלט אַ זעהר קאָמפּלי־צירטע שיטה פון באַציהונגען — ליניעס, פלאַכען, קערפּער — אויף דעם סמך פון דעם ערשטען אַקסיאָם, אַן אַקסיאָם וואָס מען קען נישט, דאַרף נישט און זאָל נישט באַווייזען.

איך וואָלט זיך געקענט אויסמאָלען אַ מין רעוויזיע פון דער אידיש פילאָזאָפישער ליטעראַטור וואו די גאַנצע טערמינאָלאָגיע זאָל געביטען ווערען און וואו דאָס וואָרט „גאָט״ וואָלט אין גאַנצען געוואָרען אויסגעמעקט. דער רעזולטאַט וואָלט געווען דער אייגע־נער. עס וואָלט זיך גאָרניט געענדערט אין דער אַרגומענטאַציע אָדער אין דעם שלוס, ווייל דער אינהאַלט און דער צוועק פון דער

אידישער פילאָזאָפיע איז ניט טעאָלאָגיע נאָר די לערע וועגן לע־בען. איהר קאַרדינאַל פונקט איז דער מענש.

איך האָב זיך אָפגעשטעלט אויף יחזקאל, דעם נביא, ווייל אַרום איהם, אַרום זיין „חזיון" האָט זיך קאָנצענטרירט אָט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון באַגריפען וואָס ווערט אויף גריכיש אָנגערופען פי־לאָזאָפיע אָדער מעטאַפיזיק און אין דער אידישער טערמינאָלאָגיע „מעשה מרכבה". זי איז געווען אַזוי צו זאָגען, דער היסטאָרישער קאַנאַל פאַר דעם אידישען געדאַנק וואָס האָט זיך צופריה אָפגע־שטעלט און זיך דערווייטערט — באַוואוסטזיניג — פון אַלע חקירות וואָס האָבען נישט קיין שייכות צו דעם רעאַלען, דעם פראַקטישען לעבען. און דאָס איז געווען דער גרונדשטיין פון דעם אידישען דענקען. די פילאָזאָפיע פון דער פראַקטישער פאַרנופט האָט פאַר־צאָמט דעם וועג פאַר דער פילאָזאָפיע פון דער ריינער פאַרנונפט. עטיק האָט פאַרנומען דעם אָרט פון מעטאַפיזיק, דער „מה ה׳ דורש ממך" איז געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער אידישער וועלט אויפפאַסונג. לעבען ווי אַ פליכט ווי אַ וועג מיט אַ פאָרגע־שריבענעם געבונדענעם מאַרשרוט. דער וועג „צו" — ניט „פון". יעדער פּרואוו — אין דער אַלטער צייט צו אָריענטירען זיך אויף צוריק צו זוכען דעם „וועג פון" איז אָפּגעשטעלט געוואָרען ביי די ערשטע שריט. די באַקאַנטע תלמודישע ערצעהלונג וועגען די פיר וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין פרדס: עקיבא בן יוסף, בן עזאי, בן זומא און אלישע בן אבויה, כאַראַקטעריזירט די אַלטע אידישע שטעלונג צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דריי זיינען געשטרויכעלט געוואָרען, בלויז רבי עקיבא „נכנס בשלום ויצא בשלום". דאָס הייסט, ער איז געבליבען דער איינציגער וואָס האָט געקענט האַר־מאָניזירען דעם פאָרשער דראַנג מיט דעם אידישען דענקען. און דאָס איז געווען דערפאַר ווייל ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם לעצטען פראָבלעם, דעם פראָבלעם פון אורשפּרונג. עס ווערט אָפט ציטירט דאָס וואָרט פון רבי עקיבא: ווען איהר וועט דערגרייכען צו דעם פלאַץ פון די ריינע מירמעלשטיינער, זאָלט איהר ניט זאָ־גען: „וואַסער, וואַסער". און די אויסטייטשונג וואָס אַ טייל פאָר־שער, ווי צום ביישפּיל, פּראָפעסאָר דוד ניימאַרק, אין זיין „געשיכטע פון דער אידישער פילאָזאָפיע" (דייטשע אויסגאַבע, באַנד איינס), גיט די דאָזיגע ווערטער, איז, אַז רבי עקיבא האָט אָוועקגעשטעלט אַ גרעניץ צווישען דער אידישער קאָסמאָגאָניע און דער גריכישער,

און אַז דאָס וואָרט „וואַסער" איז אַן עכאָ פון דער אַלטער שיטה פון טאַלעס, דעם דענקער פון מילעט, אַז דער אָנהויב פון דער וועלט איז וואַסער. איך וואָלט נאָך ווייטער געפיהרט און פאַר־טיפט אָט די אינטערפּרעטאַציע. עס האַנדעלט זיך ניט וועגען טאַלעס און ניט וועגען דער קאָסמאָגאָניע, דאָס הייסט, דער לעהרע ווי די וועלט איז געוואָרען. עס איז ווייטער און ברייטער געצילט. עס איז דער גרעניץ צווישען דעם פאַרשען פון דער ווירקליכקייט, פון דעם „זיין" און דעם זוכען פון דעם שורש, דעם אָנהויב. עס איז די אויסשיידונג פון דעם אורשפּרונג באַגריף.

דאָס איז אויך געווען דער מאָטיוו פאַרוואָס דער פילאָזאָפישער סיסטעם פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדרינער, דעם ערשטען און דעם גרעסטען גריכיש־אידישען דענקער, האָט ניט געקענט אַריינוואַק־סען אין דעם אידענטום. פילאָן, דער ניי־פּלאַטאָניקער, וואָס האָט געוואָלט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פּלאַטאָניזירען משה'ן און משה'זירען פּלאַטאָנ'ען האָט זיך אויף דעם פּלאַטאָנישען אופן פאַר־טיפט אין דעם פּראָבלעם פון אורשפּרונג, און אַזוי ווי לויט פּלאַ־טאָן איז צווישען דער וועלט פון גייסט און דער וועלט פון מאַטע־ריע די באַציהונג פון זיין און ניט זיין, פון פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, האָט פילאָן געמוזט בויען אַ בריק צווישען די צוויי לאָגישע קוואַ־ליטעטען, אַזוי צו זאָגען, שאַפען דעם מתוך, דעם פאַרמיטלער, וואָס ער האָט אָנגערופען לאָגאָס. עס איז דער בריק צווישען גאָט און וועלט; נאָך ריכטיגער, דער אייגענטליכער שאַפער פון דער מאַטע־ריעלער וועלט. די אידישע דענקער האָבען דאָס ניט געקאָנט אַקצעפּטירען. זיי האָבען אַריבערגענומען צום טייל זיין טערמינאָ־לאָגיע — די באַגריפען פון מימרא, אַפילו שכינה א. א. וו. שטאַמען פון דעם ניי־פּלאַטאָניזם — אָבער דעם קערן־פּונקט פון פילאָנ'ס סיסטעם האָבען זיי אָפּגעוואָרפען.

שניידט מען אָבער אַרויס פון דער פילאָזאָפיע דעם ערשטען פּראָבלעם, וואָס בלייבט פון איהר? ווי קען מען שטייגען אויף דעם לייטער ווען עס פעלט דער ערשטער טרעפּ? און דאָס איז געווען דער שוואַכסטער פּונקט פון דעם אידישען דענקען. דער געדאַנק איז פאַרפרוירען געוואָרען. ער האָט פאַרלוירען די דיי־נאַמיק, ער איז געוואָרען פאַרקאַליכט. יעדענפאַלס זעהען איהם אַזוי די וואָס באַטראַכטען איהם פון דרויסען, וואָס נעהמען די פאַקטען בלויז ווי זיי זיינען און נישט אין זייער אינערליכער מאָ־

טיווירונג. און עס איז כמעט געוואָרען אַן אַקסיאָם אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין אידישע פילאָזאָפיע, אָדער ווי דער באַריהמטער פראַנ־צויזישער ליטעראַט און פילאָזאָפישער דילעטאַנט, מאָריס באַרעס, האָט עס מיט אַזאַ שאַרפקייט געזאָגט מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק, ווען עס האָט זיך באַנייט דער שטורם געגען אידענטום: — „אידען האָבען קיינמאָל גאָרנישט געשאַפען, ניט קיין קונסט און ניט קיין ווויסענשאַפט, ניט קיין ליטעראַטור און ניט קיין פילאָזאָפיע״.

און ביז ניט לאַנג צוריק, איז אפילו ביי אידען, די אינטע־לעקטועלע, געווען אַנגענומען, אַז ספינאָזאַ איז געווען דער איינ־ציגער אידישער פילאָזאָף, און אויך איהם האָבען אידען פאַר־שטויסען. די געשיכטע שרייבער פון דער אידישער קולטור האָבען זעלטען געהאַט דעם נויטיגען וויסען און דעם פרייען צוגאַנג צום אידענטום, כדי צו האָבען דעם אָפענעם וויסענשאַפטליכען וועג. זיי זיינען געווען צום גרעסטען טייל טעאָלאָגען, אין בעסטען פאַל, פי־לאָלאָגען, זעלטען פילאָזאָפיש געבילדעטע קולטור היסטאָריקער, נאָך זעלטענער פילאָזאָפען. טעאָלאָגען מיינט נישט דוקא רבניש און גלויביג, מען קען זיין אַ טעאָלאָג אויך אויף דער לינקער זייט, דאָס הייסט אַזוי מורא האָבען פאַר דעם רעליגיעזען געדאַנק, פאַר דער אַלטער ירושה, ביז דער לעבעדיגער, פולסירענדיגער אינהאַלט, וואָס איז פאַרבאָרגען הינטער דער וואַנט פון ווערטער, ווערט אין גאַנצען פאַרשאָטען. זיי האָבען דערפאַר פאַרזעהן, אפילו ווען זיי האָבען זיי געלויבט, און מיספאַרשטאַנען, אפילו ווען זיי האָבען זיי קאָמענטירט די אידישע פילאָזאָפען בכלל און מעהר פון אַלעמען דעם רמב״ם.

ער איז פאַר זיי, אפילו פאַר שלמה מונק און אפילו פאַר הערמאַן קאָהען, וואָס איז אין דעם פרט געבליבען געטריי דעם מוסטער פון די פאָרגענגער, געווען דער גרויסער קאָמענטאַטאָר, דער מפרש וואָס האָט געוואָלט צונויפשפאַנען אַריסטאָטל און זיינע אַראַבישע מפרשים ווי אבן ראשד, אבן סינא און אלפאראבי, מיט דער תורה. אַזוי איז געווען אויך דער פאַסאַד, די פאָרם, אָבער עס דערגעהט ניט צום תוך. ווייל צווישען אַלע אידישע דענקער איז מיימוני, דער רמב״ם, געווען דער „פרינצעפס פילאָזאָפאָרום״, דער מייסטער און דער אָנערקענטסטער אויטאָריטעט. מען קען זאָגען — דער פילאָזאָף פון דעם אידענטום, פונקט ווי טאָמאַס פון אקווינא איז געווען דער פילאָזאָף פון דעם קאַטאָליציזם. און דאָס מיינט,

דער דענקער וואָס האָט ניט בלויז סיסטעמאַטיזירט די צושפּרייטע געדאַנקען, נאָר וואָס האָט אויפגעבויט אויף דעם געגעבענעם יסוד אַ גאַנצען בנין. בויען זעצט פאָרויס אַ פּלאַן, סיסטעם מיינט אָר־דענונג, און סיסטעמאַטיקער זיינען אָפט געבונדען אין זייער דענקען און פאַר דעם אויבערפלעכליכען אויג, וויניגער אָריגינעל. מען פאַרבייט אָפט אָריגינאַליטעט מיט דעם פערזענליכען טאָן, מיט דער מוט צו ווידערשפּרוך, מיט פילאָזאָפישען ליריזם. אַט אַזוי דער געגענזאַץ צווישען פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל, פּלאַטאָן א ים, אַ שטורמישער, רייך אין איינפאַלען און אין אידייען. אפילו זיין באַריהמטע שיטה פון „אידייען" איז נאָענטער באַטראַכט ניט מעהר ווי אַן איינפאַל; אַריסטאָטעל, ניכטער און שטרענג, האַרטע שטיי־נער, אָהן ליריק, אָהן שוואונג פון וואָרט, אָבער אין דער איינ־פאַכקייט פון געדאַנק און אין דער שטרענגקייט פון דעם בוי איז דער געוואַלדיגער פּאַטאָס פון דעם געדאַנק וואָס קען זיך בויגען.

און אַט די שטרענגקייט פון זיין דענקען איז אויך געווען דער גרונט מאָטיוו פאַרוואָס ער האָט אַזוי צוגעצויגען צו זיך די אידישע דענקער פון דעם מיטעלאַלטער און פאַרוואָס ער איז געוואָרען דער לערער אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דער מוסטער פון דעם איינציגען אידישען בוי־מייסטער פון דעם געדאַנק, דעם רמב"ם.

דוד ניימאַרק האָט גאַנץ ריכטיג דערויף אָנגעוויזען אַז דער צוזאַמענהאַנג צווישען דער הלכה און דער פילאָזאָפיע ביי אידען איז ניט קיין צופעליגער נאָר אַ נויטווענדיגער. נישט אומזיסט זיינען די גרעסטע אידישע דענקער, יעדענפאַלס די וואָס האָבען געהאַט דעם שטאַרקסטען איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם אידענטום, געווען גאונים. סעדיה איז געווען נישט נאָר דער פילאָ־זאָף פון די „אמונות ודעות" נאָר אויך דער גרעסטער גאון פון זיין צייט, און אַזוי אויך אַלע אַנדערע נאָך איהם. דער איינציגער אידישער דענקער וואָס איז געווען שוואַך באַהאָוועגט אין הלכה איז געווען שלמה אבן גבירול און אפשר איז דאָס אויך פאַרוואָס זיין פילאָזאָפיש מייסטערווערק, דער „מקור חיים", איז נישט אַריינגע־דרונגען אינ׳ם אידישען קולטור־באַוואוסטזיין. ס׳האָט איהם גע־פעהלט די אומגעהייערע שאַרפקייט, דער שווערער אַפּאַראַט און די זעלבסט־באַשרענקונג פון די בעלי־הלכה, און דער רמב"ם פאַר־דאַנקט די גרויסע ווירקונג, דעם צענטראַלען פּלאַץ וואָס ער פאַר־נעמט אין דער אידישער פילאָזאָפיע, נישט אַזוי פיל דעם ריין פי־

לאָזאָפישען בוך מורה נבוכים, נאָר זיין יד החזקה, דעם מאָנומענ־טאַלסטען ווערק פון אידישער הלכה, וואָס איז ווען עס איז געשריבען געוואָרען. און ווען מען פרעגט, וואו איז דער שליסעל און וואו איז דער פונדאַמענט פון דער רמב״ם׳שער פילאָזאָפיע, מוז מען זוכען דעם ענטפער, ניט ביי אַריסטאָטעל אָדער ביי די פילאָזאָפען פון דער אַראַבישער שולע, די מוטאַזאַליטען א. א. וו. נאָר אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דער משנה תורה, און דאָרט הייסט עס אַזוי „דער יסוד פון אַלע יסודות און דער זייל פון יעדען וויסען איז די אידייע, אַז עס איז פאַראַן די ערשטע רעאַליטעט און אַז זי ברענגט אַרויס יעדען זיין און אַלצדינג וואָס עס איז פאַראַן, אַלצדינג וואָס עקזיסטירט, איז באַגרינדעט אין דעם אמת פון זיין ווערען און ווען מען זאָל טראַכטען אַז עס איז נישטאָ קיין ערשטע רעאַליטעט, מוז מען אויך לייקענען דיווירקליכקייט פון יעדער אַנדערער עקזיסטענץ. עס איז אָבער מעגליך זיך פאָרצושטעלען אַז אַלע אַנדערע עקזיסטענצען זיינען נישט פאַראַן, דאָס ווירקט אָבער נישט אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט, ווייל אַלצדינג נויטיגט זיך אין איהם, ער נויטיגט זיך אין גאָרנישט: גאָט איז איינער אָבער נישט איינער אין דער אַרט און נישט אין אַ קערפּערליכער באַציהונג, זיין איינהייט איז אַזוי געשטאַלטעט, ווי נישט קיין שום אַנדערע איינהייט אין דער וועלט.״

לאָמיר זיך אַריינטראַכטען אין די דאָזיגע ווערטער. דער יסוד פון דעם גאַנצען מיימונישען סיסטעם: די ערשטע רעאַליטעט איז אומאָפּהענגיג, סיי קוואַליטאַטיוו, סיי קוואַנטיטאַטיוו, פון יעדער אַנדערער עקזיסטענץ און דערפאַר אייגענטליך פון יעדער עקזיסטענץ. ווי מיר זעהען, ווערט דאָ גאָרנישט דיסקוטירט די פראַגע פון „זיין״ אָדער פון דער דעפיניציע פון רעאַליטעט. דער רמב״ם פּרוּווט זיך גאָרניט צו באַווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט. שוין דערפאַר אַליין ווייל צווישען עקזיסטענץ און זיין איז אַ לאָגישער פילאָזאָפישער אָפּגרונט. עקזיסטירען און זיין זיינען צוויי פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. די פראַגע ווערט דאָ אַזוי פאָרמולירט, נאָר ווייל גאָט איז דאָ, איז בכלל מעגליך צו דענקען רעאַליטעט, דורך זיין „זיין״ ווערט מעגליך עקזיסטענץ. עס איז דער ענדפּונקט פון יעדען דענקען, איך זאָג ענדפּונקט און ניט אָנהויב. ענדפּונקט איז נאָר אַ לאָגישער, אָנהויב — אויך אַ מעטאַפיזישער באַגריף. דער רמב״ם האָט זיך אָפּגעצאַמט פון דער מעטאַפיזיק. יעדענפאַלס פון

דער טעאָלאָגיש געפּאַרבטער. איז ביי די אַלטע גריכישע פילאָ־זאָפען און בפרט ביי די עלעאַטען און די פּלאַטאָניקער, די פראַגע פון דער עקזיסטענץ פון דער וועלט, געווען דאָס פּראָבלעם, ווערט זי ביים רמב״ם אַ פראַגע פון ערפאַהרונג. ער לייקענט איהר נויט־ווענדיגקייט, איהר מוזיגקייט און באַגנוגענט זיך מיט קאָנסטאַטירען דעם פאַקט אַז זי איז דאָ. די וועלט איז אונז געגעבען פון דער ערפאַהרונג. זי איז אַ סומע פון רעאַליטעטען, אָבער ניט אין איהרע איינצעלנע דאַטען און נישט אין איהר גאַנצקייט איז זי סובסטאַנ־ציעל, דאָס הייסט, אין זיך אַליין באַגרינדעט, פאַרוואָרצעלט אין איהר אייגענעם פּרינציפּ. ווייל, און איך ווידערהאָל נאָכאַמאָל דעם טיפסטען אונטערשיד, נאָר גאָט איז, די וועלט אָבער איז פאַראַן, ד. ה. בלויז אַזוי לאַנג ווי זי עקזיסטירט. עס איז אַ ליניע וואָס ציהט זיך פון אַ פונקט. דער פונקט וואָס באַוועגט זיך אין רוים, פילט אָן דעם חלל, און בלייבט דאָך אין זיין לעצטען זיין דער פונקט. די ליניע ווערט אַ פלאַך, ווערט אַ קערפּער אָבער אין אַלע דימענסיעס איז עס בלויז דער פונקט וואָס באַוועגט זיך, און ביי דעם פונקט שטעלט זיך דער רמב״ם אָפּ, מחמת פון יענער זייט פונקט הויבט זיך אָן דאָס נעגאַטיווע, די מינוס ריכטונג, דאָס אומרעאַלע.

איך טייטש דאָ אויס דעם רמב״ם׳שען געדאַנק אין אונזער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע, ווייל דאָס איז געווען, לויט מיין מיי־נונג, דער זין און די פילאָזאָפישע טענדענץ פון דעם מיימונישען געדאַנק. דערמיט ערקלערט זיך זיין פּאָזיטיווע שטעלונג צו אַריסטאָטעל און די פאַרנייענדע צו דעם נעאָ־פּלאַטאָניזם. ווייל צווי־שען די צוויי פילאָזאָפישע שולען — און מען קען זאָגען אַז די גאַנצע פילאָזאָפיע ביז היינט, איז געשפּאָלטען אין די צוויי ריכ־טונגען, איז דער גרונט אונטערשייד באַשטאַנען אין דער דעפיני־ציע פון ווירקליכקייט. אַריסטאָטעל האָט אָנגענומען זיין ווירק־ליכקייט, די פּאָזיטיווע, דער אָן און איבער איהר, די לעצטע רעאַ־ליטעט, דער אָנטאָס אָן, דאָס וואָס עס איז אין דעם אַבסאָלוטען אופן, דער ענס־רעאַליסימוס, ווי די סכאָלאַסטיקער האָבען עס אי־בערזעצט. איין ליניע, איין ריכטונג בלויז אין פאַרשידענע גראַדען פון ווירקליכקייט. פאַר פּלאַטאָן און די ניי פּלאַטאָניקער איז דאָס זיין געווען צווייפאַך געשפּאָלטען, פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, פּלוס און מינוס אָדער ווי פּלאַטאָן האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס זיין און דאָס

ניט זיין. דאָס ניט זיין איז פאַר איהם געווען אויך אַן עקזיסטי־רענדע רעאַליטעט. זי איז געווען די מאַטעריעלע וועלט, די גע־געבענע פון די חושים און פון דער ערפאַהרונג. און צווישען דער אידעע און דער ווירקליכקייט, צווישען גאָט און וועלט, איז די באַציהונג ווי צווישען פלוס און מינוס אין דער אַריטמעטיק.

עס איז דערפאַר אַ מיספאַרשטענדעניס, אָדער אַ פילאָזאָפישער פלפול ווען הערמאַן קאָהען וויל אַריינשפּאַנען דעם רמב״ם דוקא אין די ראַמען פון דער פּלאַטאָנישער פילאָזאָפיע, ווייל דער רמב״ם שרייבט צו דער לעצטער רעאַליטעט אַן איינהייט וואָס איז נישט קיין צאָהל און נישט קיין אָרדענונג־איינהייט, וויל הערמאַן קאָהען אויסטייטשען עס אַזוי אַז אין דעם דאָזיגען „אורגרונט״ באַהאַלט זיך די פּלאַטאָנישע אידעע פון אומגרונט, וואו זיין און ניט זיין פאַראייניגען זיך אויף אַ מיסטישען אופן און וואו פון דעם נעגאַ־טיווען שפּראָצט אַרויס דאָס פּאָזיטיווע. דאָס איז זיכער גוט קאָ־העניש. עס איז אפשר אויך טיפער פּלאַטאָניזם אָבער צום רמב״ם האָט עס ניט קיין שייכות, נאָכמעהר עס שטעהט צו איהם אין אַ דירעקטען געגענזאַץ.

און כדי צו פאַרשטעהן דעם חילוק דאַרף מען זיך אַריינטראַכ־טען אין דעם באַגריף ערשטע רעאַליטעט ביים רמב״ם, צום אונ־טערשיד פון דעם אָנהויב. און אָט ווי דער רמב״ם דריקט זיך אויס (מורה נבוכים 2, קאַפּיטעל 30) „דע שיש הפרש בין הראשון והתחלה״, „עס איז דאָ אַן אונטערשיד צווישען ערשטער און אָנ־הויב״. דער אָנהויב איז אין דעם וואָס הויבט זיך אָן, אָבער איז מיט איהם אויב אפילו נישט פאַר איהם אין צייט. ערשטער אָבער מיינט נאָר דאָס וואָס געהט פאָראויס אין צייט אַליין, א. אַ. וו. אין אונזער טערמינאָלאָגיע מיינט עס: אָנהויב איז אַ קאַוזאַלע קאַ־טעגאָריע, ערשטקייט אַ צייטיגע. אָבער אַ סיבה ווערט נאָר דע־מאָלט אַ סיבה ווען זי ווערט פאַרווירקליכט. „דאָס האַרץ, — גיט דער רמב״ם אַ ביישפּיל — איז די סיבה פון דעם לעבען״. דאָס מיינט אַז דאָס האַרץ קען אַליין ניט עקזיסטירען איידער עס הויבט אָן צו לעבען. הייסט עס, אַז מען קען גאָר ניט זאָגען אַז דאָס איז דער אָנהויב. ערשטקייט אָבער איז נישט קיין קאַוזאַלער אָדער אַ צייטליכער באַגריף. זי זעצט פאָראויס די עקזיסטענץ פון צייט. הייסט עס, גאָט קען ניט זיין קיין אָנהויב, ווייל אָנהויב איז סיבה און סיבה הענגט צוזאַמען מיט דעם רעזולטאַט און האָט אַן איהר

ניט קיין ממשות און זיין ערשטקייט מוז אַרויסגענומען ווערען פון דעם צייט באַגריף ווייל אויב אין צייט, איז ער, אין דעם לעצטען אַנאַליז ניט דער ערשטער, און אויב אַזוי, ווי קומט גאָט אין דער וועלט ?

וואָלט מיימון געגאַנגען דעם טעאָלאָגישען וועג, וואָלט ער אויך אַריינגעפאַלען אין דעם לעצטען פעלער פון אַנזועלם פון קענטערבורי אָדער טאָמאַס פון אַקווינאַ ביז אַרונטער צו דעקאַרט, וואָס האָבען געוואָלט באַווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט מיט דעם באַריהמטען אָנטאָלאָגישען באַוויז. ד. ה., ווייל די וועלט עקזיס־טירט, מוז גאָט זיין. דער רמב״ם געהט אָבער דעם אַקעגענגע־זעצטען וועג. ווייל גאָט איז, עקזיסטירט די וועלט. און דערמיט האָט ער געשמידט פאַר זיך אַ וואָפען כדי צו באַקעמפען די שיטה פון אַריסטאָטעל געגען די אַראַבישע פעריפאַטעטיקער, די תלמידים פון אַריסטאָטעל׳ן, ווי איבן ראשד און איבן סינא, און אויך אַ טייל פון אידישע דענקער וואָס האָבען אָנגענומען די קדמות העולם, די אייביגקייט פון דער וועלט. דער רמב״ם שלאָגט זיי מיט זייערע אייגענע כלי־זין. אייביג קען נאָר זיין אַ סובסטאַנץ. איז די וועלט אייביג, איז זי סובסטאַנץ, הייסט עס, עס זיינען פאַראַן צוויי סוב־סטאַנצען אין דער וועלט פון צוויי פאַרשידענע מינים. איינע רופט מען גאָט, איינע רופט מען וועלט. צוויי סובסטאַנטען אָבער, זיי־נען אַ ווידערשפרוך אין זיך אַליין ווייל אין דעם באַגריף סובסטאַנץ ליגט שוין דער באַגריף איינהייט און איין־איינציגע. אין אַנדערע ווערטער, עס איז דאָ צוויי פאָרמען פון עקזיסטענץ: זיין און ווע־רען. אָבער די וועלט איז, דעמאָלט איז ניט מעגליך ווערען, און דאָס מיינט די וועלט איז אוממעגליך, אָבער זי ווערט, דעמאָלט רעזולטירט דער באַגריף פון זיין וואָס איז חל אויף אין איינציגער קאַטעגאָריע און דאָס איז גאָט.

און ווייל ריינער זיין, ווייל אַלע אייגענשאַפטען זיינען בלויז די קאַטעגאָריע פון ווערען, קען מען פון גאָט גאָרנישט זאָגען אַחוץ דעם, אַז ער איז און איינציג, ניט מאַטעמאַטיש, נישט פיזיקאַליש, נאָר פון אַ באַזונדער מין איינציגקייט. מען קאָן איהם ניט דע־פינירען לאָגיש, דאָס הייסט, שפּראַכליך. מען נעמט איהם אָן — און דאָס איז דער זין פון דעם גלויבען — און געהט ווייטער, און דערפאַר שטעהט די גאַנצע פראַגע וועגען גאָט אויסער און איבער די גרענעצען פון אונזער דענקען. עס איז אוממעגליך, עס איז

אויך אומגויטיג דאָס צו באַווייזן. עס איז ווי דאַנטע האָט אַמאָל געזאָגט: — לאַנגווייליג צו באַווייזן דאָס וואָס איז קלאָר. און פאַר דעם דענקען פון דעם רמב״ם און פון דעם אידענטום איז גאָט דער אומבאַווייזבאַרער אַקסיאָם, דאָס פּראָבלעם הויבט זיך אָן מיט דער וועלט.

און דאָ — אין דער וועלט פון ווערען, פון אָנהויבען און פאַרגעהן, פון געשטאַלטען און גדאַנקען, פון באַציהונגען און גע־גענזאַצען איז דער לעצטער קריטעריום דער פאַרשטאַנד, דער שכל. זאָגט דער רמב״ם (מורה נבוכים 3, קאַפּיטעל 14): „עס איז שוין באַוואוסט אַז אַחוץ דעם שכל איז ניט פאַראַן קיין שום רעאַ־ליטעט, דאָס אוניווערסאַלע איז אין דעם אינטעלעקט און דאָס וואָס איז נישט ענטהאַלטען אין דעם שכל איז דאָס אינדיווידועלע״ א. אַ. וו. דאָס איז ריין אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע און דאָס וואָרט שכל האָט ביי איהם דעם באַגריף פון אַריסטאָטעל׳ס „נוס״ וואָס מיינט, וועלט פאַרשטאַנד, אָדער וואָס מיר וואָלטען היינט גערופען גייסט, גייסטיגע קראַפט צום אונטערשיד פון דער פיזישער זייט פון דער וועלט.

אָבער דערפון צו דער פילאָזאָפיע פון ראַציאָנאַליזם איז נאָך אַ ווייטער מהלך און אחד־העם האָט אין זיין „שלטון השכל״ צו־שטאַרק פאַרשפּיצט דעם באַגריף. עס איז פילאָזאָפיש אומריכטיג אָנצורופען דעם רמב״ם דעם ראַציאָנאַליסט אין געגענזאַץ צו דעם מיסטיקער יהודה הלוי. אויב מען נעמט די באַגריפען אין זייער פילאָזאָפישער גענויאיגקייט איז דער רמב״ם געווען זעהר ווייט פון ראַציאָנאַליזם, ווייל ראַציאָנאַליזם מיינט אַז די לאָגישע נאָרם פון אונזער דענקען איז די נאָרם פון דער וועלט. ראַציאָנאַליזם איז מעטאַפיזיק. דער רמב״ם אָבער, האָט זיך דערווייטערט פון מעטאַ־פיזיק, האָט געלייקענט די מעגליכקייט אויסצושפּרייטען דעם נעץ פון לאָגישע קאַטעגאָריעס איבער דער וועלט.

זיין פילאָזאָפיע איז געווען נישט קיין לאָגיש־קאָנסטרואירטע נאָר אַן עטיש היסטאָרישע אַנשויאונג. די וועלט הויבט זיך אָן. דאָס לעבען איז פאַראַן. אָט אַזוי ווי עס איז האָט עס אַ ווערט און אַ זין, אוממעגליך דערגעהן ביז צו דעם אַבסאָלוטען יסוד. דאָס איז דער גרעניץ צווישען וויסען און גלויבען. די וועלט איז אַ גע־שיכטליכער פּראָצעס, פיזיקאַליש און מענשליך, דאָס הייסט, גייס־טיג עטיש. עס זיינען גאָר ניטאָ קיין לעצטע פּראָבלעמען ווייל זיי

אַלע ווערען פאַרענטפערט דורך דעם אַלערלעצטען און דאָס איז — דאָס זיין, וואָס ברענגט אַרויס דאָס ווערען, די שאַפונג, וואו שאַפען, מוז זיין ציל, און זין און ווילען נישט נאָר ביי דעם שאַפענ־דעם, נאָר אויך אַן דעם געשאַפענעם. אַלצדינג אין דער וועלט האָט דערפאַר אַ ציל און אַ זין און אַ ווילען. און ווייל די וועלט איז אַ קייט פון באַציהונגען זיינען דאָ העכערע און נידעריגע פאַר־מען פון לעבען און דאָס מיינט איינפאַכערע און קאָמפּליצירטערע. דער מענש איז דאָס קאָמפּליצירטעסטע אין דער וועלט פון ער־פאַהרונג ווייל די פּסיכיש־באַגאַבטסטע און גייסטיגסטע באַשעפעניש, און גייסטיגקייט מיינט פרייהייט. ביז צו אַ געוויסער מאָס און גע־וויסע גרעניצען, נישט קיין אַבסאָלוטע פרייהייט, ווייל דאָס וואָלט געווען אין ווידערשפּרוך מיט'ן גאַנצען וועלט באַגריף, מיט דער אידייע פון געשאַפענקייט. די וועלט קען קיינמאָל ניט דערגרייכען קיין פאָלקאָמענהייט, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אַבסאָלוטע אומ־ענדליכקייט, און הגם די וועלט איז אומענדליך אין איין ריכטונג, האָט זי פאָרט אַ גרעניץ אין דעם אַנהויב. זי איז אַ חלק פון דער גאַנצקייט, אָבער ווי אַ טייל האָט זי אויך אַ חלק אין דעם זין און אין דער אידייע, און יעדער חלק פון איהר האָט זיין טייל. עס איז אַ לייטער מיט שטאַפּלונגען, אַ קייט פון דערנעהנטערונגען. דער גרויסער פּלאַנטער פון דעם לעבען. אַלע ענדערונגען, אַלע פעה־לערען קומען דערפון וואָס דער מענש קען ניט אָדער וויל ניט באַ־נעמען די אַלע מאָטיווען פון דער וועלט סימפאָניע, און דערפאַר זאָגט דער רמב״ם (מ. נ. חלק 4, קאַפּ. 52) „באַשטייט די פאָלקאָמענ־הייט פון דעם מענשען אין דעם וואָס ער באַמיהט זיך צו דערגרייכען דעם פאַרשטעהן פון גאָט לויט זיין מעגליכקייט. צו וויסען אַז דער שאַפער האָט געהאַט אַ זין ביים שאַפען און ביים פיהרען דאָס געשאַפענע און דערפאַר מוז ער, דער מענש, נאָכפאָלגען דעם באַ־גריף, פיהרען אַ לעבען פון גערעכטיגקייט און צוצוגלייכען זיך צו דעם ווערק פון גאָט". אָט מיט די ווערטער ענדיגט זיך דער מורה נבוכים און דאָס איז דער תמצית פון דער גאַנצער רמב״מ'שער פילאָזאָפיע.

„אַזוי ווייט ווי מעגליך" אָט דער אויסדרוק אין זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם רמב״ם. דאָס לעבען איז בלויז אַ דערנעהנטערונג צו אַן איבערוועלטליכער אידייע — אין דעם פונקט באַרירט זיך דער געדאַנק פון דעם רמב״ם מיט

דער טיפסטער אידעע פון פלאַטאָן — און דאָס לעבען איז אַן אויס־טייטשונג און אַ סימבאַליזירונג. די אויסטייטשונג פון דעם וועלט געדאַנק, די פאַלשע און די ריכטיגע, די גוטע און די שלעכטע, איז די געשיכטע, און דער זין פון דער געשיכטע איז די אָרדנונג, ווייל אָרדענונג איז דער פונקט וואו עס שמעלצען זיך צונויף די פיזישע וועלט און די מאָראַלישע. דער רמב״ם האָט עס ניט פאָר־מולירט מיט די דאָזיגע ווערטער. וואָס איך רוף אָן דאָ דעם היס־טאָרישען פּרינציפּ אָדער דעם סאָציאַל עטישען, רופט ער אָן מיט דעם אַלטען טראַדיציאָנעלען טערמין נביאות, דער פּרינציפּ פון נביאות און דאָס הייסט די געשיכטע אין איהר אויסוויקלונג איז געווען פאַר איהם אַ מעטאָדאָלאָגישער מיטעל, כדי אויסצושיידען די מעטאַפיזיק פון דער מאָראַל. ער האָט עטיזירט דעם שכל און נישט ראַציאָנאַליזירט די עטיק, ווי אחד־העם האָט געמיינט.

הערמאַן קאָהען האָט געזאָגט אַ זעהר ריכטיג און טיף וואָרט וועגען דעם רמב״ם און וועגען דער גאַנצער אידישער פילאָזאָפי: — עס איז דער קאַמף אַנטקעגען דעם מיטאָס, די באַפרייאונג פון דעם געדאַנק פון דעם מיטאָלאָגישען עלעמענט.

מיטאָס הייסט וואָרט. דערציילונג און משל און ווערטער ווערען אַ נעץ, ווערטער פאַרקניפּען און פאַרנאַרען, און די גאַנצע אַרבייט פון דעם אידישען דענקען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט געזוכט צו באַזייטיגען אַזוי ווייט ווי מעגליך אָט דעם וואָרט — און בילדנעץ. און איז נישט קיין צופאַל וואָס איינער פון די מאָדערנסטע אידישע דענקער, פריץ מאוטנער, דערפיהרט דעם קאַמף אַנטקעגען דעם מיטאָס, ביז צו די לעצטע קאָנסעקווענצען אין זיין „קריטיק פון דער שפּראַך״, אין זיין לייקענען דעם ווערט פון יעדער אידעע ווען זי ווערט באַקליידט אין ווערטער.

און דער גרויסער בלייבענדער פאַרדינסט פון דעם רמב״ם אין דער היסטאָריע פון דער אידישער קולטור, איז אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעפיהרט מיט אַזאַ קלאָרקייט און מיט אַזאַ מוט דעם קאַמף אַקעגען דעם וואָרט, אַקעגען אַלע פּרימיטיווע פאָרשטעלונ־גען, אַלע לעגענדעס און פאַנטאַזיעס וואָס פאַרשטעלען זיך פאַר אידייען. און ער איז דערפאַר געוואָרען, ניט בלויז דער דערקלערער נאָר אויך דער קלערער, דער אויפקלערער פון דעם אידענטום.

יעדע שאַפונג ווערט פאַרעלטערט. יעדער סיסטעם פאַרלירט זיין ווערט נאָך אַ געוויסער צייט. אָבער פון דער גאַנצער לעבענס־

אַרבייט פון אַ דענקער בלייבט איבער איין מאָטיוו, איין אידייע. און פון דער לעבענסאַרבייט פון דעם רמב״ם איז געבליבען: דער פּרימאַט פון דעם פּראַקטישען געדאַנק איבער דעם טעאָרעטישען און די פאַרוועלטליכונג, פאַרגעשיכטליכונג פון דעם אידענטום.

וועגען ציהען זיך פון דעם רמב״ם — איבער קרשקש צו ספּינאָזאַ, צו שלמה מימון, צו הערמאַן קאָהען, ביז אין אונזער צייט אַריין. אַנדערע פאָרמולעס, נייע פּראָבלעם־שטעלונגען, פאַרשידענע לייזונגען, אָבער דער חותם פון משה בן מימון איז געבליבען אויף דעם אידישען דענקען: די פילאָזאָפיע פון דער מענשליכער פרייהייט און אחריות, דער פרייהייט פון דעם מענשען — ווייל די פרייהייט איז פון גאָט.

אַפּריל, 1935

דער לעצטער נשיא

וועגען דאָן יצחק אַברבנאַל
(1437 — 1509)

„האָלאַ — דאַני — שטעל זיך אָפּ, אָט דאָ — דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר? ער זינגט אַזוי הויך, און מיט אַזוי פיעל חשק, אַז ער הערט אפילו ניט מעהר זיך אַליין, מעסער לעאָנע."

אָבער דאַני, דער גאָנדאָליער, האַלב נאַקעט, אָבער דער קאָפּ פאַרבונדען מיט אַ פּראַכטפול קאָלירטער פאַטשיילע, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען ליד.

„ווי, קסע, קסע, אייערע עקסצעלענצען — איך שטעל זיך אָפּ. אָבער ווי זאָל איך דאָ צופאָהרען — דער צוגאַנג איז פאַרשטעלט מיט גאָנדאָלאָס — און וואָס פאַר אַ גאָנדאָלאָס! זעהט, עקסצעלענץ, דאָ איז אָן אָפּגעגילטע גאָנדאָלאָ מיט דעם ווענעציאַנער לייב און דער פאָהן פון סאַן־מאַרקאָ, און דאָרט, די צווייטע — וואָס פאַר אַ פּראַכט! העי, דו דאָרט, דו אויסוואורף פון דער ערד, דו זוהן פון אַ האָרבאַטען קעמעל און אַ גע׳פּגר׳טער קוה — וועמעס גאָנדאָלאָ איז דאָס?"

און דער אַזוי אַדרעסירטער גאָנדאָליער פון דער אַנדערער שיף האָט געענטפערט קאָלטבלוטיג: „דו, חזיר און טערק, דו..." — און נאָך אַ מבול פון ווערטער און „כיבודים" אין בעסטען ווענעציאַנער סטיל און דיאַלעקט האָט ער אויפגעקלערט זיין קאָלעגע, אַז דאָס איז די גאָנדאָלאָ פון דעם פאָרטוגעזישען געזאַנדטען, וואָס איז דאָ אינאיינעם מיט דעם סעקרעטאָר פון דער ווענעציאַנער רעגירונג און צוויי פאָרטרעטער פון דעם „ראָט פון די צעהן" געקומען צו דעם „אידען" דאָן איזאַאַק".

— „אייער פאָטער האָט הויכען באַזוך — מעסער לעאָנע."

„מעסער לעאָן" — אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע־און־פערציג, מיט אַ שפּיציג צוגעשוירען בערדעל, נאָך דער שפּאַנישער מאָדע, און אָנגעטאָן אין שוואַרץ, ווי אַ דאָקטאָר — האָט פאַרקנייטשט דעם שטערען: „הויך? אָבער פירשט פראַנטשעסקאָ — וואָס רופט איהר אָן הויך? הויך איז אַ תליה, הויך איז דער וואָלקען — און הויך די כוואַליע פון צער — זיי אָבער — ווער זיינען זיי?

מעקלערס פון טיראַנען, וואָס זוכען אַ הלואה ביי מיין פּאַטער — נאָכדעם ווי זיי האָבען ביי איהם צוגענומען זיין גאַנצען פּאַרמעגען — אָבער, אויב איך האָב ניט קיין טעות, קומען זיי דאָס צו איהם, צו דעם אַלטען פינאַנץ-מכשף, כדי אויסצוגלייכען זייערע געלט-סכסוכים. איהר ווייסט דאָך — די „סערעניסימאַ", די רעפּובליק פון ווענעדיג, קריגט זיך אַרום וועגען שטייערען און טאַריפען מיט דעם מאָנאַרך פון פּאָרטוגאַל — אַט דעם אייגענעם, וואָס האָט אַרויסגעטריבען אַלע אידען און האָט ביי מיר אַוועקגערויבט מיין עלטסטען זוהן —און דער פּאַטער מיינער דאַרף זיי אויסגלייכען, אַרויספיהרען זיי פון דעם פּלאָנטער. אַ מערקווירדיגע וועלט, מיין פירשט."

פון דעם הויז אויף דער דזשודעקאַ — דעם טייל פון ווענעציע, וואו עס האָבען זיך באַזעצט די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אי-דישע אימיגראַנטען, זיינען דערווייל אַרויסגעגאַנגען אַ גרופּע מענ-שען. „מאַכט אַ וואַרע פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער רעפּובליק — מאַכט אַ וועג פאַר זיין עקסצעלענץ דעם אַמבאַסאַדאָר פון זיין פּאָרטוגעזישער מאַיעסטעט."

דינער און סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען פאַראויס — הינטער זיי די ווענעציאַנער און פּאָרטוגעזישע שטאַאַטסמענער — און ביי דער טיר פון דעם הויז איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אין שפּאַנישער קליידונג, און האָט זיך מיט הכנעה פאַרבויגט פאַר די געסט. „אַדיאָס, דאָן כאַזע" — האָבען זיי צוגערופען דעם יונגענמאַן — „אַדיאָס — און דאַנקט נאָכאַמאָל אייער פּאַטער דאָן איזאַאַק — אַך, אַ שאָד וואָס ער וויל ניט ווערען קיין קריסט. מיט אַזויפיעל חכמה און אַזאַ בילדונג — וואָס וואָלט ער ניט געקאָנט זיין! ער וואָלט געקאָנט ווערען דער ערשטער מיניסטער פון פּאָרטוגאַל — ווי אַמאָל — אַ יאָ, דאָן כאַזע? אָבער זעהט — דוכט זיך, דאָרט אייער ברודער, דאָן לעאָן אַברבנאל — דער „דאָקטאָר"? און ווער איז מיט איהם? דאָס איז דער פירשט פּראַנטשעסקאָ פּיקאָ די מיראַנדאָלאָ — דער גרעסטער געלערנטער פון אונזער צייט — דער שטאָלץ פון דעם מערב."

זיי האָבען זיי דערקענט — זיי האָבען זיך באַגריסט — און באַלד זיינען די ווענעציאַנער און פּאָרטוגעזען אַוועקגעפאָהרען אויף זייערע גאָנדאָלאָס.

דער „דאָקטאָר" און דער פירשט זיינען אַרויסגעגאַנגען פון

זייער גאָנדאָלאַ. „שלום —יוסף!" „שלום — יהודה!" די צוויי ברידער האָבען זיך באַגריסט, און יהודה, דער עלטערער, האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיין איינגערען ברודער יוסף זיין פריינד — דעם פירשט מיראַנדאָלאַ.

"ווי געהט עס דעם פאָטער?"

„דו וועסט באַלד אַליין זעהן. ער איז מיד און שוואַך — די שטאַאטס-געשעפטען האָבען איהם פאַרמאַטערט. און דו ווייסט דאָך ווי ער איז — ער זיצט גאַנצע טעג און לערנט און אַרבייט און שרייבט. ער מוז, זאָגט ער, אַניאָגען די צייט וואָס ער האָט פאַר־לוירען, ווען ער איז געווען מיניסטער און דיפלאָמאַט. איצט זיצט ער איבער אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון עפּעס אַ דייטשען רב, און טראַכט."

„זאָל איך אפשר אָפּלייגען מיין וויזיט — מעסער לעאָנע?" — פרעגט דער יונגער פירשט. — „איהר ווייסט דאָך, קיין געשעפטען האָב איך דאָך ניט מיט איהם. איך האָב בלויז געוואָלט זיך דורכ־שמועסען מיט איהם וועגען דער קבלה, וואָס מיין ברודער, דזשאָנו־אָגי, האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. ד. ה. — איך האָב אייגענטליך געוואָלט הערען, ווי עס רעדט דער גרעסטער געלערנטער פון דעם אידישען פאָלק — און זעהן ווי עס זעהט אויס דער נשיא דאָן יצחק אברבנאל, דער צווייג פון דעם קעניגליכען בוים פון דוד."

„מיר וועלען זעהן, מיין פריינד — מיר וועלען זעהן. קומט נאָר אַריין — מיין פאָטער וועט זיך זיכער פרעהען."

און באַלד זיינען די צוויי — דאָן יהודה אברבנאל, באַוואוסט אין דער וועלט ווי לעאָנע העברעאָ, אָדער לעאָן מעדיקאָ, דער דאָק־טאָר, און נאָך מעהר באַריהמט אַלס דער פאַרפאַסער פון די „דיאַ־לאָגען וועגען ליבע"; און זיין פריינד, דער פירשט און ערשטער געלערנטער פון איטאַליע, פראַנטשעסקאָ פּיקאָ דע לאַ מיראַנדאָלאַ — אַריינגעגאַנגען אין אַ חדר, וואו עס איז געזעסען ביי אַ טיש, אין אַ טיפען שטול, אַ מענש פון אַ יאָהר זיבציג. אַ שטאָלצער גרויער קאָפּ — און אַ לאַנגע, ברייטע, ווייסע באָרד. שוין ניט מעהר שפּאַניש צוגעפּוצט — נאָר אין איהר גאַנצער אידישער ברייטקייט און נאַטירליכקייט. אויפ'ן טיש — ביכער. אַרום די ווענט, אויף די בענק — אומעטום ביכער, די גרויסע, וואונדער־באַר געבונדענע פאָליאַנטען פון די דרוקערייען אין ווענעדיג און

באַזעל, אָבער אויך מגילות — מאַנוסקריפּטען, וואָס האָבען גע־טראָגען אויף זיך דעם חותם פון הונדערטער יאָהרען.

„דאָס ביזטו, יהודה?" — דער אַלטער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען פון דעם ספר וואָס ער האָט געלייענט — און אין זיינע אויגען איז געווען מידקייט און אומעט און שטאָלץ, דער שטאָלץ פון אַ מענשען, וואָס ווייסט זיין אייגענעם ווערט, אָבער אויך די נישטיגקייט פון אַלץ וואָס איז אַרום איהם.

„יאָ, פאָטער, דאָס בין איך —, און דאָס איז מיין פריינד — דו קענסט דאָך זיין נאָמען — דער פירשט דע לאַ מיראַנדאָלאַ."

„יאָ, געוויס קען איך דעם נאָמען אייערען — עקסצעלענץ — און אייער גרויסען ברודער'ס — איהר זייט דאָך באמת — ווי מען זאָגט ביי אונז — פון די צדיקי אומות העולם. איהר ווילט לערנען אונזער חכמה — און ניט ווי זיי דאָרט — די משומדים אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, כדי צו רודפ'ן און צו פאַרניכטען דעם אידען, נאָר כדי באמת צו שעפּען פון אונזער קוואַל. נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט פון גייסט? נאָר־וואָס — איהר האָט דאָך געזעהן — האָב איך זיך באַפרייט פון די פאַרטרעטער פון דער חומר־וועלט, פון דער גאָלד־וועלט — געלט, געלט — און שווינדעל אין די אויגען, און ליגען אין דעם מויל און פאַלשקייט אין יעדער באַוועגונג. עס עקעלט מיך — איהר ווייסט, איך פיהל ווי צו טובל־זיין זיך — אַזוי אומריין איז דאָס אַלץ.

„און ווען איך טראַכט — ווי איך אַליין האָב פאַרבראַכט מיינע בעסטע יאָהרען — ביים שפּאַנישען הויף, ביים פּאָרטוגעזישען הויף, ביים הויף פון נעאַפּעל, שטענדיג אַ פינאַנץ־מיניסטער, תמיד באַ־שעפטיגט מיט מלוכה־געשעפטען — געהט מיר אַריבער אַ גרויל איבער'ן לייב. אַזוי פיעל צייט אַנגעוואוירען — און צו וואָס? גע־האָפט, אַז איך וועל קאָנען ראַטעווען דאָס ביסעל אידענטום פון שפּאַניע — בין דאָך געווען אַ שר, אַ האַר, אַ מיניסטער, אַ גרויסער יחסן און אַן עושר — געהאָפט, אפשר וועט צוליב מיר דאָס שפּאַ־נישע אידענטום זיך אַרויסדרעהען פון דער גזרה — אָבער עס האָט ניט געהאָלפען.

„איהר האָט געזעהן נאָר־וואָס די הויכע שטאַאַטסמענער פון ווענעדיג און פון פּאָרטוגאַל — זיי זיינען איצט אַזוי פריינדליך, אַזוי לייטזעליג, אַזוי חניפה'דיג. דאָן איזאַאַק — נואָסטראָ סינאָ־ריא" — זיי האָבען מיך שיעור ניט גערופען „פירשט". אָבער,

יהודה, דו געדענקסט אַט דעם טאָג — אין דעם יאָהר 1492 — געדענקסט, ווען איך בין אַוועק צום קעניג בעטען פאַר׳ן פאָלק, בעטען מען זאָל צוריקרופען די גזרה פון דעם גירוש —

„געגאַנגען — און שוין אויפ׳ן וועג האָב איך געוואָלט זיך פאַרקירעווען. פון אַלע זייטען — דער המון — שטיינער זיינען געפלויגען, מען האָט מיר נאָכגעשריען אַלערליי זידעל־נעמען, מיר — דעם מיניסטער פון שפּאַניע. אפילו די וואַך אין דעם פּאַלאַץ האָט מיך ניט געוואָלט דערקענען. מיין בלוט האָט געקאָכט אין מיר. איך האָב זיך געטראַכט: צו וואָס? צו וואָס גייהן בעטען, זיך דערנידעריגען? קיין שום פאָלק קאָן ניט אַזוי לעבען ווי מיר — מען טאָר ניט אָנוואַרפען זיך — זיי ווילען אונז ניט — דאַרף מען ניט. פאַרקעהרט — אפשר טאַקע זיך צו לאַנג פאַרגעסען, פאַרגעסען, אַז סוף־כל־סוף איז דאָס בלויז אַ גלות — אַ שטייג — אַז עס וואַרט אויף אונז אַן אַנדער גורל.

„און אַט שטעה איך פאַר דעם קעניג. פערדינאַנד — דער שווערער, דער לאַנגזאַמער, און לעבען איהם די קעניגין איזאַבעלאַ, אַ ראָמאַנטישע, אַ פּאָעטישע פרוי. איך ברייננ פאַר מיינע אַרגומענטען — שווערע, גאָלדענע, פּראַקטישע. איך ווייז־אָן אויף דעם שאָדען, וואָס שפּאַניע וועט האָבען פון דעם גירוש. דער קעניג הערט און שווייגט. איך זעה — ער האָלט מיט מיר. אָבער פּלוצלינג רייסט זיך אַריין פראַ טאָמאָס — דער גלח טאָרקוועמאָדאַ — און שפּילט פאַר אַ דראָמע: וואַרפט דעם צלם אויפ׳ן טיש און שרייט: איהר פאַרקויפט איהם אויפ׳ס ניי.

„איזאַבעלאַ, די ראָמאַנטישע, ווערט פאַרציטערט. דער קעניג פערדינאַנד בליצט־אויף מיט די אויגען — ער וויל הייסען אַרויסוואַרפען דעם אומפאַרשעמטען גלח —אָבער איזאַבעלאַ האַלט איהם צוריק: זי וויל דראָמע, זי וויל היסטערישע טראַגעדיע — און דער קעניג גיט־נאָך.

„און לאָמיר אייך זאָגען — איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ אַ באַפרייטער. איך האָב פאַרשפּילט — אָבער אויך געפיהלט, אַז דאָס פאָלק האָט געוואונען, די וועלט האָט געוואונען.

„און דעמאָלט האָב איך געשריבען אין מיין ספר „משמיע ישועה": „עס איז ניט קיין ספק, אַז משיח איז געבוירען געוואָרען

אַרום דער צייט, ווען דער גרויסער גלות פון שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבען... די טעג פון משיח זיינען נאָהענט״—״

„אָבער, טאַטע — דו האָלסט אין איין טרייסטען און שטאַרקען דעם גלויבען — איז דאָס אָבער בלויז אמונה. ווי דערקלערסטו עס אָבער מיט׳ן שכל? מיר זיינען דאָך אין אַן אויפגעקלערטער צייט — און מוזען דאָך אַלצדינג דורכנעהמען מיט דעם פאַרשטאַנד — און אַט זעהסטו דאָך, די פילאָזאָפען, אונזערע אייגענע, ר׳ לוי בן גרשון, און די שפּעטערע, האָבען געהאַט זייערע ספיקות.״

„אָך, מיין זוהן, דו ביזט דאָך אַ פילאָזאָף — דו און ניט איך — איך בין דאָך בלויז אַן אַלטער איד, וואָס לערנט תורה און זוכט צו פאַרשטעהן און שרייבט זיין גאַנצען לעבען פירושים — און אויף דיר גראַד וואונדערט עס מיר: האָב איך דאָך טאַקע ביי דיר אַליין — אין דיינע „דיאַלאָגען וועגען דער ליבע״ — געלייענט: „אין דער וועלט קאָן ניט עקזיסטירען דאָס וואָס האָט ניט קיין ליבע״. און דאָס וואָס מיר רופען־אָן „פאַרשטעהן״ און „שכל״ און „חקירה״ — וואָס איז דאָס, אויב ניט ווילען אויף אונזער אומגעלומפּערטען אופן דערקלערען מיט ווערטער, דאָס וואָס דאָס הארץ, וואָס די פאַנטאַזיע האָט אַרומגענומען און אויפגעפאַסט. איך רוף עס אַן גלויבען; דו, ליבע, אַן אַנדערער וועט האָבען אַן אַנדער נאָמען — דער תוך איז דער אייגענער.

„איך האַלט זיך ניט פאַר קיין פילאָזאָף — אָבער מיין גאַנץ לעבען האָב איך געהאַט איין צוועק: אָנהאַלטען דעם פייער. אַט דעם פייער, וואָס איז געקומען פון דעם „סנה״, וואָס האָט געפלאַ־קערט פאַר די נביאים, דער פייער פון דעם „עמוד האש״. מיר זיינען נאָך אַלץ אין דעם מדבר — מיר זיינען נאָך ניט דערגאַנגען. אַלצדינג איז געווען אַ צוגרייטונג. דאָס לעבען פון דער גאַנצער וועלט — בלויז אַ הקדמה, אַ לאַנגזאַמע צוגרייטונג. דער צוועק פון דער וועלט איז — משיח.

„און אַזוי האָב איך געשריבען — און דאָס איז דער מיטעל־פּונקט פון מיין גאַנצען טראַכטען און פיהלען: „משיח בן דוד יהיה בו סוף השלמות האנושיות״ — משיח, אונזער משיח, איז די פאַרענדיגונג פון דער מענשליכער פולקאָמענקייט. און מיר זיינען — די מדריכים, די פיהרער צו דעם ציל. די נביאים האָבען אָוועק־געלייגט דעם חותם אויף דער וועלט־געשיכטע, און דער רב — דער איינציגער גרויסער אידישער דענקער, דער רמב״ם — האָט דעם

חותם נאָך טיפער אַריינגעדריקט — אין פלייש, אין אונזער גוף. און ליידט דער גוף — גליהט דער חותם — עס איז כדאי!״

דער אַלטער נשיא האָט זיך האַלב אויפגעשטעלט — כמעט אין עקסטאַז, אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער אָוועקגעזעצט — און מיט אַ מידען שמייכעל זיך געווענדט צום פירשט מיראַנדאָלאַ:

„פּאַרצייהט, עקסצעלענץ — איך האָב זיך אַביסעל אויפגערעגט — איהר ווייסט, מען ווערט אַלט — און מען קאָן זיך ניט באַהערשען — אַ יאָ, מיין זוהן, דער דאָקטאָר?״

אָבער דער איטאַליענישער פירשט און דער ערשטער פילאָזאָף פון דער איטאַליענישער שפּראַך האָט זיך אויפגעהויבען און זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם אַלטען: „איך האָב געזעהן דעם לעצטען נביא פון דעם פאָלק ישראל״ — האָט פירשט מיראַנדאָלאַ געזאָגט — און דאָן איזאַאַק האָט געשמייכעלט.

און ווען דער אַלטער דאָן יצחק אברבנאל — דער לעצטער שטאַאַטסמאַן פון דעם שפּאַנישען אידענטום, און דער ערשטער פון דעם נייעם גלות, דער גרעסטער למדן און מפרש פון זיין צייט, דער געלערנטער, דער פאָרשער, איז געשטאָרבען אַ קורצע צייט נאָך דער אונטעררייידונג אין דעם פּאַלאַץ אין דער װענעציאַנישער געטאָ — האָט דאָס גאַנצע שפּאַנישע אידענטום איהם באַוויינט — איהם, דעם לעצטען נשיא פון דעם אידישען פאָלק.

זיי האָבען געוואוסט: איין געשיכטליכער קאַפּיטעל איז אָפּ־געשלאָסען געוואָרען מיט דעם טויט פון דאָן יצחק אברבנאל, און אַ ניי קאַפּיטעל האָט זיך אָנגעהויבען — דער קאַפּיטעל: משיח.

אַ קאַפּיטעל, וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיגט.

מערץ 27, 1937

די מאַסקע פון דעקאַרט

אַ בריק אין פּאַריז — די „נייע בריק״ — אין אַ זומער־טאָג. פּאַריז אַזוי גרין און שאָטנדיג — און דער טייך סעין אַזוי רוהיג און קלאָר און פאַר׳חלומ׳ט.

אויף דער בריק — אָנגעשפּאַרט אויף די פּאַרענטשעס — אַ גרופּע מענשען, אָנגעטאָן אין דעם סטיל פון דער צייט. עס איז אַ גראַווירע פון 300 יאָהר צוריק — אין דעם סטיל פון דעם יאָהר 1637: פאַרבענדיגע מאַנטלען, ברייטע קאַפּעליושען מיט לאַנגע פעדערען, און אונטער׳ן מאַנטעל אַ שווערד. לויטער „זשאַן דע ביען״ — פאַרנעהמע מענשען, ווי מען פלעגט דעמאָלט רופען אין פראַנקרייך די „העכערע קלאַסען״.

מען האָט גערעדט — ווי דער מנהג איז אין פּאַריז, איצט און פריהער און צו אַלע צייטען — אַביסעל וועגען אַלץ: פּאָליטיק, ליטעראַטור, פּאָעזיע — און נאָך אַלעמען און הויפּטזעכליך וועגען פרויען. בלויז צוויי פון די פאַרנעהמע הערען זיינען געשטאַנען אַן אַ זייט — און זיינען פאַרטיפט געווען אין אַ שמועס, וואָס וואָלט אפשר איבעררעאַשט זייערע נעהנטערע שכנים — אַ שמועס, וואָס האָט דערנאָך איבערראַשט פראַנקרייך, אייראָפּע, די דורות וואָס זיינען שפּעטער געקומען.

ווייל איינער פון זיי האָט געהייסען — רענע דעקאַרט, און דער צווייטער — בלעז פּאַסקאַל. דעקאַרט — דער עלטערער, אַ הויכע שלאַנקע געשטאַלט, מיט דער האַלטונג און אויסמושטירונג פון אַן אָפיציר — אַ מענש פון איין־און־פערציג יאָהר, אָבער געעלטערט פאַר דער צייט. מען האָט אויף זיין פּנים געזעהן די שפּורען פון וואַכע נעכט, נעכט און טעג פאַרבראַכט צווישען ביכער, ביים שרייבטיש, אין דער איינזאַמקייט, זיין שטערן — געקנייטשט ווי ער איז געווען — האָט אויסגעזעהן ווי די ברייטע, הויכע קופּאָלאָ פון אַ ברייטען, ווייט־פאַרנעהמיגען, קיהל־שעהנעם, פּראָפּאָרציאָנעל געבויטען רענעסאַנס־בנין. אינעווייניג — האָט מען געוואוסט — איז רוה, איז מאָס, איז חכמה.

דער צווייטער אָבער —ביידע נעמען שטעהען אויף דער גראַ־ווירע — קלענער אין וואוקס, אינגער, מאָגער, געדיכטע שוואַרצע

האָר, און אויגען ווי ברענענדיגע קויהלען. זיין גוף, זיין קול, זיין קוק, זיין גאַנצער יש — ציטערנדיגע ליידענשאַפט, אַ פייער־שטראַל וואָס לאָזט זיך ניט לעשען.

„איהר זייט שוין לאַנג אין פּאַריז, הער דעקאַרט? איהר האָט גאָר ניט קיין באַגריף, ווי גליקליך איך בין אייך צו טרעפען. איהר ווייסט — גאַנץ פּאַריז געהט דאָך כאַדראַם. אייער בוך — וואָס איהר האָט נאַר־וואָס אַרויסגעגעבען אין ליידען—האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן ערד־ציטערניש אָדער פון אַ וואולקאַנישען אויס־ברוך."

„מיין בוך — הער פּאַסקאַל? פון אייך, דעם גרויסען, דעם גע־ניאַלען מאַטעמאַטיקער, איז עס מעהר ווי אַ קאָמפּלימענט — עס איז אַ באַרוהיגונג. איהר מיינט דאָך זיכער דעם טייל פון מיין בוך, וואו איך פיהר־דורך מיינע אידייען וועגען דער געאָמעטריע — און דאָ, גלויב איך, האָב איך עפּעס מחדש געווען."

„עפּעס? — מייסטער דעקאַרט —עפּעס? ווייסט איהר דען וואָס איהר האָט אויפגעטאָן? איהר האָט דאָך געשאַפען אַ נייע וויסענשאַפט. ווער ווייסט עס מעהר פון מיר? איך, וואָס האָב גע־אַרבייט איבער דעם שווערסטען פּראָבלעם פון דער געאָמעטריע, די „קאָנישע שניטען" — איך, וואָס האָב אינאיינעם מיט דעם גרויסען מאַטעמאַטיקער פערמאַ געזוכט נייע וועגען אין דער שעהנ־סטער און ריינסטער וויסענשאַפט — ווער קאָן נאָך אַזוי אָפּשאַצען אייער אויפטו, ווי איך? איהר האָט צונויפגעשפּאַנט די צוויי גע־ביטען וואָס זיינען פריהער געווען ווי צעשיידט — פאָרם און צאָהל, אָדער פילאָזאָפיש אויסגעדריקט — דאָס זייענדיגע און די באַצי־הונג, דאָס וואָס איז און דאָס וואָס האַלט אין איין ווערען — אין איין זיך בייטען. איהר האָט געשאַפען אַ סינטעז צווישען געאָמעטריע און אַלגעבראַ, געשאַפען די אַנאַליטישע געאָמעטריע — און פאַר אייער ווערק גילט דאָס וואָרט, דאָס אַלט־גריכישע: „קטעמאַ עסט אַעי" — אַ געווינס אויף אייביג.

„אָבער ניט וועגען דעם, מייסטער, ניט וועגען דעם וויל איך מיט אייך ריידען — איצט, אין דעם איצטיגען מאָמענט. איהר האָט אין אייער בוך נאָך אַ טייל, און דער הייסט: דער שמועס וועגען דער מעטאָדע („לע דיסקור דע לאַ מעטאָד") — און דאָס איז עס וואָס לאָזט מיך ניט שלאָפען ביינאַכט, און דאָס איז עס וואָס האָט מיך געבראַכט צו אייך."

„אַ, מיין פילאָזאָפיע — איהר אויך, מייסטער פּאַסקאַל — איהר, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פיזיקער, איהר אויך ווי די גלחים און טעאָלאָגיע־דאָקטוירים מיט די שוואַרצע מאַנטלען, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו זשומען ווי די בינען און זוכען מיך צו שטעכען — ווי זיי קאָנען, און אוי קאָנען זיי! — איהר געדענקט דעם גורל פון גאַלילעי, פון פּאָמפּאָנאַצי, פון קאַמפּאַנעלאַ, פון ברונאָ, וועמען די גוטע און פרומע האָבען פאַרברענט אָדער פאַרמאַטערט אין די טור־מעס... איהר אויך?...״

„זייט ניט ביטער, און זייט ניט אַזוי קאַלט, דעקאַרט״ — בעט זיך ביי איהם פּאַסקאַל פון די ברענענדיגע אויגען. „פאַרגעסט אויף איין רגע אָן זיך, אָן מיר, אָן די גלחים און די פּראָפעסאָרען, טראַכט מיט מיר, פאַר מיר. הערט: איך לייד. איך בין קראַנק. איך וויים, מיינע טעג זיינען געציילטע — און איך וויל וויסען, וואָס איז דאָ אַזוינס די וועלט וואו איך לעב. איך וויל וויסען — וואָס איז דאָס אַרום מיר, איבער מיר— איז דאָ אַ גאָט? און אויב יאָ, וואָס איז גאָט? פון וואַנען גוטס און שלעכטס? אויב גאָט איז פולקאָמענקייט, העכסטע און לעצטע סובסטאַנץ — אויב גאָט די ריינסטע אידייע — פון וואַנען, פאַר וואָס אונזער אומגליקליכקייט, פון וואַנען די יסורים פון לייב און גייסט?״

דעקאַרט פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיינע אויגען ווערען קאַלט — כמעט גרויזאַם.

„איהר ווילט, הייסט עס, ניט קיין פילאָזאָפיע, ניט קיין וויסענ־שאַפט, ניט קיין ריינעם געדאַנק, נאָר די זיכערקייט פון דער מאַרק־וויב, וואָס געהט צו איהר „גאָט״ און פאַרלאַנגט פון איהם ער זאָל זי באַשיצען און באַשיינקען.״

„יאָ־יאָ, דעקאַרט — אַזאַ גאָט וויל איך — ניט אייערן, דעם באַוויזענעם, ניט מאַנטענ׳ס, ניט פון די פילאָזאָפען און די מאַטע־מאַטיקער, נאָר פון אברהם, יצחק און יעקב — מיט נסים און מופתים, דעם גאָט וועמען מען קאָן ניט אויסרעכענען און אויס־חכמה׳נען.״

„עס וואונדערט מיך, מייסטער פּאַסקאַל. איהר, מיט אייער גע־לערנטקייט, זאָלט אַזוי ריידען? ווייסט איהר דען ניט, אַז איהר רעדט „אַפּיקורסות״? פרעגט ביי די פּראָפעסאָרען פון דער סאָר־באָן — און זיי וועלען אייך זאָגען. איהר ווייסט דאָך — שוין הע־

כער פון טויזענט יאָהר שלאָגט זיך די מערב־וועלט אַרום מיט דעם פּראָבלעם: ווי זאָל מען פאַראייניגען גאָט מיט וועלט, וויסען מיט גלויבען? אויגוסטין און דונס סקאָטוס און טאָמאַס פון אַק־ווינאָ און אָקאַם — איך רוף אייך אָן בלויז די גרעסטע נעמען — האָבען זיך געמאַטערט מיט דעם פּראָבלעם. פון איין זייט אַריס־טאָטעל מיט זיין שטרענגער לאָגיק, פון דער צווייטער דער גלויבען מיט זיינע סודות, מיט זיינע פאַרבאָרגענקייטען — און דער מענש־ליכער מוח האָט זיך געשפּאָלטען. ספיקות איבער ספיקות — מען האָט געבויט אויף זאַמד. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין וויסענ־שאַפט — כל זמן זי האָט געוואָלט פאַרענטפערען און באַווייזען גאָט — עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין אמת'ער גלויבען, כל זמן ער האָט געוואָלט ערקלערען און פאַרענטפערען די וועלט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַזאַ אמת פרומער, אויפריכטיגער דענקער, ווי — איהר קענט דאָך זיין נאָמען און זיינע ווערק — דער פילאָזאָף זשאַן פאָן זשאַנדען, האָט—שוין מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק— געקאָנט זיך דערטראַכטען דערצו, אַז ער האָט מבטל געווען גאָט. „איך זאָג, אַז גאָט קאָן דאָס טאָן. ווי אַזוי? — ווייס איך ניט. גאָט וויסט — איך ווייס ניט." און אין דער דאָזיגער פאַפּירענער הכנעה פאַר גאָט — איז געווען שפּאָט און — ביטול. דער סקעפּטיציזם איז געוואָקסען. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט דער שפּאַנישער מאַ־גיסטער סאַנטשעז — מען זאָגט, אַז ער איז אַ געהיימער איד, אַ מאַראַן — פאַרעפענטליכט אַ ווערק, וואו ער צעשטערט אַלצדינג, וואו ער באַווייזט, אַז „מען קאָן גאָר ניט וויסען."

„איהר ווייס דאָך, פריינד פאַסקאַל — איך האָב לכתחילה גאָר ניט געטראַכט וועגען פילאָזאָפיע, איך בין אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פּי־זיקער, אַ נאַטור־פאָרשער, ווי בעקאָן פון ווערולאַם, ווי פערמאַ, ווי איהר. אָבער טאַקע דערפאַר — איהר האָט דאָך געלייענט מיין „דיסקורס וועגען דער מעטאָדע" — בין איך איינמאָל ביינאַכט אויפגעשטאַנען אין אַנגסט־שוויס און ספיקות האָבען מיך אַרומגע־רינגעלט. אפשר זיינען זיי גערעכט — די וואָס זאָגען, אַז מיר קאָנען גאָר ניט וויסען? ווער גיט אונז די גאַראַנטיע, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, און אַז דאָס וואָס איך זעה — איז, און אַז איך אַליין בין דאָ? ווער זאָגט מיר — אַז ניט אַלץ איז אַ חלום און אַ פאַנטאַזיע, אַ טראַגישער שפּאַס?

„האָב איך דורכגעטראַכט די אַלע ענטפערס — און זיי האָבען

מיך ניט צופרידענגעשטעלט. האָב איך אַלע סיסטעמען איבערגע־בלעטערט אין מיין קאָפּ — און איך האָב ניט געפונען קיין לייזונג. ביז איך בין געקומען צו דעם פּשוט׳ן און אומגעריכטען ענטפער: ווער צווייפעלט עס? — דו. ווער טראַכט עס אָט די געדאַנקען? — דו. הייסט עס, אַז דו ביזט — הייסט עס, — אַז עס איז עפּעס פאַראַן וואָס איז פעסט ווי אייזען, מיינט עס, אַז איך האָב געפונען דעם אַרכימעדישען פונקט: איך טראַכט — דערפאַר בין איך. איך ווייס — זיי האָבען מיך געפרעגט, די פילאָזאָפען מערסען, גאַסענדי א. אַז. וו.: פון וואַנען איז עס געדרונגען? איך טראַכט — דער־פאַר טראַכט איך, דאָס וואָלט געווען — זאָגען זיי — לאָגיש. אָבער פון וואַנען דער שפרונג צו דעם „איך בין״? און איך האָב זיי געענטפערט — איהר ווייסט דאָך מן הסתם, איהר האָט עס מן הסתם געלייענט, פונקט אַזוי פילאָזאָפיש פאַרפלאָנטערט ווי זיי האָ־בען מיך געפרעגט. אָבער אייך זאָגען — אין מאַמע־לשון — פונקט ווי איך האָב געשריבען מיין פילאָזאָפיע און פונקט ווי איהר שרייבט אייערע: מען מוז זיך באַפרייען פון אָט די פלאָנטערס. מיר מאַטע־מאַטיקער זיינען באַרופען צו לערנען די מענשען צו דענקען קלאָר און פּשוט, און צו לעבען אויך אַזוי. און אָט זעהט״ —

דעקאַרט נעהמט אַרויס פון זיין בוזים־קעשענע אַ ביכעלע: „זעהט, דאָס איז מיין נאָטיץ־בוך, וואו איך פאַרשרייב איינפאַלען און מאָטיוען. און אָט וואָס איך האָב פאַרשריבען: „די וויסענ־שאַפטען ווי זיי זיינען איצט, זיינען פאַרמאַסקירט — מען קאָן זיי דערזעהן אין זייער גאַנצער שעהנקייט נאָר דאַן, ווען מען וועט פון זיי אַרונטעררייסען די מאַסקע.״ און וואָס איז די מאַסקע? דער ווילען זיך צו פאַרשטעלען, צו פאַרדעקען, אָפּצונאַרען — זיך און אַנדערע. און די גרעסטע מאַסקע איז — די מאַניסטישע. מיר האָבען ניט דעם מוט צו זאָגען דעם טרוקענעם, קאַלטען אמת: די וועלט האָט צוויי פּרצופים, די וועלט איז אַ סיסטעם פון באַ־ציהונגען — פון עפּעס צו עפּעס. איין עפּעס איז גאָט — דער אַנדערער די וועלט. מיר ווילען אַלצדינג צופיהרען צום איינס, און אַלצדינג פאַרענטפערען. איך וויל ניט. איך האַלט עס ניט פאַר מיין חוב צו פאַרענטפערען גאָט.

„איז דאָ שלעכטס — אַזוי אין זיין ווערק, זיין ווילען. איז דאָ טויט און ליידען — אַזוי מוז עס זיין. וויל איך און דער מאַטעמאַ־טיקער פאַרענטפערען דעם קרייז אָדער דעם לונאַר? איך זעה, איך

דענק, איך בוי אויף פון דעם איינפאַכסטען דאָס קאָמפּליצירטע?
— איך שאַף ניט, איך בין ניט גאָט׳ס שותף צו דער וועלט.״

„הערט־אויף — הערט־אויף, מייסטער דעקאַרט. איהר זייט שאַרף ווי אייזען, און אייער לאָגיק איז ווי אַ שניידענדיגע, קאַלטע שווערד. איהר לעבט אין אַן אַבסטראַקטער וועלט — פון פאָרמען, פון ליניען, פון באַוועגונג — איך אָבער, מיר אָבער, לעבען. איך וויל אַ פילאָזאָפיע פון לעבען און ניט פון באַציהונגען. איך וויל די לאָגיק, וואָס זאָל זיין פייערדיגער ווי גלויבען, און גלויבען, וואָס זאָל זיין קרישטאָלענער ווי געאָמעטריע, און איהר גיט מיר בלויז דעם סקעלעט פון דער וועלט. פון אַ טויטער וועלט.

„און אויב איהר ווילט, דעקאַרט — אויב איהר ווילט — טראָגט איהר אויך אַ מאַסקע — ווייסט איהר ווי זי זעהט אויס? עס איז אַ טויטען־מאַסקע פון דער וועלט. איך בין צו שוואַך — איך פיהל זיך ניט בכח — אָבער עס וועט קומען — איך בין זי־כער — איינער נאָך אייך, איינער נאָך מיר, און ער וועט אַרונטער־רייסען פון דער פילאָזאָפיע אויך אייער מאַסקע — און אָנטאָן דעם פרירענדיגען, דעם אַבסטראַקטען, דעם געאָמעטרישען געדאַנק, וואָס איהר האָט אָוועקגעשטעלט נאַקעט אויף דער וועלט — אָנטאָן איהם מיט אַ מלבוש פון רעגענבויגען — און פון דער געשפּאָל־טענער וועלט: דאָ דענקען, דאָרט זיין; דאָ סובסטאַנץ, דאָרט אַטרי־בוט; דאָ וועלט, דאָרט גאָט. וועט ווידער אויפ׳ס ניי אויפבליהען אַן איינהייטליכע, אין זיך פאַרענדיגטע וועלט, אַ וועלט פון גאַנצ־קייט.״

„איהר ווילט די לעצטע מאַסקע — בלעז פּאַסקאַל — איהר קאָנט ניט לעבען אָהן שעהנע אילוזיעס. קאַלט, זאָגט איהר, איז מיין וויסענשאַפט? עס קאָן זיין — אָבער איך האָב ליב קעלט. אָט פאָהר איך איצט אין דעם קאַלטסטען לאַנד פון אייראָפּע — קיין שוועדען. אַ לאַנד פון אייז און שניי און גראַניט. פעסט — וועיל פעסטער גרונט אונטער מיינע פיס. זייט־זשע מיר געזונט, מייסטער פּאַסקאַל — און טראַכט מעהר וועגען מאַטעמאַטיק, ווי וועגען גאָט.״

זיי האָבען זיך צום לעצטען מאָל געזעהן. דעקאַרט איז מיט אַ יאָהר שפּעטער געשטאָרבען פון דער קעלט — פון אַ פאַרקיה־לונג — אין שוועדען. פּאַסקאַל איז פאַרברענט געוואָרען פון זיין אייגענעם פייער אויף זיין קראַנקען־בעט אין פּאַריז.

דר. א. קאַראַלניק

און באַלד — זעהר באַלד — איז געקומען דער וואָס האָט זייביידען פאַראייניגט, דער שאַפער פון דער נייער וועלט־מאַסקע, דער שאַפער פון דער וועלט־גאָט־איינהייט: ספינאָזאַ.

אָדער אפשר איז דאָס די לעצטע מאַסקע — און הינטער איהר — דער „אין", דער „ניין" — דער „גאָרנישט".

דריי הונדערט יאָהר נאָך דעקאַרט'ס „מעטאָדע" פאַר געאָמעט־ריע, און דער פילאָזאָפיע וואָס וואַקסט פון איהר אַרויס — און באַלד דריי הונדערט נאָך ספינאָזאַ'ס „געאָמעטריע פון גאָט" — בלייבט די פראַגע, די דעקאַרטישע, נאָך אַלץ ניט געלייזט: קאָן מען דענקען — און לעבען אָהן מאַסקעס? איז ריינע וויסענשאַפט, איז ריינער דענקען מעגליך — און וואו איז זיין זיכערקייט?

פאַסקאַל האָט געזוכט דעם ענטפער אין דעם „תהום" — און מיר געהען פאַרביי און האָבען מורא אַריינצוקוקען.

אַפּריל 3, 1937

ברוך שפּינאָזאַ

צו זיין 300־יאָהריגען געבורטסטאָג

(24טען נאָוועמבער, 1632)

דריי הונדערט יאָהר שפּינאָזאַ. און מענשען געדענקען. קאָנגרעסען פון שפּינאָזיסטען אין דער האָלענדישער הויפּט־שטאָדט האַג, דער שטאָדט פון זיינע לעצטע יאָהרען. קרייזען און פאַראייִנען איבער דער גאַנצער וועלט. אין יעדען לאַנד מעהרען זיך די תלמידים, גרופּירען זיך דאָרשטיגע נאָך וויסען אַרום איינעם וואָס „וייסט”, וואָס האָט — אָדער מיינט, אַז ער האָט — דעם שליסעל צו דעם פאַרשלאָסענעם טויער פון דער שפּינאָזיסטישער שיטה.

און איך וואונדער זיך: פאַרוואָס גראָד איצט? פון וואַנען פלוצלינג דער אינטערעס צו אַ דענקער, וואָס איז, אַזוי צו זאָגען, פאָראויס באַשטימט געוואָרען צו זיין אַליין?

ווי קאָן שפּינאָזאַ האָבען תלמידים און נאָכפאָלגער?

מיר דאַכט זיך, דאָס שעהנסטע וואָרט, וואָס איז ווען עס איז געזאָגט געוואָרען איבער שפּינאָזאַ׳ן איז דאָס וואָרט פון פרידריך שלייערמאַכער, דעם באַוואוסטען דייטשען טעאָלאָגישען ראָמאַנטיקער פון דעם אָנהויב נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט: „זייט מקריב מיט יראת־הכבוד אַ לאָך פון אייער קאָפּ צו דער נשמה פון דעם הייליגען, פאַרשטויסענעם שפּינאָזאַ! דער הויכער וועלט־גייסט האָט איהם דורכגעדרונגען; דאָס אומענדליכע איז געווען זיין אָנהויב און זיין סוף. דער קאָסמאָס — זיין איינציגע און אייביגע ליבע. אין הייליגער אומשולד און טיפער עניוות האָט ער זיך געשפּיגעלט אין דער אייביגער וועלט און האָט געזעהן, אַז ער אַליין איז געווען איהר חנ׳עוודיגסטער שפּיגעל. פול פון רעליגיע איז ער געווען און פול מיט רוח הקודש. און דערפאַר שטעהט ער אויך אַליין און קיינער קאָן צו איהם ניט דערגרייכען. אַ מייסטער אין זיין קונסט, דערהויבען איבער דעם המון, אָהן תלמידים און אָהן בירגער־רעכט”.

שעהנע ווערטער. מעהר פון אַ פאַרליבטען, ווי פון אַ פאַרטראַכטען, פון אַ קינסטלער, וואָס באַוואונדערט אַ געשטאַלט, און

ניט פון אַ דענקער, וואָס וויל פאַרשטעהן, פאַרשען, אַריינדרינגען אין די פאַרבאָרגענסטע טיפענישען פון אַ שיטה; פאַנאַנדערנעמען זי, ווי דעם מעכאַניזם פון אַ זייגער און דערנאָך זי צונויפשטעלען אויפסניי — און לאָזען זי געהן, געהן מיט איהר, צי דורך איהר, דעם גאַנג פון דער צייט.

אָבער פון דער גאַנצער פאַטעטישער און ריהרענד־שעהנער רעדע פון שלייערמאַכער׳ן וועגען ברוך שפינאָזאַ׳ן איז איין זאַץ פון אַפּגרונטליכען אמת: „אָהן תלמידים און אָהן בירגער־רעכט״.

ווי קאָן מען זיין אַ תלמיד? און פון וועמען? האָט דען עמי־צער — אין דער וועלט — אין דער גאַנצער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען, איבערגענומען אַ פרעמדע שיטה, אַ פרעמדען געדאַנק, אין דער גאַנצער ריינקייט און גאַנצקייט? איז דאָס מעג־ליך, אַז אַ מענש זאָל נאָכדענקען דעם געדאַנק פון אַ צווייטען? יעדער איז פאַר דעם אַנדערען בלויז אַן אָביעקט. ער זעהט איהם, ווי ער זעהט אַ בוים אָדער אַ וואַנט. נעמט איהם אַריין אין זיין מוח, אין זיין אינערער וועלט, און פאַרבט איהם, און טייטשט איהם אויס, און לייגט אין איהם אַריין כוונות, וואָס זיינען זיין אייגענטום, נאָר פאַר איהם אַליין, און ניט פאַר קיין שום אַנדערען פון באַ־לאַנג. איבערנעמען קאָן מען בלויז באַפעהלען, איינער הייסט, דער צווייטער פאָלגט. אָט דאָס טו, אָט אַזוי באַגעה זיך. און דאָס אויך — ביז צו אַ געוויסען גראַד, איך וואָלט געזאָגט — ביז אַ געוויסען שיכט פון דעם אינערען לעבען. מען קאָן אָנזאָגען אַ מענשען וואָס צו טאָן — מען קאָן איהם ניט באַפעהלען, וואָס צו פיהלען. מען קאָן איבערגעבען אַ תלמיד די כללים פון דער גראַ־מאַטיק — מען קאָן איהם ניט אויסלערנען ווי אַזוי אויסצוקלייבען די ווערטער און ווי אַזוי זיי צונויפשטעלען, און נאָך ווייניגער — ווי צו טראַכטען.

ווייל אין טראַכטען איז ניט דער רעזולטאַט דער עיקר, נאָר דער וועג, וואָס פיהרט צו איהם; אָט דער געהיימניספולער, פאַר־באָרגענער, רעטענישדיגער וועג, ווי אַזוי אַ מענש קומט צו זיין לעצטען קערן.

עס איז אפשר גאָר ניט אַזוי שווער צו פאַרשטעהן שפינאָזאַ׳ס שיטה. ווען מען אַרבייט זיך אַריין אין זיין קאָמפּליצירטער, קינסט־ליכער און ניט אָרגאַניש נויטווענדיגער פאָרם פון זיין „עטיק״, מיט דעם גאַנצען געאָמעטרישען אויפבוי, דערזעהט מען פאַר זיך

— אַ געדאַנק, וואָס איז גאָר ניט אַזוי אוממעגליך תופס צו זיין: דער געדאַנק, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט.

יעקב האָט זיך געראַנגעלט אַ גאַנצע נאַכט מיט דעם מלאך און ווען דער טאָג איז געקומען, האָט ער זיך דורכגעראַנגעלט צו דעם באַוואוסטזיין: „יאָ, עס איז פאַראַן אַ גאָט אין דעם אָרט". ברוך שפינאָזאָ האָט אַ גאַנץ לעבען זיך געראַנגעלט מיט אַלע מלאכים און שרפים, מיט אַלע אידייען פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער גאַנצער געדאַנקען־געשיכטע פון אַלע צייטען, און איז געקומען צו דעם דערדריקענדען, צו דעם דערהויבענדען געדאַנק: עס איז ניטאָ קיין גאָט.

ווייל עס איז דאָ בלויז וועלט.

און דערנאָך אַ נייע און גאַנצע דרעהונג פון דעם געדאַנקען־קרייז, און: עס איז ניטאָ קיין וועלט, ווייל עס איז דאָ בלויז גאָט.

ביידע „ניין׳ס" אָוועקגעשטעלט איינעם לעבען דעם צווייטען, ביידע פאַרשמאָלצען, און פון די צוויי „ניט׳ס" איז געוואָרען איין יאָ. מינוס גע׳כפל׳ט אויף מינוס, גיט פּלוס — אַ פּאָזיטיווע גרויס.

קלאָרער? איך וועל פאַרזוכען.

ווען מען זאָגט „גאָט" — און מיינט עס און גלויבט, און לעבט לויט דעם באַגריף — וואָס באַטייט עס? גאָט — רעליגיעז און פילאָזאָפיש (און פילאָזאָפיע איז אָפט ניט מעהר ווי אַ לאָגישערע אויסטייטשונג פון דעם גלויבען) מיינט: פּערזענליכקייט. און עס איז ניט קיין חילוק ווי אַזוי מען שטעלט זי זיך פאָר: גשמיות׳דיג, מענשליך־גוף׳יש, ווי אין אַלע פּרימיטיווע רעליגיעס, אָדער אַזוי רוחניות׳דיג ווי מעגליך, ווי אין די פאַרפיינערטסטע פילאָזאָפיעס, און מיט וואָס פאַר אַ נעמען און מדות מען זאָל גאָט ניט באַהענגען און באַשענקען — היינטער אַלע הויכע און טיפע ווערטער איז איין גרונט־באַגריף: „אחד". איינער, און אַנטקעגען איהם די „פילע". דער וועלט־גייסט, די וועלט־נשמה, דער וועלט־ווילען, דאָס געזעץ און דער ריכטער. איינער.

און וואָס איז וועלט? דאָס, וואָס שטעהט אַנטקעגען דעם איינעם. די וועלט איז דאָס פילגעשטאַלטיגע, דאָס פילפאַרביגע, דאָס פאַרשיידענע. און איז גאָט די גרויסע פּערזענליכקייט, איז די וועלט די „זעיר אנפּין", ווי די קבלה דריקט זיך אויס — די מיניאַטור, די פּערזענליכקייט אין אַ פאַרקלענערטען מאַסשטאַב.

און פון אַלע צייטען און אין אַלע אמונות און שיטות איז גע־

ווען אַ תהום צווישען דעם איינעם און דעם „סך", צווישען גאָט און צווישען דער וועלט. ווי קומען זיי זיך צוזאַמען, ווי זיינען זיי פאַרבונדען?

אַלערליי ענטפערס זיינען געגעבען געוואָרען, און קיין איינציגער האָט ניט פאַרענטפערט.

האָט שפינאָזאַ — ניט דער ערשטער, נאָר דער פאַרענדיגער — זיך נאָך אַמאָל געשטעלט די פראַגע, אָבער האָט זי געשטעלט אַזוי פריי, אַזוי קלאָר, אָהן שום מורא פאַר דעם מעגליכען ענטפער. דער איינציגער פרייער מענש אין זיין צייט און אפשר אין אַלע צייטען. און די פראַגע איז איהם פאַרענטפערט געוואָרען: דאָרט וואו עס איז דאָ „איינער", קאָן ניט זיין קיין גאָט. און דאָרט וואו עס איז דאָ אַן אָנהויב, מוז זיין אַ סוף. און וואו אָנהויב און סוף, איז אייביגקייט אָהן אַ זין. און דערפאַר, אויב וועלט, איז ניטאָ קיין גאָט, אַן אויב גאָט, איז די וועלט אַן אוממעגליכקייט און אַן אומזין.

און עס איז זעהר אויבערפלעכליך, כמעט קינדיש, צו זאָגען, ווי שפינאָזאָ'ס מייסטער, דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף דעקאַרט, האָט געלערענט, אַז גאָט איז פאַראַן, ווייל אין אונז לעבט דער באַגריף, די אידייע פון גאָט — ניט נאָר ווייל מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען און דענקען גאַנץ פאַנטאַסטישע זאַכען. מען מוז ערשט אויסבויען אַן אַנדער הנחה, מען מוז ערשט לייגען דעם פונדאַמענט, און דאָס איז: דענקען איז זיין. אידייע און זאַך איז דאָס אייגענע. אָבער וואָס פאַר אַן אידייע? ווען איך האָב אַן „אידייע" פון אַ פערד מיט הערנער, הייסט עס, אַז אַזאַ באַשעפעניש איז פאַראַן. אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסען איין גרונט־אונטערשייד: טראַכטען און דענקען. טראַכטען קאָן מען וועגען אַלצדינג, עס איז אַ כמעט אומבאַוואוסטזיניגער פּראָצעס, עס איז די פאָרשטעלונג, אויסגעטייטשט אין ווערטער; אָבער דענקען איז אַ העכערע מדרגה. עס איז דאָס טראַכטען, דורכגעטראַכט און דורכגעזיפּט. עס איז די באַמיהונג צוצוקומען צום לעצטען גרונט, צו דעם „מהות" פון דער זאַך, און ווען דורכגעטראַכט, איז די פאָרשטעלונג פון אַ פערד מיט הערנער אַן אוממעגליכקייט, ווייל ניט אין איינקלאַנג מיט דעם באַגריף „פערד".

און דערפאַר איז נאָר דאָס ווירקליך, וואָס איז אמת — אין דער אידייע, און נאָר דאָס איז אידייע, וואָס איז ווירקליך.

אַ שריט ווייטער, און מיר קומען צו אַ גאַנץ נייעם גאָט־וועלט באַגריף. איז די אידייע פון גאָט — אָט מיט אַלע די מידות און מעלות, וואָס די רעליגיע און די פילאָזאָפיע לייגט אין איהר אַריין — אמת, איז זי, מוז זי זיין אויך די איינציגע ווירקליכקייט; דאָס הייסט, איז די וועלט אויסער גאָט, אוממעגליך. אָדער פאַרקערט: איז גאָט, וואָס שטעהט אויסער — „איבער" איז דאָך אויסער — דער וועלט, אַ לאָגישע און רעאַלע אוממעגליכקייט.

און אַ ווייטערער טריט: גאָט און וועלט זיינען דאָס אייגענע, ניט גאָט אין דער וועלט — אָבער די וועלט אין גאָט — ווי די פאַנטעאיסטען אָדער די מיסטיקער האָבען געזאָגט. „אין" איז דאָך אַ צעטיילונג, אַן אָפּטיילונג. „אין" זעצט דאָס אויך נאָך פאָראויס, אַז עס איז גאָט באַזונדער און וועלט באַזונדער. שפּינאָזאָ'ס געדאַנק טראַכט דעם זאַך ביז צום סוף. און שליסט: ניטאָ קיין „איבער" און קיין „אונטער", קיין „אין" און קיין „אויסער". דאָס אַלץ זיינען בלויז ווערטער און בילדער. עס איז דאָ בלויז איין־איינציגער לאָגישער וועג: גאָט און וועלט זיינען איינס. גאָט איז נאַטור, נאַטור איז גאָט. ניטאָ קיין שעפער דערפאַר און ניטאָ קיין שאַפונג, ניט פאַראַן קיין אָנהויב און ניט קיין סוף; עס איז בלויז איין־איינציגער אייביגער פּראָצעס, ד. ה. וועג, און אויך דאָס איז ניט גענוג קלאָר. וויל וועג מיינט דאָך באַוועגונג, מיינט ענדערונג, ווידעראַמאָל אָנהויב און סוף, אָדער ציל. גאָט־וועלט איז אָבער ניט — וויל אייביג און וויל אָהן אַ סוף, אויך איין באַוועגונג. עס איז בלויז די אידייע, וואָס דענקט זיך אַליין, און דאָס דענקען איז די וועלט. און וואָס איז דענקען? אָרדנונג. הייסט עס: וועלט איז די אָרדנונג פון דער אידייע. מיינט עס, אַז אין לעצטען תוך, אין דעם טיפסטען גרונט, איז גאָר ניטאָ קיין צעטיילונג און קיין צעשפּאַלטונג, און קיין פאַרשיידענקייט אין דער וועלט.

און וויל אַזוי, וויל אַלצדינג, אָרדנונג און אומאָרדנונג זיינען גאָר אוממעגליך — זיינען אויך אַלע אונזערע ווערטען, די מאָראַלישע, די גייסטיגע, אַנדערש אָפּצושאַצען. ניט גוט, ניט שלעכט; ניט ניצליך אָדער שעדליך זיינען די פּרוּאוו־ווערטער, נאָר: אָרדנונג אָדער כאָאָס. דאָס וואָס פּאַסט אַריין אין דער אָרדנונג פון די זאַכען — און די אידייען — איז עטיש; דאָס וואָס ברענגט כאָאָס אין אונזער לעבען, צעשטערט דעם גלייכגעוויכט — איז אומעטיש.

דערפון די שיטה פון רוה, פון געלאַסענקייט, פון גובר זיין די

ליידענשאַפטען, די לעהרע פון מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג. ווייל אַלצדינג אין דער וועלט איז איינס, בלויז בויגונגען פון דער איין־איינציגער אידייע, דער סובסטאַנץ, דעם מהות פון אַלצדינג, וואָס איז — און ווייל עס איז גאָר ניטאָ קיין צופאַל, קיין יאָ און ניין, קיין מעגליכקייט צו ענדערען, ד. ה. קיין פרייער ווילען, אָדער בכלל ווילען — אַלצדינג איז, ווי עס דאַרף זיין, — אַנדערש וואָלט עס ניט געווען.

און ווען מען דערהויבט זיך ביז צו אַזאַ מדרגה פון פאַרשטעהן, דעמאָלט נעמט מען אָן די וועלט מיט ליבע — באהבה — און עס וואַקסט אויס דער געהויבענסטער וועלט־געפיהל — די אין שכל־באַגרינדעטע ליבע צו גאָט". פאַרשטעהן די נויטווענדיגקייט און אָננעמען זי מיט דער גאַנצער איבערגעבענקייט — דאָס איז ליבע. און ליבע צו גאָט איז אָן אַנדער וואָרט, ווי ליבע צו זיך, ליבע צו דעם, וואָס איז פונקט אַזוי איך, ווי איך אַליין. צו דעם „דו", צו דעם „ער", צו דעם „אַנדערען", צו דעם וואָס מיר פאַסען אויף פאַר אַ געטיילטער וועלט, אָבער וואָס איז, אין אמת'ען, די איין־און־איינציגע ווירקליכקייט: גאָט־וועלט.

* * *

אָט אַזוי, זאָג איך, טראַכט מען זיך אַריין און עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו פאַרשטעהן. אפשר וועלען שפינאָזיסטען פון צעך מיר זאָגען, אַז איך טייטש מיר אויס מיין שפינאָזאַ'ן צו־פריי, נאָך מיין אייגענער „שיטה"? אפשר זיינען זיי גערעכט. אָבער האָב איך דען ניט פריהער שוין ציטירט די ווערטער פון שלייערמאַכער'ען: „אָהן תלמידים און אָהן בירגער־רעכט".

ווער קאָן זאָגען, אַז ער איז דער אמת'ער תלמיד פון שפינאָזאַ'ן, און אַז ער אַליין האָט איהם דערגרונטעוועט? האָט דען שפינאָזאַ אַ שיטה? האָט ער דען אונז געלערנט? האָט ער אַליין געוואוסט, ווי אַזוי זיך אַרויסצופלאָנטערען פון דעם לאַבירינט פון פראַגען? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך — פאַרט מעגליך — אַז די „אידייע" זאָל זיין „דו'פּרצופים'דיג", האָבען צוויי געשטאַלטען? איך שרייב דאָס וואָרט און ווייס, אַז ניט דאָס האָט שפינאָזאַ געמיינט; אָבער די שפראַך פאָדערט איהר רעכט און דער דראַנג נאָך אַ קלאָרער פאַרשטעלונג וויל זיין חלק. און ניט גאָט און ניט וועלט, נאָר גאָט־וועלט. פון וואַנען און צו וואָס די פאַרשיידענקייט? צו

וואָס די פאָרשטעלונג פון „איך" און פון „דו"? ווי ווערט פון רוה באַוועגונג?

שפינאָזאָ וואָלט געענטפערט: דו פרעגסט, ווייל דו האָסט נאָך ניט פאַרשטאַנען, און דו קאָנסט גאָר ניט פאַרשטעהן, כל־זמן דו האָסט אַליין ניט דורכגעדאַכט, דורכגעלעבט אָט דעם אומגעהייער שווערען מעטאַפיזישען פּראָצעס, וואָס דערפיהרט צו אַזאַ שיטה. און בכלל — פאַרוואָס אַ שיטה? בין איך אַ לערער — וואָלט שפינאָזאָ ווייטער געפרעגט — ווייל איך דען עמיצען לערנען ווי צו דענקען? דאָס איינציגע, וואָס איך וויל, איז איהם באַפרייען פון אַלצדינג: פון דעם וואָרט־ירושה, פון דער מורא, פון דער אינערער און דערפאַר אויך אויסערער קנעכטשאַפט; איך וויל איהם באַפרייען פון דער מורא פאַר גאָט און פאַר וועלט, כדי איהם צו־צופיהרען צו דעם פאַרשטעהן און ליב־האָבען פון גאָט־וועלט. איך לערן קיינעם ניט פילאָזאָפירען אָדער גלויבען, בלויז גלויבען.

"Vivere, agere, suum esse conservare"

— „לעבען, ווירקען, אָפּהיטען דעם אייגענעם זיין", אין דעם בעס־טען פאַל — אַ פיהרער אויף דעם וועג פון לעבען, ניט אויף דעם וועג פון דענקען, ווייל דענקען קאָן בלויז יעדער פאַר זיך אַליין, און יעדער אויף זיין אייגענעם וועג. און פּרואווט זיך גאָר ניט צו עפענען דעם טויער צו מיין היכל, אָדער צו וועמעס עס זאָל ניט זיין, אפילו ווען איהר געפינט דעם שליסעל: איהר וועט גאָרניט זעהן. מיט גאָט און וועלט ראַנגעלט מען זיך אַליין, אָהן קיינעמ׳ס הילף.

אָהן תלמידים און אָהן בירגער־רעכט. איצט, ווי אין דער צייט פון שפּינאָזאָ׳ס לעבען; דעמאָלט, ווען ער האָט געלעבט אַן איינ־זאַמער אַן אַרויסגעשטויסענער, אין חרם אַריינגעלייגטער, אין זיין שטילען חדר׳ל אין האַג. מען רעדט איצט אַזויפיל — אין אידישע קרייזען — פון דעם „איבערבעטען זיך" מיט שפינאָזאָ׳ן, אַראָפּ־נעמען פון איהם דעם חרם, אויפנעמען איהם אויפסניי אין דעם כלל־ישראל, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען מעגליך, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען נויטיג. עס איז געוויס זעהר גרינג צו געפינען אַ וואָרט־בריק צווישען שפינאָזאָ׳ס שיטה און דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום; טראַדיציאָנעל ניט בלויז אין דעם אַלט־אָרטאָדאָקסישען זין, נאָר אפילו אין דעם מאָדערן־רעפאָרמערישען: אידענטום, ווי אַ רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג. מען קאָן אָנווייזען מיט אַ סך

ציטאַטען און געלערענטקייט, אַז שפּינאָזאַ איז, אין תוך, אַ יורש און פאָרטזעצער פון דעם רמב״ם, פון אבן־עזרא, פון קרשקש און פון דער קבלה. אַ בריק, אָבער בלויז אַ פּאַפּירענער. מחמת איינס פון די צוויי: אָדער דאָס אידענטום איז ניט קיין רעליגיע, אָדער שפּינאָזאַ האָט ניט געמיינט, וואָס ער האָט געזאָגט; אָדער דאָס אידענטום איז בלויז נאַציאָנאַלע געשיכטע, אָדער שפּינאָזאַ׳ס דענקען איז בלויז געווען אַ מין שעהנער פּלפּול, אַן אויסגלייך, וואָס שעדיגטביידע צדדים. מען קאָן ניט פאַראייניגען און מען זאָל ניט. עס מעגען פיהרען וועגען און שטעגען פון דעם אידישען דענקען צו שפּינאָזאַ׳ס אידייען, אָבער ביי דעם הויפּט־פּונקט, ביי דעם אַנטשיידענדען, ווערען די וועגען אָפּגעבראָכען. און עס איז גאָר ניט מעגליך קיין אומקעהר.

אָבער ניט בלויז דער אידישער טויער איז פאַרשלאָסען. עס איז אויך גאַנץ איבעריג צו פאָדערען פאַר שפּינאָזאַ׳ן בירגער־רעכט אין דער „מאָדערנער” וועלט. ער דאַרף עס ניט. ער קאָן זיך גאָר ניט איינבירגערען. ווייל בירגער זיין הייסט זיך צופּאַסען, זיך איינרייהען אין דער מאַסע; הייסט מקריב־זיין זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט. דער סיסטעם פון שפּינאָזאַ אָבער שליסט אויס אַלע קאָמפּראָמיסען. און דאָס איז זיין אייגענאַרטיגקייט, זיין איינ־ציגאַרטיגקייט. אָדער מען דענקט שפּינאָזיסטיש, אָדער מען איז אַ געגנער פון זיין גאַנצער וועלט־אויפפאַסונג. קיין מיטעלוועג איז ניט פאַראַן. און דאָרט וואו מאַסענדענקען, איז דאָך מעגליך בלויז אַ מיטעלוועג.

ער קאָן גאָר ניט זיין קיין לערער און קיין פיהרער. האָט עס קיינמאָל ניט געוואָלט. האָט זיך אָפּגעזאָגט ביים לעבען אָנצו־נעמען אַ שטעלע פון אַ פּראָפעסאָר אין היידעלבערג, האָט אויס־געמידען יעדע לערער־טעטיגקייט, אפילו ביי זיך אין האָלאַנד. און ניט ווייל ער האָט „מורא געהאַט”. אַ מענש פון שפּינאָזאַ׳ס כאַ־ראַקטער האָט ניט קיין מורא פאַר דעם ביסעלע לעבען, ציטערט ניט פאַר דעם טויט, און דאָס איז דאָס איינציגע פאַר וואָס מענשען האָבען מורא. ער האָט בלויז געפיהלט און געוואוסט, אַז זיין שיטה קאָן מען גאָר ניט לערנען. ער האָט קיינעם ניט געקאָנט זאָגען ווי די וועלט איז „געוואָרען”; ער האָט קיינעם ניט געקאָנט זאָגען, ווי אַזוי דענקען האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין ווירקליכקייט. ווייל נאָך זיין סיסטעם, נאָך זיין אַרט דענקען, איז די גאַנצע פראַגע אַ פאַל־

שע. ניטאָ קיין „געוואָרען" און ניט פאַראַן קיין „פאַרשיידענעס" — בלויז „איינס" און נאָר „איז". ווי אַזוי דאָס אָבער צו פאַרשטעהן, דאָס קאָן מען קיינעם ניט אויסלערנען. מען האָט אין זיך דאָס אינערע בילד, אָדער מען האָט עס ניט.

לערנען קאָן מען מענשען בלויז ווי צו לעבען. און דאָס איז די עובדה פון דעם פילאָזאָף. מען קאָן מענשען בלויז „באַפרייען", אָבער ניט פרעדיגען פרייהייט. נאָר לערנען די טיפע תורה פון נויטוועגדיגקייט, אויף דעם אָרט פון דעם „זאָל" — דעם „אַזוי איז עס". און אויך דאָס קאָנען מענשען ניט באַגרייפען, סיידען דורכ־געגאַנגען דורך אַלע לייטערונגען, דורך אַלע ספקות, סיידען רייף געוואָרען.

און מענשען זיינען איצט פונקט אַזוי אומרייף, ווי זיי זיינען געווען מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק.

בלויז פרייער אין ווערטער, פרייער אין דעם נעגאַטיוון זין, ד. ה. באַפרייט פון וואָרט, גלויבען און פאַפירענער טראַדיציע, אָבער ניט פריי אין דעם פרימיטיוון זין: זאָגען יאָ צו דעם לעבען און גובר זיין די מורא אין זיך — די מורא, וואָס איז דער קוואַל פון אַלע יסורים און פון יעדער צעשטערונג. און נאָך מעהר — באַזיגען אין זיך די ליידענשאַפט פון „איך, זיין", פון אָפטיילונג, פון הערשען אָדער, ריכטיגער, פון דער אילוזיע פון הערשען.

היינט, ווייניגער אפשר ווי אין דער צייט ווען שפינאָזאַ, דער גלעזער־שלייפער, האָט געלעבט אין זיין קעמערל ביים האָלענדישען „בירגער"; דאָרט געריוכערט זיין ליולקע און דאָרט געטראַכט זיינע געדאַנקען וועגען דעם וועלט־סוד.

און דאָס איז טאַקע דער לעצטער יסוד פון שפינאָזאַ'ס איבער־היסטאָרישער באַדייטונג: ער איז דער איינציגער מענש, וואָס איז געווען אָהן אַ „איזם", אָהן אַ פאָרמולע. ניט אָפטימיזם, ווי שאָ־פענהויער האָט איהם אַזוי אויבערפלעכליך אויפגעפאַסט, און ניט פעסימיזם, ניט אַטעאיזם און ניט פאַנטעאיזם, נאָר דער „שפיגעל פון דער אומענדליכקייט". דער אָפטישער שלייפער, ברוך שפי־נאָזאַ, האָט אַזוי קונציג געשליפען זיך אַליין, אַז אין איהם האָט זיך אָפגעשפיגעלט די וועלט אין איהר גאַנצער פילגעשטאַלטיגקייט און איין־מהות'דיגקייט.

דער איינציגער דענקער, אפשר דער איינציגער מענש, וואָס שטעהט איבער דער געשיכטע. און דערפאַר מוז די געשיכטע זיך

דערהויבען צו איהם. אַ שווערער באַרג־אַרויף, און ווער ווייסט, ווען ער וועט פאַרענדיגט ווערען, ווייל ווען דערגרייכט, ענדיגט זיך די געשיכטע, און, ווי עס הייסט ביי דאַנטע:

"Incipit vita nova"

„אַ ניי לעבען הויבט זיך אָן" — אַ לעבען, וואָס מיר — אין דעם טאָל — קאָנען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען; אַ לעבען, וואָס איז גאַנץ און פול; אַ לעבען, וואָס איז אַ מייסטערווערק.

מיר איצט קאָנען בלויז ווּעלען דענקען; מיר איצט קאָנען נאָר זיך מיהען פריי צו ווערען; און ווען עס גערעט אויף אַ ווייל, איז דאָס שוין גענוג — האָט שפינאָזאַ ניט אומזיסט געלעבט.

נאָוועמבער 24, 1932

דער גאון פון נעסוויזש

(וועגן שלמה מיימון)

עס זיינען דאָ נעמען, וואָס לעבען תמיד אין אייער באַוואוסט־זיין, וואָס געהען אייך נאָך ווי געטרייע חברים, וואָס קלינגען אין אייך ווי גלאָקען — וועקען, מונטערען, דערמאָנען. געצעהלטע נעמען. גאָר גרויסע. אַמאָל בייטען זיך די נעמען, ווערען די גלאָקען איבערגעגאָסען און איבערגעשמאָלצען. טויזענט יאָהר כמעט נאָכאַנאַנד האָט געקלונגען אין דער גאַנצער קולטור־וועלט דער גלאָק אַריסטאָטעל. פון סאַמאַרקאַנד — וואו עס האָט געלעבט דער גרויסער אַראַבישער דענקער איבן־סינא, ביז קאָרדאָוואַ און שפּאַניע, וואו איבן־ראשד און דער רמב״ם זיינען געבוירען געוואָרען, פון רוים ביז פּאַריז און דער גרינער אינזעל פון אירלאַנד — אומעטום איז אַריסטאָטעל געווען דער לערער, דער פיהרער, דער מדריך — און דער צענטער פון אַלע ויכוחים.

אַריסטאָטעל׳ס קלאַנג איז אָפּגעטעמפּט געוואָרען און עס האָט אָנגעהויבען זיך הערען דער גלאָק פּלאַטאָן. און זיין מעטאַלענער קלאַנג איז נאָך ניט פאַרהילכט.

אַנדערע נעמען, אַנדערע טענער זיינען אַריין אין דעם קולטור־באַוואוסטזיין. העכער פון אַלע — קאַנט. וואו מען קעהרט זיך, וואו מען ווענדט זיך — אומעטום הערט מען איהם. ווילט איהר מיט דעם דענקען באַפּאַסען די וועלט — מיט איהם, דעם קליינעם פּראָפעסאָר פון קעניגסבערג וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין שטאָדט, וואָס האָט געלעבט אין דער קליינשטעדטעלדיקער באַשיידענקייט און אָרימקייט — מיט איהם מוזט איהר פריהער פאַרטיג ווערען.

און אַזוי נאָך אַ פּאָר — נאָך עטליכע נעמען.

און איהר שטעהט פאַרגאַפט — קוקט זיך איין אין דעם פּרצוף פון דעם באַצווינגער, פון דעם דיקטאַטאָר, קוקט מיט פאַרוואונדערונג און אָפּשיי און בויגט דעם קאָפּ מיט הכנעה: אַ הייליגקייט, אַ גרויסקייט, אַ גנאָד, דער חסד פון געניאַליטעט.

איך ווייס ניט וואָס דאָס איז. וויל זיך אָפילו ניט פּרוּווען צוגעהן נאָהנט צו דעם פּראָבלעם. אַ סך פּסיכאָלאָגען און פאָרשער

האָבען זיך אונטערגענומען צו פאַרענטפערען די פראַגע — און עס איז קיינעם ניט געראָטען. וואָס ווייסען מיר בכלל פון דעם סוד, וואָס הייסט מענשליכע פערזענליכקייט? וואָס איז דער שליסעל אויסצוגעפינען — פאַרוואָס אונטערשיידט זיך איינער פון דעם צווייטען, פון וואַנען עס קומט, אַז עס וואַקסען אויס אין איין משפחה — ביי איין פאָטער — פרות אויף איין צווייגעל — אַזעלכע גרונט־פאַרשיידענע קינדער: איינער אַ נאָרמאַלער, געוועהנליכער, פשוט'ער מענש, און דער צווייטער — אויסעראָרדענטליך און איינ־ציגאַרטיג?

אָבער מיך באַשעפטיגט איצט אַן אַנדער פראַגע. עס איז אַ פראָבלעם, וואָס איז פונקט אַזוי שווער צו לייזען, ווי דער וואָס הייסט געניאַליטעט. עס איז די פראַגע פון גאוניות.

אַ ריין אידישע — און דערפאַר אַזאַ קאָמפּליצירטע, אַזאַ פילזייטיגע.

פאַרוואָס האָבען מיר ביי אידען אַזוי ווייניג געניאַלע מענשען — און אַזויפיל גאונים? צו ווייניג אין פאַרהעלטעניש צו דער לענג פון אונזער געשיכטלעכען לעבען, צופיל גאונים אין פראָ־פּאָרציע צו דער אידישער צאָהל.

וואָרים דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אידען: אויף יעדען טריט אַזוי פיעל הויך־באַגאַבטע, אומגעהויער פעהיגע, שאַרפ־זיניגע, ווייט־קוקענדיגע מענשען. קעפּ אָנגעלאָדען מיט וויסען, מוחות שאַרף ווי אַ מעסער, אינטעלעקטען ווי הויב־מאַשינען וואָס שפּילען זיך מיט די שווערסטע משאות, באַלאַנסירען זיי אין דער לופט.

נעמען קומען אויפ'ן זין — נעמען פון דער גאַר אַלטער צייט, די חכמי התלמוד, וואָס האָבען אויסגעאַרבייט אַזאַ שאַרפען, אַזאַ איינדרינגענדען אַנאַליז, ווי כמעט קיינער ניט נאָך זיי. גאונים — ווי ר' סעדיה, ווי דער רמב"ם, ווי רש"י, ווי ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער, ווי דער רשב"ם — ביז גאַר נאָהנט צו אונז, ביז דעם ווילנער גאון און דעם „בעל התניא" און נאָך נעהנטער.

אַ גאַלעריע פון גייסטיקן יחוס — וואָס איז איינציג אין דער וועלט. און דאָך — אָוועקגעשטעלט אַקעגען דער גאַלעריע פון די אַנדערע פעלקער — עפּעס אַזוי אויסטערליש, פרעמד און עקזאָטיש.

מאַקס בראָד, דער פּראַגער ראָמאַניסט, האָט אַמאָל פאַרזוכט אָוועקצושטעלען אַזעלכע צוויי געשטאַלטען איינעם לעבען דעם

צווייטען, איינעם אַ גאון — דעם צווייטען אַ געניאַלע נאַטור. טיכאָ בראַהע, דער דענישער אַסטראָנאָם — און זיין תלמיד, דער דייטש יאָהאַן קעפּלער. טיכאָ בראַהע איז געווען שאַרפער, פעהיגער, פאַנטאַזיעפולער ווי קעפּלער. ער איז געווען — אויף זיין אופן — אַ גאון. אָבער קעפּלער — דער שטילערער, דער באַשיידענערער, דער נאַאיווערער, איז געווען — געניאַל.

טיכאָ בראַהע האָט פאַרשטאַנען — קעפּלער האָט געשאַפען.

און געניאַליטעט איז, אין דעם לעצטען אַנאַליז, שעפערישקייט.

דער גאון אָבער — שאַפט ניט. דער גאון איז ניט נאַאיוו. דער גאון איז צו־קלוג, צו־שאַרף — ער האָט אַלצדינג וואָס מען באַדאַרף צו גרויסקייט — אַחוץ דעם לעצטען, די פעהיגקייט צו זיין אין דעם „ניט", צו פאַרווילען אין דער וועלט פון כאַאָס, און אַרויסצושלעפען פון איהם די פאָרם.

און אפשר דאָס איז געשטאַנען דעם אידישען גאון אין וועג: ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם כאַאָס, ער האָט ניט געטאָרט שאַפען.

* * *

לויזע געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען אין מיר ביים לייענען אַ בוך — אַ מערקווירדיגען, פאַרצייטיגען און פאָרט אַזוי פרישען, גלייך ווי נעכטען געשריבען: די אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון (איבערזעצט אין אַ זעהר גוטען אידיש פון א. י. גאָלדשמידט אין ווילנע).

און מעהר ווי דאָס בוך אַליין —וואָס איז שוין אַזוי לאַנג גע־ווען באַקאַנט אין זיין דייטשען אָריגינאַל — האָט מיך פאַרכאַפּט דאָס בילד פון שלמה מיימון.

אַ בילד פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט (מיימון איז גע־בוירען געוואָרען אין 1754 ביי נעסוויזש און געשטאָרבען אין 1800 אין דעם הויז פון אַ שלעזישען מאַגנאַט, גראַף פאָן קאַרלקרויט). אַ גלאַט־ראַזירט פּנים, אַ צעפּעלע וואָס באַמבעלט אַראָפּ אויף דעם קאָלנער, דער לבוש פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, אַ שאַרפער אויסדרוק אין דער פיזיאָנאָמיע. און אַ גרויסע עהנליכקייט צו קאַנט'ן.

געקוקט אויף דעם בילד — און פאַר מיינע אויגען איז ווי לע־בעדיג אויפגעשטאַנען דער מענש שלמה מיימון, דער נע־וונד'ניק פון אַלט־פּוילען, דער גאון פון נעסוויזש, וואָס האָט אין זיך אַריינ־

געזאַפּט אַלע חכמות, אַלע שאלות, דער למדן, דער דענקער, דער בטלן, דער איינזאַמער און ניט פאַרשטאַנענער.

איך זעה איהם, ווי ער דרעהט זיך אַרום אין זיין קליין־שטעדטעלע, אַן אַפּגעריסענער, אַן אַפּגעשליסענער, מיט האַלב־צעפּאַלענע שטיוועל, לערענט קבלה ביי דעם מגיד, זיצט אָפּ ביי איהם גאַנצע נעכט ביי אַ קאַניצעל, און לאָזט איהם ניט שלאָפען און דער־פיהרט די יונגע פרוי פון דעם אָרימען מגיד צו פאַרצווייפלונג. איך זעה איהם, ווי ער קומט אַהיים. כאַפּט קלעפּ פון זיין בייזער שוויגער, קללות פון דער יונגעטשקער, מיאוס'ער ווייב, גנב'עט זיך ביי־נאַכט אַרונטער אונטער דעם בעט פון דער שוויגער, קנייפּט זי ביז זי ווערט בלוי און גרין און שרעקט זי איבער אויף טויט. און אָט געהט ער מיט זיין פריינד — אויך אַ קבצן און אַ בטלן,ביידע נאָך אינגלעך און ביידע שוין באַווייבטע און טאַטעס פון קינדער — אי־בער די פעלדער און חקירה'ט איבער גאָט און וועלט. ער — דער דענקער, דער פריינד — לאַפּידות — אַ פּאָעט.

אָדער אָט שטעהט ער אין דעם פאַרלאָזענעם שלאָס פון דעם פוילישען גראַף מיט קרייד אין דער האַנט און מאָלט נאָך די ביל־דער פון די אַלטע גאָבלענס. און דערנאָך — זעה איך איהם אויף די גאַסען פון דער פּראָווינציעלער קעניגסבערג, פון דער קליינ־בירגערליכער בערלין, פון האַמבורג — תמיד פאַרהונגערט, איינ־זאַם, גע'רודפ'ט — און טיף, טיף אומגליקליך.

ער איז מיט אַלע באַקאַנט — מיט מענדעלסזאָן, דעם גוטמוטי־גען משכיל, דעם „אויפקלערער", אָבער מענדעלסזאָן האָט מורא פאַר מיימונ'ס שאַרפקייט. מיימון איז צו־גאונ'יש פאַר איהם. מענ־דעלסזאָן איז אַ מפרש, ניט מעהר ווי אַ פאַרמיטלער צווישען אידענטום און דער דייטשער קולטור, אַ מעסיגער און אַ מיטעלמעסיגער. און מיימון איז — אַ צעברעכער, אַ צעשטערער, אַ חלף מיט אַ גאַנץ קליינינקער פּגימה. ער איז אַ „סיני ועוקר הרים" — רייסט בערג, כדי זיי צונויפצופיהרען. דעם רמב"ם און קאַנט'ן, קבלה און עק־זאַקטע וויסענשאַפט. מיימון פאַרשעהט צופיל, אַזוי פיל, אַז ער דערהויבט זיך איבער אַלע שטאַנדפּונקטען, ער דענקט אַזוי קריטיש, אַז אפילו דער געניאַלער קאַנט קאָן איהם ניט מעהר נאָכפאָלגען. און ווי זאָל עס דער מיטעלמעסיגער מענדעלסזאָן?

מיימון שרייבט ביכער — אויף העברעאיש. קיינער וויל זיי ניט דרוקען. שרייבט ביכער אויף דייטש, אַן אַנאַליז פון דער

קאַנטישער פילאָזאָפיע, אַ פאַרזוך פון אַ נייער לאָגיק א. אַז. וו. — אָבער וועניגע לייענען די ביכער. צו שווער, צו טיף — און אַ וועניג קאָנסטרוקטיוו.

ער שטאַרבט יונג. און באַלד איז זיין נאָמען כמעט פאַרגעסן. בלויז אַ לעגענדע, אַ שאָטען, ניט מעהר קיין גייסטיגע ווירקליכקייט.

פון צייט צו צייט דערמאָנט זיך דער פאָרשער אָדער אַן אַנדערער אָן איהם. די מאָדערנע לאָגיקער האָבען אויפגעפרישט זיין געדעכעניש. ער ווערט אפילו ציטירט אין די זעלטען פון וועמען געלייענטע, בלויז פאַר ספּעציאַליסטען באַשטימטע ביכער איבער לאָגיק.

אָבער אויך דאָרט בלויז דערמאָנט ווי איינער פון די וואָס האָבען עפּעס געוואָלט, אָנגערעגט, פאַרטראַכט און ניט אויסגעפיהרט.

אַ קאַנטישער פּנים — און דאָך ניט אַ קאַנטישער מענש.
גאונות — אָבער קיין געניאַליטעט.

מיימון דערצעהלט וועגען זיך אַ מערקווירדיגען שטריך. ער האָט פון יוגענט אָן, זאָגט ער, ליב געהאַט צו מאָלען. און ווען ער וואָלט געלעבט אונטער אַנדערע אומשטענדען, וואָלט אפשר פון איהם געוואָרען אַ גרויסער מאָלער — אָבער בלויז פון סקיצען, פאַרטראַכטונגען, אָנהויבען, ניט פון פאַרטיגע און פאַרענדיגטע ווערק. ער האָט תופס געווען, — ער האָט געקאָנט אָנוואַרפען די ראשי־פּרקים, — אויספיהרען האָט ער ניט געקאָנט — ניט געהאַט קיין געדולד. דאָס הייסט, ער האָט ניט געהאַט דעם זין פון געשטאַלטונג, דעם דראַנג צו דער פאָרם, דאָס הייסט — ער איז ניט געווען שעפעריש.

מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער — וואָלט ער זיכער געוואָרען אַ צווייטער אבן־עזרא, אַ גרויסער גערדאַנקען־בליצער; מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, אין אַ נייער אייראָפּעאישער אַטמאָספערע, וואָלט ער געוואָרען אַ מין וויינינגער, פאַנטאַסטיש, שאַרף, דורכדרינגענד און מעהר פּאַראַדאָקסאַל ווי גרונטיג.

אין זיין צייט — אין דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ריזען־קאַמף פון דער קולטור פאַר שאַפען נייע אינהאַלטען און פאָרמען — האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ. ניט אין דער דייטשער קולטור, וואָס האָט זיך אָנגע־

הויבען צו בויען, ניט אין דער אידישער, וואָס האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדערפאַלען. אַ וואַנדערער פון דעם גוף — און נאָך מעהר אַ וואַנדערער, אַ נע־ונד׳ניק פון דער נשמה.

* * *

מיר דוכט זיך — עס הויבט זיך אויך ביי אידען אָן אַ נייער גייסטיגער פעריאָד. די צייט פון נאַאיוויטעט קעהרט זיך אום, עפּעס אַ פרישע לופט, אַ דראַנג צו שעפערישקייט. און עס פאַר־שווינדט צוביסלעכווייז דער טיפּ פון דעם אידישען גאון.

מיר האָבען נאָך ניט קיין געניאַליטעט — אַחוץ איינשטיין — אָן אמת געניאַלע גייסטיגקייט — אָבער מיר האָבען שוין אויך ניט דעם גאון.

מיטעלמעסיגקייט, דערווייל. אָבער בעסער אַזוי. אַ באַפרייאונג וואָס קאָן פיהרען צו אַ באַנייאונג.

מיר מוזען שוין איצט ציילען די גאונים — זיי זיינען פאַר אונז שוין געשיכטע. און עס איז ניט קיין ספק — אַז לעבען דעם גאון פון ווילנע וועט הענגען אין דער גרויסער און מערקווירדיגער אידישער גאַלעריע דאָס בילד פון דעם לעצטען גאון, דעם גאון פון נעסוויזש — שלמה מיימון.

מאַי 19, 1928

הערמאַן כהן

צו זיין צעהנטען יאָהרצייט

עס זיינען דאָ דענקער, וואָס ווערען אַלץ גרינגער, אַלץ פאַרשטענדליכער, וואָס מעהר איהר פאַרטיפט זיך אין זיי. איהר ווערט היימישער מיט זייערע ווערטער, און דאָס מיינט מיט דער פאָרם, וואו זיי האָבען אַריינגעשמאָלצען זייערע געדאַנקען. זייערע אינטימסטע איבערלעבונגען, זיך אַליין. צוערשט דער אַלגעמיינער זין — די גרונט־כונה, — דערנאָך קומט דער פשט פון די איינצעלנע זאַצען. אַזוי זעהט מען אַלצדינג וואָס איז אָרגאַניש געוואַקסען — צי דאָס איז אַ בוים אָדער אַ הויז, אַרויסגעוואַקסען פון דער ערד אָדער פון אַ מענשען־ווילען, אַ מענשען־געדאַנק.

עס זיינען אָבער פאַראַן דענקער, וואָס ווערען אַלץ שווערער, אומפאַרשטענדליכער, וואָס מעהר און טיפער איהר דרינגט אַריין אין דעם געוועב פון זייער דענקען. אָט, דוכט זיך, אויפ׳ן ערשטען קוק האָט איהר שוין תופס געווען דעם גרונט־געדאַנק, פאַרשטעהט וואָס דער דענקער האָט געוואָלט — ווייל יעדער געדאַנק איז מעהר און ווייניגער, ווי דאָס וואָרט וואָס קליידט איהם אָן — אָבער איהר גריבעלט זיך ווייטער, איהר ווילט פאַרנאַנדערנעהמען די איינצעלנע פעדים — און דאָס גאַנצע פאַלט פאַנאַנדער. און, מערקווירדיג, גראָד די שאַרפסטע, די חריפים, די מענשען מיט אַ געוואַלדיגען דענק־אַפּאַראַט — גראָד זיי זיינען עס דער מיראַזש אין דער מדבר. אָט האָט איהר דערזעהן פונדערווייטענס, אין דער ווייסזאַמדיגער, ווייטער מדבר — אַ וואונדערבאַרע שטאָדט מיט פּאַלאַצען פון מירמעלשטיין, מיט דעכער פון גאָלד, — פון דער ווייטענס, — און יאָגט איהר זיך נאָך דעם בילד, ווילט איהר דערגרייכען די שטאָדט — פאַרזינקט זי אין דעם זאַמד — און עס בלייבט מדבר און וויטיקייט.

גראָד זיי. גראָד די שטאַרקסטע.

איך האָב געמאַכט די ערפאַהרונג מיט דעם פילאָזאָף הערמאַן כהן. און איך בין זיכער, אַז איך בין ניט דער איינציגער: באַוואונדערער — לכתחילה, פאַרוואונדערטער — צום סוף.

מען קאָן פרעגען, און מען פרעגט: צו וואָס פילאָזאָפיע? ווער

דאַרף זי? וועמען נוצט זי? אַ פראַגע, וואָס ווערט געשטעלט ניט פון דעם דורכשניטס־מענשען. פאַרקערט, ער באַוואונדערט זי. פאַר איהם איז דאָס אַ גאַנצע שמחה, ווען ער ענטדעקט אויף אַמאָל, מיט דער הילף פון אַ שלעכטען, פּאָפּולערען, כלומר׳שט פילאָזאָ־פישען בוך — און יעדע פּאָפּולאַריזאַציע פון פילאָזאָפיע איז בעצם שלעכט און שעדליך — אַז עס זיינען געווען גרויסע מענשען, וואָס האָבען זיך געבראָכען די קעפּ איבער פראַגען, וואָס האָבען צו קיינעם ניט קיין שייכות, וואָס האָבען אויסגעטראַכט אַזעלכע אויס־טערלישע, גריכיש־לאַטיינישע ווערטער.

זיי, די האַלב־געבילדעטע, האָבען גרויסע הנאה, ווען זיי דער־הערען די ווערטער, ווי „אידעאַליזם”, „נאַאיווער רעאַליזם”, „טראַנסצענדענטאַלע אַפּערצעפּציע”, א. אַ. וו.

דער פילאָזאָפיש־גענייגטער, פילאָזאָפיש־אינטערעסירטער אָבער, ווייסט: דאָס זיינען בלויז פאָרמולעס, דער שלייער פון דער „איזיס”, וואָס פאַרדעקט דעם אומבאַקאַנטען, דעם קיינמאָל ניט צו דערקענענדען אמת.

און קומט איינער און זאָגט: איך האָב געזעהן די „איזיס”, איך פאַרמאָג דעם שליסעל צום אמת — ווערט ער פאַרטומעלט, הערט זיך צו און ווערט טרויעריג און פרעגט, ווי ר׳ אליעזר, דער זוהן פון ר׳ שמעון בן יוחאי: און ווען דער מענש פרעגט און זוכט זיך איינצוקוקען און אויספאָרשען פון טרעפּ צו טרעפּ — ביז צו דער לעצטער טרעפּ — ווען ער דערגרייכט ביז אַהין: וואָס ביזטו גע־וואָהר געוואָרען, וואָס האָסטו דערזעהן? עס איז דאָך אַלצדינג פאַרשלאָסען ווי פריהער (הקדמת ספר הזהר). און מערקווירדיג, עס בלייבען פון די, וואָס האָבען געטראַכט פאַר אונז, פון די וואָס האָבען דעם געדאַנק געמאַכט פאַר זייער איינציגען לעבענס־איג־האַלט — עס בלייבען און זיינען פרוכטבאַר ניט די, וואָס האָבען געענטפערט, נאָר די, וואָס האָבען געפרעגט: ניט די פּוסקים, די טויער־פאַרשליסער, נאָר די וואָס האָבען געעפענט די טויערען — די טויערען פאַר דעם „מלך הכבוד”.

די ענטפערער! די פּוסקים! אָט שטעהט פאַר מיר אַ לעבעדיג בילד, גלייך ווי דאָס איז געווען נעכטען, נאָר־וואָס, און ניט פופ־צעהן יאָהר צוריק — עס שטעהט פאַר מיינע אויגען פּראָפעסאָר הערמאַן כהן.

געקומען אַ יונגערמאַן, אַ זעהר יונגער מאַן, צום גרויסען זקן.

—זיין נאָמען איז איהם פאַראויסגעגאַנגען. דער גרויסער, דער גרעסטער מפורש פון קאַנט, איינער פון די באַגרינדער און דער טיעפסטער דענקער פון דער נייי־קאַנטיאַנער באַוועגונג, דער מאַר־בורגער פילאָזאָף, דער שטרענגער, שאַרפער, „סיני ועוקר הרים״.

מיר זיצען איינער אַנטקעגען דעם צווייטען, אין כהנ׳ס בערלי־נער וואוינונג, אויף אַ הויכען שטאָק, אין אַן אַלטמאָדיש־מעב־לירטען חדר, אין אַ פראָפעסאָריש־אידישער אַטמאָספערע. ריכ־טיגער, פראָפעסאָריש־ראַבינישער.

געקומען צו איהם ניט צוליב פילאָזאָפיע, נאָר צוליב אי־דענטום. די „יבנה־באַוועגונג״ האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען. דער געדאַנק פון דעם „אוניווערזיטעט אין ירושלים״ האָט ניט געלאָזט רוהען די אידישע אינטעליגענץ. אַ קליינער קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט. און אויף מיר איז געפאַלען דער גורל צו באַזוכען די דייטש־אידישע געלערנטע, די „מאורות הגדולים״, און צו געווינען זיי פאַר דעם קאָמיטעט, פאַר דער אידייע. און, פאַרשטעהט זיך, דער ערשטער אויף דער ליסט איז געווען פראָפעסאָר הערמאַן כהן.

אַ פאָר שעה האָבען מיר גערעדט; אַ פאָר שעה האָט אַ הייסער קוואַל, אַ גייזער, געזאָטען. אַ גאון איז געזעסן פאַר מיר, אַ אי־דישער גאון פון דעם גאַנץ אַלטען — איך וואָלט געזאָגט: מיטעל־אַלטערליכען טיפּ. איך האָב געקוקט אויף דעם קליין־געוואַקסענעם, דיקליכען, ווייס־האָריגען אידען מיט די צוויי פאַר ברילען, און האָב זיך פאָרגעשטעלט: אַזוי האָט באַדאַרפט אויסזעהן דער רלב״ג, אָט דער שאַרף־מוח׳יגער ר׳ לוי בן גרשון, וואָס האָט גע־פיהרט די „מלחמות ה׳״ — די מלחמות, ווי ער זאָגט, ניט פון גאָט, נאָר פאַר גאָט.

אויך אַזוי האַרציג און אַזוי ליידענשאַפטליך איז זיין אַרגומענ־טירען, אַזוי אַבסטראַקט אין זיין דענקען, אַזוי אידיש אין זיין גאַנצען וועזען.

דער אידישסטער פילאָזאָף פון אַלע מיטעלאַלטערליכע פי־לאָזאָפען, פונקט ווי הערמאַן כהן איז געווען דער אידישסטער דענקער — דער אידישער דענקער — אין דער מאָדערנער צייט.

ליידענשאַפט אין האַס — און אין ליבע. פאַרעהרונג, כמעט פאַרגעטערונג צו פלאַטאָן און צו קאַנט — ביטול צו די, ווי ער האָט זיך אָפט אויסגעדריקט, „אָריגינאַליטעט־פילאָזאָפען״, וואָס זיינען געקומען נאָך קאַנט׳ן, און ממש האַס צו די אידישע דענקער,

וואָס זיינען געגאַנגען אייגענע וועגען, מיט דעם רוקען צום אי־דענטום: צו ספינאָזאַ'ן, צו בערגסאָנ'ען און צו די איבעריגע, די קלענערע, די צווייט־קלאַסיגע.

דער ביטול פון דעם געטרייען תלמיד צו די, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פון דעם קוואַל — דער האַס פון דעם געטרייען אי־דען צו די, וואָס האָבען פאַרלאָזען דעם מקור.

מקור, שטאַם, אָנהויב, וואָרצעל, „אורשפרונג. אין די פּאָר שעה, וואָס איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט, האָב איך דאָס וואָרט געהערט אין אַלע מעגליכע וואַריאַציעס. און עס איז ניט געווען קיין וואונדער: מיר האָבען דאָך הויפּטזעכליך גערעדט איבער אי־דענטום.

אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס דאָזיגע וואָרט איז בכלל אַ שליסעל צו זיין גאַנצען עצם, צו דעם מענשען און זיין געדאַנק.

און איך האָב זיך געטראַכט: אפשר שטאַמט פון זיין טיפער פאַרוואָרצעלטקייט אויך זיין פילאָזאָפישער סיסטעם, דער סיסטעם פון דעם „אורשפרונג" — אַ סיסטעם, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרשטעהן, וואָס איז נאָך ביז אַהער ניט גענוי פאַרטייטשט גע־וואָרען? „אורשפרונג" מיינט אויף דייטש, אין דער געוועהנליכער טערמינאָלאָגיע, אין דעם טעגליכען געברויך פון דער שפּראַך, אַזוי פיל ווי אָנהויב. און ווען כהן זאָגט, אַז דער געדאַנק, דאָס דענקען, איז דער „אורשפרונג", האָט עס ביי דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט ניט קיין צו־גרויסע באַדייטונג. וואָרים: וואָס מיינט עס דער געדאַנק איז דער געדאַנק פון אָנהויב? אָנהויב איז דאָך ניט מעהר ווי אַ סוף, אַ גרעניץ. דענקען דעם אָנהויב מיינט דאָך ניט מעהר, ווי דענקען וועגען דעם אָנהויב. און דאָס איז אי ניט ניי, אי ניט פרוכטבאַר.

אָבער גראָד דער דאָזיגער פּרינציפּ איז געווען דער גאַנצער „חידוש" פון הערמאַן כהן, זיין איינציגער שעפערישער אויפטו און דער פילאָזאָפישער שליסעל צו זיין סיסטעם; אַ פראַגע, וואָס קאָן פאַרענטפערט ווערען, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם צווייטען, טיפערען זין פון דעם וואָרט „אורשפרונג". אור־שפרונג, דאָס „אור", ד. ה. דאָס אַלערערשטע, דאָס און דאָס לעצטע, איז צונויפגעבונדען מיט דעם באַגריף „שפרונג", ווי ביי אַ קוואַל. פון ערגיץ־וואו הויבט זיך אָן דער קוואַל, אין אַ לעצטער

טיפקייט, ביי עפּעס אַ פּונקט ווערט די ענערגיע פון דעם וואַסער אַנטפּלעקט, זי ברענגט פון זיך אַרויס באַוועגונג — זי ווערט קוואַל מיט אַלע קאָנסעקווענצן.

עס איז דער אונטערשייד, ווי אין דער אַלטער העברעאישער טערמינאָלאָגיע צווישן „ראשית״ און „תחילה״. אין דעם „ראשית״, מיט דעם „ראשית״, האָט זיך אָנגעהויבן די שאַפונג. זי איז דער פּרינציפּ פון דער וועלט. דאָס איז דער וועג פון דער אידי־שער מיסטיק. עס איז אָבער אַן אָנהויב אויסער צייט, און דערפאַר אויך אָהן אַ סוף, פון אין־סוף צום אין־סוף.

אַנדערש איז „תחילה״. דאָס איז דער אָנהויב אין דער צייט, וואָס האָט זיין ענד אין דער צייט. און ווען מען זאָגט: „סוף מעשה במחשבה תחילה״, מיינט עס, אַז די „מחשבה״, דער געדאַנק, פיהרט צו דער טאַט. פיהרט, אָבער ברענגט איהם ניט אַרויס, שאַפט איהם ניט.

און דערפאַר ווען כהן רעדט וועגען דער אידייע פון דעם אור־שפּרונג, מיינט ער צו זאָגען, אַז די אידייע, דאָס דענקען, דער גע־דאַנק איז דער „ראשית״ — אויסער צייט און רוים, דער ראשית, וואָס שאַפט, וואָס הויבט אָן מיט זיך, פון זיך, די וועלט. ניט אין איהם איז אַלצדינג דאָ, ווי דענקער פאַר איהם האָבען געזאָגט — ניט אַז דער געדאַנק איז די וועלט, ווי ספּינאָזאַ האָט געלערנט אין זיין פילאָזאָפיע פון דעם „עצם״, דער סובסטאַנץ; און ניט ווי העגעל האָט גע׳חקירה׳ט, אַז די „אידייע״ אַנטוויקעלט זיך, טרעט צו זיך אין געגענזאַץ, פאַרניינט זיך אַליין און קומט דערנאָך צו זיך — און דאָס איז דאָס וועזען פון דער וועלט, — כהן׳ס „אור־שפּרונג״ איז דאָס אַלצדינג, און נאָך מעהר, נאָך עפּעס אַנדערש — ער האָט אין זיך דעם באַגריף: שאַפונג. ער איז געקומען צו זיין שיטה דורך דער העכערער מאַטעמאַטיק. ער האָט זיך געפרעגט: וואָס איז דאָס אָט דאָס „אומענדליך־קליינע״, דער יסוד פון דער גאַנצער מאַטעמאַטיק? חומר? ניין. גרויס? צאָהל? אין דעם באַגריף „אומענדליך־קליין״ ליגט שוין ממילא די פאַרניינונג פון מאָס. און וואָס איז צאָהל און גרויס, אויב ניט געמאָסטענקייט? עס איז, פאַרשטעהט זיך, פאַראַן אַ פּשוט׳ער ענטפער: „עס איז אַן אַבסטראַקציע, ד. ה. בלויז אַ געדאַנק, בלויז אַ וואָרט. אָבער כהן האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט אַזאַ ענטפער. פון בלויז אַ געדאַנק, בלויז אַ וואָרט קאָן ניט אַרויסקומען קיין ווירקליכקייט.

האָט עס ניט קיין ממשות אין דעם אַנהויב, קאָן עס ניט פיהרען צו ממשות. קיין „יש מאין" איז ניט פאַראַן, ווייל לאָגיש ניט מעגליך.

דערפאַר מוז מען אַננעהמען, אַז דער געדאַנק פון דעם „אומ־ענדליך־קליינער", איז אַ לעבעדיגער, אַ שאַפענדער באַגריף. אַן אַנהויב, אָבער פון דעם אורשפּרונג־טיפּ, ד. ה. אַ קוואַל, אַ מקור.

און אויב די מאַטעמאַטיק אַזוי, פאַרוואָס ניט גאַנצע פילאָזאָ־פיע? און כהן געהט רעווידירען זיין לערער, זיין פיהרער, קאַנט. ער טייטשט איהם אויס, געהט מיט איהם אויף אַלע פאַרווי־קעלטע וועגען פון זיין דענקען, נאָר ווען עס קומט צום לעצטען פונקט, צום קוואַל — דאָרט צושיידען זיך די וועגען.

קאַנט האָט געלערענט: געגעבען איז אונז די וועלט פון חושים, מיר טראָגען אין איהר אַריין זין און אָרדנונג. און דאָס, וואָס מיר טראָגען אין איהר אַריין, איז ניט קיין קאַפּריז, נאָר נויטווענדיג, צווינגענד, ווייל אין דעם עצם פון דער וועלט.

קומט כהן און ענטפערט: ניין, ניט די וועלט פון חושים איז געגעבען, און דער שכל איז בלויז דער אָרדנער און פאַרטייטשער, נאָר גאָר, גאָר אַנדערש: בראשית איז געווען, איז, וועט זיין: דער געדאַנק. ער, דער קוואַל, שאַפט די וועלט, פון איהם קומט זי, אין איהם איז זי. די וועלט איז לאָגיק, און דערפאַר לאָגיש. די וועלט איז — אידייע.

און ווייל אַזוי, איז אויך די מענשליכע וועלט, ד. ה. די באַ־ציהונג צווישען מענש און מענש, די עטיק, ניט אָפּגעטיילט פון דער וועלט און איהר גאַנצקייט. פונקט ווי עס איז דאָ — מוז זיין — די „ריינע ערקענטניש", די ריינע, ד. ה. די חושים ניט אונטער־וואָרפענע בינה, אַזוי איז אויך דאָ דער ריינער ווילען — אַ ווילען, וואָס הענגט ניט אָפּ פון מיר און פון דיר, וואָס איז אַלט אַ רגע, ווערט געבוירען מיט דעם מענשען און שטאַרבט מיט איהם, נאָר אַ ווילען, וואָס איז אייביג, דער וועג: דער אידעאַל. אוןביידע זייַ־נען: טעטיגקייט.

דער אידעאַל — דאָס מיינט צוועק. די וועלט האָט אַ זין, דער מענש האָט אַ צוועק. און כהן זאָגט אַנטקעגען ספּינאָזאַ'ן: ספּינאָזאַ האָט געוואָלט איינגאַנצען אַרויסוואַרפען דעם געדאַנק פון צוועק. דאָס האָט אָבער געמיינט — מקריב זיין אַנדערע, טיפערע אינ־טערעסען. ווייל ניט בלויז דער פּלאַן, דער זין און דער ציל פון

דער שאַפונג מוזען בלייבען אַ פראַגע, נאָר אויך דער מענש אַליין און זיין לעבען פאַר אַ צוועק, וואָס מען קאָן ניט געגוי באַשטימען, אָבער אויך ניט גלאַט מבטל זיין״.

כהן אַנטקעגען ספינאָזאַ׳ן: דער אידישער געדאַנק און דער מורד אַנטקעגען דעם אידישען דענקען.

ווייל, ווי אַזוי הערמאַן כהן זאָל ניט פאַרטיפען און פאַרווי־סענשאַפטליכען זיין סיסטעם; ווי אַזוי „דייטש״ ער זאָל ניט וועלען זיין — און הערמאַן כהן איז געווען אַזוי שטאַרק דייטש, אַז ער האָט אפילו (אין זיינע מלחמה־צייט שריפטען) געוואָלט געפינען אַן אָרגאַנישע פאַרבונדענקייט צווישען דעם דייטשטום און אי־דענטום — ער איז און בלייבט: דער איד.

דער איד פון דעם „בראשית״ און דער איד פון דעם „באחרית הימים״ — דער איד פון גאָט און פון משיח.

און טאַקע דערפאַר איז כהנ׳ען אַזוי שווער צו פאַרשטעהן. מחמת זיין סיסטעם איז גלויבען — אין אַ וויסענשאַפטליכען מאַנ־טעל. צונעהמט דעם מאַנטעל, און עס בלייבט „אמונה צרופה״. און די אַלטע פראַגע פון ר׳ אליעזר בלייבט שטעהן: און ווען דו ביזט שוין, דו בר־נשר, אַרויפגעקלעטערט אויף דעם העכסטען לייטער — וואָס האָסטו געוואונען? דער סוד בלייבט.

ווייל, אויף דער פראַגע האָט ער זיך אַליין ניט געקאָנט ענט־פערען. ער האָט געפיהלט, אַז זיין דענקען איז שטאַרקער פון זיין גלויבען, אַז עס פיהרט איהם אויך אַוועק אויף וועגען, וואו ספי־נאָזאַ איז געגאַנגען, ווייט, ווייט אַוועק פון דעם אידענטום; אַ קאַמף צווישען משה און פלאַטאָן, וואָס איז שוין אַלט ווי די פילאָזאָפיע אַליין. פילאָן, דער אַלעקסאַנדרינער, האָט זיי געוואָלט צונויפפּיה־רען; געוואָלט די תורת משה אויסטייטשען פלאַטאָניש, און מגייר זיין די גריכישע פילאָזאָפיע. און ער איז געבליבען ביים דרש.

כהן האָט געמיינט צונויפבינדען פלאַטאָן און קאַנט און די פשוט׳ע, אָבער גאַנצע, אָבער קאָנסעקוועטע טעאָריע פון „בראשית ברא״; געוואָלט אַוועקנעהמען ביים אידענטום זיין לעצטען אָנהאַלט אין דער וועלט פון ממשות׳דיגקייט, ד. ה. זיין היסטאָרישען אינ־האַלט; געוואָלט איהם אינגאַנצען פאַרגייסטיגען, פאַרמאַטעמאַטי־זירען — און איז אויך געבליבען ביים דרש.

שווער און אומצוגענגליך פאַר דעם ריין־וויסענשאַפטליך פאַר־אינטערעסירטען, אָבער אויך אין דעם לעצטען עצם פרעמד פאַר

דעם רעליגיעזען מענשען. ווייל דאָס איז דער טיפסטער אונטער־שייד צווישען אידישען און וויסענשאַפטליכען, אָדער פילאָזאָפישען דענקען: דער איד ענטפערט, דער פילאָזאָף פרעגט. און וויל ניט אָפּשליסען, פאַרענדיגען. פאַר דעם אידען איז דער אמת — דער „חותם של הקב״ה״ — דער זיגעל. פאַר׳חתמ׳עט, פאַרשלאָסען, ניט צוצולייגען, ניט צו מינערען. פאַר דעם פילאָזאָף — און גראָד פאַר דעם, וואָס כהן האָט אַזוי באַוואונדערט, דעם פילאָזאָף ווי פלאַטאָן און ווי קאַנט — איז די געשלאָסענקייט פון די אייביגע טויערען געוועזן די טראַגעדיע פון דעם מענשען — און זיי האָבען געקלאַפּט אין זיי, געהאַקט שפּעלטעלאַך, געהאָפט, אַמאָל איינצו־רייסען זיי, עפענען ברייט, ברייט.

כהן האָט געוואָלט עפענען דעם טויער מיט דעם שכל, אָבער זיין אידענטום האָט איהם פאַראַליזירט די האַנט. און ער איז גע־בליבען מיט דעם האַמער אין דער האַנט. אַ שווערער האַמער, אַ ריזען־האַמער, אָבער אין אַ פאַרגליווערטער האַנט.

אַפּריל 30, 1928

צווישען איוב און יחזקאל

1. וועגען לעוו שעסטאָוו

(צו זיין 70־יאָהריגען יובילעי)

איך געה אָפּצאָהלען אַן אַלטען חוב. מיט אַ יאָהר צעהן צוריק איז צו מיר איינמאָל אין טעאַטער צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, גאָר אַ יונגער, — אפשר ניט מעהר ווי צוואַנציג יאָהר, — מיט אַ בקשה. ער איז געוואָרען רויט פאַר אויפרעגונג. איך האָב ממש געזעהן ווי ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אַזוי צו זאָגען, גענומען דאָס האַרץ איןביידע הענט — און פון די עטליכע ווערטער, וואָס ער האָט האַלב אַרונטערגעשלונגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער בעט מיך אָנצושרייבען אַן אָפּשאַצונג פון — לעוו שעסטאָוו.

איך בין געווען איבערראַשט. וואָס וויס אַט דער יונגערמאַן — אַ סטודענט אין אַ היגער אוניווערזיטעט—וועגען דעם אַזוי אייגענאַרטיגען, קאָמפּליצירטען, פאַרפּלאָנטערטען רוסיש־אידישען קריטיקער און דענקער שעסטאָוו? און אויב ער ווייסט עפּעס — וואָס פאַר אַן אינטערעס קאָן אַזאַ שרייבער פאַר דערוואַקסענע, איבערגעוואַקסענע, פאַר מענשען וואָס האָבען שוין אַלצדינג איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט, אויף אַלע וועגען געבלאָנדזשעט און דערפאַר פאַרבלאָנדזשעט, — וואָס פאַר אַן אינטערעס קאָן ער פאַר איהם האָבען, וואָס ציהט דעם יונגען מענשען צו דעם אַלטען שעסטאָוו?

איך האָב דאָס אַלצדינג געוואָלט פרעגען ביי דעם סטודענט, — אָבער זיין צעמישטקייט איז געווען אַזוי ריהרענד, אַז איך האָב באַהאַלטען פאַר זיך די פאַרוואונדערונג—און האָב איהם צוגעזאָגט— „יאָ, איך וועל אַמאָל שרייבען וועגען שעסטאָוו׳ן.״

צעהן יאָהר זיינען שוין פאַרגאַנגען — אָדער מעהר — דער יונגער סטודענט איז שוין מן הסתם פון לאַנג אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַנאַנסען־אַגענט, האָט אַ ווייב מיט קינדער, שפּילט אַ „פינאָקל״ און האָט שוין — אַזוי בין איך זיך משער — פון לאַנג פאַרגעסען אי אַן מיר, אי אַן שעסטאָוו׳ן.

אָבער איך האָב ניט פאַרגעסען. פאַרקעהרט. וואָס אַ יאָהר

אַלץ אינטערעסאַנטער, אַלץ נעהנטער ווערט מיר אַט דער כמעט איינציגער איד — רוסישער איד — וואָס האָט דעם מוט צו שטעהן אַן אַ זייט, —ווייט אַוועק פון דעם רוישענדיגען לעבען, אַליין — און אַנטקעגען דעם שטראָם. דער איינציגער איד, פאַר ווענמען איוב, אַט דער אַלטער „מאַן פון עוץ", איז ניט בלויז אַ משל, אַ האַלב־דראַמאַטישע נאָוועלע, נאָר אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט און אַן אויס־גאַנגס־פּונקט.

לעוו שעסטאָוו ווערט מיר נעהנטער, אַזוי צו זאָגען — אין דער אומגעקעהרטער פּראָפּאָרציע פון זיין פּאָפּולאַריטעט, אין דער דירעקטער פּראָפּאָרציע פון זיין דערווייטערטקייט, פון דער דיסטאַנץ וואָס ער האָט געוואונען — צו זיין דור. עס איז געווען אַ צייט, ווען לעוו איסאַקאָוויטש שוואַרצמאַן, אַט דער קיעווער גביר, דער באַזיצער און פאַרוואַלטער — ווייל יורש — פון דעם גרעסטען קיע־ווער מאַגאַזין פון וועש, גאַלאַנטעריי און פאַרטיגע קליידער, איז געווען דער אָפּגאָט פון אַלע סטודענטען און גימנאַזיסטקעס פון רוסלאַנד.

לעוו איסאַקאָוויטש שוואַרצמאַן — מיט זיין ליטעראַרישען פּסעוודאָנים: לעוו שעסטאָוו — איז געווען דער „דזשענטעלמאַן", דער „גראַן־סעניאָר", דער פּריץ אין דער ליטעראַטור, אַ ליטע־ראַטור־קריטיקער. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז אפילו אין מיינע אינגערע יאָהרען האָט מיר אַט דער מין שרייבען און טראַכטען, — שרייבען און טראַכטען „וועגען" און „אַרום", ניט זעהר שטאַרק אימפּאָנירט. עס נעהמט זיך אפשר דערפון, וואָס די רוסישע קריטיקער, — די בעסטע אפילו, — האָבען זעלטען פאַר־שטאַנען דעם ענין ליטעראַטור. זיי האָבען גערעדט לאַנג און ברייט, — אָבער אַלץ אַרום און אַרום, קיינמאָל ניט וועגען דעם תוך. זיי האָבען געהאַט אַלערליי צוגאַנגען — פּאָליטישע, סאָציאַלע, מאָ־ראַלישע, — זיי האָבען בלויז פאַרגעסען אָן איין קלייניגקייט, אַז ליטעראַטור איז פריהער ווי אַלץ קונסט — און מוז אַזוי אויך באַ־טראַכט און אָפּגעשאַצט ווערען. די רוסישע קריטיקער זיינען גע־ווען זעהר גוטע רעוואָלוציאָנערען, אָדער צום ווייניגסטען סאָציאַל־רעפאָרמער, — האָבען געהאַט אַ „געוויסען", אָפּט אפילו אַ „קראַנ־קען", — אָבער „פון גייסט ניט קיין שפור", אָדער כמעט גאָר ניט. יעדענפאַלס פון דעם גייסט אין זיין העכסטען קאַפּריז, דעם גייסט אין שפּיל — אין קונסט.

און לעוו שעסטאָוו איז געווען אויך איינער פון די קריטיקער, וואָס האָבן זיך געגעבן די גרעסטע מיה — אויסצומיידן אין אַ ווייטן בויגען — קונסט.

ער האָט געשריבן וועגן אַנטאָן טשעכאָוו — „דער אַפּאָטעאָז פון באַדענלאָזיגקייט", — וועגן דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי און וועגן ניטצשע. צעריסענע געדאַנקען, אַ געדרעהטער, אומהאַר־מאָנישער סטיל. עפּעס האַלב־פילאָזאָפיש און האַלב־זשורנאַליסטיש, און דער עיקר — אומפּרוכטבאַר. האַרטע שטיינער, ווי צונויפגעגע־שאָטען, דורכאַנאַנדערגעוואָרפן — אָהן אַ פּלאַן און, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, אָהן אַ צוועק.

און איך האָב אָוועקגעלייגט שעסטאָוו'ס „וועגן"־ביכער אָן אַ זייט מיט דער פראַגע: „מאַי קאָ משמע לן?" — וואָס לאָזט ער אונז הערען? אַ דיאַלאָג — מיט וועמען? אָדער אַ מאָנאָלאָג — צוליב וואָס? ווייל איינס פון די צוויי מוז זיין אַ ווערק — יעדעס ווערק: אַ דיאַלאָג, אַ געשפּרעך מיט אַ צווייטען, אָדער אַ מאָנאָלאָג — אַ קאַמף מיט זיך אַליין. שעסטאָוו האָט צו מיר ניט גערעדט — און איהם אַליין האָב איך ניט געקאָנט זעהן.

און אָט פאַרגעהען יאָהרען, עס איז 1918, אין קיעוו. שעסטאָוו זיצט אין זיין גרויסאַרטיגער וואוינונג — אויף דער פונדוקלעיעוו־סקאַיאַ, אויב איך האָב ניט קיין טעות, און פון דאָרט, זאָגט מען מיר, פאַרוואַלטעט ער זיין געשעפט מיט גאַלאַנטעריי און פאַרטיגע מלבושים. אַ מערקווירדיגע באַשעפטיגונג פאַר אַ קריטיקער און אַ פילאָזאָף! איך בין שוין דעמאָלט געווען איינמאָל אין אַמעריקע, געהאָט געלעבט אַ קורצע צייט אין ניו יאָרק, און באַקומען צום ערשטען מאָל אַ רעאַליסטישע פאָרשטעלונג, וואָס דאָס מיינט אַ „קלאָוק ענד סוט" פאַרקויפער. זיי האָבען זיך ביי מיר אַלע אַסאָ־ציאירט מיט דעם בילד פון קאַנעל סטריט, מיט די „פולערס־אין", אָדער אומגעפעהר אַזוי.

קיעוו געהט אויף רעדלעך. איין רעגירונג אַריין, די אַנדערע אַרויס. רעזשימען בייטען זיך. פון מאָסקווע האַרמאַטעווען די באָלשעוויקעס. אין קיעוו סקריפּען פעדערס, רוישט פּאַפּיר. דער פּאָליטישער, דער סאָציאַלער געדאַנק ראַנגעלט זיך, זוכט אַן אויס־דרוק, אַ פאָרמולע. שעסטאָוו פיהרט זיין געשעפט — און שווייגט — און שווייגט. אָבער אָט דערהערען מיר, אַז לעוו שעסטאָוו קלייבט זיך צו האַלטען אַן עפענטליכע לעקציע — וועגן עפּעס. און די

קיעווער אינטעליגענץ איז געשפּאַנט. וואָס וועט לעוו שעסטאָוו זאָגען — צו דעם מאָמענט?

און איך געה צו איהם אַהיים — זיך דורכצורעדן מיט איהם און איהם פאַרצולייגען, אַז ער זאָל געבען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין לעקציע — פאַר דער צייטונג, וואָס איך האָב דעמאָלט רע־דאַקטירט.

שעסטאָוו אין זיין קאַבינעט. ביכער אין טונקעל־ברוינע שאַ־פעס. באַלעבאַטיש, נגידיש. ווייכע פאָטעלען, קילימעס, בילדער אויף די ווענט. און לעוו איסאַקאָוויטש שוואַרצמאַן — אַ הויכער, מאָגערער מענש אין די מיטעלע יאָהרען, אַ שוואַרצע שפּיציגע באָרד — זעהט אויס ווי שמריהו לעווין מיט אַ שטריך פון וואָלטער ראַטענאַו, מעהר מערב־איראָפּייאיש־אידיש ווי רוסיש־אידיש, מעהר בערלין ווי קיעוו, — לעוו איסאַקאָוויטש וואונדערט זיך ווע־גען דעם צוועק פון מיין באַזוך. אַ לעקציע? געוויס. ער קלייבט זיך. אויב עס וועט זיין אַ מעגליכקייט — און אַ פּובליקום. אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו דער צייטונג, צו דעם מאָמענט? ער געהט דאָך רעדען וועגען — פּלאָטין!

באמת — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער אַלטער פילאָזאָף פון אַלעקסאַנדריע, דער באַגרינדער פון ניי־פּלאַטאָניזם, דער דענקער וואָס האָט געלעבט מיט אומגעפעהר צוויי טויזענט יאָהר צוריק — און האָט אָנגעשריבען ניין אַזוי שווער־פאַרשטענדליכע, אַזוי וועלט־און לעבענס־פרעמדליכע ביכער — צו דעם מאָמענט פון 1918, צו מלחמה, רעוואָלוציע, סאָציאַלע און מענשליכע קאַטאַסטראָפעס? מיין קאָלעגע פון דער רעדאַקציע, דער דאָצענט פון פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק, אַליין אַ גרויסער פאַכמאַן אין פּלאַטינישער פילאָזאָ־פיע — לעאָניד גאַליטש (אָדער ריכטיגער גאַברילאָוויטש) — האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און אַ שמייכעל געטאָן מיט זיין איראָנישען פּעטערבורגער־אינטעליגענטישען שמייכעל: „וואָס ווייסט שוין שעסטאָוו וועגען פּלאָטין?"

און ווייטער יאָהרען פאַרגאַנגען. מיר טרעפען זיך אין פּאַריז — אין שעסטאָוו'ס וואוינונג. ביי אַ גלעזעל טיי — אַ פּאָר רוסישע שרייבער. סעמיאָן יושקעוויטש, דער גוטהאַרציגער, אימפּולסיוווער, לעבענסלוסטיגער מענש, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבען פאַר־טראַכטען וועגען וועלט און אייביגקייט, עטליכע מיטאַרבייטער פון די „סאָווערעמעניע זאַפּיסקי" — און צווישען זיי מענשען מיט גרוי־

סע נעמען אין דער רוסישער ליטעראַטור — און שעסטאָוו קלאָגט זיך. מען האָט איהם דערצעהלט, אַז די לעזער פון דעם זשורנאַל זיינען אומצופרידען מיט איהם — זיי „פאַרשטעהען איהם ניט.״

„פאַרוואָס ווילט איהר, אַז זיי זאָלען אייך פאַרשטעהן, לעוו איסאַקאָוויטש?״ — פרעג איך שעסטאָוו׳ן. „עס וואָלט דאָך געווען אַ פּאַראַדאָקס! ווער זאָל אייך פאַרשטעהן, אַט די רוסישע עמיג־ראַנטען, די אַמאָליגע אָפיצירען אָדער סאָציאַלדעמאָקראַטען אָדער גאָר ליבעראַלען — פאַרביטערטע, פאַרבענקטע און אַזוי אומגע־הויער פלאַכע — וואָס האָט איהר זיי צו געבען? — איהר ווייסט דאָך, זיי זוכען — אויב זיי זוכען בכלל עפּעס אַחוץ ברויט אָדער נקמה — זיי זוכען ענטפערס, לאָזונגען — לאָזונגען, און איהר — איהר גיט זיי פראַגען!״

און שעסטאָוו האָט צוגעשאָקעלט מיט זיין גרוי־געוואָרענעם קאָפּ. ער האָט געוואוסט — אַז איך בין גערעכט. ער שרייבט ניט פאַר דער צייט — נאָר אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — און אין דער ניט־דערגרייכבאַרער, איבער־וועלטליכער צוקונפט.

מיר האָבען זיך פאַרשטאַנען אויפ׳ן וואונק. ווייל פאַר די עטליכע יאָהר, וואָס זיינען אַוועקגעשוואומען, האָבען זיך אונזערע וועגען — פון זוכען — געקרייצט. און איך האָב דערהערט זיין דיאַלאָג — דערזעהן זיין מיטריידער — און דערפיהלט זיין מאָ־נאָלאָג.

דערזעהן — איוב׳ן און זיינע פריינד אין דעם לאַנד פון עוץ. זיצט דער איינזאַמסטער פון אַלע מענשען אין דעם מדבר — און פיהרט אַ ויכוח מיט גאָט. ניט אַרום איהם, ניט וועגען איהם, נאָר מיט איהם. ער רעדט מיט איהם — ער פרעגט ביי איהם: וואו איז דיין זיכערקייט? ער פרעגט איהם: ביזטו? — און אויב יאָ — ווער?

פאַר די אַנדערע — ניט קיין ספק. דו ליידסט — זאָגט איוב׳ס פרוי: „ברך את האלהים ומת״ — בענש גאָט — שילט גאָט און שטאַרב. זי האָט געגלויבט. זי איז געווען זיכער. אָבער איוב האָט געפרעגט: וועמען זאָל איך בענשען? פאַרוואָס זאָל איך שילטען? וואָס איז ער שולדיג? און וואָס איז שולד בכלל?

טענה׳ען זיינע פריינד — און באַווייזען איהם מיטן שכל — מיט לאָגיק, מיט אַרגומענטען: גיב זיך אונטער, נעהם אָן דעם גע־זעץ. לאַכט איוב ביטער: וואָס איז געזעץ? — וואו איז דער זין

פון גוט און פון שלעכט און פאַרוואָס, צו וואָס אָרדענונג? אַנט־קעגען אַלע אַרגומענטען האָט איוב איין ענטפער: „ווען מיר וואָל־טען אָפּגעוואויגען מיין ביטערניש, און מען וואָלט אוועקגעלייגט אויף אַ וואָגשאָל מיין פּיין — וואָלט זי געווען שווערער ווי דער זאַמד פון דעם ים — און דערפאַר זיינען מיינע ווערטער אַזוי פול מיט צער.״

די פריינד טענה׳ען מיט לאָגיק — פון דעם קליינעם פאַר־שטאַנד; און גאָט מיט דער לאָגיק פון מאַכט — אָבער איוב גיט זיך ניט אונטער. ער מאַכט אויסערליך שלום — ער האָט דאָך אַלצדינג צוריק באַקומען — אָבער ער וואָלט קיין איוב ניט געווען, ער וואָלט די יסורים גאָר ניט פאַרדינט, ווען ער וואָלט זיך צוריק אומגעקעהרט צו זיינע שאָף און רינדער און צו זיין הויזגעזינט.

ווער עס האָט איינמאָל רעוואָלטירט — „אין לו תשובה לעולם״ — פאַר איהם איז דער וועג אויף צוריק פאַרשלאָסען. בלויז ווייטער — אין דעם מדבר פון דעם אומענדליכען זיין.

זעלטען האָט אימיצער דערטראַכט דעם איוב־געדאַנק ביז צום סוף. מען דאַרף האָבען מוט — ניט נאָר צו ליידען, נאָר אויך צו זוכען קיין אויסוועג. ניט בלויז צו פרעגען, נאָר אויך אויסצומיידען אַן ענטפער.

שעסטאָוו איז איינער פון די וויניגע, וואָס פיהרט דעם איוב־דיאַלאָג ווייטער. ער קעמפט — פאַר וואָס?

איך ווייס ניט. אפשר ווייסט ער עס אַליין ניט. ער ווייסט נאָר אַקעגען וואָס ער קעמפט. און זיין קאַמף געהט אַקעגען דעם שכל, אַקעגען דעם וויסען, אַקעגען דער פאָרמולע, און דאָס הייסט — דער באַגרעניצטקייט. „דער אמת׳דיגער ספּינאָזאַ״ — זאָגט ער — „האָט געזאָגט דעם גרויסען ליגען.״ ער האָט זיך אַליין פאַרלייקענט. ער, ספּינאָזאַ, איז געקומען צו די מענשען — און האָט זיי געזאָגט: „די וועלט פון אידייען איז די אייגענע ווי די וועלט פון ערשיינונגען. דאָ און דאָרט שכל — אָרדענונג, געזעץ. גאָט איז — פאַרשטאַנד, און דערמיט האָט ער גאָט געלייקענט. ער האָט דערפילט די לעצטע שליחות — ער האָט געטויט גאָט אין דער וועלט פון מענשען.״

„זיי ווילען צונויפפיהרען ירושלים און אַטען״ — זאָגט ווייטער שעסטאָוו — „אָבער זיי פאָדערען, אַז ירושלים זאָל אָנבויגען דעם קאָפּ פאַר אַטען, און וועגען איהרע ווערטען אויף אַטענישע מאָסען,

גאָט מוז געהן נאָך אַ פּאַספּאָרט קיין אַטען... און דאָס איז דער ליגען פון דער וועלט — וואָס זי מיינט, אַז „וויסען״ איז שטאַרקער ווי לעבען.״

איהר זאָגט: גאָט איז געזעץ —שרייט מיט ליידענשאַפט אויס שעסטאָוו — אָבער „איך בין געקומען צו באַווייזען, אַז דאָס איז ניט אמת. אויף דער ערד איז אַנדערש ניט מעגליך. אָבער — אין אַנהויב איז קיין געזעץ ניט געווען. און אין דעם סוף וועלען קיין געזעצען ניט זיין... גאָט פאָדערט גאָרנישט פון קיינעם — גאָט שענקט.״

מערץ 14, 1936

2. הערמאַן כהנ׳ס וועג צו גאָט

„זיי פיהרען ירושלים קיין אַטען״, קלאָגט זיך לעוו שעסטאָוו, און דאָס איז שוין געווען גענוג ווייט. אָבער דער אידישער קאַראַוואַן שטעלט זיך ניט אָפּ ביי אַזאַ נסיעה. זיי פיהרען, זיי שלעפּען ירושלים נאָך ווייטער — אָדער ביז קעניגסבערג, ביז צו דער גרוי־הימעלדיגער, לאַנגווייליגער שטאָדט פון אָסט־פּרייסען.

און אַן איינזאַמע, אַ פאַרוואונדערטע, אַ פאַרלוירענע שטעהט ירושלים ביי די ברעגען פון דעם פּרעגעל — און ווייסט ניט צו וואָס מען האָט זי אַהין געבראַכט. טאָקע בלויז דערצו, אַז דער קליינער, אַלטער, דייטשער פּראָפעסאָר מיט׳ן צעפּעל זאָל איהר געבען אַ הסכם?

און אָט שטעהט ביי דעם הויז פון דעם געהיימראַט פּראָפעסאָר פון מעטאַפיזיק און אַנדערע ניצליכע זאַכען — עמאַנועל קאַנט — אַ הויכער איד, מיט לאַנגע, ווייסע לאָקען און אַ ווייסער באָרד, אַנ־געטאָן אין דעם ווייס־בלויען מאַנטעל פון די כהנים — —און פון זיינע פייערדיגע אויגען פליהען פונקען פון כעס. „וואָס איז דאָ?״ — פרעגט ער מיט אַ צעבייזערטען קול ביי זיין באַגלייטער, אַ קליינעם, דיקען אידען מיט צוויי פּאָר ברילען, אין אַ שוואַרצען פּראָפעסאָר־טאָלאַר איבער די פּלייצעס — „וואָס איז דאָ — יחזקאל הכהן? וואוהין האָסטו מיך געבראַכט? איז דאָס אַ נייער טייך

כבר — וואו איך זאָל האָבען אַ „חזיון" — זעהן דעם „וואָגען" און די „חיות" און דעם סוד פון דער וועלט?"

„ניין" — צעשרייט זיך דער קליינער, דיקער אידישער פּראָ־פעסאָר — „דאָס איז ניט אַזיע, דאָס איז ניט כבר, דאָס איז דער טייך פּרעגעל — און ווייס, יחזקאל בן בוזי הכהן — איך האָב דיך געבראַכט אַהער, קיין קעניגסבערג, כדי דו זאָלסט זיך צונויפקומען מיט דעם גרעסטען גייסט פון אַלע צייטען — מיט דעם העכסטען פאָרטרעטער פון דער העכסטער קולטור, מיט פּראָפעסאָר קאַנט, דעם דייטשען פילאָזאָף."

„צו וואָס, ברודער יחזקאל? וואָס דאַרף איך איהם, וואָס דאַרף ער מיך?"

און פּראָפעסאָר הערמאַן־יחזקאל־כהן צעבייזערט זיך דאָס מאָל אויף אַן אמת: „אָט דאָס איז אַזיע, דאָס איז אָסט־אידענטום! וויל זיך אַרומלויפען אין דער וועלט — אָהן אַ וויסענשאַפט, אָהן אַ סיסטעם, מיט זיין ליידענשאַפטליכען גלויבען, מיט זיין גליהענ־דיגען־גאָט — —מיט זיינע מיטאָלאָגישע בילדער! ניין — יחזקאל. דו ביזט טאַקע אַ נביא, און האָסט טאַקע געזעהן זעהונגען, אָבער איך, יחזקאל־כהן, בין שטאַרקער פון דיר — איך וועל דיך אויסטאָן פון דיינע כהנים־מלבושים, איך וועל דיר צומאַכען די אויגען, דו זאָלסט מעהר ניט האָבען קיין זעהונגען. לערנען זאָלסטו — און דוקא ביי מיין לערער קאַנט. און די דייטשע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע — און מאַטעמאַטיק מוזטו אויך לערנען — און ערשט דעמאָלט וועט מיין מייסטער קאַנט זיך קאָנען חבר'ן מיט דיר."

דער אַלטער קאַנט איז דערוויל אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז. דאָס צעפּעלע האָט זיך געבאָמבעלט אויפ'ן רוקען; לאַמפּע, דער דינער, איז איהם נאָכגעגאַנגען און האָט איהם נאָכגעטראָגען אַ פּאָר אַלטע, פאַרשטויבטע ביכער. „עד־עד, לאַמפּע, ווער רעדט דאָרט אַזוי הויך? מיר דוכט זיך, איך הער עפּעס אידישע שטימען!"

„יאָ, הער געהיימראַט — עפּעס צוויי אידען, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, דער אַנדערער אַ קליינער, אַ דיקער — קריגען זיך דאָרט." „עך — מן הסתם וועגען בערזע — אָדער וועגען גאָט — קומט ווייטער, לאַמפּע, לאָמיר אויסמיידען די אידען." און די צוויי יחזקאל'ס — יחזקאל בן בוזי הכהן פון ירושלים, און יחזקאל בן גרשון הכהן פון קאָסוויג, דער נביא און דער פּראָפעסאָר, דער לערער פון אַ פאָלק און דער פּראָפעסאָר אין דער קליינער אוני־

ווערזיטעט מאַרבורג — זיי זיינען ביידע געבליבן שטעהן ווי צע־טומעלטע. דערויף האָבען זיי זיך גאָר ניט געריכט.

„נו, יאָ" — האָט זיך סוף־כל־סוף אָנגערופען דער אינגערער יחזקאל — „נו, יאָ, — מען דאַרף דאָס ראַציאָנאַליזירען. מען מוז געפינען אַ לאָגישע ערקלערונג."

געה, בן אדם, זוך — איך קעהר זיך אום צו מיין כבר — דאָרט איז אַלצדינג אַזוי קלאָר — אפילו אָהן דיין לאָגיק — דיין גלות פון ביטערען דלות, דיין לאָגיק פון טרוקענע ביינער."

* * *

דער קאָנטראַסט האָט מיך געררייצט. צוויי אידישע דענקער: איינער אַ רוסישער איד — שעסטאָוו, דער צווייטער אַ דייטשער — פּראָפעסאָר הערמאַן כהן (1842—1918). דער ערשטער וועבט זיינע געדאַנקען אַרום איוב, דער צווייטער אַרום יחזקאל; דער ערשטער שטורעמט אַקעגען דעם שכל, רייסט אַלע קייטען — דער צווייטער בינדט זיך אַרום מיט שטריק, פּענטעט זיך אין אייזערנע קייטען, גיט זיך איבער אין די הענט דעם שכל, דער וויסענשאַפט, דער חכמה, און שלעפּט צו זיין געפּענטעטקייט אפילו דעם אין מדבר אויסגעוואַקסענעם, פריי־וויזיאָנערישען פּאָעט פון פּאַרצייטענס, דעם אָפּגרונט־טיפען יחזקאל. ער שלעפּט דעם אידענטום צו דעם קאַטעדער פון פּראָפעסאָר קאַנט און פיהרט איהם — צו דער עקדה אויף דעם מזבח פון דעם דייטשען „אידעאַליזם". און די דייטשע „אידעאַליסטען" פאַרשטעהען איהם ניט — און ווען זיי פאַרשטעהען — שטויסען זיי איהם אָפּ.

„מעהר ראַסע, ווי פילאָזאָפיע" — האָט אַמאָל געזאָגט וועגען איהם דער באַוואוסטער — און זעהר פלאַכער — דייטשער היס־טאָריקער פון פילאָזאָפיע, קונאָ פישער. אפשר דאָס איינציגע ריכטיגע וואָרט, וואָס ער האָט ווען עס איז געזאָגט וועגען אַ פילאָזאָף.

און ווען איך האָב געלייענט דאָס נייע ווערק וועגען הערמאַן כהנ׳ס „אידישע פילאָזאָפיע", דעם בוך וואָס דר. טרודע ווייס־ראָזמאַרין האָט נאָר־וואָס פאַרעפענטליכט *), איז עס מיר נאָך קלאָ־

*) "Religion of Reason", Herman Cohen's System of Religious Philosophy, by Trude Weiss-Rosmarin, N. Y. Bloch Publishing Co., 1936.

רער געוואָרען, אַז עס איז ניט בלויז די פילאָזאָפיע פון אַ „ראַסע" — נאָר אויך פון אַ ראַסע וואָס האָט אַן „אינפעריאָריטי קאָמ־פלעקס", פאַלט ביי זיך אַראָפּ — האָט פאַרלוירען איהר לעבענס־איגהאַלט, און באַמיהט זיך דערפאַר אויפצוהויבען ביי איהרע — אייגענע האָר.

געוויס, מען דאַרף ניט אורטיילען וועגען הערמאַן כהנ׳ס שיטה בלויז נאָך פרוי ראַזמאַרינ׳ס בוך. עס זיינען דאָ אַזעלכע קאָמענ־טאַטאָרען און אויסטייטשונגען, וואָס דערוויטערען דעם טעקסט ניט בלויז פון דעם שכל, נאָר אויך פון דעם גרונט־געדאַנק פון דעם דענקער. בפרט ווען דער דענקער איז אַזאַ שווערער און קאָמפּלי־צירטער, ווי הערמאַן כהן, אַ דענקער וואָס האָט געוואָלט צונויפ־שמעלצען אַזוי פיל געגענגעזעצטע מאָטיוען, — אַ דענקער וואָס האָט זעהר אָפט געטראַכט מעהר מיט טעמפּעראַמענט, מיט כעס, ווי מיט ריינער לאָגיק. און בכלל, ווען די איבערגעבערין און אויסטייטשערין פון הערמאַן כהנ׳ס אידישער פילאָזאָפיע פון רע־ליגיע וואָלט זיך באַשרענקט אויף אַ העלפט פון דעם וואָס זי האָט געשריבען, ווען דאָס בוך וואָלט געווען ניט מעהר ווי אַן „עסעי", וואָלט עס געוואונען סיי אין קלאָרקייט סיי אין פילאָזאָפישען ווערט. אַ ראיה — דאָס קליינע, מייסטערהאַפט געשריבענע פון יעקב קלעצקין — אין העברעאיש — וועגען הערמאַן כהן — אָדער דער אַזוי טיפער און קלוג געשריבענער עסעי „הוגי הדור" א. אַז. וו. פילאָזאָפיע האָט ליב צמצום — וואָס דער געדאַנק איז טיפער, אַלץ קנאַפּער דאָס וואָרט — און וואָס מעהר מען „דערקלערט" און פאַ־פולאַריזירט — אַלץ אָרימער און ווערטלאָזער ווערט דער געדאַנק.

„רעליגיע פון שכל" — האָט הערמאַן כהן אָנגערופען זיין „בן זקונים", דעם ווערק פון זיין עלטער, דעם בוך פון זיין העכ־סטער ליידענשאַפט, דער ליידענשאַפט צו גאָט.

צוויי ווערטער וואָס זיינען זיך סותר — גלויבען און פאַר־שטאַנד. וויסענשאַפט, שטרענג־לאָגישע, אויף באַוויזען געגרינ־דעטע, מיט פאַקטען אַרבייטענדיגע וויסענשאַפט, און אַט דאָס „עפּעס" וואָס מען קאָן ניט באַווייזען, וואָס מען קאָן ניט ערקלערען — דאָס וואָס איז אין אונז, — אויב עס איז דאָ — און אויב מיר באַזיצען עס ניט — קאָנען אַלע קונצען ניט העלפען.

רעליגיע איז — ווי קונסט. מען מוז זיין געבוירען פאַר איהר, מען קאָן זי ניט „אויסלערנען", און קיינער קאָן זי ניט איינפלאַנצען

דעם צווייטן. אַלע „אַנטפּלעקונגען" קומען זיכער שטענדיק — „אין שטורם"; און דאָרט וואו שטורם, איז דער שכל שטיל.

אָבער הערמאַן כהן האָט געגלויבט אין דעם שכל. אפשר טאַקע ווייל ער האָט — ניט „געגלויבט". ער האָט זיך געוואָלט צווינגען צו זיין אַ „מאמין" — און גלויבען, ווי ליבע, קאָן מען ניט דערצווינגען. שוין דער אויסגאַנגס־פּונקט אַליין איז דורך און דורך אַנטי־רעליגיעז, ווייל ניט דירעקט, ווייל דורך דער זופּ פון אידייען. „פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט" — דאָס איז כהנ׳ס גרונטזאַץ. און דערפאַר איז אייגענטליך ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מע־טאַפיזיק, פאַר דעם וואָס לאָזט זיך ניט באַווייזען אָדער אַרויסטיי־טשען. אַ גאַנצען לעבען האָט כהן געזוכט אַ וועג — פון דער וויסענשאַפט צו גאָט — אָן האָט איהם ניט געפונען. ער האָט גע־וואָלט פאַרשפּאַרען גאָט אין די דלד אמות פון דער עטיק — דער קאַנטישער עטיק פון דער פּראַקטישער פאַרנונפט, אַן עטיק וואו גאָט פעהלט — און עס איז איהם ניט געראָטען.

דער דייטש־אידישער פילאָזאָף ראָזענצווייג דערצעהלט אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע געשיכטע וועגען כהנ׳ס אמונה. דער אַלטער מאַרבורגער פילאָזאָף האָט אַמאָל איינגעלאַדען צו זיך אַן אַנדער אַלטען אידען, אַ אידישען בעל־הבית פון מאַרבורג, און האָט איהם — מיט התלהבות — ערקלעהרט ווי ער „פיהרט אַרויס גאָט פון זיין פילאָזאָפישען סיסטעם". האָט דער אַלטער אַ קוק געטאָן אויף איהם און האָט איהם געפרעגט: „יאָ, הער פּראָפעסאָר, אָבער וואו איז דער „בורא עולם?" — און פּראָפעסאָר כהן האָט זיך צעוויינט.

טרערען זיינען אַ זעהר איידעלע זאַך — פיהרען צו תשובות, צו רחמנות, צו מענשליכקייט. אָבער — ניט צו קיין פילאָזאָפישען סיסטעם. טרערען זיינען ניט קיין לאָגישער כלי־זין. און הערמאַן כהן האָט עס געוואוסט. ער האָט געוויינט, ווייל ער האָט זיך פאַר־שפּאַרט מיט דעם קאַנטישען ריגעל — און האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

ביז עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם דייטשען פּראָפעסאָר־מאַנטעל, באַזעצט זיך אין בערלין צווישען אידען און האָט אָנגעהויבען אויף דער עלטער אַ נייעם וועג צו גאָט.

און ער האָט געפונען אַ באַגלייטער — אין יחזקאל. זיין

פּראָבלעם איז דאָך באַשטאַנען אין דעם: וואו איז דער אָרט פון רעליגיע אין דעם סיסטעם פון באַגריפען, וואָס באַרעכטיגט רע־ליגיע? אָדער שאַרפער — און טעאָלאָגישער אָדער כאַאָטישער אויסגעדריקט — וואָס טוט גאָט אין דער וועלט? אויב בלויז גע־זעץ, אָרדענונג, אינהאַלט און פאָרם פון דער וועלט — איז דאָס דאָך ספּינאָזיזם. און ספּינאָזאַ'ן האָט הערמאַן כהן פיינט געהאַט מיט דער גאַנצער קנאות פון זיין טעמפּעראַמענט. אויב גאָט האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרטיג געמאַכט די וועלט — איז דאָך די וועלט אויך פאַרטיג מיט איהם. וואָס־זשע איז זיין פונקציע?

און דאָ „אַנטדעקט" הערמאַן־יחזקאל־כהן דעם נביא יחזקאל, דעם נביא וואָס האָט ערקלערט: „הן כל הנפשות לי הנה" און „נפש החוטאת היא תמות" — ד. ה. ער האָט אָוועקגעשטעלט „צום ערשטען מאָל אין דער וועלט־געשיכטע" דעם יחיד אין צענטער, געמאַכט גאָט און מענש, גאָט און יחיד פאַר שותפים — אָדער, ווי כהן דריקט זיך אויס אין זיין פילאָזאָפישער שפּראַך — פאַר „קאָרעלאַטיווע", צווייזייטיגע, פאַרקניפּטע באַגריפען.

פאַר דער נאַטור איז ניטאָ קיין יחיד. זי ווייסט בלויז פון דעם כלל. דער געאָלאָגישער, דער ביאָלאָגישער מין — די אַלגעמיינ־הייט, דאָס איז איהר עובדה. איין מענש ליידט — אַן אַנדערער געניסט דערפון; איין מענש שטאַרבט — אַן אַנדערער ווערט גע־בוירען, אַ שטויב־קערנדעל צווישען שטויב־קערנדלעך — דער עיקר איז דער שטויב־הויפען. די עטיק קען בלויז — די געזעל־שאַפט. באַציהונג פון מענש צום כלל, צום צווייטען מענשען — דאָס איהר איהר פונקציע. און פאַר דעם מענשען, דעם איינצעלנעם, ווער נעהמט זיך אָן? ווער זאָרגט פאַר איהם, ווער ליידט מיט איהם?

יחזקאל האָט אַנטדעקט דעם ענטפער: גאָט. ער איז דער בונד צווישען מענש און וועלט. ער איז דער פאַראַנטוואָרטליכער, ער איז די גאַראַנטיע. און דערפאַר איז — רעליגיע דער אָרט פאַר און פון דעם יחיד.

כהן האָט אויף דער עלטער געפונען דעם שליסעל — ביי יחזקאל, און האָט אָפּגעווישט זיינע טרערען.

אָבער איך זעה נאָך אַלץ פאַר מיר דעם אַלטען אידען פון מאַרבורג, וואָס קוקט מיט תמימות: וואו איז פאַרט דער בורא עולם? דאַרף ער זיך אַריינ'גנב'ענען דורך דער הינטער־טיר פון

יחזקאל׳ס מעטאַפיזיק? און אויב אפילו יאָ — בלייבט דאָך די אַלטע קשיא: פאַרוואָס דוקא דער מענש? פאַרוואָס אַרויפלייגען אויף זיינע פלייצעס אַזאַ משא? מיט וואָס האָט ער עס פאַרזינדיגט, אַז ער זאָל ווערען אַ שותף — און אַ שותף אָהן אַ דעה — צו דער וועלט־אַחריות?

* * *

„יחזקאל — מיין זוהן" — געזעגענט זיך דער זעהער מיט דעם דענקער — „יחזקאל מיין זוהן, איך וויס, דו האָסט עס גוט געמיינט. דו האָסט געוואָלט מאַכען שלום צווישען געגענזאַצען — צווישען אידישער און דייטשער קולטור, צווישען פאַרשטאַנד און געפיהל, צווישען וויסען און גלויבען, צווישען וויסענשאַפט און מעטאַפיזיק. אַנדערע פאַר דיר האָבען זיך געפּרואווט — אַנדערע נאָך דיר וועלען זיך פּרואווען — און עס וועט זיי קיינעם ניט גע־ראָטען. עס קאָן ניט געראָטען. פאַרגעס ניט וואָס איך האָב גע־לערענט: „ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה" — מאַכט זיך אַ ניי האַרץ און אַ נייע גייסט. שטענדיג ניי. קיינמאָל ניט צוריק, און קיינמאָל ניט פאַרקניפּען, פאַרבינדען, פאַרמיטלען. דו האָסט מיך, אין דיין תמימות, פאַרשלעפּט פון ירושלים ביז קיין קעניגסבערג — און דיין לערער, דיין „געניאַלער קאַנט", האָט אונז ביידען גע־לאָזט שטעהן אין דרויסען. געדענק־זשע: רוף ניט, פיהר ניט, און אויב דיינע קאַראַוואַנען מוזען שוין פיהרען גייסט — פיהר איהם אויף מדבר וועגען צו נייע צילען. און אויב קעניגסבערג וויל מיך אָניאָגען — לאָז זי זיך באַמיהען צו מיר. געדענק דאָס — אַ ניי האַרץ און אַ נייער גייסט — אפילו ווען דו זוכסט גאָט".

און הערמאַן כהן האָט זיך אָפּגעווישט די ברילען.

מערץ 15, 1936

אנרי בערגסאָן

פראַנקרייך האָט באַקומען היינטיגס יאָהר דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. איהר גרעסטער פילאָזאָף, איהר באַריהמטער דענקער, איז דער טרעגער פון דעם פּרייז, דער איינ־ציגער פראַנצויז פון דער היינטיגער צייט, וועמעס נאָמען פילט אָן די וועלט. דער איין־איינציגער פראַנצויזישער דענקער — פון זינט דעקאַרט — וואָס האָט געגרינדעט אַ פילאָזאָפישע שולע.

און מערקווירדיג — אָט דער פראַנצויז, איז גאַר קיין פראַנצויז ניט, נאָר אַ איד, אַ פּוילישער איד — אַנרי בערגסאָן.

„אויב עס איז דאָ צווישען אונז אַ נאָמען וואָס איז באַריהמט, אַ נאָמען מיט וועמען עס קלינגט די אַלטע און די נייע וועלט, וואָס שמידט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער דענקענדער איינ־טעליגענץ און געהט ניט אַראָפּ פון די ליפּען פון אַלע וואָס איינ־טערעסירען זיך מיט דעם לעבען פון אידייען, איז דאָס — און אין דעם זיינען אַלע מסכים — דער נאָמען פון אַנרי בערגסאָן. קיינער אין אונזער צייט האָט ניט געהאַט אַזאַ איינפלוס ווי ער, אַן איינ־פלוס, וואָס מוז וואַקסען און זיך פאַרשטאַרקען ווען זיינע אידייען וועלען ווערען ברייטער און בעסער פאַרשטאַנען, אַן איינפלוס ניט בלויז אויף דער פילאָזאָפיע, נאָר אויף דעם גאַנצען גייסטיגען לע־בען פון דער צייט. ווייל אַנרי בערגסאָן האָט באַנייט די פילאָזאָ־פיע" און אַז. וו.

אַזוי האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געשריבען איינער פון די מאָדערנסטע פראַנצויזישע דענקער, פּאָל גאַלטיע, אין זיין בוך „די מייסטער פון דעם פראַנצויזישען געדאַנק". און אַן אַנדערער — זשילוען — זאָגט אין זיין בוך וועגען דעם בערגסאָניזם: „פון זינט פּלאַטאָן האָט קיין איינציגער דענקער ניט אויסגעדריקט אין אַזאַ קלאָרער און ריינער שפּראַך זיינע געדאַנקען, קיינער האָט ניט באַשיינט מיט דעם חן פון דער פּאָעזיע די קראַפט פון זיין שכל".

איך וואָלט געקאָנט ציטירען איינעם נאָך דעם אַנדערען, אַנ־פילען ווי שנירלעך פּערעל די שבחים פון זיינע תלמידים, פון זיינע נאָכפאָלגער, פון זיינע פאַרעהרער. עס האָט זיך שוין אָנגעזאַמעלט אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון ביכער וועגען בערגסאָן — פאַר און אַנט־קעגען און אַרום — אַ ביבליאָטעק וואָס קאָן אָנפילען אַ גאַנצע

שאַפע. ניטאָ כמעט קיין איין שפּראַך אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן קיין איבערזעצונג פון בערגסאָנ׳ס ביכער. און די ביבליאָטעק וואַקסט. נייע, פרישע דענקער קומען און דיסקוטירען דעם בערגסאָניזם. ער איז געוואָרען פּונקט ווי פּלאַטאָן אָדער דע־קארט אָדער קאַנט — אָן אויסגאַנגס־פּונקט. מען קאָן מיט איהם ניט מסכים זיין, מען מעג איהם קריטיקירען, אָבער פאַרשווייגען קאָן מען איהם ניט. מען מוז זיך מיט איהם רעכענען.

און דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס עס דיסקוטירען בערג־סאָנ׳ס פילאָזאָפיע ניט אַזויפיעל די פאַך־פילאָזאָפען, ד. ה. די פּראָפעסאָרען פון פילאָזאָפיע, וואָס גרויסען זיך דערמיט וואָס זיי קע־נען די גאַנצע פילאָזאָפישע טערמינאָלאָגיע, וואָס ווייסען וואו עפּעס שטעהט געשריבען, נאָר גראָד די ניט־פּראָפעסיאָנעלע און דערפאַר ליידענשאַפטליכע, לשמה׳דיגע זוכער פון אמת. קינסטלערישע מענשען, מענשען וואָס ווילען האָבען אַן אָנהאַלט אָן דעם לעבען, וואָס גאַרען נאָך אַ פעסטען פּונקט, וואָס נעהמען דאָס דענקען ערנסט און דאָס לעבען טראַגיש, ד. ה. מענשען, וואָס האָבען ליב דעם געדאַנק און זיינען ניט די שקלאַפען פון וואָרט און פון פאָר־מולע.

עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש: וואָס גרעסער דער דענקער, אַלץ ווייניגער האַלטען פון איהם די פּראָפעסאָרען. מען האָט אין אַטען ניט זעהר הויך געשעצט פּלאַטאָנ׳ען — די פּראָפעסאָרען פון זיין צייט האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ שעהן־שרייבער, אַ דילעטאַנט. ערשט מיט יאָהרען און יאָהרען שפּע־טער, לאַנג נאָך זיין טויט, איז פּלאַטאָן געוואָרען דער „געט־ליכער״, און דער קוואַל פון פּרנסה פאַר פילאָזאָפיע־פּראָפעסאָרען.

אַזוי מיט ספּינאָזאַ׳ן. די גרויסע „דילעטאַנטען״ — לעסינג, געטהע, די פּאָעטען, די קינסטלער — האָבען דערפיהלט דעם וואונדערבאַרען כח וואָס צעגיסט זיך פון ספּינאָזאַ׳ס געדאַנק, הגם זיי האָבען אפשר ניט אינגאַנצען פאַרשטאַנען זיין האַרטען לאַטיין און זיינע צייהן־צעברעכענדע פאָרמולעס. און די פּראָ־פעסאָרען, וואָס האָבען יאָ פאַרשטאַנען דעם טעקסט, וואָס האָבען געקאָנט אָנווייזען געענוי, פון וואַנען אַזאַ אויסדרוק קומט צו ספּי־נאָזאַ׳ן און פון וואַנען אַזאַ אידייע — זיי האָבען געזוכט און גע־נישטערט און געפונען — דענק־פעהלער, לאָגישע פעהלער. זיי האָבען בלויז ניט פאַרשטאַנען איין זאַך, אַז פילאָזאָפיע איז ניט

קיין גראַמאַטיק, אַז זי איז ניט אפילו קיין מאַטעמאַטיק, נאָר די העכסטע פּאָעזיע, די גרעסטע אָנשטרענגונג פון דעם מענשען, דער ווילען צו געפינען זיך אין דער כאַאָטישער וועלט. זיך אין איהר, און איהר אין זיך. און זיי ווייסען גאָר ניט, אַז אין דער פילאָזאָפיע איז דער עיקר ניט דער סיסטעם, נאָר דער וועג צום סיסטעם; ניט דאָס פאַרטיגע, נאָר די מעטאָדע.

און דערפאַר האָט תמיד אַזוי אימפּאָנירט אַריסטאָטעל. ער האָט געגעבען רעזולטאַטען, ער האָט ניט באַאומרוהיגט. ער האָט געגעבען דעם מיטעלמעסיגען אַ פאָרם פאַר זיין דענקען. און דערפאַר איז דעקאַרט געוואָרען אַזאַ הערשער אין דער וועלט פון דענקען. ער האָט מענשען געגעבען אַ פאָרמולע, וואָס זיי האָבען געקאָנט פאַרשטעהן אָהן אָנשטרענגונג.

דער איינציגער וואָס האָט זוכה געווען צו ווערען אַן אָפּגאָט פון די פילאָזאָפיע־פּראָפעסאָרען און דאָך בלייבען ניט פאַרשטאַנען — איז געווען קאַנט. און דאָס אויך דערפאַר, וואָס ער האָט געשריבען אין אַן האַלצערנער, אַקאַדעמישער, געלערנטער שפּראַך, דעם פילאָזאָפישען־זשאַרגאָן, וואָס טיילט־אָפּ די פּראָפעסאָרען פון דער איבעריגער וועלט. מען האָט אָנגענומען זיין פאָרמולע, הגם מען האָט ניט פאַרשטאַנען זיין געדאַנק.

און אָט קומט אַ מענש, באַוואָפענט מיט דעם גאַנצען וויסען פון זיין צייט, אַ גרויסער געלערנטער, פאַר וועמען די וועגען פון דער וויסענשאַפט און פון דער פילאָזאָפיע זיינען אַזוי קלאָר, אַזוי באַקאַנט, ווי די וועגען און גאַסען פון פאַריז, — אָבער אויך איינער וואָס איז אין דעם גרונט פון זיין האַרצען אַ פּאָעט, וואָס שרייבט אַ ריטמישע שפּראַך, אַ פּראָזאַ, כמעט איינציג אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור. אַ וואונדערבאַרע, גרינגע שפּראַך און אַ שווערער, אָריגינעלער, רעוואָלוציאָנערער געדאַנק: דער געדאַנק פון פרייהייט.

איז דער גרונט־פּרינציפּ פון דער גאַנצער פילאָזאָפיע ביז אַהער געווען: דאָס זיין, די מעגליכקייט, די פאַרבינדונג צווישען איהם און דעם ווערען, איז בערגסאָן געקומען און האָט אַוועקגע־שטעלט די פילאָזאָפיע אויפ׳ן קאָפּ און ערקלערט: „עס איז ניטאָ קיין זיין... די ווירקליכקייט איז באַוועגליכקייט. ניט זאַכען פאַר־טיגע, נאָר זאַכען אין דעם פּראָצעס פון ווערען. עס עקזיסטירען בלויז צושטאַנדען, וואָס בייטען זיך. אַלצדינג אַחוץ דעם איז

בלויז אַן אילוזיע, אָדער רעלאַטיוו. ווירקליכקייט איז שטרעבונג — דאָס מיינט בייטען די ריכטונג״ („די איינלייטונג צו דער מעטאַ־פיזיק״).

ער איז געקומען און ערקלערט: די גאַנצע פילאָזאָפיע ביז אַהער איז געשטאַנען אויף דעם פּרינציפּ פון רוים, פון מאַטעמאַטיק. אַזוי פּלאַטאָן און אַזוי — זיין גרעסטער געגנער — קאַנט. פּלאַ־טאָן האָט געזאָגט יאָ צו דער וועלט פון אידייען, קאַנט האָט זי קריי־טיקירט. אָבערביידע האָבען זיך אויסגעמאָלט אַ וועלט, וואָס זעהט אויס ווי אַ גריכישער טעמפּעל, אַ פּאַרטיגע, אַ מאָס־ און פאָרם־וועלט.

אָבער וואו איז דער לעבעדיגער מענש? — פרעגט בערגסאָן. פאַרגעסט דאָך ניט איין זאַך, אַז צווישען דער זאַך און דעם באַגריף וועגען דער זאַך, אַז צווישען דער ערשיינונג און דער פאַרשטעלונג, שטעהט דאָך דער מענש — דער איך, שטעהט דאָך די צייט. וואָס מיינט דאָס? צייט איז ניט קיין מאָס, זי לאָזט זיך ניט מעסטען און וועגען. זי איז דאָס אינערע לעבען, זי איז דער טאָן פון דעם לע־בען, זי איז געפיהל. מיר זעהען די וועלט, און וואָס פּאַסירט בשעת מעשה? דאָס אויג זעהט, די דענק־קראַפט בינדט צונויף דאָס גע־זעהענע מיט דער גאַנצער אינערער וועלט און גיט עס אַ זין, אַ פאָרם, אַ צוזאַמענשלוס. אָבער בשעת מעשה — געהען דאָך פאָר צוויי פּראָצעסען: עס בייט זיך דאָס געזעהענע, עס בייט זיך דער זעהענדער. ניט מיר — וואָס נעהמען די השפּע —און ניט דאָס וואָס גיט די השפּעה שטעהען אויף איין אָרט. דאָס אינערע לעבען, דאָס גייסטיגע לעבען, דאָס גאַנצע לעבען בכלל — איז בלויז אַ פּראָצעס פון תמיד אַנדערש ווערען. און דאָס הייסט — אַז מיר קומען תמיד צו־שפּעט, אַז דער שכל קאָן פאַרנאָטירען בלויז דאָס וואָס איז שוין געוועזען — ניט וואָס איז דאָ. און דאָס געוועז־זענע איז אויך בלויז אַ רמז אויף דעם ווירקליכען. ווי אַזוי קאָן מען דען מיט דעם שכל באַנעהמען די ווירקליכקייט? און וואָס איז די פילאָזאָפיע, וואָס שטיצט זיך בלויז אויף דעם שכל? און ווי אַזוי דרינגט מען אַריין אין דער וועלט?

און בערגסאָן געפינט אַן אַנדער וועג, אַן אַנדער מעטאָדע: די אינטואיציע. ד. ה. ניט פון דרויסען, נאָר פון אינווייניג. דאָס מיינט, נאָר דער וואָס פאַרשמעלצט זיך מיט דער וועלט, קאָן זי תופס זיין.

און ווייטער, אויב די ווירקליכקייט איז ניט קיין זאַך פון מעסטען און וועגען, נאָר פון איבערלעבען, מיטלעבען; אויב אונ־זער גאַנץ פסיכיש לעבען איז ניט מעהר ווי אַן אָנשטרענגונג יע־דעס מאָל אַרויסצושווימען פון די כוואַליעס, כאַפּען אָטעם אויף אַ רגע און ענדערען באַוואוסטזיניג, ווילענדיג, די ריכטונג פון שווי־מען — הייסט עס, אַז מיר זיינען ניט קיין שקלאַפּען פון דער ווירק־ליכקייט, נאָר פריי. פריי, ווייל ניט זי שאַפט אונז, נאָר מיר זי. פריי, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין פאָרמען אין דער וועלט, וואו מיר זיינען אַריינגעפּרעסט — ווי אין קאַנט׳ס שיטה —נאָר מיר אַליין שאַפען יעדעס מאָל די פאָרם. שאַפען זי מיט אָנשטרענגונג תמיד אויפ׳ס ניי ,יעדען אויגענבליק. אָדער, ווי בערגסאָן זאָגט אין איי־נעם פון זיינע ווערק: „די טויערען פון דער צוקונפט שטעהען ווייט אָפען, די צוקונפט ווערט געשאַפען”. לעבען איז איין־איינציגער שאַפונגס־פּראָצעס. און אַ שאַפונג, וואָס איז פריי.

וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס אַזאַ פילאָזאָפיע, אויסגעדריקט אין אַ וואונדערבאַרער שפּראַך, געשטיצט אויף אַלע פאָרשונגען פון דער וויסענשאַפט, שאַרף אין איהר אַנאַליז ווי אַ מעסער, און אַזוי ברייט־האָריזאָנטיש, האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען רושם אויף דער פראַנצויזישער אינטעליגענץ, אויף דעם דענקענדען מענשען אין דער גאַנצער וועלט.

מיסטיקער! — האָט מען איהם אָנטקעגען־געררופען. „פּאָעט” — האָט מען איהם אין די אָפיציעל־פילאָזאָפישע קרייזען געוואָלט מבטל זיין. אָבער בערגסאָן האָט זיך ניט איבערגעשראָקען פאַר נעמען און צונעמעניש. ער איז געגאַנגען זיין וועג ווייטער, פון ווערק צו ווערק — פון בוך צו בוך — פאַרטיפט זיין געדאַנק, פאַר־ברייטערט איהם, אויסגעבויט אַ גראַנדיאָזען בנין.

עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיין קאַמף איז געצילט אַקעגען פּלאַטאָן און דער גאַנצער גריכישער פילאָזאָפיע. עס איז — אומבאַוואוסטזיניג — דער קאַמף צווישען דעם אידישען און דעם גריכישען גייסט, וואָס ווערט נאָך אַלץ געפיהרט.

איינער פון זיינע תלמידים — טיבאָדע — האָט זעהר פיין אָנ־געוויזען אויף דער נאָהנטקייט צווישען דעם אידען בערגסאָן און דעם האַלב־אידען מאָנטען, דעם פאָטער פון דער פראַנצויזישער פּראָזע. דער אַלטער מאָנטען האָט דער ערשטער איינגעפיהרט דעם געדאַנק פון „באַוועגליכקייט”. ער האָט באַטראַכט מענש און

וועלט ניט ווי פּאַרטיגקייטען, נאָר ווי מוזיקאַלישע טענער, וואָס בייטען זיך, וואָס געהען איבער איינער אין דעם צווייטען, וואָס זיינען געפּיהל.

מאַנטען האָט ניט דערזאָגט. ער האָט בלויז אָנגעוואָרפען אַ געדאַנק. ער האָט בלויז אויסגעדריקט אַ שטימונג פון דורות. בערגסאָן האָט דעם געדאַנק דערפיהרט ביז צו דער פילאָזאָפישער רייפקייט. דער איד פון וואַרשע האָט זיך פאַרמאָסטען אַקעגען דעם „געטליכען פּלאַטאָן" — און די גאַנצע וועלט איז פאַרגאַפט געוואָרען פון דעם אייגענאַרטיגען דועל.

* * *

מען קאָן ניט אויסשעפען בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע. זי איז צו רייך אין ניואַנסען. מען קאָן זי ניט איבערגעבען אפילו אין קורצע ווערטער, ווייל הינטער זיינע ווערטער — ווי הינטער ספּינאָזאַ'ס — ליגט אַ טיפערער מיין, ליגט אַ מעטאַפיזישער ניואַנס, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט פאָרמולירען.

און פונקט ווי נאָך זיין גאַנצער מאַטעמאַטישער מעטאָדע און נאָך זיין גאַנצער שטרענגקייט פון געדאַנק איז ספּינאָזאַ געקומען צו דעם אַזוי אומלאָגישען, מיסטישען, טיף־פּאָעטישען „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט" — ווייל „אינטעלעקט" האָט ביי איהם געמיינט ניט אונזער לאָגישער שכל, ניט די אומפּולקאָמענע מאַשין וואָס מיר אָפּערירען מיט איהר, נאָר אַ שאַפענדער, אינערער כח, וואָס איז צונויפגעשמאָלצען מיט דעם אין־סוף — פונקט אַזוי איז בערגסאָן געקומען צו אַ פונקט, וואו דאָס וואָרט, וואו דער געדאַנק פאַרלירען זייער קראַפט. רופט עס אָן — „לעבען", רופט עס אָן „עלאַן", ד. ה. די אָנשטרענגונג, דער ווילען, אָדער רופט עס „אינטואיציע" — די לעצטע קשיא איז ניט פאַרענטפערט — די פראַגע פון „וואָס איז הינטער אַלעמען?".

און אויב איהר ווילט, קאָן מען פון בערגסאָנ'ס אידייען ניט בויען קיין „סיסטעם", ניט אַריינפּרעסען זיי אין אַ שיטה.

אָבער דאָס איז טאַקע די איינציגאַרטיגקייט און אָריגינאַליטעט פון זיין דענקען. איך וואָלט אפשר געזאָגט פון דעם אידישען דענקען. סיסטעם הייסט דאָס וואָס איז פאַרטיג. ווער האָט אָבער געזאָגט, אַז די וועלט איז פאַרטיג? שיטה — מיינט באַגריפען וואָס פאַסען איינער צום צווייטען, וואָס זיינען פאַרגליווערט געוואָ־

רען. אָבער איז ניט די וועלט אַן איין־איינציגער פייערדיגער טייך? און איז ניט פאַרגליווערונג טויט? איז ניט אָרדענונג — דער היפּוך פון לעבען?

דאָס גריכישע דענקען האָט סוף־כל־סוף דערפיהרט צו אַ צו־פרידענקייט מיט דעם וואָס איז. אָבער דאָס וואָס „איז", איז שוין ניט מעהר. ווייל אַלצדינג וואָס לעבט בייט זיך, דאָס מיינט — מוז ערשט ווערען, האַלט תמיד אויפ׳ן וועג צווישען אַזוי און אַנדערש.

דאָס אידישע דענקען, אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אידישער מיסטיק, אַזוי ווי עס האָט געברענט אין דער פאַר־באָרגענקייט — איז תמיד געווען דאָס דענקען פון אומרוה, פון צעשטערען אייך אָרדענונג און בויען אַן אַנדערע.

די גריכישע שאַפונג — איז געווען אַן איין־און־איינציגע. די אידישע: „בורא עולמות ומחריבם".

צו דעם דאָזיגען אידישען גרונט־געדאַנק איז געבליבען געטריי דער גרויסער אידישער דענקער, אפילו ווען ער האָט ניט געוואוסט פון אידענטום.

און בערגסאָן איז דער געטרייסטער.

נאָוועמבער 17, 1928

אנרי בערגסאָן

צו זיין 75טען געבורטסטאָג

געוועזן אַמאָל — מיט אַן ערך הונדערט פופציג יאָהר צוריק — אין פוילען אַ איד מיט׳ן נאָמען שמואל זביטקאָווער. אַ גביר און אַ ירא־שמים. אַ קאָזשעניצער חסיד און אַליין אויך כמעט אַ צדיק. ניט אין דעם רבי׳שען „גוט־אידישען״ זין, נאָר אין דעם אמת׳ן, מענשליכען. איינגעשטעלט דאָס לעבען ווען סואוואָראָוו האָט געשטורעמט פראַגא, ביי וואַרשע, און געקוילעט, ווי דער אַלט־רוסישער מנהג איז געווען, אידען. אַוועקגעגעבען פעסער מיט גאָלדענע רענדלעך פאַר פדיון־שבוים, פאַר דעם אויסלייז פון די אומגליקליכע, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין קאָזאַקישע הענט. און זיין נאָמען איז געבליבען אַ לעגענדע ביי די אידען פון פוילען. ווען זיין נשמה איז אַרויף אין גן־עדן, — האָבען חסידים געזאָגט, — האָבען די מלאכים זי מקבל־פנים געווען מיט דעם זמר׳ל, וואָס ער האָט ליב געהאַט ביים לעבען, דעם קאַצקער אָדער דעם קאָזשעניצער ניגון, אַזוי דבקות׳דיג און מיסטיש פאַר׳חלומ׳ט.

און אַ אידישע פרוי איז געווען אַמאָל אין פוילען — שמואל זביטקאָווער׳ס טאָכטער — און איהר נאָמען איז געווען: תמר. „טע־מערעל״ האָט זי גערופען די חסידישע וועלט, די אידישע וועלט פון פוילען. אַ מין אַספּאַזיע — בלויז מיט אַן אַלט־אידישער צניעות — פון איהר דור, די קליגסטע פרוי פון איהר צייט. רבנים און גוטע אידען פלעגען פאַרפאָהרען צו איהר כדי צו פרעגען ביי איהר אַן עצה.

געשטאַלטען פון פאַרצייטענס—פאַרשוואונדען און פאַרגעסען; אָבער די שפור איז געבליבען—ברייטער און ווייטער ווי די רייכ־סטע פאַנטאַזיע וואָלט עס געקענט אָפּמאָלען. גייסטיגע כוואַליעס האָבען זיך געטראָגען פון דער וויכסעל — און ווער ווייסט פון וואַנען זיי זיינען אַהין פאַרטריבען געוואָרען — ווייט איבער די ענגע גרעניצען פון דער פוילישער געטאָ, אַריבער אין מערב־אייראָפּע, אַנגעשטויסען זיך אין אַלע וועלט־ברעגען.

ווייל דער טרעגער פון די כוואַליעס איז געוואָרען דער וועלט־

באַריהמטער און גייסטיג־באַפרוכטענדער פראַנצויזישער פילאָזאָף — דער פילאָזאָף פון פראַנקרייך — אַנרי לואי בערגסאָן.

אַט אַזוי, פון צייט צו צייט, נאָך אַ לאַנגע קייט פון אין פייער און אין פיין צונויפגעשמידטע רינגעלעך, קומט דער אידישער וועלט־מאָטיוו צו אַן אויסדרוק און געפינט זיין געשטאַלט אין דער וועלט. שווער איז דער אידישער קול, און ווען מען דערהערט איהם, מוז דער אויער זיך צוגעוואוינען צו איהם, כדי איהם צו באַנעמען. ווייל ער קומט פון די טיפענישען, פון תהומות, פון פאַרצייטיגקייטען, און ווייל צווישען דער קייט און איהר קלאַנג איז אַ מחיצה — פון רוים און פון צייט.

עס איז נישט שווער אַריינצודרינגען אין דער וועלט פון דע־קאַרט. די פראַנצויזישע, די מערב־אייראָפּעאישע קולטור ליגט פאַר אונז אָפען ווי אַ בוך. מיט זיינע ספקות און זיינע הנחות, מיט זיינע אַרויסגעזאָגטע און פאַרשוויגענע געדאַנקען, — דעקאַרט איז קלאָר ווי אַ טייך, און אָפט ווי אַ טייך, וועמענס גרונט איז אויך ניט צו־טיף.

ספינאָזאַ׳ס גרונט איז אָבער ניט צו זעהן מיט׳ן אויג, ווייל זיין שטראָם קומט פון ווייטענס, פון פאַרבאָרגענקייטען, ווייל יעדער טערמין זיינער איז אַ סימבאָל און אָפט אַן אומקלאָרער, פאַר אַן אידעע וואָס איז גאָרניט צוגעפּאַסט פאַר דעם וואָרט וואָס ער רע־פרעזענטירט. און די נייע ספינאָזאַ־פאָרשונג מיהט זיך נאָכצוגעהן דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל, אויסצוגעפינען די אמת׳ע אידייען־ווערטען פון די ווערטער און בילדער, וואָס ספינאָזאַ האָט איבער־גענומען אין זיין אייראָפּעאישער סביבה.

ספינאָזאַ איז געווען, אין זיין לעצטען אַנאַליז, דער פאַרענדיגער פון דעם אידישען וועלט־געדאַנק: אָרדאָ רערום״, די אָרדנונג פון די „זאַכען״, פון דעם וואָס מען רופט אַן: נאַטור, וועלט, איז דאָס אייגענע ווי „אָרדאָ אידעאום״, ווי די אָרדנונג פון אידייען. ווייל ביידע, נאַטור און אידייע, זיינען בלויז אַ פאַרדאָפּעלטער אויסדרוק פון דעם אייגענעם — ווייל וועלט איז אידעע.

רופט עס אַן ווי איהר ווילט: ראַציאָנאַליזם, „שלטון השכל״ אָדער אידעאַליזם. דער נאָמען איז בלויז אַ מאַסקע. דער עיקר איז דער וועלט־באַנעם. און דאָס איז געווען דער אידישער קול אין דער וועלט.

אָבער ניט דער איינציגער. די אידישע קולטור איז אויך, ווי

יעדע קאָמפּליצירטע, לעבעדיגע באַוועגונג, אַ „דו־פּרצופים״־דיגע. ספּינאָזאַ איז בלויז איין „פּרצוף״ — עס איז דער געדאַנק געווענדעט כלפּי־חוץ, צו דער וועלט. און אָט בויגט זיך אויס דער לאָמטערן, זיין טונקעלע זייט צו דער אויסערער וועלט, זיין ליכטיגע „כלפּי פּנים״ — די מאַקראָסקאָפּישע פילאָזאָפיע פון אַלע גרויסע אידישע ראַציאָנאַליסטען ווערט אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט. די מיקראָסקאָפּישע טרעט אַריין אין קראַפט. און דאָס איז דער אידישער מיסטיציזם, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט ער זאָל ניט אויפטרעטען, אפילו אין דער פאָרמלאָזיגקייט און כאַאָטישקייט פון דער קבלה און דעם חסידיזם.

שווער, כמעט אונמעגליך אויסצובויען אַ סיסטעם פון קבלה. און די וואָס האָבען זיך געפּרואווט — צי דאָס איז געווען דער אר״י (יצחק לוריא), צי דער רמ״ק (משה קאָרדאָווירא), זיינען, ווי פּאַסטאַר בראַנד, קיינמאָל ניט דערגאַנגען צום שפּיץ, און ווען כמעט שוין דערגרייכט, האָט דער שטורעם זיי אַרונטערגעריסען אין דעם תהום.

עס ווירקט כמעט קאָמיש, ווען מען זעהט ווי אַן אַדאָלף פראַנק אָדער אַנדערע „סיסטעמאַטיקער״ מיהען זיך אַרום דער קבלה און ווילען אַריינשפּאַרען זי אין די שול־באַגריפען, אין דער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע פון דער איראָפּייאישער, פון דער גריכיש־מערב׳דיגער וועלט. פּונקט ווי די גריכען וואָלטען אויסגעשעפּט אַלע מעגליכקייטען און פאַרשלאָסען אַלע טויערען; גלייך ווי דער שליסעל צו דער געדאַנקען־וועלט וואָלט געלעגען בלויז אין אַטהען.

און וואָס איז געווען דער עצם פון דעם גאַנצען אידיש־מיסטישען דענקען? זאָגט ר׳ שמעון בן־יוחאי אין זיין אָרענטאַליש־בילדליכער שפּראַך: בשעתא דסתימא דכל סתימין בעה לאתגליא, ערב ברישא נקודה חדא ודא סליק למהוי מחשבתא. צייר זה כל ציורין, חקק זה כל גליפין... עמיק וסתים בשמא, לא אקרי אלא מי, בעה לאתגליא ולאתקרי כשמא, ואתלבש בלבוש נקב צנורא וברא אלה... אתחברין אתווין אלין באלין לאתמליא בשמא „אלהים״...— צוערשט שאַפט דער „באַהאַלטענער״ דעם פּונקט, דעם געדאַנק. דאָרט אַלע צייכענס און אַלע אידייען. דערנאָך גראָבט ער ווייטער, און דער „ווער״ ווערט די פּערזענליכקייט. דאָס איינע, — צו דעם „באַהאַלטענעם״, צו דעם סוד פון דער וועלט, קאָן מען אפילו ניט צולייגען דעם אַטריבוט „איינער״, ווייל פריהער פון אַלע צאָהלען

און העכער פון אַלע אַבסטראַקציעס. — דערנאָך שפּרייט זיך אויס דער מאַנטעל און עס ווערען „די דאָזיגע”, די פאַרשידענקייט, די וועלט אין איהר צעשפּאַלטענקייט. און ווען די „דאָזיגע”, און דער „ווער”, די פאַרשידענקייט און די איינהייט, באַהעפטען זיך, ווערט וועלט. און אויף דעם סוד שטעהט די וועלט!

איך וויל זיכער ניט אַריינפאַלען אין דעם פראַנקישען פעהלער און „מאָדערניזירען” אָדער איבערדערצעהלען דעם „זוהר” אין דער באַקאַנטער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע. מען קען דאָס גאָר ניט. וויל דער געדאַנק לאָזט זיך ניט פאַרגלייכען אין זיין אַבסטראַקציע. ער איז צו־דיק, ער פאַרטראָגט ניט קיין הוילקייט, ער איז צו־צניעות׳דיג. מען קען איהם בלויז „לעבען”; ניט דענקען, דאָס הייסט, נאָכדענקען, איבער׳חזר׳ן, נאָר דורכלעבען.

און דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון דעם אידישען מיס־טיציזם: די וועלט איז אַ שטענדיגער קוואַל פון לעבען, וואָס קען ניט אָפּגעשטעלט ווערען, ניט אויף איין רגע. ניטאָ קיין פאַר־גאַנגענהייט און ניטאָ קיין „איצט”; אַלצדינג איז און איז אויס אין דער אייגענער צייט. וויל צייט איז ניט קיין באַגריף, ניט קיין מאָס, נאָר אַ פּראָצעס.

און אָט ווערט די דאָזיגע אידישע אור־שיטה מגולגל קיין פּוי־לען, וואַרימט זיך אין די קלויזען, אין די חסידישע שטיבלעך, פיהרט איהר באַהאַלטענעם לעבען אין ניגונים, אָהן ווערטער, אין דעם לאַנג־געצויגענעם „אַי־אַי”, דעם „אַי” פון בענקעניש און פון אומפאַרענדיגטקייט. זי וואַנדערט איבער מיט דעם אייניקעל פון דעם אַלטען חסיד ר׳ שמואל זביטקאָווער און „טעמערעל” פון דער ווייכסעל צו דער סעין, און דאָרט ווערט זי אַ וועלט־מאָטיוו. וויל זי געפינט איהר תיקון אין דער פילאָזאָפיע פון בערגסאָן, דעם אור־אייניקעל פון טעמערעל.

עס איז מיר ניט געענוי באַקאַנט ווען און צוליב וואָס אַנרי בערגסאָן׳ס פאָטער האָט אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך, און בכלל וואָס ער איז געוואָרן, ווי האָט ער גייסטיג אויסגעזעהן; אָבער עס איז ניט וויכטיג. דער מענדעל׳שער געזעץ פון ירושה גילט אויך פאַר דעם פּסיכישען לעבען, דער געזעץ פון דעם שפּרונג פון דורות. מעגליך, אַז בערגסאָן דער פאָטער האָט שוין פאַרגעסען אָן זיין זיידען, געוואָלט פאַרגעסען און באַפרייען זיך פון דער אַל־טער ירושה. און עס ווייזט אויך אויס אַזוי. וויל בערגסאָן דער

זוהן דערמאָנט אין ערגעץ ניט מיט קיין איינציג וואָרט, מיט קיין רמז אפילו ניט, פון וואַנען ער שטאַמט און וואו זיינע אָנהויבען זיינען געווען. דער פוילישער איד, בערגסאָן, האָט שוין מיט פינף און זיבעציג יאָהר צוריק, ווען זיין זוהן איז געבאָרען געוואָרען, גע־וואָלט אָפּווישען די שפּורען. און עס איז דעמאָלט געווען גרינג.

געווען אַ צייט פון נאַאיווען אידעאַליזם. אין פראַנקרייך, אין פוילען, אומעטום. אַ ראָמאַנטישע צייט. בפרט אין פּאַריז. די צייט פון לאַמאַרטין און לאַמענע, פון מישלע און פון רענאַן, אַכ־צעהן נײַן און פופציג. פּוילישע עמיגראַציע — מיצקעוויטש, סלאָ־וואַצקי, קראַשעווסקי, טאָוויאַנסקי. לויטער מיסטיק און פילאָזאָפיע פון פרייהייט. איטאַליענישע עמיגראַציע — גאַריבאַלדי, מאַדזיני; אונגאַרישע עמיגראַציע — קאָשוט, — און אַלע אין פּאַריז, דעם גייסטיגען צענטער פון דער וועלט, ריכטיגער, דעם נערווען־צענטער פון דער קולטור.

אַנרי לואי בערגסאָן וואַקסט אַריין אין דער אַטמאָספערע, שטו־דירט אין פּאַריז — נאָך עטליכע קינדער־יאָהרען וואָס ער פאַר־ברענגט מיט זיינע עלטערן אין ענגלאַנד — רוהיג, רעגעלמעסיג, פלייסיג, צייכענט זיך אויס, און מעהר פון אַלץ אין מאַטעמאַטיק, פאַרעפענטליכט צו נײַנצעהן יאָהר אַן אַרטיקעל אין די „מאַטעמאַ־טישע אַנאַלען״ (1879) וועגען דער „לייזונג פון אַ מאַטעמאַטישער פּראָבלעם״. אָבער די מאַטעמאַטיק האַלט איהם ניט. ער פאַר־שטעהט, ער קען מאַטעמאַטיק, אָבער זיינע אינטערעסען זיינען ברייטער, ער איז פון נאַטור אויס אַ „הומאַניסט״. און אַ פּאָר יאָהר שפּעטער פאַרעפענטליכט ער אַן „אויסצוג פון לוקרעציוס״, דעם רומישען דיכטער־פילאָזאָף, דעם ערשטען סיסטעמאַטיקער פון דעם פילאָזאָפישען מאַטעריאַליזם, דעם אויסטייטשער פון דעמאָקריט׳ס אַטאָמיסטישער טעאָריע. בערגסאָן גיט אַרויס דעם לאַטיינישען טעקסט פון לוקרעציוס קאַר׳ס „דע נאַטוראַ רערום״, „וועגען דער נאַטור״, מיט הגהות און פילאָלאָגיש־פילאָזאָפישע באַמערקונגען. זיין געדאַנק אָריענטירט זיך שוין פילאָזאָפיש, און אין עטליכע יאָהר אַרום (1889) טרעט ער אַרויס פאַר דער וועלט מיט זיין ערש־טער גרויסער אַרבייט, דער דאָקטאָר אַרבייט: „די אונמיטעלבאַרע דאַטען פון דעם באַוואוסטזיין״. אין דער דאָזיגער עסעי, דער פאַרזוך צוצוגעהן נעהנטער, אינטימער צו דער פּראָבלעם פון דעם באַוואוסטזיין, דאָס הייסט, פון דעם פּסיכישען לעבען, האָט איהם

תיכף אָוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייהען פון די דענקער, גע־מאַכט פון איהם אַ צענטראַלע פיגור אין דער מאָדערנער פילאָ־זאָפיע.

וואָס איז דאָס פּראָבלעם אין דעם „עסעי", דער אויסגאַנגס פּונקט פון דער גאַנצער בערגסאָנישער פילאָזאָפיע? עס איז די אידעע פון דער פרייהייט, דער קאַמף אַקעגען דעם דעטערמעניזם. „פילאָזאָפירען"! — זאָגט בערגסאָן אין זיין „איינלייטונג צו דער מעטאַפיזיק" — „מיינט ענדערען די געוואוינטע ריכטונג פון דענ־קען" ווי אַזוי דענקען מיר, אָדער גענויער, וואָס איז די טענדענץ, די ריכטונג פון יעדען געדאַנק, פון יעדען אינטעלעקטועלען אַקט? ער שטעלט אָפּ דעם לעבען און אונטערזוכט אים. ווען מען וויל פאַרשטעהן פאַרוואָס וואַסער ווערט פאַרפרוירען ביי דעם נול־גראַד אָדער הויבט אָן צו זידען ביי דעם הונדערט־גראַד מוז מען מאַכען אַן עקספּערימענט. וואָס מיינט דאָס? איך נעם אַביסעל וואַסער און מאַך מיט איהם דורך אַ געוויסען פּראָצעס. עס איז ניט מעהר קיין קוואַלענדיג, רענענדיג, באַוועגליך וואַסער. עס איז, אַזוי צו זאָגען, „טויט" וואַסער. און אויב דער ביישפּיל איז אפשר ניט גענוג קלאָר, איז דער ביישפּיל פון אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם קלאָר פאַר יעדען. אין דעם מאָמענט ווען מיר אונטערזוכען די פיזיאָלאָגישע אייגענשאַפטען פון אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם, וואָס ער זאָל ניט זיין — מוז זיך אָפּשטעלען דער לעבענס פּראָצעס פון דעם אונטערזוכטען אָרגאַניזם. יעדענפאַלס, ער איז ניט מעהר פריי, איצט לאָמיר געהן ווייטער, טיפער, צו דעם קאָמפּליצירטסטען פון אַלע פּראָבלעמען — אונזער אייגענעם וועלט באַגריף, דעם אינע־רען, פּסיכישען לעבען פון דעם מענשען. די פּסיכאָלאָגיע וויל איהם אונטערזוכען. זי וויל איהם ראַציאָנאַליזירען. און דאָס באַדייט אַריינפירען איהם אין דער קייט פון סיבות, אין דעם קאָר־זאַלען פּראָצעס. אַזעלכע און אַזעלכע באַדינגונגען ברענגען אַרויס אַזעלכע און אַזעלכע ערשיינונגען. אָט אַזוי מוז עס זיין. אָבער פאַרוואָס מוז עס? ווייל עס איז, ווייל עס איז געווען.

אָבער איז דאָס אַזוי? — פרעגט בערגסאָן. איז טאַקע אונזער אינער לעבען ניט מעהר ווי אַ „פּסיכישער מעכאַניזם" וואָס פאָלגט געוויסע מאַטעמאַטיש־באַרעכענטע געזעצען — אָדער אפשר איז דאָס אינגאַנצען אַ מיספאַרשטענדניש? וואו איז דער וואָרצעל פון דעם דעטערמעניזם? — פאָרשט ווייטער בערגסאָן: אין דעם

רוים, דאָס הייסט, אין אונזער פאָרשטעלונג פון דעם איינהייט־ליכען, ניט אונטערבראָכענעם רוים, דעם אָרט פון אַלצדינג וואָס איז. אָבער דאָס וואָס געשעהט, געשעהט ניט נאָר אין רוים — נאָר אויך אין צייט. דער באַגריף געשעהן איז אַ צייט באַגריף. זיין איז רוימליך, געשעהן, ווערען — צייטליך.

וואָס איז אָבער צייט? די פילאָזאָפען — טענה'ט בערגסאָן — האָבען מיספאַרשטאַנען צייט, זיי האָבען זי אויסגעטייטשט מיט דער אייגענער פאָרמולע ווי רוים —דאָס הייסט איינהייטליך, אונאונטערבראָכען, און דערפאַר „דעטערמענירט״? אָבער פון וואָס פאַר אַ צייט רעדען פילאָזאָפען, פון דערווירקליכער אָדער פון דער אַבסטראַקטער? דאָס וואָס זיי האַלטען פאַר אַ צייט איז גאָר ניט קיין צייט, נאָר בלויז אַ טויטע סכעמע. עס איז דאָ בלויז איין צייט — און דאָס איז די לעבעדיגע, די וואָס ווערט — „געלעבט״. זי רינט, זי איז פליסיג, זי באַוועגט זיך. „שטעלט אָפּ״ די צייט — און זי הערט אויף צו זיין. דער רוים קען נאָך אָפּגעשטעלט ווערען — אין דער אַבסטראַקציע. מען קען זיך פאָרשטעלען אַן „ענדליכען״ רוים, דאָס הייסט, פאַרשטעלען זיך איז אוממעגליך, אָבער דענקען קען מען עס. דענקען, דאָס מיינט מאַכען דעם געדאַנק פאַר אַן הנחה, פאַר וויטערע געדאַנקען, אַ מעטאָדע פאַר אַ סיסטעם. אָבער אויסמאָלען זיך אַן ענדליכע צייט, דאָס הייסט, אַ צייט וואָס שטעלט זיך אָפּ, איז פונקט אַזוי ווי פאָרשטעלען זיך אָדער דענקען פון אַ ליכטיגער פינסטערניש, אָדער אַ טאָליגען באַרג. אינ'ם מאָמענט וואָס צייט שטעלט זיך אָפּ, הערט זי אויף צו זיין צייט, פונקט ווי אין דעם אויגענבליק וואָס דאָס לעבען שטעלט זיך אָפּ איז דאָס ניט מעהר קיין לעבען.

צייט איז באַוועגונג, און דאָס מיינט ענדערונג. גוט, — אָבער באַוועגונג און ענדערונג קענען דאָך שוין זיין געבונדענע, גע־צוואונגענע, דעטערמינירטע! אָבער כדי צו דעטערמינירען מוז דאָך שוין זיין עפּעס וואָס באַשטימט, וואָס איז דאָס? אויב די פסיכישע אַקטען — אויב מיר ווילען אַזוי אָנרופען אונזער אינער לעבען — זיינען ניט מעהר ווי פאָלגען פון סיבות וואָס ליגען אויסער אונז. וואו ליגען זיי — אין רוים אָדער אין צייט? אויב אין רוים — ווי איז מעגליך ענדערונג? אויב אין צייט — אין וואָס פאַר אַ צייט, אין דער צייט וואָס איז פאַרגאַנגען, אָדער אין דער צייט וואָס פאַרגעהט? אין דער טויטער אָדער אין דער לע־

בעדיגער? לעבען קומט פון לעבען, און דערפאַר קען אַ לעבעדי־גער אַקט ניט אָפּהענגען פון אַ טויטער צייט. געוויס, צייט וואָס איז איצט שוין טויט — האָט נאָר וואָס געלעבט — הייסט עס, אַז מיר קומען ווידער צו דעם גרונד פּראָבלעם: „קאָן מען זיך פאָר־שטעלען די צייט אין די קאַטעגאָריעס פון רוים. זאָגען מיר: יאָ, אַזוי ווייט ווי עס האַנדעלט זיך וועגען דער צייט וואָס איז שוין פאַרפלאָסען — און — אויב איהר רעדט וועגען דער צייט וואָס פליסט. אָבער יעדער פרייער אַקט קומט פאָר אין דער צייט וואָס פליסט און ניט דער פאַרפלאָסענער. דערפאַר איז די פרייהייט אַ פאַקט. („עסעי וועגען די אוממיטעלבאַרע זייטען פון דעם באַ־וואוסטזיין".)

אַנדערש אויסגעדריקט — בערגסאָן שטיצט זיין אידעע פון פרייהייט אויף דעם באַגריף פון צייט, וואָס איז קוואַליטעט און ניט קוואַנטיטעט, ניט קיין פאַקט, נאָר אַ געפיהל, ניט דאָס וואָס געהט פאָראויס, נאָר דאָס וואָס געהט מיט, וואָס קען ניט אָפּגע־זונדערט ווערען פון דעם וואָס געשעהט, פונקט ווי די באַוועגונג קען ניט אָפּגעשיידט ווערען פון דער כוואַליע וואָס באַוועגט זיך. און ווייל לעבען איז באַוועגונג, און דאָס פסיכישע לעבען איז פרייהייט, מוז מען צוגעהן צו דער גאַנצער פילאָזאָפיע פון דעם לעבען פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט, ניט פון דעם מעכאַניס־טישען אָדער דעטערמיניסטישען, נאָר פון דעם אינטואיטיווען. ניט דער שכל, דער אינטעלעקט באַנעהמט די וועלט, נאָר דער אינ־סטינקט, די אינטואיציע.

און די אַנטוויקלונג פון דעם געדאַנק איז די טעמע פון די ווייטערע גרויסע אַרבייטען פון בערגסאָן — בפרט אין זיין גרעס־טען און באַרימטסטען ווערק: „די שעפּפערישע עוואָלוציע".

איינער פון די נייסטע קאָמענטאַטאָרען פון בערגסאָן — און אַרום בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע האָט זיך באַשאַפען אַ גוואַלדיגע לי־טעראַטור אין כמעט אַלע קולטור שפּראַכען — א. טיבאָדע, גיט אַ זעהר פיינע כאַראַקטעריסטיק פון בערגסאָנ'ס הויפּט ווערק. „דער עסעי" — דאָס ערשטע ווערק פון אַנרי בערגסאָן. זאָגט טיבאָדע, „איז די ערקלערונג פון דער פסיכאָלאָגישער גאַנצקייט (טאָטאַ־ליטעט אין דעם זין פון פרייהייט".) מיר זיינען אונטערגעוואָרפען אונטער די געזעצען פון נויטוועגדיגקייט. מיר זיינען דעטערמי־נירט ווען מיר האַנדלען בלויז צום טייל, ווען מיר זיינען — אַ טייל.

פריי אָבער מיינט געבען אַלצדינג, דאָס גאַנצע, זיין איבערגעגעבען אינגאַנצען — אין אַן אויגענבליק פון גנאָד.

„מאַטעריע און זכרון" — בערגסאָנ׳ס צווייטע ווערק ערקלערט דעם לעבעדיגען יש, ווי אַ צוזאַמענשטראָם פון צוויי גאַנצקייטען. איין חלק אָבער באַלייכט און צעשניטען דורך דער נויטווענדיגקייט פון טאַט — די לעבעדיגע אינדיווידואַליטעט זונדערט אויס פאַר איהרע הצטרכות׳ען דעם טייל פון דער מאַטעריע וואָס איז פאַר איהר נויטיג; — דאָס — און אין דעם דריטען ווערק „די שעפּפע־רישע עוואָלוציע" ערקלערט בערגסאָן וואָס איז און וואָס איז ניט אָט די טאָטאַליטעט — אָהן באַציהונג צו אונז, און איהר אייגענער עקזיסטענץ, און קומט צו דער טעאָריע פון דעם „לעבען־אימפּולס", דעם „עלאַן וויטאל"... די צענטראַלע אידעע פון דעם גאַנצען סיס־טעם אָבער איז „אינטואיציע".

הייסט עס, האָבען מיר פאַר זיך דריי נייע אָדער באַנייטע באַגריפען: „גאַנצקייט", עלאַן־וויטאל און אינטואיציע. לאָמיר אַנאַליזירען יעדען פאַר זיך, אַזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך אַנאַליזירען אַזעלכע קאָמפּליצירטע אידייען פאַר ניט פאַכמאַנישע לעזער. דער באַגריף „גאַנצקייט" — טאָטאַליטעט —איז ענג פאַרבונדען מיט און וואַקסט אַרויס פון דעם באַגריף פון „באַוועגונג" און פון דער קוואַליטעטיגקייט פון דער צייט. כל זמן מיר באַטראַכטען די וועלט רוימליך אָדער מאַטעמאַטיש אָדער דעטערמיניסטיש, ווי עפּעס וואָס רוהט און שטעלט זיך אָפּ, קאָן מען אָנהויבען רעדען פון אַ צעטיילטקייט. אין דער טעאָריע, אין דער אַבסטראַקציע, צום ביישפּיל, איז פאַראַן אַן איינצעלנער טאָן אָדער אַן איינצעלנע כוואַ־ליע. אין דער ווירקליכקייט, דאָס הייסט, אין אונזער באַוואוסטזיין, און דאָס איז פאַר אונז דער לעצטער קריטעריאום, איז יעדער טאָן אַ המשך, און אַ צונויפגעוואַקסענקייט פון אַלערליי נעבען טענער — און יעדער כוואַליע אין אַ טייך איז אַ ים. מיר הערען קיינמאָל ניט דעם טאָן, זעהען קיינמאָל ניט די כוואַליע אָדער אַ כוואַליע, מיר זאָגען בלויז אַז מיר הערען אָדער זעהען עס, אונזער אינטעלעקט צעשניידט אונזער וועלט און טיילט זי — מיר כאַפּען אויף דאָס גאַנצע — אוממיטעלבאַר.

צוערשט דאָס גאַנצע און דערנאָך דער חלק. מיר זעהען צו־ערשט דעם וואַלד און דערנאָך די ביימער. מיר הערען צוערשט

די גאַנצע מוזיק סקאַלע און דערנאָך צעגלידערען מיר זי אין איהרע איינצעל־טענער.

וואָס איז אָבער אָט די גאַנצקייט? ווי ווערט זי? זי איז דער לעבענס דראַנג, דער „עלאַן־וויטאַל" אין זיין פּראָצעס פון ווע־רען, פון שאַפען פון באַוועגונג. „דער פּראָצעס פון לעבען איז צו־ערשט שאַפען דאָס גאַנצע און דערנאָך צעגלידערען עס אין דע־טאַלען" (שעפּפערישע עוואָלוציע, פראַנצויזישער טעקסט, ז. 97).

ווי אַזוי אָבער דערגעהען מיר דערצו, ווי אַזוי קאָנען מיר באַנעמען דאָס גאַנצע ווען דער עצם פון דעם אינטעלעקט איז צע־שיידען און פאַרגליווערט? „דאָס גאַנצע מיט דעם גאַנצען" — ענטפערט בערגסאָן. אינטואירען, אַריינדרינגען אין דעם קערן, דעם עצם פון דעם לעבעדיגען פּראָצעס קאָן דער מענש אינ־סטינקטיוו. דער אינטעלעקט פיהלט זיך היימיש אין דעם אומ־באַוועגליכען, דעם אונטערגעבראָכענעם, דעם טויטען — ער האָט ניט קיין שום מעגליכקייט צו פאַרשטעהן דאָס לעבען. אָבער אינ־סטינקט איז „סימפּאַטיע" — און סימפּאַטיע מיינט מיטגעפיהלען, איינס ווערען מיט דעם וואָס איז פאַר איהם. „דער אינסטינקט וואָלט אַלצדינג געקענט געפינען — ווען ער וואָלט געזוכט" — זאָגט בערגסאָן אין איינע פון זיינע געשפּיצטע פראַזען. „דער אינטעלעקט וואָלט אַלצדינג געקענט זוכען, אָבער ער וואָלט גאָר־ניט געפונען".

מיט איין וואָרט, אינטואיציע איז אַלצדינג, אינטעלעקט איז זעהר ווייניג. און דאָס באַדייט אין אמת'ן איבעררייס מיט דער גאַנצער פילאָזאָפיע פון דעם ניינצענטען יאָהרהונדערט — און אויך מיט דעם גאַנצען ראַציאָנאַליזם. און פריהער פון אַלעמען מיט אַריסטאָטעל. דער גאַנצער געדאַנקען בוי פון אַריסטאָטעל איז באַזירט אויף דעם באַגריף פון „נוס" — דאָס הייסט, שכל, פאַרשטאַנד, געדאַנק. דער „נוס" אין אַלע זיינע מדרגות איז ניט נאָר דער באַנעמער, נאָר אויך דער באַוועגער און דער „שעפער פון דער וועלט". און ווי אַריסטאָטעל, אַלע וואָס האָבען געטראַכט מעטאַפיזיש, וואָס האָבען פילאָזאָפירט איבער דער וועלט. אפילו לאָק, דער אַנטי־מעטאַפיזיקער, האָט אין זיין גרונדזאַץ:
"Nihil est intellectu quod non fuerit primum in sensibus."

דער אינטעלעקט האָט, פאַרמאָגט ניט מעהר ווי די חושים גיבען איהם, און דעריבער איז ער ניט שעפעריש. ער מוז באַ־

קומען זיינע מאַטעריאַלען פון די חושים, און דאָס מיינט, אַז עס זיינען ניט פאַראַן קיין פריארי אידייען אָדער טראַנסצענדענטאַלע פאַרשטעלונגען, וואָס האָבען ניט קיין שורש, און קיין יניקה אין דער ערפאַרונג. אָבער די ערפאַרונג אַליין איז בלויז רוי שטאָף. דער אינטעלעקט באַאַרבייט איהם און בויט איהם איבער. און אַזוי אויך — דעקאַרט, וואָס האָט געלערנט דעם פרימאַט פון דעם פאַר־שטאַנד, „איך טראַכט, דערפאַר בין איך". דאָס איז דעקאַרט'ס הנחה. און זי שטאַמט פון אַן אַנדערער, אַ העכערער: דעם דואַליזם צווישען גייסט און „אויסשפרייטונג". גייסט אָבער איז דער גע־דאַנק, דער אינטעלעקט. דער אָרדנער, און אין אַ געוויסען זין דער שעפער. אָדער נאָך איהר קאַנט. זיין גאַנצע קריטיק פון דער „ריינער פאַרנונפט" האָט געהאַט איין אויפגאַבע — אָפצורייניגען דעם אינטעלעקט פון דער ערפאַרונג. ווייזען וואו זיינע גרעניצען זיינען. און דער רעזולטאַט פון קאַנט'ס דענקען איז ווידער אַמאָל געווען דער אינטעלעקטואַליזם. ווייל דער אינטעלעקט, די „ריינע פאַרנונפט" איז דער אינסטרומענט צו באַגרייפען די וועלט. ער טראָגט אין איהר אָריין אָרדענונג, ער בויט זי אָריין אין אַ סכעמע פון באַגריפען. ער, דער אינטעלעקט, איז די פאָרם, די ערפאַרונג, וואָס זי זאָל ניט זיין, די אינערע אָדער די אויסערע, איז בלויז דער אינהאַלט.

פון אַקעגען דעם גאַנצען וועלט צוגאַנג — אַט אַקעגען דער פילאָזאָפיע פון ראַציאָנאַליזם און אָרדענונג אין אַלע איהרע פאַר־מען שטעלט בערגסאָן אַוועק זיין „ניין". ער קריטיקירט די הנחה, ניט נאָר די אויספיהרונג, די הנחה פון דעם אינטעלעקט, פון „נוס", דעם געדאַנק וואָס רעגירט איבער דער וועלט.

געוויס, ער איז ניט דער איינציגער און ניט דער ערשטער אַנטי־אינטעלעקטואַליסט. אין עצם זיינען אַלע מאַטעריאַליסטען געגנער פון דעם אינטעלעקטואַליזם. ווייל ביי זיי איז דער „גייסט" ניט מעהר ווי אַ פונקציע פון דעם פיזאָלאָגישען פראָצעס, פונקט ווי פאַרדייאונג אָדער אַן אַנדער פיזישער אַקט. און אויך די עקסט־רעמע אידעאַליסטען — די מיסטיקער, אָדער אפילו בערקלי — זיינען געגנער פון דעם ראַציאָנאַליזם. זיי רעדען אויך פון „ליבע", פון „סימפאַטיע" און פון אינטואיציע.

אַ סך קריטיקער פון בערגסאָן ווייזען אויך אָן אויף די אַלע פאָרגענגער און פאָרטראַכטער פון בערגסאָן און פרעגען, ווי צום

ביישפּיל, זשוליאַן באַנדאַ, דער ערגסטער בערגסאָן געגנער: וואָס האָט ער מחדש געווען? געוויס, די מיסטיקער האָבען גערעדט וועגען אינטואיציע, און שאָפּענהויער וועגען דעם פּרימאַט פון דעם ווילען איבער דעם פאַרשטאַנד; — מען קען געפינען אַ סך פּאַראַ־לעלען אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע. אָבער איין פונ־דאַמענטאַלער אונטערשייד איז דאָ צווישען די אַלע דענקער און צווישען בערגסאָן: ביי זיי אַלע איז די וועלט־מאַטעריע אָדער גייסט — אָדער ביידע אינאיינעם — אַ פאַרטיגקייט, פאַר בערגסאָן אַן אייביגע אומפאַרענדיגטקייט, אַ שטענדיג ווערען. וועלט איז לעבען, לעבען איז באַוועגונג. דערפאַר איז דאָס ניט קיין קוואַנ־טיטעט נאָר קוואַליטעט. די זון קען זיך אפשר אָפּשטעלען אין גבעון, אָבער דאָס איז אַ נס, דאָס איז ניט מעהר נאַטור. און עס איז דערפאַר אַ מיטאָס — אַ לעגענדע, אַן אַלעגאָריע. און דערפאַר איז אויך יעדער געדאַנק, — ווייל דענקען איז ניט מעהר ווי אָפּשטעלען קינסטליך די באַוועגונג — אַ מיטאָס, און אַ מליצה, ניט קיין אַדעקוואַטע ווירקליכקייט.

און דאָס איז אויך דער טיפסטער אונטערשייד צווישען בערג־סאָן און ספּינאָזאַ — דער דענקער וואָס איז איהם אַזוי באַהענט אין אַ סך פּרטים. ביי ספּינאָזאַ'ן איז פאַראַן — אַזוי זאָגט בערגסאָן אין זיין „שעפּפערישער עוואָלוציע" אַ ווירקליכקייט, אַן אמת אין דער אייביגקייט. פאַר איהם אָבער, פאַר בערגסאָן, איז ווירקליכ־קייט בלויז אַ פּראָצעס, אומאונטערבראָכענע שאַפונג.

„די שעפּפערישע עוואָלוציע", זאָגט טיבאָדע, „איז די בערג־סאָנ'ישע טעאָלאָגיע. די טעאָלאָגיע פון דעם „עלאַן־וויטאַל". און די פראַזע האָט אַ געוויסע באַרעכטיגונג. ווייל סוף כל סוף, „עלאַן־וויטאַל" שפּילט ביי בערגסאָן די אייגענע ראָלע ווי גאָט אין דער טעאָלאָגיע. עס איז דער אָנהויב, דער ערשטער שטויס, דער „מקור חיים". בלויז מיט דעם אונטערשייד וואָס די צייט פון דער טעאָלאָגיע, יעדער טעאָלאָגיע — איז „שבת וינפש" רוהט זיך אָפּ, שטעלט זיך אָפּ, איז אַ סטאַטישער באַגריף, — אין היפוך צו דער דינאַמיק פון דער וועלט, ביי בערגסאָן איז עס אַ צייט וואָס רוהט זיך קיינמאָל ניט אָפּ, וואָס שאַפט שטענדיג און ווערט מיטגעשאַפען, אַ קוואַל וואָס האָט גאַרניט קיין אָנהויב, ווייל אָנהויב באַדייט שוין אַן אָפּשטעל — און אָפּשטעל איז דער געגענזאַץ פון לעבען.

אייגענטליך וואָלט דער אויספיהר פון בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע,

לאָגישערהייד, — באַדאַרפט זיין אַן אַבסאָלוטער סקעפּטיציזם און מיסטיק. אויב דער „עלאַן־וויטאַל" איז צייט, הייסט עס, אַז עס איז ניטאָ קיין צייט. אויב די „פרייהייט" וואָס בערגסאָן באַזינגט אַזוי שטאַרק מיינט „באַוועגליכקייט' הייסט עס, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין פרייער ווילען — ניט נאָר פון דעם מענשען נאָר אויך פון גאָט אַליין. און בערגסאָן טרעפט זיך צונויף מיט דעם אַרכידע־טערמיניסטישען ספּינאָזאַ — אַז „גאָט איז אומפריי", אָבער ער גיט עס ניט צו.

און ווייטער — בערגסאָנ'ס מיסטיציזם איז אין עצם אַנט־קעגענגעזעצט דער רעליגיעזער מיסטיק. ווייל זי לייקענט די דורכדרינגונג פון די צוויי עלעמענטען — דענקען און אינסטינקט — ווייל פאַר איהר איז ניט פאַראַן קיין שום פאַרטיגקייט. עס איז די פילאָזאָפיע פון „אומפאַרטיגקייט", פון ניט פאַרענדיגונג. און דערפאַר אין לעצטען גרונט יודאיסטיש און אַנטי־קריסטליך. אָבער די איראָניע פון דעם דענקען — אָדער ריכטיגער פון דעם ליטע־ראַרישען אויער — האָט דערפירט דערצו, אַז די אַלע אַנטי־ראַצי־אָנאַליסטען, מיסטיקער און נייַ־קאַטאָליקען האָבען זיך באַהעפט מיט בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיע. לערואַ, זיין הויפּט תלמיד, איז דערגאַנגען צו אַ מין נייַ־קאַטאָליציזם באַגרינדעט אויף דעם בערגסאָניזם.

און דער פעלער איז בערגסאָנ'ס. ערשטענס, שרייבט ער צו שעהן, צו ליטעראַריש, און דערפאַר פילאָזאָפיש אומגענוי. צווייטענס, אַנאַליזירט ער צו ווייניג זיינע אייגענע באַגריפען. קריטיש צו אַנדערע — איז ער אומקריטיש צו זיך אַליין. און דער ערשטער סימן פון אַ קנאַפּען קריטישען פאַרשטאַנד איז ניט קענען ציהען קיין קאָנסעקווענצען — אָדער ניט זעהן דעם אונ־טערשיד צווישען איין שלוס און אַן אַנדערען.

בערגסאָן אַליין האָט אייגענטליך גאַר ניט געצויגען קיין שום שלוס. און אין זיין לעצטען גרויסען בוך — „די צוויי קוואַלען פון מאָראַל און רעליגיע" — אַ ווערק וואָס האָט געזאָלט ווערען זיין „עטיק" — איז בערגסאָן ניט דערגאַנגען ווייטער ווי צו דעם אַנאַליז פון די רעליגיעזע און מאָראַלישע באַגריפען און צו דעם בילד פון צוויי וועלטען — אַן אָפענער און אַ געשלאָסענער — די געשלאָ־סענע וועלט דאָס איז די פאַרטיגע, די פאַרגליווערטע — די אינטע־לעקטועלע, — און דאָרט ווערען אַלע מאָראַלישע און רעליגיעזע באַגריפען אָדער איבערלעבונגען פאַרגליווערט, דאָרט ווערט גאָט

טויט — און פון דער אַנדערער זייט די „אָפענע וועלט", וואו אַלצ־דינג איז פריש און ניי, בייט זיך, ענדערט זיך, באַוועגט זיך, — אַ קוואַל פון לעבען.

און דער שלוס איז: די וועלט איז אַ וועג און ניט קיין דער־גרייכונג.

אָבער אַ וועג צו וואָס? און פון וועמען אַנגעצייכענט? ווער גאַראַנטירט פאַר דעם, אַז דאָס איז דער וועג און ניט קיין אַנדע־רער? נאַטירליך אינסטינקט, אינטואיציע, „עלאַן־וויטאַל" — הייסט עס ווידער אַמאָל טעאָלאָגיע און נאָך אַמאָל ווערט דאָס וואָרט „גאָט" פאַרביטען מיט אַן אַנדער וואָרט. אָבער בערגסאָן זאָגט אַליין אויך, אַז דאָס וואָרט איז ניט דער עיקר, נאָר דאָס וואָס איז הינטער איהם.

און ער זאָגט, ווי אין די שלוס פּאַראַגראַפען פון „די צוויי קוואַלען" אָט די ווערטער: „די מענשהייט זיפצט אונטער דער לאַסט פון איהר אייגענעם פּראָגרעס. זי איז זיך ניט גענוג באַ־וואוסט און איהר צוקונפט הענגט אָפּ פון איהר אַליין. פון איהר הענגט אָפּ — צי וועט זי ווייטער לעבען — אָדער אויך אָנטאָן זיך אַ כח כדי צו דערפילען די הויפּט פונקציע פון דער וועלט — וואָס איז אַ מאַשין צו מאַכען געטער". — מוז מען זיך שטעלען די פראַ־גע: איז דאָס דאָס גרויסע וואָרט וואָס בערגסאָן האָט געבראַכט דער וועלט?

עס איז שעהן, עס איז פלאַטאָניש, אָבער — איז דאָס אויך אמת אין דעם פילאָזאָפישען זין פון דעם וואָרט? „אַ מאַשין צו מאַכען געטער" —„די פונקציע פון דער וועלט" — די אינטור־איציע זאָגט עס ניט און דער אינסטינקט אודאי ניט. דאָס איז אַן „אינטעלעקטועלער" באַגריף. און בערגסאָן דער באַקעמפער פון דעם אינטעלעקט פאַלט כורעים פאַר איהם ביים געזעגענען זיך מיט דער פילאָזאָפיע.

און דאָס איז ניט דער איינציגער ווידערשפּרוך אין בערגסאָנ׳ס פילאָזאָפיע. זעלטען איז אַ שיטה אַזוי צונויפגעפלאַכטען פון ווי־דערשפּרוכען און לאָגישע ניט דערטראַכטקייטען ווי די בערג־סאָנישע.

אָבער פאַרט — מיט אַלע איהרע פעהלערן, איז זי אַ פילאָ־זאָפיע פאַר דורות, און ניט בלויז פאַר דעם דור וואָס איז פאַר־גאַנגען — פאַר אַ צייט־באַשטימטער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך

איבערגעזעטיגט מיט דעם אינטעלעקטואַליזם און געזוכט אַ נייע ליריק פון דער וועלט. די „אינסטאוראַציאָ מאַגנאַ" — דער גרויסער אויפטו פון דער בערגסאָנישער פילאָזאָפיע, ווי שאַרל פּעגי, דער באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער־דענקער, דריקט זיך אויס, איז ניט די אָדער יענע אידייע, ניט אויספיר, ווי דער אומגעהייער טיפער געדאַנק פון „באַוועגליכקייט", וואָס בערגסאָן האָט מיט אַזאַ פּאַטאָס אַריינגעטראָגען אין אונזער גייסטיגער וועלט.

ער האָט אונז געצוואונגען צו ענדערען דעם „געזיכטפּונקט"; קוקען ניט אַרויף, נאָר אין דער טיף, ניט אויף „דעם געשטערנטען הימעל", נאָר אויף דער כוואַליע. און ער האָט זיך געיאָגט נאָך דעם וואָס מען קען ניט פאַנגען.

אַ שפּיל? אַ קינד וואָס יאָגט זיך נאָך אַ פליגעלע אָדער נאָך אַ שטראַל? מעגליך. אָבער די פילאָזאָפיע איז געוואָרען צו אַלט — און זי האָט זיך גענויטיגט אין אַ באַנייאונג, אין דעם יאָגען זיך נאָך דעם שטראַל. דעם שטראַל וואָס ציהט זיך פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען — און מיר זיינען בלויז זיין דורכגאַנג.

און איבער בערג און ימים, איבער הונדערטער יאָהרען ציהט זיך אָט די בענקשאַפט נאָך דער „בלימה" — דעם „גאָר ניט" וואָס ווערט דער פּונקט וואו עס קומען זיך צענויף דער „מה" און דער „מי". אָט די אידישע אידייע פון אַ וועלט וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרענדיגט — ווייל מיר זיינען שטענדיג אין דעם בוי.

דערגאַנגען איבער דורות — איבער שמואל זביטקאָווער — צו זיין אייניקעל — און געוואָרען אַ „פילאָזאָפיע פון פראַנקרייך" — דער פילאָזאָפישער אויסדרוק פון אונזער וועלט־בענקשאַפט און צייט־זוכען.

ווייל רעדענדיג אין בערגסאָנ'ס שפּראַך: דאָס אידענטום איז אויך „אַ מאַשין אויף מאַכען געטער". דאָס איז זיין פונקציע אין דער געשיכטע, אַ ניט־פאַרענדיגטער, ניט צו פאַרענדיגענדער.

פעברואַר, 1935

דזשאָן דיואי דער גרויסער פילאָזאָף

(צו זיין זיבעציגסטען געבורטסטאָג)

אַמעריקע האָט שוין איצט אַלץ — מאַכט און פּרעסטיזש, און געלט. זי האָט נאָך ניט קיין אייגענע קונסט. זי האָט נאָך ניט קיין אייגענע „קולטור״, הגם די, וואָס זי האָט, איז שוין אַן אייגענאַר־טיגע, און דאָס איז שוין אַ שטופּע. אָבער זי האָט שוין איהר דענקער. נאָך ניט איהר געדאַנק, נאָך ניט קיין אַמעריקאַנישע פילאָזאָפיע. אָבער עס איז שוין דאָ אַן אַמעריקאַנישער פילאָזאָף. און דאָס איז דזשאָן דיואי, דער פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביא.

איך זאָג עס אָהן איראָניע, אפילו ווען עס קלינגט אַביסעל סאַרקאַסטיש. עס איז אַמאָל געווען דער טיפּ „דייטשער פילאָזאָף״, געווען אַ פראַנצויזישער דענקער־טיפּ. זיי זיינען היינט מעהר ניטאָ. געוויס, עס זיינען פאַראַן אין בערלין און אין היידעלבערג, אין מינכען אָדער אין מאַנפעליע גרויסע געלערנטע, טיפע פאָרשער, וואָס גריבלען זיך אין די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אַרבייטען זיי דורך, אַקערן דאָס פעלד פון וויסען און פאָרשען; אָבער ניטאָ מעהר דער אַמאָליגער פאָרנעם, דער מוט צו שאַפען סיסטעמען, צו בויען די גרויסע און אַרכיטעקטאָניש אַזוי שעהנע בנינים פון פילאָזאָפיע. עס האָט פּאַסירט מיט דער פילאָזאָפיע דאָס אייגענע, ווי מיט אַ לאַנד, וואָס האָט דורכגעלעבט אַ געוואַלטיגע געאָלאָגישע קאַטאַס־טראָפע, אַן ערדציטערניש אָדער אַ פאַרפליצונג. דאָס וואָס האָט זיך פריהער אויסגעוויזען אַזוי פעסט, סאָליד, זיכער, איז געוואָרען אַ ספק. מען האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צו דער ערד אַליין. די מענשען פון דעם לאַנד קלייבען זיך איינגאַנצען צו עמיגרירען, זוכען ערגעץ אַנדערש אַ באָדען אונטער די פיס. אַ סך עמיגרירען. די וואָס קאָנען ניט, בלייבען און בויען דערווייליגע, פּראָוויזאָרישע הייזער, גרינגע, ניט זעהר טייערע. עס לוינט זיך ניט אַריינלייגן צופיל מיה און געלט. און בלויז ווייניגע, זעהר ווייניגע האָבען מוט און עקשנות, צו בלייבען און דווקא צו בויען, — „פאַר דער איי־ביגקייט״, גלייך ווי די קאַטאַסטראָפע איז געווען בלויז אַ צופאַל.

די פילאָזאָפיע האָט דורכגעלעבט ניט איין ערדציטערניש, נאָר אַ גאַנצע סעריע פון אויסברוכען און צעשטערונגען. אויף אַלע געביטען. צוערשט — טעאָרעטיש, וויסענשאַפטליך. די נייע וויסענשאַפט האָט צעשטערט די זיכערקייט פון דעם דענקען, דעם שטאָלצען זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דעם אַמאָליגען פילאָזאָף, וואָס האָט געמיינט, ווי דעקאַרט, ווי ספינאָזאַ, ווי העגעל און אפילו ווי קאַנט, אַז דענקען און זיין איז דאָס אייגענע, און אַז „זיין", — עקזיסטירען, ווירקליכקייט הענגט־אָפּ סוף־כל־סוף — אָדער הויפּט־זעכליך — פון אונזער מענשליכען דענקען. האָט דען קאַנט, דער „צעשטערער" פון דער אַלטער פילאָזאָפיע, ניט געלערנט מיט אונז, אַז די וועלט „אַן און פאַר זיך" איז בלויז אַן אונטערלאַגע פאַר אונזער דענקען, אַז אונזער פאַרנונפט, דער מענשליכער שכל איז דאָס וואָס ברענגט אַריין אָרדנונג, סיסטעם אין דעם כאָאָס — און וויל אַזוי, זיינען מיר אייגענטליך די שעפער פון דער וועלט?

איז דאָס דער „שכל" ווי ביי קאַנט, אָדער די לעצטע באַציהונג — דער מיטעלפונקט פון דעם גאַנצען דענקענדען, פיהלענדען מענשען — דאָס „איך", ווי ביי פיכטע, אָדער „ווילען", ווי ביי שאָ־פּענהויער; תמיד איז פאַראַן אַ צענטער, אַ פּונקט, וואו אַלע שטראַ־לען קומען זיך צונויף, און פון וואַנען זיי געהען אַרויס. דאָס איז געווען ביי אַלע דענקער אַן אַקסיאָם. דער אונטערשייד איז בלויז געווען אין דער מעטאָדע און אין דעם נאָמען. ביי איינעם האָט דער לעצטער, דער איינציגער אויסגאַנגס־ און צוריקקעהר־פּונקט געהייסען „באַוואוסטזיין", אָדער דענקען, אָדער אינסטינקט, און ביי אַנדערע ווידער — נאַטור, אָדער גאָר גאָט.

פילאָזאָפיע איז געווען — סיסטעמאַטיזירען די ערפאַהרונג, צופיהרען די פאַרשיידענע איבערלעבונגען און „געוואָר־ווערענהייטען" צו איין־איינציגען פּרינציפּ; אָבער די וויסענשאַפט און די פּראַקטיק, ד. ה. די ערפאַהרונג פון דעם טעאָרעטישען דענקען און פון דעם סאָציאַלען ווערען, האָבען צוביסלאַכוויז צעשטערט די פּרעטענזיעס פון דער פילאָזאָפיע.

צוערשט די נאַטור־וויסענשאַפטען, די מאָדערנע פיזיק, און דערנאָך די פּאָליטישע און סאָציאַלע קאָנוואולסיעס פון דער מענש־ליכער געזעלשאַפט.

די וויסענשאַפט האָט זיך אונטערגעגראָבען אונטער דעם שעהנעם בנין פון דער קאַנטישער מעטאַפיזיק, פון דער „בכורה

פון דעם שכל״. די וויסענשאַפט, געשטעלט אויסשליסליך אויף דעם עקספּערימענט, צעברעכענדיג די אַלטע און פעסטע ווענט פון דער אַמאַליגער לאָגיק. די מרידה פון דער וויסענשאַפט אַנטקעגען דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, מיט דער נייער מעכאַניק, מיט דער דאַרווינישער שיטה, מיט דער ביאָלאָגיע, האָט דערגרייכט איהר שטאַרקסטען אויסדרוק אין דער רעוואָלוציע פון איינשטיין׳ען. זי האָט אָוועקגענומען ביי דער טעאָרעטישער פילאָזאָפיע איהר לעצטע זיכערקייט; זי האָט אונטערגעגראָבען איהר פונדאַמענט — דהיינו, דעם פּרינציפּ פון „איינהייט״ און פון „אייזערנער געזעצמעסיגקייט״.

אָבער אַ נאָך שטאַרקערען קלאַפּ האָט באַקומען די „פּראַקטישע פילאָזאָפיע״, ד. ה. די פילאָזאָפיע פון ווערטען און מענשליכע באַציהונגען.

אויב אויף דעם טעאָרעטישען געביט זיינען נאָך געווען אָפט מחלוקות, אויב דאָרט איז מעגליך געווען אויך אַ טיפער סקעפּטיציזם, איז אויף דעם געביט פון מאָראַלישע ווערטען געווען כמעט ביי אַלע איין הסכם: עס מוז זיין אַ מאָראַלישער געזעץ, וואָס זאָל זיין הייליג, בינדענד, שטעהען העכער פון יעדער ערפאַהרונג און ניט זיין אונטערוואָרפען צו קיין שום ענדערונגען און ניט באַריהרט פון קיין שום אַנטוויקלונגען.

פונקט ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, פון זינט די וועלט שטעהט, פון זינט מענשען קענען בכלל רעכענען — צי דאָס זיינען ווילדע, וואָס קענען ניט ציילען מעהר ווי זייערע צעהן פינגער; צי דאָס זיינען די גרעסטע מאַטעמאַטיקער פון דער וועלט — אַזוי איז אויך: גוט — גוט און שלעכט — שלעכט. שטענדיג, אומעטום און פאַר אַלע צייטען.

גאָר אַמאָל האָבען זיי אָנגערופען אָט די „אייביגע געזעצען״ — די „נאַטירליכע מאָראַל״. קאַנט האָט אַוועקגעשטעלט אַ לעצטען און העכסטען מאָראַלישען פּרינציפּ פאַר דעם פונדאַמענט פון דעם צוזאַמענלעבען פון מענשען בכלל, און די נאָך איהם האָבען אויך — סקעפּטיקער ווי זיי זיינען אָפט געווען אויף אַנדערע געביטען — צוגעשטימט, אַז עס זיינען דאָ, וויל עס מוזען זיין עטישע יסודות אין דער וועלט, וואָס הענגען ניט אָפּ פון אונז, נאָר פאַרקעהרט, וואָס מאַכען ערשט מעגליך אונזער לעבען.

פּרינציפּען? איין פּרינציפּ, איין מקור, איין אָנהויב. דער טעישער מאָנאָטעאיזם, אַזוי צו זאָגען, איז געווען דער גלויבענס־עיקר פון אַלע דענקער, אפילו פון די וואָס האָבען ניט מסכים געווען צו דעם רעליגיעזען מאָנאָטעאיזם.

אָבער די מלחמה, די סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, די געוואַלטיגע ענדערונג פון ווערטען אין דער געזעלשאַפט, דער נייער טאָן אין דעם לעבען, דאָס אַריבערטראָגען פון דעם שווערפּונקט פון דעם מאָראַלישען געביט אויף דעם פּראַקטישען, האָט אויך אָט די פעס־טונג פון דער פילאָזאָפיע צעשטערט. און עס איז געבליבען אָ לייִ־דיג אָרט. עס זיינען דאָ געזעצען, אָבער זיי זיינען בלויז פאַר־שריפטליך. קיינער זעהט ניט איין, קאָן ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס און מיט וואָס זיי זיינען „הייליג". פאַרוואָס טאָר מען ניט? — פרעגט זיך דער מאָדערנער מענש. וואָס איז מאָראַל? און ניט וואָס זי איז אין „עצם", נאָר וואו זיינען די גרעניצען פון דער מענש־ליכער פערזענליכקייט? פאַרוואָס שטעלט מען זיך אָפּ? וואו איז די סאַנקציע פון דעם געזעץ? און וואָס איז געזעץ בכלל?

אָט די פראַגע — די ריין־פּראַקטישע, האָט געשטעלט אַמע־ריקע. ניט אַזוי טעאָרעטיש, ווי קאָנקרעט. אַמעריקע איז קולטור־געשיכטליך איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע ערשיינונגען פון אונזער צייט. זי האָט געענדערט דעם סאָציאַלען באַגריף, זי האָט רעוואָלוציאָנירט די ווערטען. די „אַלטע וועלט" איז געווען אַ היסטאָריש פאַרפיקסירטע. אויסגעבויט אויף סאָלידע פונדאַ־מענטען, איז די אייראָפּייאישע און — איז אַ נאָך גרעסערער מאָס — די אַזיאַטישע געזעלשאַפט געווען סטאַטיש, און אַלע רעוואָלו־ציעס אין אייראָפּע האָבען בלויז באַטייט אַן איבערשיכטוג, „די אויבערשטע אַרונטער, די אונטערשטע אַרויף". אַזוי אָדער אַזוי — די מיטלערע זיינען געבליבען אין דער מיט.

אין אַמעריקע האָט זיך די געשיכטע אָנגעהויבען אויפסניי. און ווען מען רעדט פון אַמעריקע, מיינט מען ניט די אַמעריקע פון עמערסאָן, פון דער רוהיגער, כמעט אייראָפּייאישער, ניו־ענגלאַנד עפּאָכע. יענע אַמעריקע איז געווען בלויז ענגלאַנד מיט אַן אַנדערער קאָנסטיטוציע, אייראָפּע מיט אַן אַנדער געאָגראַפיע.

די אַמעריקע, וואָס איך מיין, אָט די אַמעריקע, וואָס האָט באַ־קומען אַ וועלט־געשיכטליכען, רעוואָלוציאָנערענדען כאַראַקטער, האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער צייט, ווען דער „שמעלצטאָפּ" האָט

זיך געגומען זידען, ווען מיליאָנען מענשען האָבען זיך אַ לאָז־געטאָן איבער דעם אַטלאַנטיק און האָבען געשאַפען אַ נייעם כאאָס. עס איז אַמעריקע — נאָך דער „פעלקער־וואַנדערונג״. און די סטאַטישע קולטור פון אַלט־איראָפּע, אפילו אין איהר אַמעריקאַנישער אויס־גאַבע, איז געוואָרען אַ דינאַמישע. אַלע ווערטען אונטער פראַגע. אין ספק. נייע מעגליכקייטען, אַ נייער קוק אויף דעם לעבען, אַ נייער ציל. און דער ציל איז געוואָרען: דער פרייער לעבענס־אינ־סטינקט. איך וואָלט געזאָגט: דער „אַפּעטיט״, אין דעם אַלטען, לאַטייניש‍ען זין פון דעם וואָרט: „די דערגרייכונג״, און דער ווילען צו דער דערגרייכונג; פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געמיינט אין אַמעריקע: די פרייע, אומבאַשרענקטע הערשאַפט פון דעם יחיד, די גלייכהייט פון אַלע שטאַרקע. מאָראַליש: אַ מינימום פון ווערטען, אָדער ניט צוגעפיהרט צו דעם לעצטען, צו דעם מעטאַ־פיזישען.

פילאָזאָפישע לייקענונג פון דעם גאַנצען איראָפּיאישען אינ־טעלעקטואַליזם, די אָוועקשטעלונג פון דעם אַקצענט אויף „דער־גרייכונגען״ און רעזולטאַטען, איידער אויף פּראָבלעמען און צילען.

די פילאָזאָפיע פון אַמעריקע איז געוואָרען דער פּראַגמאַטיזם און דער פילאָזאָף — וויליאַם דזשיימס. אונזער וויסען, אונזער דענקען האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט, ווען מען קאָן פון זיי אַרויס־נעמען „רולס פאַר עקשאָן״, רעגלען פאַר טאַט; ווען זיי האָבען אַ פּראַקטישען ווערט. אַזוי האָט געלערנט דזשיימס, אַזוי פאַר איהם נאָך דער לאָגיקער פּירס. און ווייטער האָט דזשיימס געזאָגט, אַז „אמת איז בלויז אַ צילמעסיגקייט, אַ באַקוועמליכקייט פון דעם דענקען, פונקט ווי רעכט איז אַ צילמעסיגקייט אין דעם באַזיץ״. דאָס הייסט: עס איז ניטאָ קיין „אמת״ גלאַט אַזוי, און קיין רעכט, וואָס זאָל שפּאַלטען דעם באַרג. טעאָרעטישער אמת איז פּראַקטיש, ניצליך פאַר דעם שכל, פונקט ווי דאָס רעכט איז נויטיג, פּראַקטיש — און דערפאַר פון צייט צו צייט פאַרשיידען אין דער באַציהונג פון מענש צו זאַכען, און דעם באַזיץ.

דזשיימס האָט געלעבט אין דעם אַנהויב פון דער ניי־אַמערי־קאַנישער עפּאָכע. און ער האָט אויך געקאָנט דורכפיהרען זיין געדאַנק ביז צום סוף. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון „פּלוראַליזם״, פּילצוועקיגקייט, פּילוועגיגקייט. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז מען מוז דערפיהרען די מענשען ערגיץ־וואו

צו אַ ברעג, צו אַן „ענד־ציל". און ער האָט געמיינט, אַז די אויפ־גאַבע פון דער פילאָזאָפיע איז צו זיין אַ „וויזיע", אַ זעהונג, צו דערהויבען די מענשען און זיי צו דערוועקען — צו וואָס? און וואָס איז דער לעצטער צוועק, אויב קיין לעצטעס איז ניטאָ?

דזשיימס האָט דעם ווידערשפּרוך ניט געקאָנט פאַרענטפערען. ער איז געבליבען שטעהן אינמיטען וועג.

אָבער זיין תלמיד איז דערגאַנגען ביז צום סוף. לאָגיש, אויס־געהאַלטען, און גאַנץ אין איינקלאַנג מיט זיין צייט, מיט אונזער צייט, מיט „אונזער אַמעריקע" — זיין תלמיד און פאַרטזעצער, דזשאָן דיואי.

אפשר דער סימפּאַטישסטער און מענשליכסטער פון אַלע היינטיגע פילאָזאָפען; איינער פון די וויניגע דענקער, וואָס האָבען אַזאַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר אַלע פּראָבלעמען פון דער צייט, וואָס לעבען ניט ערגיץ־וואו אין הויכע טורעמס, טורעמס פון עלפענביין, נאָר צווישען אונז, אויף דער ערד, אָט אין דער וועלט פון רעקלאַמע און צייטונגען, פון שפּיל און געלט, פון אומגע־הייערען מוט כלפּי דער נאַטור און קליינליכקייט, פּחדנות כלפּי זיך אַליין און דער געזעלשאַפט, אין אַ סביבה פול מיט ווידער־שפּרוכען ווי די אַמעריקאַנישע, אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נאָך אַלץ אין ווערען און האָט זיך דערפאַר נאָך ניט דורכגעאַרבייט צו אַ גרונט־אידייע, צו אַ סיסטעם, שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי האָט זי נאָך ניט קריסטאַליזירט, און איז נאָך אומבאַוואוסטזיניג; אין אַ לאַנד, וואו אַלצדינג געהט נאָך פאַר סטיכיש, אָהן א סדר און אַ פּלאַן, וואו ווערטער האָבען קיין ווערט ניט — ניט קיין אינערען ווערט, ווייל מען האָט פיינט צו טראַכטען, וואו מען האָט מורא פאַר חקירה, און וואו אַלצדינג ווערט געמאָסטען לויט דעם רעזולטאַט — אין אַזאַ לאַנד, אין אַזאַ צייט — וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע איז מעגליך, אויב ניט די ווי דיואי האָט זי פאָרמולירט?

ד. ה. אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז גאָר ניט קיין פילאָזאָפיע, וואָס לייקענט די גרונט־הנחות פון דעם דענקען, וואָס דערהויבט דעם רעזולטאַט, די דערגרייכונג איבער דעם „ציל" און דעם געדאַנק!

* * *

עס וואָלט זיכער געווען נאַאיוו און געשמאַקלאָז צו פאַ־נאַנדערקלייבען זיך דווקא דאָ אין די גרונטלאַגען און די אידייען פון

דזשאָן דיואי׳ס פילאָזאָפיע. אפילו די אינטערפּרעטאַציע פון אַ שיטה איז שוין אַ קריטיק און אַ משפט. און פילאָזאָפיע האָט איהרע אייגענע טריבונאַלען.

עס איז מיר אייגענטליך אויך ניט וויכטיג ווי ווייט דיואי איז אָריגינעל — און ער איז זיכער ניט זעהר אָריגינעל. מען קאָן נאָכוויַיזען טריט אויף טריט, ווי זיינע הויפּט־געדאַנקען אין דער לאָגיק, אין דער עטיק, אין דער „מעטאַפיזיק״ זיינען „אָנגעוועהט״ און באַאיינפלוסט פון אַנדערע, — עס איז אויך ניט זעהר וויכטיג ווי ווייט זיינע טעאָריעס זיינען אמת. איז טאַקע „וויסען״ בלויז אַ טייל, און דערצו אַ קליינער, פון אונזער „ערפאַהרונג״, ווי מען מיינט — און ווי אַזוי איז אייגענטליך ערפאַהרונג מעגליך? און וואָס איז דאָס אָט די „עקספּיריענס״ — וואָס דיואי ריהמט אַזוי און דעפינירט קיינמאָל ניט — אפילו ניט אין זיין הויפּט־ווערק „עקספּיריענס ענד נייטשור״?

און וואָס הייסט דאָס „פילאָזאָפיע איז בלויז קריטיק״? קרי־טיק פון וואָס? פון וויסען, פון דענקען, פון טאַטען? און וואו איז דער קריטעריום — ווי אַזוי קאָן מען קריטיקירען, ד. ה. מעס־טען און פאַרגלייכען, ווען די מאָס ווערט יעדעס מאָל אַ נייע, ווען זי בייט זיך פון אומשטאַנד צו אומשטאַנד?

און ווייטער, ווען דיואי שטעלט־אויף די טעאָריע פון גיטער (גודס) אויפ׳ן אָרט פון דעם אַלטען פּרינציפּ פון „גוט״ — וואָס זיינען דאָס פאַר גיטער און וואָס איז זייער אינהאַלט? און וואו איז די פאַרבינדונג מיט דעם גאַנצען?

און איז פאַראַן אַן אָביעקטיווער ווערט — אָדער איז ניטאָ? איז דאָ אין דער וועלט אַ סאַנקציע פון דעם וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, אַ גרעניץ פון און פאַר דעם פּערזענליכען רעכט — אָדער ניט?

די אַלטע מאָראַליסטען — אפילו אין אַמעריקע — בייזערען זיך און באַשולדיגען דיואי׳ן, אַז ער איז דער „פאַרדאַרבער פון דער יונגער אַמעריקע״ — אַזוי צ. ב. וו. ה. שעלדאָן אין אַן אַרטיקעל אין דעם „דזשוירנאַל אָוו פילאָסאָפי״.

אָבער דאָס איז דאָך דער גאַנצער שווערפּונקט פון דיואי׳ס שיטה. ער איז דער דענקער און וואָרטזאָגער פון דער „יונגער אַמעריקע״, אָט פון דער אַמעריקע, וואָס שטעהט פאַר אַ פאַרשיי־דענאַרטיגקייט, פיעלפאַרביגקייט, פאַר אַן עשירות פון אידייען און

אידעאַלען און ווערטען — און וויל זיי אַלע אַסימילירען און קאָן ניט אויסגלייבען. ,

ער איז דער דענקער פון דער אַמעריקע, וואָס האַלט אין איין בויען, — צעשטערען איין בנין כדי אויפצובויען אויף זיין פּלאַץ אַ גרעסערען. זיבען שטאָק, צעהן שטאָק, ווייניג — דרייסיג, פופציג, זעכציג מוז עס זיין. וואָס העכער אַלץ בעסער. פון דער אַמעריקע, וואו צעהן אָדער פופצעהן יאָהר זיינען אַ גאַנצע היס־טאָרישע עפּאָכע, וואו די אויפגאַבע פון דעם לעבען איז — „רע־קאָנסטרוקציע" — איבערבויען, איבעראַנדערשען. „ערציהונג איז אַ שטענדיגער איבערבויען, רעאָרגאַניזירען און איבערשטעלען פון דער ערפאַהרונג. ערציהונג הייסט איבערבייטען די טייטשען און מיינען פון דער אַלטער ערפאַהרונג". אַזוי איז דיואי׳ס קוק אויף ערציהונג.

און בכלל, פאַר אייביגקייט? איינמאָל פאַר אַלעמאָל? צו וואָס? איז איין דור ניט גענוג? איז דער טאָג ניט קיין צייט? — אַזוי פרעגט דיואי אין איינעם פון זיינע ביכער, און ענטפערט: „עס איז בעסער אַז די פילאָזאָפיע זאָל נעהמען אַן אַנטייל אין דעם קאַמף און די פּראָבלעמען פון איהר אייגענער צייט איידער זיך פאַרשליסען אין אַ מאָנאַסטערישער ריינקייט אָהן שייכות צו די אידעען פון איהר צייט".

און אין אַן אַנדער אָרט (אין דעם אַרטיקעל „פּראָגרעס"): „די אמת׳ע פילאָזאָפיע מוז שטודירען די ספּעציעלע נויטען און פּעה־לערען פון דער צייט, כדי צו בויען אַ ספּעציעלע סאָציאַלע מאַשין זיי צו באַזייטיגען".

און דערפאַר איז פילאָזאָפיע — פאַר דיואי׳ן — ניט קיין זאַך פון וויסענשאַפט, פון ריינער טעאָריע, נאָר אַ סאָציאַלע פונקציע, אַ מיטעל צו שטאַרקען און פאַרברייטען סאָציאַלע, מענשליכע „גי־טער" — עס איז דער אָרגאַן פון דעמאָקראַטיע.

דער פילאָזאָף דיואי ווערט — אָדער איז עס לכתחילה געווען — אַ סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָר, אַ קריטיקער פון דער געזעלשאַפט. אַ נאָכפאָרשער פון די ווערטען, אַ מין „אָפּשאַצער" פון די פאַרשיי־דענע „גיטער", וואָס די געזעלשאַפט שאַפט, אָדער — אימפּאָרטירט.

* * *

„צוערשט לעבען און דערנאָך פילאָזאָפירען" — אַן אַלטער

און זעהר אומפילאָזאָפישער רוימישער אויסדרוק — דערהויבען פון דזשאַן דיואי צו דער ווערדע פון פילאָזאָפיע. מילא, וואָס איז דער חילוק סוף־כל־סוף — אויב דער „רעזולטאַט” איז אַ גוטער?

און ביי דיואי׳ן איז דער רעזולטאַט פיעל בעסער ווי די מעטאָדע.

די מעטאָדע — האַלב פּאָזיטיוויזם האַלב סקעפּטיציזם, צווישען אידעאָלאָגיע און רעאַליזם, עפּעס אַזוי אומבאַשטימט, אומקלאָר און ניט וויסענשאַפטליך עקזאַקט. עס איז אויך ניט קיין וואונדער. דיואי איז מעהר אַ פּובליציסטישער פילאָזאָף ווי אַ טעאָרעטיקער, מעהר מאָראַליסט ווי וויסענשאַפטלער.

אָבער — די רעזולטאַטען זיינען פּאָרט אַזוי פיין: אַ שיטה פון ברייטער, הומאַנער טאָלעראַנץ און פרייהייט, אַ פילאָזאָפיע פון רעספּעקט צו אַלע ווירקליכע, לעבען־פאַרשטאַרקענדע, לעבען־דערהויבענדע ווערטען, די פילאָזאָפיע פון דער נייער, — אייגענטליך אידעאַלער, — דעמאָקראַטיע. אַ פילאָזאָפיע אָהן קאָמפּראָמיסען.

וויליאַם דזשיימס האָט זיך סוף־כל־סוף אונטערגעגעבען — און דערפיהרט זיין „פּראַקטישע פילאָזאָפיע” צו גאָט — צו טעאָלאָגיע, צו גלויבען; דיואי איז געבליבען דער קלאָרער, דער פרייער, דער אומאָפּהענגיגער דענקער, דער מענש וואָס נויטיגט זיך ניט אין קיין וויהרויך און קיין מיסטישען האַלב־טונקעל און קיין כאָראַלען, כדי אויסצוקומען מיט דער וועלט — אפילו צו זיבעציג יאָהר.

איינער פון די פרייסטע מענשען אין אַמעריקע — און אפשר אפילו בכלל, ווייל אַלע טויערען געעפענט און צו קיין טיר זיך ניט צוגענאָגעט, אַ נייער עקספּערימענט אין דעמאָקראַטיע — אין דעמאָקראַטיע פון דער גייסטיגער וועלט, דער עקספּערימענט פון ניי־אַמעריקע.

אָקטאָבער 20, 1929

אין דעם גאָרטען פון עפּיקורוס

אויף מיינע וואַנדערונגען, וואַנדערונגען אין גייסט, האָב איך די טעג באַגעגענט אַן אַלטען באַקאַנטען. שוין פון אַ פּאָר צענדליג יאָהר איהם ניט געזעהן, ניט געטראַכט פון איהם און איך וואָלט זיך אויך איצט אפשר ניט דערמאָנט אין איהם ווען ניט אַ קליין ביכעלע פון אַ פּראָפעסאָר פון דעם פּענסילווייניאַ אוניווערזיטעט, דזשאָדזש דעפּיו האדזיטס, „לוקרעציוס און זיין איינפלוס״ *). איינס פון די ביכער, וואָס האָבען אייגענטליך בלויז אַן אינטערעס פאַר געלערנטע, פאַר ליטעראַטור פאָרשער אָדער פאַר פילאָזאָפען, אָבער זיינען צוגענגליך אויך צו די ברייטערע קרייזען פון לעזער, וואָס גאַרען פון צייט צו צייט אַרויסגעהויבען צו ווערען פון דער וואָכעדיגקייט, פון דעם טומעלדיגען היינט, דער־הויבען צו ווערען אין אַן אַטמאָספּערע פון ריינעם גייסט, פון רוה. און דאָס איז דאָך די פונקציע פון דעם נעכטען. רוה און געלייטערטקייט זיינען דאָך בלויז דער טומעל און די שטורעמדיגע כוואַליע פון נעכטען, און וואָס שטורעמדיגער ער איז געווען אַלץ שמייכלענדיגער און באַרוהיגענדער ווערט ער, ווען עס איז אויס, ווען עס איז פאַרגאַנגענהייט.

מיר לייענען היינט אַזוי זעלטען די אַלטע, די קלאַסישע ליטעראַטור. דאָס הייסט, די גריכישע און רוימישע פּאָעטען און דענקער. דער איינציגער, וואָס איז נאָך געבליבען לעבעדיג אין דעם באַוואוסטזיין פון די דורות איז פּלאַטאָן. אפשר דערפאַר וואָס ער איז אַזוי שפּרודעלדיג, פאַרבענרייך, פול מיט ווידערשפּרוכען, אַ לויפענדער קוואַל. אָדער אפשר ווייל ס׳איז איהם פאַרבליבען דער נאָמען, וואָס די אַלטע און דערנאָך די רענעסאַנס־צייט האָט איהם געגעבען, „דער געטליכער״. און מענשען זוכען שטענדיג דאָס הייליגע ווינקעל. עפּעס אַ בילד מוז הענגען אין דער נישע, און פּעה־לען אויס איקאָנעס, הענגט מען אויף דאָס נייע הייליגע בילד, דאָס לענין בילד. האָבען פילאָזאָפישע מענשען, וואָס היטען זיך פאַר

*) Lucretius and His Influence," by George Depue Hadzits, University of Pennsylvania.

יעדער פאַרהייליגונג, אָוועקגעשטעלט אין זייער ווינקעל דעם ביוסט פון פלאַטאָן. ער איז זייער שומר.

מען לייענט זעלטען קלאַסישע ווערק. ניטאָ קיין צייט דער־פאַר, און זיי זיינען אויך ניט פאַר דער צייט. פרעמד אין טאָן, אין צוגאַנג, אין אינטערעס. און דאָך, עס איז אַ וואונדערבאַרער טאָנישער מיטעל. ווייל מען זיך אָפּרוהען פון דעם ליאַרם, ווייל מען זיך אַריינלעבען אין אַ וועלט, וואָס איז פאַרגאַנגען און איז פאַרט נאָך פאַרבונדען דורך מיסטישע פעדים מיט אונזער אייגענער, איז עס גוט פון צייט צו צייט, אויב מען קאָן, צו עפענען די בלעטער פון די אַלטע פּאָעטען אָדער דענקער. זיי שטעהען פאַר אונז, אָט די מענשען פון אַמאָל, אין דער רוימישער טאָגאַ, אין דעם גריכי־שען כיטאָן און רעדען צו אונז און דערציילען אין זייער וואונדער־ליך געפּאַרעמטקייט, קינסטלעריש־געטאַקטער, קאָמפּליצירטער שפּראַך וועגען ליידען פאַרגאַנגענע, וועגען פּאַרוויטע פריידען, וועגען ליידענשאַפטען, וואָס האָבען געשטורעמט, וועגען האָפענונ־גען, פרייד און פאַרצווייפלונגען, און דאָס אַלץ — שאָטען און רויך, מיר קוקען זיך איין אין דעם שטראָם פון די צייטען, און אין דעם וואַסער־שפּיגעל דערזעהען מיר זיך אַליין מיט אונזערע פּראָבלעמען, מיט אונזערע בענקענישען, און זיי ווי מיר, אין דער רוימישער טאָגאַ צו אין דעם שוואַרצען, גרויען, אָדער ברוינעם רעקעל פון היינט, מיר אַלע — די כוואַליע טראָגט אונז אַוועק און קיינמאָל ניט קיין לייזונג. און דער ענטפער אויף אַלע פראַגען איז — דער שפּיל פון די כוואַליעס.

און אָט — אַריינקוקענדיג זיך אין דעם שפּיגעל פון די צײ־טען דערזעה איך דאָס בילד פון איינעם פון די ליידענשאַפטליכסטע מענשען, — דענקער און דיכטער, — וואָס האָבען ווען עס איז גע־לעבט, טיטוס לוקרעציאוס קארוס, אָדער ווי ער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון מענשליכען געדאַנק — לוקרעציאוס, דער פּאָעט פון דער פּאָעמע „דע רערום נאַטורא" — וועגען דער נאַטור פון דער וועלט.

אַ ליידענשאַפטליך געזיכט, ברענענדע פאַרצווייפעלטע אוי־גען, פיר און פערציג יאָהר אַלט געווען ווען דער טויט איז צו איהם געקומען, ווען ער האָט דעם טויט גערופען צו זיך, ווייל לוק־רעציאוס קארוס — (געבוירען 99 פאַר קריסטוס' געבורט) איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד — (אין דעם יאָהר 55 פאַר קריסטוס). אַ

רעטענישדיגע פיגור. קיינער ווייסט נישט וואו ער איז געבוירען געוואָרען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט. עס ווערט בלויז דערציילט אַ לעגענדע וועגען איהם, אַז אַ געליבטע מיט דעם נאָמען לוציליא האָט איהם אין איהר אייפערזוכט געגעבען צו טרינקען אַזאַ שטאַר־קען ליבע־געטראַנק, אַז ער האָט פאַרלוירען דעם פאַרשטאַנד און איז משוגע געוואָרען. און אין איין אינטערוואַל פון גייסטיגער קראַנקהייט ביז אַן אַנדערן האָט ער אָנגעשריבען זיין אומשטערב־ליכע פּאָעמע, דאָס מעכטיגסטע ליד פון מענשליכער קלאָרקייט און הערזאישען פאַרשטאַנד.

אַ שטורמישע צייט געווען אין רוים. בירגער קריג, די דע־מאָקראַטיע האָט געקעמפט פאַר איהר עקזיסטענץ, דער שאָטען פון דער דיקטאַטור האָט זיך אָנגערוקט, די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען האָבען אַרויסגערופען די אימפעריאַליסטישע פּאָליטיק פון רוים, די אַלטע איינפאַכקייט פון דער רוימישער דעמאָקראַטישער רעפּוב־ליק האָט זיך מעהר ניט געקאָנט אַריינפּאַסען אין דער צייט. רוים איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון איהר וועלט־היסטאָרישען גורל. אַלערליי אידייען, רעליגיעזע, פילאָזאָפישע, האָבען געקעמפט פאַר הערשאַפט. די גריכישע פילאָזאָפיע מיט איהר פאַרשפּיצטען אידעאַליזם, די רוימישע רעליגיעזע טראַדיציע, גייסטלאָז ווי רוים אַליין, און פון דעם מזרח אַ נייע אומרוה, וואָס האָט זיך דערנעהנ־טערט צו די טויערען פון רוים. אַ וועלט אין דעם פּראָצעס פון ווערען. קיינער האָט ניט געוואוסט, קיינער האָט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן ווי אַזוי דער קנויל וועט זיך פאַנאַנדערפּלאָנטערען און די דענקענדע מענשען פון רוים, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ וועלט־צענטער, דער וועלט צענטער, האָבען געזוכט אַ פאָרמולע, אַן ענטפער, אַ צוגאַנג. און דעמאָלט האָט לוקרעציאוס געבראַכט צו דער רוימישער וועלט זיין ענטפער, אָדער ריכטיגער, ער האָט אין אַ פּאָעטיש־קינסטלערישער פאָרם פאַרקערפּערט דעם געדאַנק, וואָס גריכענלאַנד האָט אַריינגעטראָגען אין דער קולטור־וועלט, דעם געדאַנק פון דער מאַכט, פון דעם מענשליכען פאַרשטאַנד און פון דעם מענשליכען באַרוף.

און ער הויבט אָן זיין ליד:

„מוטער פון רוים, דו, תענוג פון געטער און מענשען,
טייערע ווענוס, א. אַז. וו.

דר. א. קאָראַלניק

דו אַליין פיהרסט די וועלט און אָהן דיר קאָן זיך גאָר ניט דערהויבען
צו די שײַנענדע ברעגען פון ליכט.
דיך וויל איך רופען צו הילף אין דעם ליד, וואָס איך זינג וועגען דער וועלט.
לאָז אויף אַ צייט כאַטש זיין דו אויף ים און יבשה
און פון דיינע צאַרטע ליפען זאָלען דערהויבען זיך ווערטער
פון שלום פאַר רוים, דו געטין פון שלום".

שלום איז דער מאָטיוו, שלום דורך דער מאַכט פון דעם געדאַנק, דער פרייהייט פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין, דער מענשליכער פרייהייט פון גאָט. ניט פון גאָט אין דער אידייע נאָר פון דעם מענשליכען גאָט, ווי מענשען מאָלען זיך איהם אויס אין זייער בילד, דעם גאָט, וואָס פאַרלאַנגט שטורם און ליידענשאַפט און קרבנות. און לוקרעציאוס קאַרוס גיט צום ערשטען מאָל אַן אויסגערונדעט פּאָעטיש בילד פון דער וועלט, ווי די וויסענשאַפט און די פילאָזאָפיע פון די גריכען האָבען זי געזעהן, האָבען זי פאַרטראַכט. עס איז די טעאָריע פון אַטאָמען, אָדער דאָס וואָס מען רופט אָן אין דער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע, דער מאַטעריאַליזם.

לוקרעציאוס האָט בלויז געגעבען די פאָרם, די גריכען האָבען געגעבען דעם אינהאַלט, צוערשט דעמאָקריט און נאָך איהם דער אייגענטליכער לערער פון לוקרעציאוס — דער מייסטער וואָס האָט מיט אַזאַ פּאַטאָס געפּרעדיגט מענשליכע פרייהייט — עפּיקורוס. און דער רוימישער דיכטער מיט די ליידענשאַפטליך־ברענענדע אויגען פיהרט אונז מיט שטורמישע שריט אין דעם רוהיגען, שטילען, רויזען־דופטיגען גאָרטען פון עפּיקורוס אין אַטען. און מיר געהען איהם נאָך.

עס איז געוועזן אין דעם פערטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג (270—342). נאָך פּלאַטאָן, נאָך אַריסטאָטעל, אין דער צייט ווען די גריכישע קולטור האָט דערגרייכט איהר העכסטע פולקאָמענהייט, און האָט אָנגעהויבען צו געהן לאַנגזאַם, אָבער זיכער, באַרג אַראָפּ. גריכענלאַנד האָט פאַרלוירען איהר פרייהייט, די גריכישע דעמאָקראַטיע איז געוועזן טויט, אַ שלייער פון טרויער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם זוניגען לאַנד. אַלע

גרויסע ווערטער זיינען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרען. פּלאַטאָנ׳ס הויך געפליגעלטער אידעאַליזם, אַריסטאָטעל׳ס האַרט ביי דער ערדיגער רעאַליזם, די כמעט רעליגיעזע מאָראַל־פילאָזאָפיע פון די סטאָאיקער, וואָס האָבען געלערנט באַפרייאונג פון ליידענשאַפט, רעזיגנאַציע, — אַלע האָבען שוין געזאָגט זייער וואָרט, אָבער עס האָט געפעהלט דער מענש, דער דענקער, וואָס זאָל ניט בלויז רעזומירען, נאָר אויך דערפיהרען דעם פילאָזאָפישען, דעם טעאָרעטישען געדאַנק צו זיין פּראַקטישער פאָרמולע, דער מענש פון דעם געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד, און אָהן מורא פאַר קאָנסעקווענצען.

און אָט איז ער געקומען. פון דעם אינזעל סאַמאָס, פון דעם אַלטען אינזעל, וואו פּיטאַגאָראַס האָט אַמאָל געלעבט און געשפּונען זיינע פּאָעטישע געדאַנקען. עס איז געקומען עפּיקורוס, דער זוהן פון נעאָקלעס. געלערנט פילאָזאָפיע אין די אַטענישע שולען, באַהאַוונט געווען אין אַלע וויסענשאַפטען פון זיין צייט און קיין איינציגע האָט איהם ניט באַפרידיגט. אַלע הויכע ווערטער פון פּלאַטאָן, דעם „גאָלדענעם״ ווי ער רופט איהם אָן, זיינען פאַר איהם געווען ניט מעהר ווי שעהנע בילדער, פאַנטאַזיעס, און פאַר אַריסטאָטעל׳ן האָט ער אויך קיין גרויסען דרך ארץ ניט געהאַט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגען אָט די ניכטערקייט און די מיטעלמעסיגקייט פון אַריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע. צוויי כללים האָט ער אויפגעשטעלט. דער ערשטער: „ליידיג איז דאָס וואָרט פון דעם פילאָזאָף, אויב עס היילט ניט די ליידען פון מענשען״. און דער צווייטער כלל: „אָהן נאַטור־וויסענשאַפט איז אונזער גאַנץ לעבען זינלאָז״. אין די דאָזיגע צוויי כללים איז די גאַנצע שיטה פון עפּיקורוס. ער קויפט זיך אַ גאָרטען אין אַטען און דער „גאָרטען פון עפּיקורוס״ ווערט די נייע אַקאַדעמיע פון גריכישער פילאָזאָפיע, דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אַ שיטה, וואָס האָט געהאַט דעם מערקווירדיגסטען גורל אין דער וועלט. זי איז געוואָרען אַ סימבאָל פון אַלצדינג, וואָס עפּיקורוס האָט אָפּגעוואָרפען. זי איז געוואָרען אַ צונעמעניש פאַר אַ לעבענס־שטייגער, וואָס עפּיקורוס האָט פאַרניינט. זעלטען האָט זיך עמיצער גענומען די מיה — אין דער אַלטער און אין דער נייער צייט — אַריינצודרינגען אין דעם תוך פון דער עפּיקורייאישער שיטה. מען האָט זיך באַנוגענט מיט דעם נאָמען און „אַפּיקורוס״ איז געבליבען דער סימבאָל פון אַלע צווייפלער, אַלע זינדיגע, אַלע די, וועמעס איינציגער לעבענס־אינהאַלט

איז תאוה, גלוסטעניש. עס איז די נקמה פון די טעאָלאָגען. זיי האָבען מוחל געווען פּלאַטאָנ׳ען און אַריסטאָטעל׳ען, אַלע זייערע טעאָריעס, זיי האָבען שלום געמאַכט מיט די סטאָאיקער, אָבער דעם מענשען, וואָס האָט געזאָגט, אַז אונזער לעבען און אונזער לעבענס־אָנשויאונג, דאַרף ניט אָפּהענגען פון אונזער גאָט־באַגריף און אַז גאָט מוז אַרויסגעשיילט ווערען פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין, ווייל עס איז צוועקלאָז צו דענקען איבער זאַכען, וואָס מען קאָן ניט דערגרונטעווען, דעם מענשען פון דעם קלאָרען פאַרשטאַנד האָבען די טעאָלאָגען קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרציילען.

און אין דעם גאָרטען פון עפּיקורוס אין אַטען האָבען זיך פאַר־זאַמעלט זיינע תלמידים, זייערע נעמען זיינען צו אונז דערגאַנגען, קלעאָן, פּיטאָקלעס, הערמאַרכוס, לעאָנטיאָן א. אַז. וו. יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט דער לערער און מייסטער און פריינט גערעדט מיט זיי, געלערנט מיט זיי די וויסענשאַפט פון זיין צייט און די מענש־ליכקייט פאַר אַלע צייטען. ער האָט פאַרלאַנגט פריהער פון אַלע־מען קלאָרקייט. אַלצדינג וואָס איז פאַרנעפּעלט, אַלצדינג וואָס איז פאַרוויקעלט אין ווערטער מוז אויפגעלייזט ווערען ביז צו דער לעצטער רעאַליטעט. און יעדע רעאַליטעט איז קערפּערליך, האָט וואָג און מאָס. די לעצטעווירקליכקייט איז דער אַטאָם. און קליין ווי ער זאָל ניט זיין, ניט צו דערזעהן מיט קיין אויג אָדער מיט קיין שום אינסטרומענט, דער אַטאָם איז די לעצטע לאָגישע נויטווענדיגע ווירקליכקייט. און אַקעגען די מיסטישע טעאָריעס פון אַלע טעאָלאָגען, און פּלאַטאָן אַריינגערעכענט צווישען זיי, אַז עס איז פאַראַן עפּעס אין דער וועלט, וואָס איז „גאָר ניט״, ניט קערפּערליך, עפּעס וואָס געהט ניט אַריין אין די גרעניצען פון אונזער נאַטור־פאַרשטעלונג, האָט עפּיקורוס אויפגעשטעלט דעם שאַרפען פּרינציפּ, „פון גאָר ניט קאָן גאָר ניט געבוירען ווערען״. דאָס וואָס מיר רופען אָן וועלט אָדער נאַטור, איז ניט קיין מיסטישע איינהייט, נאָר ניט מעהר ווי די סומע פון דעם, וואָס איז פאַראַן, עס איז דאָס „אַלץ״ (פּאַן)...

און ווייל אַלצדינג איז נאַטור און ווייל עס איז ניטאָ קיין ווי־לען אָדער אידייע אָדער גייסט איבער איהר, ווייל דאָס איז זינלאָז, איז דער ערשטער כלל פון מענשליכער וויסענשאַפט: אַלצדינג איז פאַר׳ן מענשען, די נאַטור איז פאַר דעם מענשען, דער מענש דאַרף אויסנוצען די געלעגענהייט, וואָס די נאַטור גיט איהם. אויסנוצען

אָבער מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל זי פאַרשטעהן און דערקענען איהרע פּרינציפּען און זיינע אייגענע גרעניצען. די נאַטור — האָט עפּיקור געזאָגט — קאָן מען ניט באַצווינגען, מען מוז זי פאָלגען. אָבער פאָלגען מיט שכל. און שכל מיינט, זיך אַליין אַריינ־שטעלען אין גרעניצען, אויב מען קען ניט באַהערשען די נאַטור, זיך קאָן מען באַהערשען.

עס איז מערקווירדיג, אַז דער לערער פון די עפּיקורעער, וואָס האָבען תמיד געגאָלטען אין דער וועלט פאַר מענשען פון תאוה, פון לוקסוס, האָט אַליין זיך באַנוגענט מיט ברויט און מיט וואַסער. מעהר האָט ער ניט באַדאַרפט און מעהר האָט ער ניט געוואָלט. אָבער ער האָט ניט געפּרעדיגט קיין ברויט־און־וואַסער־מאָראַל. יעדער נאָך זיינע גלוסטעענישען, יעדער נאָך זיין געשמאַק, קיינמאָל זאָל דער פאַרגעניגען פון איינעם ניט זיין קיין צער פון אַ צווייטען. פרייהייט פאַר יעדען הייסט — רעספּעקט פאַר יעדען לעבען, פאַר די רעכט פון יעדען מענשען און פון יעדער באַשע־פעניש. עס איז ניט די שטרענגע אַסקעטישע מאָראַל פון די סטאָ־איקער, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר דעם לעבען. די סטאָאיקער האָבען געזאָגט צו די מענשען: דערוויטער זיך פון יעדער תאוה, פון יעדען נאַטירליכען אויסדרוק פון דער פּשוט'ער לעבענסזאַפטי־גער מענשליכקייט, כדי דו זאָלסט אויסמיידען ליידען. עפּיקור אָבער האָט צו זיינע תלמידים געזאָגט: ליידען איז אויך אַ טייל פון דער וועלט און מיר נעמען איהם אָן ווי אַ לעגיטימען נויט־ווענדיגען עלעמענט פון דער נאַטור. דער מענש דאַרף זיך ניט באַהאַלטען, דאַרף ניט אויסמיידען, ער מוז בלויז האָבען מוט אין לייד ווי אין פרייד, ער מוז בלויז זיין פריי אין זיך אַליין, פריי בנוגע צו דער געזעלשאַפט און נאָך פרייער בנוגע צו דער אידייע אָדער דעם פאַנטאָם פון גאָט.

און פון דעם אַטענישען גאָרטען קלינגט אַריבער ביז אין אונ־זער צייט אַריין אָט דער געדאַנק פון מענשליכער פרייהייט, און פון מענשליכער רוה. „לאַטע ביאָסאָס" — לעב באַהאַלטען, ניט פאַר דער עפענטליכקייט, ניט צוליב צוועקען, וואָס זיינען אויסער דיר, אויסער דיין טיפסטער און בעסטער מענשליכקייט. דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טויער פון עפּיקורוס' גאָר־טען, און דאָס וואָרט בלייבט.

און ווען ער איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון צוויי און

דר. א. קאַראַלניק

זיבעציק יאָהר, נאָך אַ שווערער און פּיינליכער קראַנקהייט, — ער האָט געליטען פון גאַל שטיינער, — האָט עפּיקורוס איבערגעלאָזט זיינע תלמידים אַ צוואה, וואָס באַשטעהט פון עטליכע ווערטער: „לעבט אין שלום און געדענקט מיינע ווערטער”. די צוואה איז ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. און פון דער גאַנצער קאָמפּליצירטער טעאָריע פון עפּיקורוס, פון די דריי הונדערט ביכער, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, זיינען פאַרבליבען בלויז אַ פּאָר פראַגמענטען און די לעגענדע פון דעם „אַפּיקורוס”. בלויז איינער האָט איהם געשטעלט אַ מאָנומענט פון גליהענדען וואָרט און ליידענשאַפטליכען פערז — לוקרעציאוס. דער רוימישער דיכטער האָט געוואָלט ווייזען דער וועלט די „מעניא פלאמאנטיא מונדי” — די פלאַמענדיגע ווענט, וואָס רינגלען אונז אַרום, און צווישען די פלאַמען — די מעגליכע רו און פרייהייט. אָבער אויך ער האָט פאַרצווייפעלט און האָט געפונען זיין לייזונג אין דעם שטאַלצען אַוועקגעהן.

צוויי טויזענט יאָהר נאָך לוקרעציאוס, דאָס אייגענע בילד: פלאַמענדיגע ווענט רינגלען אונז אַרום, אַ וועלט־שרפה, קריזיס, איבערגאַנג, אַלטע גלויבענס ווערען צעבראָכען, אַ קאַמף אַרום אידייען, געטער, אין דער פאָרם אָדער אָן אַנדערער. אַ מלחמה אַרום גאָט דעם טויטען אָדער דעם לעבעדיגען, דעם אַלטען אָדער דעם נייעם און דעם שטענדיג מיספאַרשטאַנענעם גאָט.

און פון דעם תהום פון דער צייט רעדען נאָך היינט צו אונז די צוויי — דער דיכטער און דער דענקער — דער ליידענשאַפט־ליכער לוקרעציאוס, דער אָפּגעקלערטער עפּיקורוס, און דער שטורם פאַרהילכט זייערע ווערטער נאָך אַלץ.

אויגוסט 25, 1935

דער הומאַניסט

(וועגן עראַזמוס פון ראָטערדאַם)

אין באַזעל, אין אַן אַלטען קלויסטער, האָט מען געפונען ביי־נער, וואָס ליגען שוין דאָרט קנאַפּע פיער הונדערט יאָהר, פון דעם יאָהר 1536 אָן.

און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אונז, צו מיר, צו אייך?

עס איז זיכער שווער צו געפינען אַ סמיכת הפרשה צווישען פיער הונדערט יאָהר אַלטע ביינער אין דער שווייץ און דעם היינ־טיגען טאָג, אָט דעם קאַלירפולען, רעש׳יגען, כוואַליעדיגען לעבען.

אפילו ווען די ביינער זיינען פון עראַזם דעם ראָטערדאַמער.

און איך פרעג זיך אַליין, פאַרוואָס איז ביים לייענען פון דער צייטונג וועגען די געפונענע ביינער פון עראַזם, פאַרוואָס האָט מיך דאָס באַריהרט, וואָס פאַר אַ סטרונע האָט דער נאָמען אָנגעריהרט אין מיר? וואָס איז מיר עראַזם? וואָס איז עראַזם פאַר עמיצען אין דער היינטיגער וועלט, אַחוץ אַ נאָמען אין אַלטע ביכער, אַ נאָמען פאַר געלערנטע, פאַר פילאָלאָגען, אָדער היסטאָריקער?

און דאָך, און פאָרט, טויזענטער נעמען זיינען פאַרשריבען אין די ביכער, שטעהען אין די ענציקלאָפּעדיעס, אָבער בלויז עטליכע, זעהר ווייניגע, זיינען מעהר ווי נעמען, טויטע צייכענס, נאָר סימבאָ־לען, תמיד פרישע און לעבעדיגע.

און עראַזם פון ראָטערדאַם, אָט דער פילאָלאָג פון דעם פופ־צעהנטען יאָהרהונדערט (1466—1536), איז איינער פון אָט די זעהר ווייניגע, פון די געקליבענע.

געווען אַ פילאָלאָג, ד. ה. שטודירט דאָס אַלטערטום, אַזוי ווי מען האָט אין יענער צייט, אַזוי אָרים אין מאַטעריאַל און ערפאַה־רונג, געקאָנט שטודירען די קולטור פון אַמאָל, די ליטעראַטור פון גריכענלאַנד און רוים; געשריבען לאַטייניש, אַ לעבעדיגען, שעה־נעם לאַטיין, מיט וויץ, מיט גרינגקייט, גלייך ווי לאַטייניש וואָלט ניט געווען קיין שפּראַך, וואָס איז שוין אַזוי לאַנג טויט, נאָר אַ שפּראַך פון דעם טאָג, פון דער גאַס, פון דעם מאַרק. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גאָר אַ קנאַפּער פאַרדינסט. עס זיינען געווען פילאָ־לאָגען און געלערנטע אפילו אין זיין צייט, וואָס זיינען געווען

אפשר ניט קיין קלענערע מומחים פון איהם אויף די לאַטיינישע קלאַסיקער. און ווער קען זייערע נעמען? און ווען מען אינטערע־סירען זיי, אחוץ אַ פּאָר געציילטע ספּעציאַליסטען, די היינטיגע פילאָלאָגען און פאָרשער פון אַלטע שפּראַכען און ליטעראַטורען? טויטע וועלטען, פאַרטריקענטע בלעטער, שטויב — און דאָס לעבען געהט אַלץ ווייטער, און מען פאַרגעסט. מען מוז פאַרגעסען.

און ווען עראַזם פון ראָטערדאַם, דער האָלענדישער גלח, וואָס האָט געלעבט אין דער שווייץ און געשריבען אַזאַ שעהנעם לאַטיין, וואָלט מעהר ניט געווען ווי דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זיין, ד. ה. אַ געלערנטער, וואָלט זיכער זיין נאָמען פון לאַנג אָוועקגעבלאָזען געוואָרען פון דעם ווינט פון די צייטען.

אָבער אַ מענש איז ניט דאָס, וואָס ער טוט. ניט זיין ווערק איז דער עיקר, נאָר זיין מהות, זיין פערזענליכקייט, זיין אייגענ־אַרטיגקייט. און וואָס איז דען ליטעראַטור, אויב ניט איין מענש, וואָס רעדט צום צווייטען? און וואָס אָריגינעלער, רייכער, העכער דער מענש, אַלץ ווערטפולער איז זיין ווערק.

יעדעס ווערק איז אַ סימבאָל פון דעם מענשען, און זעהר אָפט איז דער מענש גרעסער, שעהנער, אינטערעסאַנטער, ווי זיין ווערק. און מען געדענקט דעם מענשען, אפילו ווען מען פאַרגעסט, וואָס ער האָט געטאָן.

און דער קולטור זכרון האָט באַהאַלטען דעם נאָמען פון עראַזם, ווייל דאָס איז דער נאָמען פון דעם ערשטען הומאַניסט.

אַ מערקווירדיג וואָרט, וואָס האָט שוין היינט פאַרלאָרען דעם זין און דעם חן פון אַמאָל. מיט אַ דור צוריק האָט מען עס נאָך פאַרשטאַנען, היינט איז דאָס שוין טויט. ווייל דער באַגריף אַליין איז טויט.

הומאַניסט — דער וואָס באַשעפטיגט זיך מיט „הומאַניסטישע וויסענשאַפטען", מיט מענשליכען וויסען. געבוירען אין אַ צייט, ווען „געטליך וויסען" איז געווען דער עיקר, ווען דער הויפּט אינ־האַלט פון דער גאַנצער קולטור איז געווען רעליגיע, האָט דאָס וואָרט הומאַניסט זעהר גיך אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערען זין. דער הומאַניסט איז געווען ניט נאָר דער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט „מענשליכען" וויסען, נאָר מיט אַ וויסען, וואָס האָט אַ באַזונדער שייכות צו „מענשליכקייט". דער אַסטראָנאָם, דער מאַטעמאַטיקער, דער נאַטור־וויסענשאַפטליכער פאָרשער, איז ניט געווען קיין הומאַ־

ניסט. ער איז געווען אַ געלערנטער. מען האָט אַרויפגעקוקט צו איהם אפילו אין יענע צייטען, מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק, מיט אָפשיי און מיט מורא, מיט רעספּעקט און מיט חשד; אָבער ער איז געווען דער ספּעציאַליסט, ניט דער קולטור־טרעגער. קול־טור האָט דעמאָלט באַטייט: ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור פון דער גריכיש־רוימישער וועלט און די קלאַסישע פילאָלאָגיע.

אין די אַלטע ביכער קאָן מען געפינען נאָר אַן אָפּקלאַנג פון דער שמחה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער ציוויליזירטער וועלט פון יענע צייטען — איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג אויפגעעפענט דער פריהער פאַרשלאָסענער, פאַרשיטער, פאַרמויערטער קולטור־אוצר פון רוים און גריכענלאַנד. אַ באַפרייאונג איז דאָס געווען. מענשען האָבען פרישער, גרינגער אויפגעאָטעמט. זיי האָבען דערזעהן פאַר זיך אַן אַנדער וועלט, ניט אַריינגעפּרעסט אין דער קריסטליכער פאָרם, ניט פאַר׳חושכ׳ט, ניט באַרבאַריש. און דער עיקר, אַ וועלט, וואָס לעבט ניט נאָר פון ווילען אַליין און פון גלויבען.

דאָס איז דאָך געווען דער צייכען פון דעם מיטעלאַלטער: דאָס לעבען אַלס ציל, אַן אייביגער קאַמף, דער מענש קעגען דער גע־זעלשאַפט, אַ קאַמף פאַר שטאַטספאָרמען, קאַמף פאַר אַ נייער עקאָ־נאָמישער אָרדנונג, אַ פינסטערער, פאַנאַטישער קאַמף צווישען דעם מענשען און זיין גוף.

אַסקעטיזם, אכזריות, הערשאַפט און מאַכטגלוסט, און תמיד: ווילען, ווילען. קיינמאָל ניט דענקען, ניט רוהיג זיך אָפּשטעלען און באַטראַכטען.

עס איז אפשר פאַר אונז די אינטערעסאַנטסטע געשיכטליכע עפּאָכע. מחמת מיר אַליין לעבען איבער אַ מין צווייטען מיטעל־אַלטער. אויך אין אונזער צייט אַ קולטור, וואָס איז געשטעלט ניט אויף פאַרשטעהן, נאָר אויף טאָן; ניט אויף דענקען, נאָר אויף ווען. עס מאַכט ניט אויס, וואָס מיר האָבען היינט אַזאַ גרויסע און רייכע און טיפע וויסענשאַפט. דאָס מיטעלאַלטער האָט אויך געהאַט זיין וויסענשאַפט. עס איז געווען דער ענגלישער מאָנאָך ראָדזשער בייקאָן; עס איז געווען אַן „ענציקלאָפּעדיסט״, ווי אַלבערט „דער גרויסער״, פון מאַינץ; געווען דער קאַטאַלאָניער, ווי ראַמאָנד לולי; געווען אַראַבישע, אידישע געלערנטע, פאָרשער אויף אַלע דעמאָלט באַקאַנטע געביטען.

דער עיקר איז ניט די סומע פון וויסען, נאָר זיין צוועק. וויסען — צוליב וואָס? צוליב מאַכט — ענטפערט די היינטיגע וועלט. און אַזוי האָט געענטפערט אויך דאָס מיטעלאַלטער. מאַכט, קראַפט, הערשאַפט. אַלץ אויסערע צוועקען, האָט אַ שייכות צום מענשען, אָבער איז ניט דער מענש אַליין. מען פאָרשט ניט די סודות פון דער נאַטור, כדי צו ווערען אַליין רייכער, גרעסער, שעהנער און טיפער. ניט דער פיזיקער וויל דאָס און ניט עמיצער ערוואַרטעט עס פון איהם.

און אַזוי ניט נאָר די וויסענשאַפט, נאָר אפילו די אַזוי־גערופענע „גייסטיגע וויסענשאַפטען״ — פילאָלאָגיע, געשיכטע, פילאָזאָפיע, אויב מען קאָן בכלל פילאָזאָפיע אָנרופען וויסענשאַפט, א. אַז. וו.

אויך די ספעציאַל־פראַגען, וואָס האָבען ניט קיין באַדייטונג פאַר דעם מענשען אָדער, ריכטיגער, פאַר דער — ווי אַלטמאָדיש דאָס וואָרט איז שוין געוואָרען — מענשהייט!

און גראָד מיט דער גאַנצער אויסברייטונג פון דעם מענשען, מיט דעם גאַנצען אינטערנאַציאָנאַליזם — איז דער „הומאַניזם״ אונטערגעגאַנגען.

און אָט קומט אַ מענש, ווי עראַזם פון ראָטערדאַם, אין אַ צייט פון קאַמף, פון קאָנפליקט. די „דייטשע״ וועלט שטורעמט קעגן רוים. די קאַטוילישע קירך איז שוין געוואָרען צו־אַלט, זי האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדערפאַלען. אייראָפּע ווערט געשפּאַלטען אין צוויי טיילען: פון איין זייט דער פּויפּסט, פון דער צווייטער — לוטער.

עראַזם, דער וויציגער; עראַזם, דער געבילדעטסטער מענש פון דער צייט, ווערט באַשטורעמט פון איין זייט, ווי פון דער צווייטער. ער האָט דאָך שוין איינמאָל גענומען אַ שטעלונג: אָנגעשריבען די באַרימטע בראָשורע „דער לויבגעזאַנג פון טפשות״, וואו ער האָט אויסגעלאַכט אַזוי עלעגאַנט, אַזוי דעליקאַט און שאַרף — רוים, דעם גאַנצען קריסטליכען לעבענס־שטייגער. „ער האָט מעהר געשאַדעט דעם פּויפּסט מיט זיין לאַכען, ווי לוטער מיט זיין שרייען״, האָט וועגען איהם געזאָגט אַ פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָג. ער האָט אויסגעלאַכט רוים, אָבער ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער, נאָך טיפער. ער האָט אייגענטליך מבטל געווען דאָס גאַנצע קריסטענטום. אמת, ער האָט גערעדט וועגען אַ „פילאָזאָפיע פון קריסטוס״; אָבער ווי דען האָט געקאָנט רעדען מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק אַן אייראָפּייאישער מענש, און דערצו נאָך אַ גלח? עראַזם האָט גע־

מוזט ווערען אַ גלח, ווייל דאָס איז געווען דעמאָלט די איינציגע, נאַטירליכע פּראָפעסיע פאַר אַן אינטעליגענט, אויב ער האָט ניט געוואָלט פאַרברענט ווערען אויפ׳ן שייטערהויפען.

אָבער בשעת לוטער און די איבעריגע פיהרער פון דעם פּראָ־טעסטאַנטיזם האָבען געמאַכט קולות קעגען רוים, האָבען צעבראָכען די אַלטע קייטען, כדי צו שאַפען תיכף נייע, האָט עראַזם געפונען אין זיך די קראַפט און דעם מוט צו זאָגען: „איך האָב פיינט די וואָנגעלישע, איבער זיי געהט די ליטעראַטור צו גרונט״ — אַ וואָרט, וואָס באַציהט זיך ניט נאָר אויף לוטער און אויף קריסטליכע רעפאָרמאַציעס, נאָר אויף יעדער רעליגיעזער „רענעסאַנס״ און אויף יעדער ווילענס־ און גלויבענס־שטרעמונג בכלל.

און ווער ווייסט עס בעסער. ווער פיהלט עס שטאַרקער, ווי אונזער אייגענער דור, דער דור, וואָס שטעהט אינמיטען אַ קאַמף צווישען אַלט און ניי, צווישען אַ קולטור פון המשך, פון שטילער אַנטוויקלונג און אַ קולטור פון אימפּעט, פון ריינעם ווילען, פון דער פאַרהייליגונג פון דער טאַט?

אין איינעם פון זיינע זכרונות־בלעטער גיט איבער רענאַן אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט אַמאָל געפיהרט אין פּאַלערמאָ מיט איטאַ־ליענישע אַרכעאָלאָגען. די איטאַליענער האָבען געוואָלט „רעקאָנ־סטרואירען״ אַן אַלטע, פאַרשאָטענע קירך, וואָס איז שוין געווען פון לאַנג איינגעפאַלען. זיי האָבען באַדאַרפט דערצו צעשטערען אַן אַנדער אַלטען בנין אַרום דער קירך. זאָגט צו זיי רענאַן: „בעסער לאָזט אָפּ, צעשטערט גאָרניט און בויט גאָרניט; איהר ווערט אַזוי לכל הפחות זיין זיכער, אַז מען וועט אייך ניט באַשולדיגען שפּע־טער, אַז איהר זייט באַרבאַרען״.

ווער ווייסט דען אַקוראַט, וואָס מען דאַרף און וואָס מען מעג צעשטערען? ווער קאָן עס זאָגען, צי די קרבנות זיינען כדאי?

דאָס קריסטענטום האָט צעשטערט די גאַנצע אַמאָליגע קולטור. און וואָס איז דער רעזולטאַט? האָט געמוזט קומען די רענעסאַנס, האָט געמוזט קומען עראַזם און ראַטעווען די אייראָפּייאישע מענש־הייט פון דעם מיטעראַלטערליכען טרויער און פון דער היסטעריע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די קריסטליכע פעלקער. לוטער האָט אָפּגעשפּאָלטען אַ טייל קריסטליכער וועלט פון רוים. און דער רעזולטאַט? מיר זעהען דאָך היינט מיט וואָס פאַר אַ מיה

דר. א. קאַראַלניק

דער פּראָטעסטאַנטיזם קאָן זיך האַלטען, ווי ער איז אונטערגעגראָבען און הויל אין זיינע פונדאַמענטען.

עס איז גאָר ניט פאַראַן קיין איין רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס זאָל שניידען די פרוכט, וואָס זי האָט פאַרזייעט. ווייל עס איז דאָ בלויז איין אמת׳ער ווערט אויף דער וועלט, און דאָס איז: דער גייסטיגער. און דאָס מיינט: וואַקסען, לאַנגזאַם, שטיל, אָהן שטורעם; דאָס מיינט: רייף ווערען.

„וואָס מעהר איך לייען עראַזמ׳ען, אַלץ ווייניגער געפעלט ער מיר", האָט געשריבען מאַרטין לוטער. נאַטירליך, לוטער האָט זיך דאָך סוף כל סוף דערדערט צו אַ גלויבען אין דעם שטן, צו אַ שנאה, אַ ברענענדיגער, פלאַקערנדיגער, צו יעדען „אַנדערש־גלויבענדען". לוטער אַליין איז שוין אויך שיער ניט גרייט געווען צו פּרעדיגען די אינקוויזיטאָרישע מעטאָדען פון רוים. און האָט ניט דער רעפאָרמאַטאָר פון זשענעווע, קאַלווין, פאַרברענט דעם „אַפּיקורוס" סערוועטוס?

— צי דאָס טוט טאָרקוועמאַדאַ, צי עס טוט אַ פּראָטעסטאַנט — פייער איז פייער און ברענט.

עס איז אַ גרויסער נסיון — צו שטעהן ביי דער זייט, קיהל, איראָניש, פאַרטראַכט, אין דער צייט פון גרויסע פּאָליטישע און גייסטיגע קאַטאַסטראָפען.

בלויז דער העכערער מענש, בלויז דער „הומאַניסט" מיט דעם ברייטען וועלט־פאַרנעם קאָן האָבען דעם מוט אָפּזאָגען זיך פון דעם ליאַרעמענדען ערפאָלג און וואַרטען ביז די פרוכט וועט פאַרטיג ווערען. ניט היינט, ניט מאָרגען, ניט ביי זיין לעבען — איינמאָל וועט דאָך קומען דער טאָג. די „הומאַניטאַס", דער מענש, האָט צייט. ער קאָן, ער מוז האָבען געדולד.

עס זיינען באַלד פיער הונדערט יאָהר. די ביינער פון עראַזמ׳ען רוהען אין אַ באַזעלער קירך. אָבער זיין שמייכעל, זיין מילד לאַכען איבער דער נאַרישקייט פון דער וועלט, זיין הומאַניזם זיינען ניט פאַרגעסען געוואָרען. ווייל אויך מיר, מיר די היינטיגע, נויטיגען זיך אין אַן עראַזם, דעם הומאַניסט.

מאַי 1, 1929

עראַזמוס פון ראָטערדאַם

(1536 — 1467)

עס איז שווער צו האָבן אַ וויזיע אין ניו יאָרק. אָבער פּאָרט, אָט די טעג האָב איך אויף אַן אויגנבליק, אַ קורצן, פליכטיגן מאָמענט דערפיהלט אַן אמת גייסטיגן עקסטאַז. אַן עקסטאַז פון פרייהייט, פון דערהויבן ווערן איבער אַלע קליינינקייטן, באַגרעניצטקייטן פון דעם היינטיגן איינגעקרעמפּעוועטן לעבן. איך האָב זיך אויף אַ רגע דערפיהלט ווי אַן „אוּאָמאָ אוניוועסאַלע", ווי מען פלעגט זאָגן אין איטאַליע אין דער צייט פון דער רענעסאַנס — אַן אוניווערסאַלער מענש. עס איז געווען ביי אַ צוזאַמענפאָר פון די עספּעראַנטיסטן אין אַמעריקע. מענשן פון דעם גאַנצן לאַנד, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, פון אַלערליי קולטור־שיכטען האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמעלט, פאַראייניגט דורך איין אידייע, דורך איין שפּראַך — אַ שפּראַך, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, ריינער אינטעלעקט, אָהן נאַציאָנאַלע אַמביציעס, אָהן די אַלע עמאָציאָנעלע מאָטיוען פון פאָלקס־פאַרגאַנגענהייטען. אַ קינסטליכע שפּראַך, און דערפאַר אויך, און צום ערשטען מאָל, אַ ריין־מענשליכע, ניט פון דער נאַטור געגעבען, נאָר פון דעם מענשען גענומען.

און ווי איך בין דאָרט געזעסען, איינהערענדיג זיך אין די כמעט לאַטיינישע קלאַנגען פון אַ ליד, וואָס אַ זיבען־יאָהריג מיידעלע האָט דעקלאַמירט, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער גרויסאַרטיגער קולטור געשטאַלט פון איינעם פון די ווייניגע, פון די זעלטענע „אוניווערסאַל מענשען", וואָס די אייראָפּייאישע קולטור האָט אַרויסגעבראַכט אין איהר לאַנגער געשיכטע. איך האָב כמעט פיזיש דערפיהלט די אָנוועזענהייט, די שכנות, די נאָהענטקייט פון עראַזמוס — עראַזמוס פון ראָטערדאַם. אָט זיצט ער לעבען מיר אויף אַ בענקעל, ווי מיר זעהען איהם אויף די בילדער, קליין פון וואוקס, צירליך פון געשטאַלט, בלייך פון נעכט ניט־דערשלאָפענע, מיד פון דער אַנגעשטרענגטער גייסטיגער אַרבייט; מילדקייט און דער אומעט פון טיפער פאַרשטענדעניש אַרום דעם שמאָלען, כמעט פרויענהאַפטען מויל; איינגעוויקעלט אין אַ שוואַרצען מאַנטעל, אַ

ברייטער דאַקטאַר־הוט אויפ׳ן קאָפּ, אַ באָרעט, ווי זיי פּלעגען איהם טראָגען אין דער רענעסאַנס צייט. די בלייכע, לאַנג־געפינגערטע, כמעט־קינסטלערישע הענט האָבען נערוועז געשפּילט מיט דעם זילבערנעם קאָפּ פון אַ שווערען שטעקען. „בענע, בענע — גוט, זעהר גוט״, האָט דער אַלטער עראַזמוס געזאָגט, „דאָס איז דאָך געווען דער חלום פון מיין לעבען — איין שפּראַך, איין קולטור, און פרייהייט אין דער איינהייט. אמת, איך פאַרשטעה ניט גאַנץ גוט וואָס דאָס קינד דעקלאַמירט. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז די לאַטייניש שפּראַך האָט זיך אין לויף פון די צייטען זעהר שטאַרק געענדערט, אָבער, טעמפּאָראַ מוטאַנטור ,עט נאָס מוטאַמור קום איליס — די צייטען בייטען זיך און מיר בייטען זיך מיט זיי״.

די זיצונג האָט זיך געענדיגט, די שטימונג האָט זיך געביטען, איז געוואָרען וואָכעדיג, און מיין וויזיע איז פאַרשוואונדען. דאָס בענקעל לעבען מיר איז געווען ליידיג און איך בין געגאַנגען זוכען עראַזמוס׳ן פון ראָטערדאַם, דעם אוניווערסאַל־מענש, דאָרט וואו ער געפינט זיך, אויף די שטויביגע פּאָליצעס, וואו עס רוהען אויף אַ בית־עולם, אונטער פאַפּירענע מצבות, אַלע שעהנסטע חלומות פון דער וועלט. און סטעפאַן צווייג האָט מיך אַהין געבראַכט.

סטעפאַן צווייג, דער פיין־נערוויגער וויענער אידישער פּאָעט, איז איינער פון די ווייניגע מענשען אין דער איצטיגער צייט, וואָס האָט אַן אויער פאַר אַט דער שטילער, דינער, פאַרדעמפּטער שטימע פון דער אַזוי פּאַטעטישער, דער אַזוי טראַגישער מענשליכער קול־טור, דער קולטור פון ריינעם געפיהל און פון ריינעם אינטעלעקט. ער איז ניט קיין שעפערישער קינסטלער, אָבער אַן אויסטייטשענ־דער. ער האָט די גרויסע פעהיגקייט זיך אַריינצופיהלען, אַריינ־צולעבען אין אַלערליי פּסיכישע סיטואַציעס און גייסטיגע מאָטיווען. אַ לאַנגע רייהע פון ביאָגראַפישע ווערק פון גרויסען פאַרנעם — כמעט דער רוב פון זיינע שריפטען. און זיין גייסטיגע אומרוה איז אַ ברייטע, אַ ווייט־שפּוריגע, פון ווערלען און ראָמען ראָלאַן ביז מאַריע אַנטואַנעט, און מעסמער, דער היילער דורך מאַגנעטיזם, און זיגמונד פרויד; פון דעם עקס־רעוואָלוציאָנער און שפּעטערדיגען פּאָליציי־שפּיאָן פושע ביז — עראַזמוס פון ראָטערדאַם. און צווישען הערשער און דענקער און שווינדלער, צווישען פּאָעטען און אַוואַנ־טוריסטען זוכט ער שטענדיג איין־איינציגען מאָטיוו: דעם טריאומף און די טראַגיק פון דעם מענשליכען.

און אויף זיין לאַנגען וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף דער בולט׳סטער פיגור פון דער קולטור געשיכטע, אויף דעם מענ־שען, ביי וועמען דער מאָטיוו פון דער מענשליכקייט, איהר הויכען שוואונג און איהר טיפען פאַלען איז אַזוי אויסגעזונגען, דורכגע־שפּילט, אויף דעם גרעסטען פון אַלע הומאַניסטען, עראַזמוס. אַ זיכערער אינסטינקט האָט געפיהרט דעם אידישען וויענער פּאָעט, וואָס איז, ווי מיר אַלע, און אפשר מעהר ווי מיר אַלע פאַרצוויי־פעלט, צו דעם איינציג־אַרטיגען היסטאָרישען מאָמענט, ווען איי־ראָפּע איז געווען אויף׳ן וועג צו ווערען אַ גרויסער און מעכטיגער גייסטיגער בונד, און האָט דעם מאָמענט פאַרשפּילט.

עס איז געווען מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק. דער מיטעל־אַלטער האָט זיך פאַרענדיגט, אָט די צייט פון נאַציאָנאַלער גע־בונדענקייט, פון אומפרייהייט, פון פאַרשלאָסענקייט. אויף אַ קור־צער ווייל האָט אויפגעלויכט אויף דעם איראָפּייאישען הימעל דער וואונדער פון דעם רענעסאַנס. אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אפילו אין דייטשלאַנד — אומעטום האָט זיך דער־פיהלט דער ווינט פון פרייהייט. און וואונדערליכע פיגורען זיינען אויפגעשטאַנען — פּיקאָ דע לאַ מיראנדאָלאַ, לאָרענציא וואַלאַ, מענשען פון אַן אומגעהייערער בילדונג, אַזוי וויט ווי דאָס וויסען האָט דעמאָלט דערגרייכט, מענשען, וואָס האָבען געוואָלט אויפ־לעבען די אַלטע, קלאַסישע קולטור, צוריקדרעהען דעם ראַד פון דער געשיכטע אויף טויזענט יאָהר. עס איז געווען אַן אויפשטאַנד אַנטקעגען דער קירך, אַנטקעגען דער „מאַכט פון פינסטערניש״, און נאָך מעהר — עס איז געווען אַן אינערע באַפרייאונג פון דער מענשליכער נשמה. די גריכישע און לאַטיינישע קלאַסיקער האָבען באַקומען פאַר זיי די באַדייטונג פון לערער און פיהרער. זיי זיינען, ווי דאַנטע, נאָכגעגאַנגען ווערגיל׳ן און אַריסטאָטעל׳ן און פלאַטאָ׳ן, מיט זיי געפאָרשט די פאַרבאָרגענסטע ווינקלען פון דעם לעבען, מיט זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין גיהנום, מיט זיי זיך דערהויבען ביז צו די העכסטע הימלען. מען האָט זיי גערופען, און זיי האָבען אַק־צעפּטירט דעם נאָמען מיט פרייד — הומאַניסטען, דאָס הייסט, פּרעדיגער פון מענשליכקייט, אין געגענזאַץ צו די טעאָלאָגען, צו די פאַנאַטיקער פון דער פאַרביינערטער און פאַרשטיינענדיגער דאָגמע.

אָבער מענשען קאָנען ניט לאַנג אָטעמען די לופט פון פריי־

הייט. זי איז צו־שיטער פאַר זיי. דער אויפשטאַנד פון דעם ריינעם גייסט איז זעהר גיך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אויפשטאַנד פון די אינסטינקטען, פון די ליידענשאַפטען און, דער עיקר, פון די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אַמביציעס. אַזוי איז שטענדיג די אי־ראָניע פון דער געשיכטע. די אידייע אין איהר אַנטוויקלונג דער־פיהרט צו איהר אייגענער פאַרניינונג.

דער הומאַניזם, וואָס האָט געזאָלט באַפרייען די איראָפּייאישע מענשהייט פון אַלע קייטען, גייסטיגע, סאָציאַלע און פּאָליטישע, האָט זיך דערקייקעלט ביז צו לוטער'ן, ביז צו דער „רעפאָרם", וואָס ס'האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע הומאַניסטישע חלומות און גע־עפענט ברייט די טויערען פאַר די נאַציאָנאַליסטישע כוואַליעס, וואָס האָבען סוף־כל־סוף פאַרפלייצט גאַנץ איראָפּע. און אַט אויף דער שוועל פון די צוויי וועלטען, דער אייביג־מענשליכער און דער צייט־באַגרעניצטער, צייט־געקאָוועטער ווירקליכקייט, — שטעהט עראַזמוס פון ראָטערדאַם, אַ האָלענדער פון געבורט, אַ וועלט־בירגער פון איבערצייגונג, אַן „אומגעזעצליכער" — אָפּיציעל, דער אומגעזעצליכער זוהן פון אַ האָלענדישען בירגער. אויפגעוואַקסען אין אַ יתומים־הויז, דערצויגען געוואָרען אין אַ גלחים־סעמינאַריום אין פּאַריז, אַ וואַנדערער געלעבט אין ענגלאַנד ביי דעם „אוטאָ־פּיסט" טאָמאַס מאָר, אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין באַזעל — דער פרייער אינטערנאַציאָנאַלער שטאָדט, אַליין שוין אַ סימבאָל פון אינטערנאַציאָנאַליזם און פון פּאָליטישער און גייסטיגער ניט־אונטערטעניגקייט. ער האָט גע־האַט אַ מאָטאָ אין לעבען: „נולי קאָנצעדאָ" — איך גיב קיינעם ניט נאָך, איך גיב זיך קיינעם ניט אונטער, ווייל פון קיינעם גאָרניט פאַרלאַנגט, אַחוץ איין זאַך — רוה פאַר'ן גייסט, פרייהייט פאַר דעם געדאַנק.

ס'איז איבענאויף שווער פאַר אַ מאָדערנעם מענשען צו פאַר־שטעהן, פאַרוואָס עראַזמוס האָט פאַרנומען אַזאַ געוואַלדיגען פּלאַץ אין דעם איראָפּייאישען לעבען פון זיין צייט. ווען מען לייענט זיינע געזאַמעלטע שריפטען, — און דאָס זיינען צעהן ריזיגע בענ־דער, געדרוקט אין דעם גמרא־פאָרמאַט, און אַלע אין לאַטיין, איז עס כמעט אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען, ווי אַזוי ער איז דערגאַנ־גען דערצו, אַז מען זאָל איהם ביים לעבען שוין רופען מיט אַזעלכע געהויבענע נעמען, ווי „דער אוניווערסאַלער דאָקטאָר", „דאָס ליכט

פון דער וועלט", „דער אָראַקעל פון דעם מערב", א. אַז. וו. עס זיינען, צום רוב, פילאָלאָגישע שטודיעס, פירושים, איבערזעצונגען, גראַמאַטישע דערקלערונגען, און דאָס אויך אין אַ שווערער, און אָפט אויך ניט זעהר גוטער שפּראַך. עס זיינען געווען פאַר איהם און נאָך איהם געלערנטע, ווי דער קאַרדינאַל בעמבאָ, אָדער דער פילאָלאָג יאָזעף סקאַליגער, וואָס האָבען געשריבען אַ שעהנערען, קלאַסישערען און ריכטיגערען לאַטיין, ווי עראַזמוס. מען האָט איהם אָפט באַשולדיגט, און מיט רעכט, אַז ער איז געווען ניט געניי, ניט צו־טיף אין זיין פילאָלאָגישער וויסענשאַפט. און דאָך, בעמבאָ, וואָלאָ אָדער סקאַליגער זיינען פאַרגעסען, ווערען פון קיי־נעם ניט געלייענט, אַחוץ אפשר פון די ספּעציאַליסטען אין דער געשיכטע פון דעם רענעסאַנס; אָבער עראַזמוס איז געבליבן ניט ווי אַ היסטאָרישער קוריאָזיטעט, נאָר ווי אַ לעבעדיגער פאַקטאָר אין דער קולטור־געשיכטע. ווייל יענע האָבן גערעדט צו, און געשרי־בען פאַר געלערנטע; עראַזמוס האָט זיך געווענדט צו דער ברייטער אינטעליגענץ; יענע זיינען געווען פאַכמענער, אָהן אַ באַציהונג צו די טיפסטע פראַגען פון דער צייט; עראַזמוס איז געווען דער וואָרטפירער פון די לעצטע הומאַניסטען און פון דעם הומאַניזם בכלל.

אפילו זיין שפּראַך. ער האָט געשריבען און גערעדט לאַטייניש ניט נאָר דערפאַר, וואָס אַזוי איז געווען די מאָדע פון דער צייט, נאָר ווייל עס איז געווען פאַר איהם אַ סימבאָל פון אַן אַלמענש־ליכער, איבער־נאַציאָנאַלער קולטור. „די גאַנצע וועלט איז איין געמיינשאַפטליך פאָטערלאַנד" האָט עראַזמוס געזאָגט אין זיין מאמר „דער קאַמף אַרום שלום". איין פאָטערלאַנד, איין קולטור און איין שפּראַך. און אין אַ צייט, ווען די גערמאַנישע פעלקער האָבען אָנגעהויבען צו שטורמען אַנטקעגען דער רוימישער אוני־ווערסאַל־קולטור, איז דאָס געווען מעהר ווי דער אויסרוף פון אַ געלערנטען; עס איז געווען אַ פּאָליטישער פּראָגראַם. און אין אַ צייט, ווען מלחמה איז געוואָרען אַ טעגליכע דערשיינונג, אַ ליידענשאַפט, איז עראַזמוס אַרויסגעטראָטען מיט אַ פּראָטעסט אַנטקעגען יעדען מיליטאַריזם, אפילו ווען ער פאַרקליידט זיך אין אַ געשטאַלט פון אַ גייסטיגען קאַמף.

אין זיין „אַדאַגיאַ", אַ זאַמלונג פון ווערטלעך און ציטאַטען פון דער גאַנצער אַלטער ליטעראַטור, — אַ מערקווירדיג בוך, וואו

דער טעקסט פון דעם ציטאַט איז בלויז אַ מין אָנרעגונג צו אַ גייסטרייכען, איראָנישען און אַפּט ליידענשאַפטליך־דורכגעפּיהלטען פּירוש, — זאָגט עראַזמוס: „זיס איז מלחמה פאַר די, וואָס האָבען זי קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט". אַזוי די לאַטיינישע ציטאַטע. דער־נאָך קומט זיין פּירוש, און דאָרט מאָלט ער אויס מיט דער גאַנצער גראַציע פון זיין סטיל און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין איראָניע, ווי אַזוי מלחמה ווערט פאַרטראַכט, און ווי אַזוי זי זעהט־אויס אין דער ווירקליכקייט. בלויז די וואָס ווייסען ניט וואָס מלחמה איז, די פעלדמאַרשאַלען פון דעם שרייב־טיש, די סאַלאָן־גענעראַלען, יונגע סטודענטען, וואָס האָבען נאָך קיינמאָל קיין פּול־ווער ניט געשמעקט, — נאָר זיי מאָלען זיך אויס די מלחמה ווי אַ וואונדערבאַרע אַוואַנטורע: מונדירען און שפּאָרען, ריטער אויף שטאָלצע פערד, און זיג און טריאומף. אָבער פרעגט די אַלטע סאָלדאַטען, פרעגט די מוטערס פון די גע'הרג'עטע און פאַרוואונ־דעטע, און זיי וועלען אייך דערצעהלען וואָס מלחמה באַדייט. און דערנאָך פאַרענדיגט עראַזמוס: „איין מלחמה פיהרט צו אַ צוויי־טער, און קיין שום זיג ברענגט ניט קיין אַנטשיידונג".

אַזוי שאַרף, אַזוי קלוג האָט קיינער ניט גערעדט אין זיין צייט, און אויך אין אונזער צייט זיינען זעלטען אַזעלכע טיפע און פּשוט'ע ווערטער.

אָבער ניט בלויז מלחמה מיט שווערד און פּולווער, נאָר אויך פון וואָרט און געדאַנק, פון אידייע און איבערצייגונג. לוטער האָט ערקלערט אַ גייסטיגע מלחמה, אַ „רעוואָלוציע", און ער האָט גע־רופען עראַזמוס'ן צו זיך, האָט זיך געבעטען ביי איהם, מיט גוטע ווערטער, מיט חניפה ווערטער, ער זאָל ווערען דער פיהרער אין דעם קאַמף. אָבער עראַזמוס האָט דערפיהלט, אַז הינטער דער ליידענשאַפט פון לוטער איז באַהאַלטען אַ נייע באַרבאַריי. און די גאַנצע אַרבייט פון עראַזמוס'ן איז געווען צו קעמפען אַנטקעגען באַרבאַרען. „אַנטי באַרבאַרוס", דער אַנטי־באַרבאַר הייסט איינס פון זיינע וויכטיגסטע, באַקאַנטסטע ווערק. לוטער האָט אַמאָל גע־זאָגט: „זעלטען איז אַ גוטע זאַך פאַרטראַכט געוואָרען מיט חכמה און מיט פאַרזיכט. אַלצדינג, וואָס פּאַסירט, איז אונטער דעם באַ־וואוסטזיין". און דאָס איז געווען דער שליסעל צו לוטער'ן און צו יעדען רעפאָרמאַטאָר פון זיין סטיל, צו יעדען רעוואָלוציאָנער. רע־וואָלוציע איז, אין איהר עצם, אַנטי־אינטעלעקטועל. מעגליך, אַז

זי איז נויטווענדיג, אַז מען קאָן זי ניט פאַרמיידען, פּונקט אַזוי ווי מען קאָן ניט פאַרמיידען קיין שטורעם, ווי מען קאָן ניט אויפהאַל־טען קיין אוראַגאַן; אָבער דאָס באַוואוסטזיין, דער געדאַנק דאַרף זי ניט סאַנקציאָנירען. ער בויגט אָן זיין קאָפּ, ווען עס קומט דער שטורעם; ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה; און וואַרט אויף זיין צייט, ביז דער שטורעם וועט פאַרבייגעהן. „נולי קאָנצעדאָ" — איך גיב קיינעם ניט נאָך, אפילו ניט דער רעוואָלוציע.

דאָס שעהנסטע און דאָס מענשליכסטע ביי עראַזמוס'ן איז גע־ווען, וואָס ער האָט זיך ניט געמאַכט די מינדסטע אילוזיע, האָט ווייניגער ווי אַלע געגאַרט סיי זיך און סיי אַנדערע. ער האָט גע־וואוסט, אַז ער איז איינער פון די לעצטע, און אַז ער איז צו שוואַך צו קעמפען אַנטקעגען דעם שטורעם פון דער אומפאַרגונפט. און אין זיין וואונדערליכען בוך, וואָס ווערט נאָך היינט געלייענט און וואָס געהערט צו דעם קלאַסישען באַגאַזש פון דער וועלט־ליטעראַ־טור, „דער לויב פון דער טפשות", זאָגט עראַזמוס: „נאָר די נאַ־ראָנים האָבען מזל, און דאָס בעסטע לעבען איז אַ לעבען אָהן דעם מינדסטען פונק פון חכמה". און ווער עס איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, שטעהט איבער דער וועלט, און דערפאַר אויף דעם העכ־סטען שפּיץ.

סטעפאַן צווייג רופט אָן זיין בוך „דער טריאומף און די טראַ־גיק פון עראַזמוס". דער טריאומף: „פאַר איין וואונדערבאַרען מאָמענט האָט אייראָפּע געלעבט אין אַ חלום פון אַן איינהייטליכער ציוויליזאַציע. פאַראייניגט אין שפּראַך און אין רעליגיע, פאַראיי־ניגט אין קולטור. און אָט די דאָזיגע אומפאַרגעסליכע שטרעבונג איז אויף אייביג פאַרבונדען מיט דעם נאָמען פון עראַזמוס". אָבער דער שלוס — טראַגיש: „עראַזמוס האָט אויפגעהויבען אַ פּראָבלעם; ער האָט איהם ניט געלייזט".

און סטעפאַן צווייג פאַרענדיגט זיין בוך מיט אַ סענטימענטאַ־לער ווענדונג: „ווען עראַזמוס איז געלעגען אויף זיין בעט אין גסיסה, האָט פּאַסירט אַ מערקווירדיגע זאַך. ער, וואָס האָט שטענ־דיג גערעדט לאַטייניש, געטראַכט און געשריבען אויף לאַטייניש, האָט פּלוצלינג פאַרגעסען די שפּראַך, און האָט מיט דער פּרימיטי־ווער מורא פון דער חיה אין דעם מענשען, אַרויסגעגאַרגעלט פון זיך די ווערטער, וואָס ער האָט געלערנט אין זיין פריהסטער קינד־

הייט. ער האָט געזאָגט אין זיין פלעמישער גערמאַנישער שפּראַך: „ליווע גאָט — ליבער גאָט!"

געוויס, ווען דער מענש קומט צו דער לעצטער ווירקליכקייט, פאַלט־אַראָפּ פון איהם די קולטור, קעהרט ער זיך צוריק אום צו דעם פּרימיטיווען. אָבער עראַזמוס האָט דערויף אַליין שוין גע־ענטפערט אין איינעם פון זיינע ביכער: „אין דעם מאָמענט פון גע־בוירען און אין דעם מאָמענט פון פאַרגעהן, שפּרייט די גוטע מוטער־נאַטור אַרום דעם מענשען דעם שלייער פון נאַרישקייט, כדי גרינגער צו מאַכען דעם אָנהויב און דעם סוף".

ביי דער וויג און ביי דער גסיסה — געוויס; אָבער צווישען די צוויי מאָמענטען איז דאָך דאָס אמת'ע לעבען, און דאָרט איז די הערשאַפט פון דעם אינטעלעקט, דאָרט איז קולטור. און אפשר איז אין דעם שטריך סימבאָליזירט די געשיכטע פון אונזער צייט, דער צייט פון איבערגאַנג, פון אַן אָנהויב און פון אַ פאַרענדיגונג.

טריאומף, טראַגיק? איך ווייס ניט. אויף דעם בילד פון עראַזמוס פון ראָטערדאַם, וואָס איז איינגעגראַווירט אויף דעם שער־בלעטעל פון דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע געזאַמעלטע ווערק (1703) שטעהט אַ מאָטאָ: „טאַנדעם באָנאַ קאַוזאַ טריאומפאַט" — „דאָס גוטע טריאומפירט דאָך", און די אידייע פון עראַזם פון ראָטערדאַם לעבט היינט, איז פריש נאָך היינט, איז גרין נאָך היינט, פּונקט אַזוי ווי, אָדער אפשר נאָך מעהר, אין דער צייט פון זיין לעבען און פון זיין קאַמף.

די צייט פאַר דעם אוניווערסאַל־מענשען דאַרף ערשט קומען.

יולי 14, 1935

פישקע און סענדערל

צו דעם הונדערט־יאָהריגען געבורטסטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים

מען האָט זיך, דאַכט זיך מיר, אַביסעל צוגעאיילט. אַרכי־וואַריש, ענציקלאָפּעדיש איז שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש געבאָרען געוואָרען דעם 2טען יאַנואַר 1836, און דאָס מיינט, אַז זיין 100־יאָהריגער געבורטסטאָג וואָלט ערשט אויסגעקומען איבעראַיאָהר. אָבער זיי ווייסען מן־הסתם בעסער, די מענדעלע ספּעציאַליסטען, און איך נעם אָן אין פאַראויס זייער כראָנאָלאָגיע. און בכלל, אויב אפילו שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש וואָלט איצטער אַלט געווען, ווען ער וואָלט געלעבט, נאָר ניין און ניינציג יאָהר, איז מענדעלע, מענ־דעלע מוכר־ספרים, ניט נאָר קיין הונדערט־יאָהריגער, נאָר אַ צייט־לאָזער, און איין יאָהר אַרויף אָדער אַראָפּ, איין יאָהרהונדערט מעהר אָדער ווייניגער, האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג, מאַכט ניט דעם מינדסטען אונטערשיד, ווי ביי אַ סקולפּטור.

בילדער האָבען אַ סיגנאַטור, ניט נאָר פון דעם מאָלער, פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט, נאָר אויך פון דער צייט. די אַט־מאָספעּרע פון דעם מאָמענט, וואָס פאַרגעהט, די שטימונג פון אַ געגעבענעם ווינקעל־וועלט, אַ שטיק לעבען רעפלעקטירט אין דעם אויגענבליק און אַריינגעפיהרט אין אַ רעמעל. און דערפאַר איז יעדע מאָלעריי צייטלאַך און היסטאָריש באַשטימט. סקולפּטור איז צייטלאָז. צי דאָס איז די מאָנומענטאַלע געשטאַלט פון שלמנאסר, וואָס מיר זעהען אין דעם בריטישען מוזעאום, די אַלט־אסירישע סקולפּטור; צי דאָס איז דער דיסקאָבאָלוס, די אַנטיקע גריכישע סטאַטוע, אָדער צי דאָס איז ראָדען פון די מאָדערנסטע, שטענדיג, אייביגע מענשלאַכקייט, וואָס פיהלט אויס דעם רוים אויסער צייט, איבער צייט.

און אויך דאָס וואָרט קאָן זיין מאָלעריש און אויך דאָס וואָרט קאָן זיין סקולפּטוראַל. שטימונג און אַטמאָספערע, פּערזענליכער חותם, אינדיווידועלער צוגאַנג, אייגענער אויסטייטש, אָבער פאַרט אַ ווינקעל פון דעם לעבען, אַ בלאַט פאַרוויִט, און ווי אַ בלאַט באַלד אויך פאַרטרוקענט אין אַ בלאַט־אַלבום אין דעם הערבאַרי־אום, וואו מען האַלט די אַלטע, ליבע, פאַרטריקענטע בלעטער.

אָדער עס איז ווי אַ סטאַטוע, שטעהט אַליין פאַר זיך, פיהרט אַן אייגענעם מיסטישען לעבען, עקזיסטירט אין איהר אייגענעם זכות. און מאַלער זיינען מעהר ווי סקולפּטאָרען, מעהר אין צאַהל. מאַלער־שרייבער, דיכטער פון שטימונג און אַטמאָספערע זיינען די מעהר־הייט אין יעדער ליטעראַטור. בלויז זעלטען אַ שטיין־האַקער, וואָס פּאָלירט דעם מאַרמאָר־בלאָק און מאָדעלירט איהם און גראָבט אין איהם אַריין, אין דער טויטער מאַטעריע, דאָס אומפאַרגענגליכע לעבען. און זייערע נעמען זיינען געצעהלטע. און זיי זיינען די, וואָס שאַפען אַט די אייביגע סימבאָלען, וואָס לעבען זעלבסט־שטענדיג, אָפּט אָהן שום שייכות צו דער האַנט, וואָס האָט זיי אַריינגעגראָבען אין דעם שטיינערנעם בלאָק. גאָגאָל איז געווען אַזאַ סקולפּטאָר און האָט געשאַפען אַ גאַלעריע פון סטאַטועס; טשיטשיקאָוו, אַפאַנאַסיע איוואַנאָוויטש, מאַנילאָוו, און איבער דער גאַלעריע די אויפשריפט „טויטע נשמות". טאָלסטאָי איז געווען אַזאַ סקולפּטאָר: קאַראַטאַיעוו, נאַטאַשאַ, כאַדזשי מוראַט, פאָטער סערגי א. אַז. וו., אַ וועלט פון געשטאַלטען און איבער זיי „אומרו־היגע נשמות". און איבער זיי אַלע די פיגור פון סערוואַנטעס, וואָס האָט אויסגעשליפען, אויסגעפאַרעמט די צוויי אייביגע גע־שטאַלטען, וואָס האָבען געוואַרט אויף זייער תיקון: דאָן קיכאָט און סאַנטשאָ פאַנטשאָ, דער „וואַנדערער און זיין שאָטען".

און מערקווירדיג ווי דאָס זאָל ניט קלינגען, אויף דער שוועל פון דער אידישער ליטעראַטור, דער ניי אידישער, שטעהט אַ סקולפּ־טאָר, דער ערשטער און דערוויל נאָך דער איינציגער. מערקווירדיג דערפאַר, וואָס גראַד ביי אידען איז סקולפּטור די פרעמדסטע פון אַלע קונסט־פאָרמען. שטיין איז שטיין און קאָן דערהויבען ווערען בלויז צו מצבה, סימבאָל בלויז, אַ וואָרט אָהן אַ לעבעדיגען אָטעם, אַן אַבסטראַקציע. און אַט קומט, — און דאָס איז דער וואונדער, און דאָס איז דער נס, — אַ מענש פון דעם פאָלק, אַן אייגענסטער פון די אייגענע, דורכגעוועקט מיט אַלע אידישקייטען, אָהן שום נשמה־קריזיסען און קולטור־איבערברוכען, אַ איד פון אידען־לאַנד און פון אידען־וועלט, אַ למדן, אַ משכיל, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, און הויבט אָן צו קלעפען פון דעם מענשען־מאַטעריאַל אַרום איהם סימבאָלען, געשטאַלטען וואָס וואַקסען, ווערען אַלץ אָנגעפילטער מיט לעבען, מיט די יאָהרען וואָס פאַרגעהן. עס פּאַסט צו איהם, צו זיין גאַנצער געשטאַלט, אַט דער הויכער, טרוקענער, מיט

קלוגע און בייזע אויגען, שאַרפע אויגען פון אַ זעהער, אויגען אָהן פאַרנעפּעלטיגער שטימונג, נאָר פּרעציז ווי אַ געאָמעטרישער אינ־סטרומענט. איך מאָל זיך איהם אויס, ווי ער שטעהט פאַר דעם ליים, אַט דער אומגעפּאַרעמטער משא פון לעבען, אַנגעזאַמעלט פון דורות, אַלע פּאָטענצען פון קומענדע צייטען אין איהר, אַלע ניט־אויסגעשעפּטע מעגליכקייטען אין איהר פאַרגראָבען, און ער כישופט זיי אַרויס מיט דער האַנט וואָס קנעט, מיט דעם האַמער וואָס האַקט אַריין דערנאָך די אויסגעקנאָטענע פאָרמען אינ׳ם האַרטען שטיין.

און אַ גאַלעריע פון אידישע סטאַטועס. איבער זיי די ווער־טער: „וואַנדערענדע נשמות”. וואַנדערער אין אַלע צייטען, וואַנ־לער דורך זייער אייגענעם צוואַנג. און צווישען די אַלע סטאַטועס און סטאַטועטען באַהעפט זיך מיין בליק אויף די צוויי טיפּסטע סימבאָלען, וואָס דער סקולפּטאָר האָט געשאַפען. איינער: פישקע, פישקע דער קרומער, פישקע דער לאָמער, אַ פעסטער, געפּאַקטער, מיט אַ ברייטען פרעהליכען פנים, פאַלק אין זיינע אור־טיפענישען, אין זיין תהומות׳דיגער מענשליכקייט; ברייט די פּלייצעס, שטאַרק די הענט, לאָם די פיס, שלעפּט זיי הינטער זיך, קוים וואָס ער געהט אויף אַ שטעקען אָדער קריכט כמעט איבער די גאַסען פון די שטעט. אַ בעטלער. די לעצטע שטופע פון מענשליכער איזאָלירונג, ווייל פון אַלע אָפּהענגיג, ווייל צוגעבונדען מיט זיין גאַנצען לעבענס־וואָרצעל צו די וואָס אַרום איהם. אַ זייטיגער, אַן אָפּגעשטויסענער, דאָס הייסט אַ באַזייטיגטער. און אין איהם דער לעצטער יסוד פון אַלע מענשליכקייטען, פון אָט די אַלע ווערטען, וואָס זיינען אין זייער סומע קולטור. בעטלערשאַפט איז די העכסטע באַרעכטיגונג פון מענשענשאַפט. דער גרעניץ־פּונקט צווישען מענשליכען און אונטערמענשליכען, און ווייל אַזוי — דער איבערגאַנג צו דעם איבערמענשליכען. ניט אומזיסט איז יעדער גרויסער רעליגיעזער עקסטאַז געווען פאַרבונדען מיט און פאַרווירקליכט אין בעטלער־שאַפט. בודא, דער פּרינץ, האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם קעניג־מאַנטעל און אַנגעטאָן זיך מיט דעם געלען בעטלער־מאַנטעל. פראַנציס פון אַסיזי האָט זיך אויסגעליידיגט פון אַלע מענשליכע האַבשאַפטען און אויסגעשטרעקט די האַנט צו בעטען. און די אויס־געשטרעקטע האַנט האָט געוויזען נייע, מענשליכע נשמה־האָריזאָנ־טען. און אויף דעם בעטלער שטהעט די וועלט.

קיינער ווייסט ניט דעם סוד אַזוי ווי דער איד. פון איהם שטאַמט דער באַגריף. ער האָט דער ערשטער איהם אַרויסגעפיהרט פון דער ריין־רעליגיעזער אַטמאָספערע און איינגעבראַכט איהם אין דעם רעאַלען לעבען. די געשטאַלט האָט געוואַרט אויף דער האַנט וואָס זאָל זי פאָרעמען, און מענדעלע האָט פאַרמאָגט די האַנט. און ער האָט סקולפטירט אָט די איבערצייטליכע געשטאַלט פון פישקע דעם בעטלער, דעם קרומען, דעם לאָמען, צו וועמען עס באַלאַנגט די גאַנצע וועלט. „זשיעשטע מיין אָדעש", זאָגט פישקע צו אַן אַנדער בעטלער, וואָס איז געקומען אויף אַ גאַסטראָל קיין אָדעס. פישקע ווייזט איהם די שטאָדט. שלעפּט זיך מיט איהם אינאיינעם אויף די לאָמע פיס איבער די גאַסען און פרעגעלט זיך מיט דער גרויסקייט, מיט דער שעהנקייט פון דער שטאָדט. „מיין אָדעס". און אָס איז דער אמת. עס באַלאַנגט צו איהם, ווייל ער איז דער לעצטער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט, און דערפאַר אויך, ווען אומגעדרעהט דער לייטער, דער ערשטער. און זעלטען איז מיט אַזאַ סקולפטוראַלער קלאָרקייט און שאַרפקייט אויסגעדריקט געוואָרען דער פּראָטעסט אַקעגען אַלצדינג וואָס איז מיטעלמעסיג, אַלצדינג וואָס איז „זשיסט מיליע", אָדער בינוני, אָדער ווי מיר וואָלטען עס אַנגערופען היינט, דאָס קליינבירגליכע, דאָס בירגערליכע, ווי אין דער געשטאַלט פון פישקע דעם קרומען.

אַן אַנדער פיגור. אַ איד, אַ קיילעכדיגער, קליין־וואוקסיג, מיט אַ געלער באָרד און אונטערגעבונדען מיט אַ פאַטשיילע. סענדערל, סענדערל די אידענע. קיילעכדיגע אויגען, תמימות, די גאַנצע וועלט־נאַאיוויטעט אין זיי, קינדישע אומשולדיגקייט, גלויבען אָהן אַן אָפּהאַלט, אַ שטענדיגער יאָ צו אַלצדינג, אפילו צו דער ווייב וואָס האַקט איהם אונטער די אויגען, צו נעץ און צו קעלט, צו הונגער און צו נויט, און צו יעדען חלום וואָס באַווייזט זיך פאַר איהם. ניט פון דער־וועלט. אַ קיילעכדיגס, וואָס קייקעלט זיך איבער דער ערד, נאָך דעם געזעץ פון אינערציע, — עס הענגט אָפּ פון דעם וואָס עס גיט דעם ערשטען שטופּ, און וואוהין.

און אָט קומט צו איהם בנימין, ר' בנימין, אָנגעלייענט מיט מעשה־ביכער און פאַר'חלומ'ט זיך וועגען די ווייטע וועלטען, רויטע אידעלעך, דעם טייך סמבטיון, און נאָך אַנדערע וואונדער פון אַ מעגליכער אָדער אוממעגליכער וועלט, אַ אידישער דאָן־קיכאָט. בלויז אָהן אַקטיוויטעט, ער וויל אַקעגען קיינעם ניט קעמפען, בלויז

געהן, דערגעהן, ווייל ערגעץ וואו איז אַ ציל. דאָן־קיכאָט פון סערוואַנטעס האָט געוואָלט אויפלעבען דאָס אַלטע און זיך אַריינ־שטעלען אין דעם צענטער. ר׳ בנימין פון מענדעלע געהט נאָך דעם וואָס איז אויסער צייט, וואָס איז אייביג, און קאָן נאָר דער־גרייכט ווערען דורך אַ לאַנגער און שווערער וואַנדערונג.

אָבער ניט ער, דער אידישער דאָן־קיכאָט, איז די סטאַטועסקע שאַפונג. חלומ׳ען קאָנען אַלע, און וואַנדערער זיינען דאָ אַ סך. אויך דאָס אינדיווידועלע בייט זיך פון צייט צו צייט, פאַרלירט זיך אין דעם רויך פון אַלע פייערען, וואָס האָבען זיך אַמאָל אָנגעצונדען און וועלען נאָך ברענען ווייטער. אָבער סענדערל, ער איז דער וואָס ווייסט גאָרנישט, וואָס חלומ׳ט גאָרנישט. ער איז דער ריינער גלוי־בען, די ריינסטע ליבע, אָט די ליבע, וואָס, ווי דאַנטע האָט אַמאָל געזאָגט, „געהט פאַראויס יעדען וויסען.״ עס איז די געטריישאַפט אין איהר לעצטער מיסטישער טיפקייט.

און דאָ איז דער קינסטלערישער שטאַמפּ פון מענדעלע׳ן. ער האָט געוואָלט קאָפּירען סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, און אונטער זיינע הענט איז אויסגעוואַקסען אַן אַנדער׳ער, איך ווייס ניט צי אַ גרעסערער, אָבער יעדענפאַלס אַן אור אייגענע שאַפונג, סענדערל. סאַנטשאָ איז אויך בלויז ערד, אינסטינקט, ריינער ווילען אָהן שום אידעען. אָבער סאַנטשאָ איז אין דער אייגענער צייט דער אינסטינקט פון האָבען, באַזיצען, פון באַהעפטען זיך מיט דעם וואָס איז פאַראַן. ער שטעהט מיט ביידע פיס ניט נאָר אויף דער ערד, נאָר ביז צו די קני אין איהר. ער שלעפּט אַרונטער דאָן קיכאָט׳ן צו זיך, ער פאַרקלענערט איהם. סענדערל איז דער היסטאָריש געוואָרענער אומפאַרוואָרצעלטער. גאָרנישט איז זיינס, אפילו ניט זיין אייגענע באָק. „איך האָב געגעבען מיין באָק צו דעם וואָס וויל זי שלאָגען״ — אויף דעם אור־אַלטען אידישען בילד איז אויפגעבויט געוואָרען אַ גאַנצע מיטאָלאָגיע, קאָטעדראַלען שטעהען אויף איהר, און עס איז נאָך אַלץ געבליבען פרעמד צו די וואָס האָבען איהם איבערגע־נומען, און איז היימיש אינטים בלויז פון די וואָס האָבען איהם געשאַפען. און זייער נאָמען — דער קאָלעקטיווער איד — סענדערל.

פישקע לאָמט זיך דורך איבער דער ערד, און סענדערל מיט דער אונטערגעבונדענער באָק שמייכעלט איהם נאָך מיט קינדישען גלויבען. און די צוויי וועלט־פיגורען ציהען זיך איבער די צייטען, פון אומענדליכקייט צו אומענדליכקייט. און דער „זיידע״ געהט פאַראויס.

יאַנואַר 6, 1935

שלום עליכם שמייכעלט

פופצעהן יאָהר! און וואָס פאַר יאָהרען. אויב פופצעהן יאָהר זיינען — ווי דער אַלטער היסטאָריקער טאַציט האָט געזאָגט: „הומאַנע וויטע אינגענס ספאַטיום״ — אַ גרויסער שטח פון דעם מענשליכען לעבען — זיינען די פופצעהן יאָהר, וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט, באמת אַ גאַנצער קאָנטינענט. אַ תהום צווישען דע־מאָלט און היינט. רינגען צעבראָכענע, פעדעם צעריסענע — אַ וועלט פון חורבות, כמעט שוין פאָרהיסטאָרישע. ווערטען זיינען איבערגעשמאָלצן געוואָרן — סאָציאַלע, רעליגיעזע און אויך ליטע־ראַרישע. פאָרם, סטיל, טעמאַטיק — אַלצדינג אַנדערש.

און אויב אַזוי אין דער גאַנצער וועלט, אויב אומעטום אַ „שינוי ערכין״, איז דאָס ביי אידען ממש אַ קאַטאַסטראָפע, איינער פון די ריזיגע אויפרייסען, וואו דער גאַנצער בנין ווערט צעשמע־טערט ביז צו דעם פונדאַמענט — און עס בלייבט אַ ליידיגער פלאַץ, ווי דער גרויסער פלאַץ — אין דעם צענטער פון וואַרשע. געשטאַ־נען אַמאָל דאָרט אַ גרויסאַרטיגער בנין — די רוסישע קאַטעדראַלע — איצט ליידיג און נאַקעט. בלויז אַ פאַר שטיינער וואַלגערן זיך אויף דער ערד — אַ סימן, אַ רמז אויף דער פאַרגאַנגענהייט.

און נאָך פופצעהן יאָהר לייען איך איבער די ווערטער, וואָס איך האָב געשריבען, תיכף נאָך דעם טויט פון שלום־עליכם, אַזוי צו זאָגן פאַר דעם פרישען קבר. נאָך פופצעהן יאָהר בייטען זיך מיינונגען, ענדערען זיך אַנשויאונגען, אפילו סימפּאַטיען און אַפּ־נייגונגען מאַכען־דורך דעם פּראָצעס פון אַנדערש ווערען.

איך האָב דערוואַרט, אַז די פאַר־פופצעהניאָריגע ווערטער וועלען מיר קלינגען פרעמד און ניט מעהר צייט־שטימונגדיג. דערוואַרט צו דערפיהלען דעם אומעט פון פאַרוויאַניטע, פאַרטרי־קענטע בלומען אויף אַ קבר.

דורכגעלייענט, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס אַלץ איז ערשט נעכטען געזאָגט געוואָרען. נעכטען? דאָס אויך שוין צו־אַלט. היינט, אָט אין דער איצטיגער שעה, אָט אין דער רגע וואָס רינט אַוועק.

און באמת, קיין אַנדער געדאַנק קומט מיר ניט אויפ׳ן זין,

קיין אין פריש, אומגעזאָגט וואָרט ווייזט זיך ניט אויף דעם האָ־ריזאָנט.

און איך פרעג זיך — פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל אַלצדינג איז שוין אויסגעשעפּט — אַלצדינג וואָס מען האָט נאָר געקאָנט זאָגן וועגן שלום־עליכמ׳ען — אָדער אפשר דערפאַר, ווייל שלום־עליכם רופט־אַרויס תמיד די אייגענע עמאָציעס, אַזוי פאַרפּיקסירט, ווי אַ נאַטור־ערשיינונג?

עס איז ניט בלויז קיין מליצה־פראַגע, עס האָט אויך ניט קיין שייכות בלויז צו מיר אַליין. עס איז בכלל — די פראַגע וועגן שלום־עליכמ׳ס פּלאַץ אין דער היינטיגער אידישער פּסיכיק. אפשט —אין ענגע קרייזן, וואו מען „לייענט־פאַר״ שלום־עליכם, ביי פאַרשטעלונגען, רעציטאַציעס, טעאַטראַלישע ימים־טובים, וואו עס קומען די „אָבליגאַטאָ״ נומערן: שלום־עליכמ׳ס „טעפּעל״, דער „פּריזיוו״ א. אַז. וו. — האָב איך דעם געפיהל אַז שלום־עליכם איז שוין פאַרפרעמדט געוואָרן. מען לאַכט — אָבער דאָס געלעכ־טער איז שוין טראַדיציאָנעל, פאַרגליווערט. יעדער ווייסט, אַז ביי אַ שלום־עליכם־פאַרטראַג מוז מען לאַכען, פּונקט ווי ביי אַ פּרץ־דעקלאַמאַציע איז מען זיך נוהג צו מאַכען אַ זעהר ערנסטען פּנים און אַריינפאַלען אין אַ „מיסטישער שטימונג״. איך האָב אָפּט אַריינגעקוקט אין די פּנימ׳ער פון די צוהערער, טאַקע בשעת זיי האָבען געלאַכט. פאַרוואָס לאַכען זיי? ווייל זיי לעבען־דורך דאָס גאַנצע טראַגי־קאָמישע לעבען פון שלום־עליכמ׳ס מענשען, ווייל זיי פאָהרען אינאיינעם מיט טוביה׳ן אויפ׳ן מאַרק, שיפען זיך מיט׳ן מלמד איבער׳ן בוג, אָדער לויפען מיט מנחם־מענדל׳ען אויף קאָנ־טראַקטען? אָדער איז דאָס בלויז, ווייל טוביה און מנחם־מענדעל און די איבעריגע שלום־עליכם־מענשען רעדען אַזוי אויסטערליש, אַזוי אַלטמאָדיש?

און איך האָב געזעהן: מען לאַכט פון דער קאַפּאָטע און מען באַמערקט ניט דעם מענשען אין איהר. מען „אַמוזירט זיך״ פון די „וויצען״ און מען פיהלט ניט די גרויסע קונסט, די איינציג־אַרטיגע קונסט, וואָס שלום־עליכם האָט געשאַפען. און אָפּט — ווען די צוהערער זיינען שוין צו לאַנג פון דער אַלטער היים, אָפּ־געוועהנט פון די אַמאָליגע פאָרמען פון רעדען, ווען זייער אויער כאַפּט ניט מעהר אויף די פיינע ניואַנסען פון דער אַזוי קולטור־פולער, וואַריאַציעס־רייכער שפּראַך, ווערט אפילו דער געצוואונגע־

נער לאַכען פאַרגליווערט. און מען „זאָגט שלום־עליכם", כמעט אַזוי ווי די פרומע אידען זאָגען פיוט — אויף־גיך, מיט אַ מוז־געפיהל און ניט פיהלענדיג אַפילו, אַז „פיוט" מיינט פּאָעזיע, און אַז דאָס האָבען פּאָעטען אַמאָל געזונגען אויף זייער אַלטען שטייגער לידער — הגם זיי שטעהען אין מחזור.

און שלום־עליכם נעהמט אַלץ מעהר און מעהר איבער די פונקציע פון מחזור. אָדער — אפשר איז דאָס גוט אַזוי, דאַרף עס זיין אַזוי? אפשר ליגט גראַד אין דעם די מערקווירדיגע אָריגינאַליטעט פון שלום־עליכם דעם קינסטלער, דעם שאַפער?

מען פילאָזאָפירט איבער דעם „לאַכען". וואָס איז דאָס? פאַרוואָס לאַכען מענשען? און טעאָריעס זיינען אויסגעוואַקסען, איינע קליגער און שעהנער ווי די אַנדערע — אָבער מיר ווייסען נאָך אַלץ נישט פאַרוואָס איז אַזאַ סיטואַציע קאָמיש און אַן אַנדערש־מאָל טראַגיש, מיט וואָס רופט איין וואָרט אַרויס געלעכטער און ביי אַן אַנדער געלעגענהייט טרערען? אָבער פון די פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון דעם געלעכטער־פּראָבלעם האָט זיך קריסטאַליזירט איין ריכטיגע און קלאָרע אידייע, די פאָרמולע פון בערגסאָן: „דאָס לאַכען מוז באַפרידיגען באַשטימטע פאָדערונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס לאַכען מוז האָבען אַ סאָציאַלע פונקציע".

און אַפילו ווען מיר זיינען נאָך אַלץ ניט קלאָר וואָס דאָס לאַכען איז, ווייסען מיר שוין וואָס דאָס לאַכען דאַרף זיין, בפרט ווען עס איז אַ לאַכען וואָס געהט דורך דורות, וואָס הילכט איבער צייטען. דאָס איז די זיפּ, וואו די קונסט פון הומאָר ווערט דורכגעזיפּט. אַ זעהר פיינע, דעליקאַטע זיפּ. גראָבע קערנער געהען ניט דורך, און בלויז דער „סולת שבסולת" פאַלט אריין אין דער כלי, וואָס הייסט קולטור־געשיכטע.

געווען אין דער ענגלישער ליטעראַטור הומאָריסטען און סאַטיריקער אָהן אַ שיעור. געבליבען זיינען צוויי אָדער דריי — סוויפט און סטוירן און טשאַרלז דיקענס, די איינציגע הומאָריסטען פון נאַציאָנאַלער באַדייטונג און פון וועלט־פאַרנעהם. און ווער איז געבליבען אין רוסלאַנד? גאָגאָל און טשעכאָוו. און געווען שרייבער וויציגערע פון זיי, שאַרפערע און פרעהליכערע, „קאָמישערע", אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין סאָציאַלע פונקציע — און זיי זיינען פאַרגעסען געוואָרען. גאָגאָל און טשעכאָוו און דיקענס אָבער

האָבען געשאַפען אַן אייגענע וועלט פון געשטאַלטען, אַ וועלט גע־זעהן דורך אַן אייגענעם שפּיגעל. געבליבען דער שפּיגעל — און די געשטאַלטען אין איהם.

און וואָס מעהר איך טראַכט זיך אַריין, לייען זיך איין אין שלום־עליכמ׳ס שאַפונגען, זעה איך אַלץ מעהר זיין אייגנאַרטיגע קונסט, זיין איינציגקייט.

אייגענאַרטיג — ווייל דער שאַפער פון אַ גאַנץ נייעם סטיל. איינציג, ווייל דער ערשטער צווישען אידען, דער ערשטער — און דערווייל נאָך אָהן אַ יורש.

מען קאָן גאָר ניט קלאַסיפיצירען שלום־עליכמ׳ען. אויב איהר ווילט, איז ער גאָר ניט קיין הומאָריסט. מיט וואָס איז, צ. ב., דאָס „טעפּעל" הומאָריסטיש? אַ אידענע קומט צו אַ רב פרעגען אַ שאלה אויף אַ טעפּעל און — רעדט. רעדט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט — ביז דער רב פאַלט אין חלשות. אייגענטליך איז דאָ גאָר ניטאָ וואָס צו לאַכען. עס איז אַ טייך וואָס צעגיסט זיך, עס איז אַ מענש, וואָס רעדט פונקט אַזוי ווי ער טראַכט. עס איז אין דער גאַנצער סטרוקטור פון דעם „טעפּעל" — אין דעם מהות — דער אייגענער פּרינציפּ ווי אין דזשאָיס׳עס „אוליסעס" אָדער אין פּרוסט׳ס ראָמאַנען. בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס שלום־עליכם איז געווען נאַטירלעכער, פּסיכאָלאָגישער און האָט זיך ניט געיאָגט נאָך עראָטישע עפעקטען. אָדער נעהמט איינעם פון זיינע כאַראַקטעריסטישע עטיודען: „די גימנאַזיע". אַ איד דערצעהלט דאָרט די געשיכטע פון אַ לעבען, איך וואָלט געזאָגט, די געשיכטע פון אַ רוסיש־אידישען דור — פון דעם אַלט־אידישען לעבען ביז צו דער רעוואָלוציע. דערצעהלט, ווי אַ מענש רעדט — צעשוואו־מען, פאַרפּלאָנטערט, פאַרפלאָכטען מיט טויזענטער מאָטיווען. מען זעהט כמעט ניט די האַנט פון דעם קינסטלער. בלויז אין איין שורה — אין דער לעצטער — ווערט די אילוזיע צעבראָכען. דער איד, וואָס דערצעהלט אַזוי ערנסט — אַזוי רעאַליסטיש — די גע־שיכטע פון זיין זוהנ׳ס קאַריערע, פאַרענדיגט פּלוצלינג: „ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַ ווייב?" מען זעהט — דער קינסטלער האָט געוואָלט אָפּשטעלען דעם לעבעדיגען קוואַל — און ער האָט אָוועק־געשטעלט די דאַמבע פון אַ וויץ. ווייל וואו דער וויץ הויבט אָן — ענדיגט זיך דער הומאָר.

אַזאַ סטיל, אַזאַ פאָרם, איז כמעט איינציגאַרטיג אין דער גאַנ־

צער וועלט־ליטעראַטור. אַזאַ אומגעצוואונגענקייט, אַזאַ פֿרייהייט פֿון באַוועגונגען, אַזאַ בויגיגקייט פֿון דער פּראָזע, איבערגאַנג פֿון בילד צו בילד, פֿון שטימונג צו שטימונג, אַזאַ כוואַליעדיגקייט, איז כמעט ניט דערגרייכט געוואָרען אין דער ליטעראַטור.

מען האָט פֿאַרגליכען שלום־עליכמ׳ען מיט מאַרק טווין. און אידען האַלטען עס פֿאַר אַ גרויסען כבוד, זיי גלויבען אַליין ניט אין אַזאַ פֿאַרמעסט. מאַרק טווין מיט זיין וועלט־נאָמען, מאַרק טווין מיט זיין ברייטקייט און „אונזער שלום־עליכם" מיט זיין כתריאלעווקע און זיין טוביה דער מילכיגער! אָבער ווען מען קוקט זיך צו נעהנטער און טיפֿער — איז ניט מאַרק טווין, נאָר שלום־עליכם דער גרעסערער, דער עכטערער קינסטלער. געוויס איז מאַרק טווינ׳ס „טאָם סאָיער" אינטערעסאַנטער ווי „דאָס מעסערל", זי־כער איז „קאָנעקטיקוט יענקי" שפּאַנענדער ווי „דער פּריזיוו". אָבער דאָס איז — טעמאַטיק, ניט קינסטלערשאַפֿט. עס איז אַ גרעסערער אינהאַלט, ניט קיין העכערע פֿאָרם. און אין ליטע־ראַטור — ווי אין מאַלעריי — איז די פֿאָרם דער עיקר, ניט דער אינהאַלט. דערפֿאַר איז טאַקע אַזוי שווער אָפּצושאַצען אַ קינסטלער, בפֿרט ווען דער קינסטלער איז—אַ הומאָריסט. און דער דייטשער הומאָריסט זשאַן פּאַל איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט אין דער „פֿאַרשולע דער עסטעטיק"—אַז „ערנסט איז פֿאַר אַלע, הומאָר בלויז פֿאַר זעהר ווייניגע". יעדענפֿאַלס, הומאָר ווי אַ קונסט. און ווען די יעניגע וואָלטען געקאָנט פֿאַרשטעהן שלום־עליכמ׳ס שאַ־פֿונגען, ווען צווישען איהם און דער גרויסער וועלט וואָלט ניט געשטאַנען די אידישע וואַנט, וואָלט ניט מאַרק טווין, נאָר ער פֿאַרנומען דעם ערשטען קינסטלערישען — ווייל אָריגינעל, ווייל פֿאָרם־טעכניש שעפֿעריש — רינג אין דער ליטעראַטור פֿון זיין זשאַנר.

איינציגאַרטיג, אָבער אויך איינציג. ווייל — דער ערשטער אין צייט, דער ערשטער אידישער מענש, וואָס האָט געפֿונען אַ הומאָריסטישע פֿאָרם פֿאַר זיין לעבענס־געפֿיהל.

דער פֿילאָזאָף האַראַלד העפֿדינג האָט, דוכט זיך דער ערשטער, אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פֿאַקט, אַז הומאָר איז אַ מאָ־דערנע ערשיינונג, מאָדערן — אין דעם רעלאַטיווען זין פֿון דעם וואָרט. ביי איין פֿאָלק פֿריהער, ביי אַן אַנדערען שפּעטער. אָבער ביי יעדער גרופּע נאָר דעמאָלט, ווען זי ווערט גייסטיג פֿריי, באַ־

קומט דיסטאַנץ צו זיך אַליין, קאָן זיך אַליין זעהן אָביעקטיוו און — פון אַ זייט. זעהר אַ פיינע באַאָבאַכטונג, וואָס דערקלערט אונז די מערקווירדיגע ערשיינונג, פאַרוואָס אידען האָבען אין זייער גאַנצער, לאַנגער און גרויסאַרטיגער גייסטיגער קולטור ניט געפינען קיין פלאַץ פאַר הומאָר. זיי האָבען זיך גענומען צו ערנסט, צו טראַגיש — אָדער צום היפוך פון טראַגיק, דעם וויץ — וואָס איז אין עצם ביטול, אָפּשפּאָטונג.

הומאָר אָבער איז ניט ביטול, שפּאָט ניט, לאַכט אפילו ניט. הומאָר איז אָהן כונות. ער איז בלויז — דאָס ריכטיגע זעהן, דאָס אַלזייטיגע זעהן. אידען האָבען געלעבט טויזענטער יאָהרען אין די פאַרשיעדענע כתריאלעווקעס — און האָבען געזיפצט אָדער גע־שפּאָט, געוויינט אָדער ביטער געלאַכט, קיינמאָל אָבער ניט גע־זעהן כתריאלעווקע ווי זי איז, מיט איהר גרויסען פּאַטאָס און איהרע מענשליכע לעכערליכקייטען, מיט איהרע ווידערשפּרוכען, אין איהר גאַנצער פאַרבען־סקאַלאַ.

שלום־עליכם האָט זי דער ערשטער דערזעהן, דער ערשטער געפונען אַ פאָרם פאַר דער נייער וויזיע, דער וויזיע פון דעם נאָך אידישען מענשען, וואָס האָט זיך אויסערליך באַפרייט און איז נשמה׳דיג צוגעבונדען, דעם אידען פון דעם איבערבראָך, און דער־מיט האָט זיין לאַכען ערשט דערגרייכט די מדרגה פון הומאָר, ווייל געוואָרען אַ סאָציאַלע פונקציע, אַ גייסטיגע פאָרם. שלום־עליכם איז דער נייער איד מיט אַלע זיינע דיסאָנאַנצען, מיט זיין גאַנצער אומהאַרמאָנישקייט, וואָס אַרבייט זיך אַרויס, קעמפט זיך דורך צו אַ נייער האַרמאָניע.

הויכע ווערטער — אין וויס. שווערע פאָרמולעס פאַר אַזאַ גרינגען קינסטלער. אָבער דאָ איז דער פאַרשפּרייטער, דער וואול־גאַרער טעות: פון אַלע קינסטלער איז דער טראַגישער דער גרינגסטער, דער קאָמישער אָבער — דער שווערסטער. שווער — ווייל דער טיפסטער. שווער — ווייל טעכניש דער קונסטפולסטער.

פרץ איז גרינג, ווייל די סימבאָלען זיינען אויבענאויפיג, ווייל די כונה איז אויף דער האַנט, ווייל די פאָרם איז אַ פאַרטיגע. שלום־עליכם אָבער איז שווער — ווייל ער איז דער גרעסטער שפּיגעל־שלייפער וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאַט, אָדער אפשר דער איינציגער, און ווייל אין זיין שפּיגעל לעבט אַ וועלט,

ערד און הימעל, פערד און הינט, בוימער און הייזער —און מענשען, מענשען צווישען הימעל און ערד.

איך פיהל, איך בין צו ווייט אַוועק. ווער באַלד אַליין אַן אָביעקט פון שלום־עליכמ׳ס קונסט. אַ מאָנאָלאָג וואָס דרעהט זיך אין זיגזאַגען. אויף אַ ווייל אַ געפאַנגענער פון זיין פאָרם. עס איז נאַטירליך, עס איז אַ מין געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו אַ קינסט־לער — פאַרכאַפּט ווערען פון זיין סטיל־נעץ. און איך בין דאַנק־באַר שלום־עליכמ׳ען.

„קיין שום טרויער האָט ביי מיר ניט געקאָנט אָנהאַלטען נאָך אַ שעה פון לייענען״ — האָט געזאָגט וועגען זיך דער ערשטער מאָדערנער מענש מישעל דע מאָנטען.

איך האָב אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד געבלעטערט אין שלום־עליכמ׳ס שריפטען — און אַלע אומעטען זיינען אַוועק — און אַלע טרויעריגע געדאַנקען זיינען צערונען געוואָרען. איך האָב דער־זעהן דאָס אידישע לעבען אין זיין שפּיגעלדיגקייט און זעה — די געשטאַלט האָט געשמייכעלט צו מיר. און אין דעם שמייכעל — אַ מיסטעריע . . .

אַפּריל 26, 1931

אַרום יהואש'ן

מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק — אומגעפעהר — האָבען מיר, ד. ה. ה. לייוויק און איך, פאַרטראַכט אַ „גראַנדיעזען" פּלאַן: מיר האָבען געוואָלט ווערען, ווי זאָל איך דאָס זאָגען, די „רישעליעס" פון דער אידישער ליטעראַטור. מען דאַרף שאַפען אַ גייסטיגען צענטער, אַ ליטעראַרישע, קינסטלערישע סביבה, אַ מין אַקאַדעמיע — האָט גע'טענה'ט לייוויק.

פופצעהן יאָהר זיינען תמיד אַ היבשע צייט — אין גייסטיגען לעבען איז דאָס אָפט אַ גאַנצער פעריאָד. בפרט אין אונזער שטור־מישער, אומסטאַבילער אידישער וועלט, וואו יעדער יאָהר איז אַן אייביגקייט — אין געגענזאַץ צו דער אַלטער אידישער סביבה, וואו אייביגקייטען זיינען געווען — אַ יאָהר.

בריוו זיינען צעשיקט געוואָרען צו די חברים שרייבער — און אָט זיצען מיר, וויפיל מיר זיינען, אין אַ קעלער־רעסטאָראַן ער־געצוואו אויף דער איסט סייד — און ריידען. און עס קלעפּט זיך ניט. אפשר האָבען מיר ניט געוואוסט ווי צו צוגעהן צו דעם ענין, אפשר איז דער ענין אַליין געווען ניט „שניט־רייף". די ווערטער האָבען זיך געצויגען ווי סטענגעס, ווי גומענע סטענגעס. קוים זיי אַרויסגעלאָזט — שלאָגען זיי צוריק.

די חברים — איינער האָט גערעדט פרום, קלויזנעריש; דער צווייטער איראָניש און מיט דעם גאַנצען ביטערען ביטול, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פאַר די לאַנגע יאָהרען פון אַמעריקאַנישער וואָכעדיגקייט. דאָס ליכט האָט קוים־קוים געצאַנקט — אָט־אָט ווערט עס איינגאַנצען פאַרלאָשען — און עס בלייבט אומעט און גרויע פּראָזע.

אָבער אָט נעהמט דאָס וואָרט אַ חבר. מיטעלער וואוקס — אָבער אַזוי דאַר און צירליך פון געשטאַלט, אַז ער האָט זיך אויס־געוויזען — בשעת ער האָט גערעדט — כמעט ווי אַ הויכער. אַ שמאָלער, לאַנגער קאָפּ, אַ לענגליכער, ביינערדיגער פּנים — אַן אַסקעטען־פּנים. פּאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך — פּונקט ווי ער וואָלט געווען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר — און זיין לאַנגער, פּלי־הענדיגער „לאַוואַלעט"־שניפּס, אָדער ווי מען רופט עס „מיצקע־

וויטש־קראַוואַט״, האָט איהם צוגעגעבען אַן אייגענאַרטיגען חן, קינסטלערישע געוויילטקייט, סטיליזירטקייט, און דער עיקר יוגענטליכקייט.

אייגענטליך קאָן עס גאַר אַנדערש ניט זיין: קיינער קאָן ניט זיין קיין קינסטלער, אין דער פאָרם אָדער אין אַן אַנדערער, אויב ער בלייבט ניט אין דעם תוך פון זיין נשמה — יונג. עס זיינען גאַר ניטאָ קיין אַלטע קינסטלער אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ קינסטלער מיט אַלטע מעטריקעס — אָבער דאָס איז ניט זייער שולד, און צו זיי האָט עס ניט קיין שייכות. און זעהט איהר אַ שריפטשטעלער, וואָס לעבט מעשה „עלטערער מענש״, און באַנעהמט זיך „לויט די יאָהרען״ — הייסט עס, אַז אָדער ער איז קיינמאָל ניט געוועזן קיין קינסטלער, אָדער דאָס ביסעל בשמים וואָס איז געוועזן אין איהם — איז שוין אויסגעוועפּט געוואָרען.

עס שטעהט אויף יהואש און נעהמט דאָס וואָרט. פאַר מיר איז יהואש דעמאָלט געווען מעהר אַ נאָמען פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, ווי אַ לעבעדיגע, טעטיגע, צו מיר־שייכות׳דיגע רעאַליטעט. איך האָב געקענט דעם פּאָעט יהואש פון די „געזאַמעלטע לידער״ (אויסגאַבע פון 1906), פון די „פאַבעלן״, און האָב זיך — טעאָרע־טיש — פאַרגעשטעלט גאַר אַן אַנדער יהואש: פאָלקס־לידער, רע־וואָלוציאָנערע געזאַנגען, אויסטייטשונגען פון מדרשים און משלים און גראַמען, גריגגע גראַמען. און די שפּראַך עפּעס אַזוי „דייטש־מעריש״, האַרט — יעדענפאַלס פאַר מיין אוקראַינער אויער, וואו אידיש האָט אינגאַנצען פאַרלוירען דעם דייטשען האַרטען טאָן און האָט אָנגענומען די ברייטע, סלאַווישע מעלאָדישקייט. און ווי אָפט איז עס מיר אויסגעקומען וועה צו טאָן די אַלטע תושבים — די צייט־ און שיקזאַל־ און וואַנדער־גענאָסען פון יהואש׳עס אַמערי־קאַנער יאָהרען — מיט מיין אורטייל איבער יהואש׳עס פּאָעזיע, יעדענפאַלס פון דער אַמאָליגער, „פאַרשטענדליכער״ צייט.

אָבער אָט הויבט אָן יהואש צו ריידען — און די שטימונג פון דעם גאַנצען אָוועגט בייט זיך. ניט נאָר צוליב דעם ערנסט פון דעם טאָן, דער געמאָסטענקייט, כמעט ריטמישקייט פון די ווערטער, נאָר וועגען דעם אָריגינעלען צוגאַנג.

אידיש — האָט יהואש געזאָגט; איך ציטיר, פאַרשטעהט זיך, ניט די ווערטער, נאָר דעם זין — אידיש איז אַ סטאַקאַטאָ־שפּראַך און שאַפט דערפאַר אַן אייגענאַרטיגען סטיל — אַן אייגענעם ריטם

אין דער וועלט. דערפאַר האָט די אידישע ליטעראַטור איהר פּלאַץ — דווקא אין דער מאָדערנער קולטור. זי איז — צייטיג. בלויז מיר ווייסען עס נאָך ניט, און האַלטען די סנאָפּעס נאָך אין די שייערען. מען מוז אידיש אַרויספיהרען פאַר דער וועלט. געווען בלויז פון קלויז און שטוב און מאַרק — איצט שוין ראוי פאַר דעם סאַלאָן. אידיש מוז ווערען — „אָ לאַ מאָד״.

און יהואש איז פאַר מיר געוואָרען אַ קולטור־פּראָבלעם, פון דעמאָלט אָן. דאָס העכסטע וואָס מען קאָן זאָגען — יעדענפאַלס וואָס איך קאָן זאָגען—וועגען אַ קינסטלער, וועגען אַ מענשען בכלל.

אַ מענש הויבט אייגענטליך אָן דאָרט, וואו ער ווערט — פּראָבלעמאַטיש, אַ פראַגע־צייכען, וואו זיינע וועגען ווערען אומ־פאַרשטענדליך. ביז דעמאָלט בלויז אַ ביאָלאָגישע ערשיינונג. און וואַטסאָן, דער „בעהייוויאָריסט״, איז געווען גערעכט, ווען ער האָט דעם מענשען באַטראַכט ווי אַ מין פּסיכאָ־פיזישע מאַשין, וואָס פונקציאָנירט לויט גאַנץ באַשטימטע, מאַטעמאַטיש־פעסטע כללים. עס איז דער מענש פון די צוויי דימענסיעס; עס איז דאָס אויטאָמאַ־טישע אין אונז, אין יעדער באַשעפעניש. ערשט ביי דער דריטער דימענסיע — דער טיף — הויבט אָן דער מענש אויפ׳ס ניי. דאָרט ווערט אַלצדינג וואָס ער האָט באַקומען בירושה, אָדער ערוואָרבען אין זיין אייגענעם איבערלעבען — איבערגעפורעמט. דאָרט און דעמאָלט הויבט זיך אָן די ממשלה פון דעם מיסטישען עלעמענט אין אונז — וואָס מיר רופען אָן „ווילען״ אָדער „פרייהייט״ אָדער „אינטעלעקט״. אַלערליי נעמען — סימבאָלען, דערנעהנטערונגען — דער תמצית אָבער פאַרבאָרגען.

און ניט אַלע דערגעהען דערצו, דערגרייכען צו דער טיף. דער גרעסטער רוב בלייבט ביי דעם אויטאָמאַטישען. ער געוועהנט זיך צו, ער לעבט זיך אַריין אין זיין אייגענעם שאַבלאָן — ער ווערט אַליין שאַבלאָן, אַ קאָפּיע פון זיך אַליין. און דערפאַר איז פאַר מיר יהואש געוואָרען אַ פּראָבלעם און אַ גייסטיגע ערשיינונג — ווייל ער איז געווען איינער פון די וועניגע צווישען די אידען פון אונזער צייט — צווישען די שרייבענדע, זינגענדע, דיכטענדע אידען — וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אַנצוקוקען אין דעם ברונעם־שפּי־געל פון זיין טיף־באַוואוסטזיין, און אָפּקעהרען זיין פּנים פון דעם אייגענעם בילד. איינער פון די וועניגע אָהן אַ „נאַרציס־קאָמ־פּלעקס״ — ניט פאַרליבט אין זיך אַליין.

געוויס — די פריינד זיינע, די פריינד וואָס געדענקען איהם און האָבען איהם געקענט בעסער, נעהנטער, אינטימער ווי איך — שמייכלען געוויס. זיי וויסען — און איך וויס עס אויך — וואָס פאַר אַ געהויבענע מיינונג — וואָס פאַר אַ מין „אני שלמה״-באַציהונג יהואש האָט געהאַט צו זיך, צו זיין שריפטשטעלערישען שאַפען. אָבער — סיידען מיין אינטואיציע איז ניט מעהר ווי אַ מין איינבילדונג, סיידען איך לייען אַריין אין די ווערטער דאָס וואָס איז ניטאָ אין די ווערטער הינטער זיי — אפילו דער דאָזיגער שטאָלץ פון יהואש איז אויך געווען די קוואַלונג פון אַן אייגענאַרטיגער קינסטלערישער, גייסטיגער עניוות, דער הכנעה פאַר דעם „וואָרט״.

בלויז אַזוי איז צו פאַרשטעהן דעם פסיכישען פּראָצעס ביי אַ מענשען וואָס ברעכט זיינע אייגענע געוואוינהייטען, בייט, ענדערט מיט גוואַלט זיין אייגענעם סטיל, פאַרלאָזט די גרינגקייט און פאַרשטענדליכקייט און ווערט — האַרט, רעטענישדיג, אָפט אומפאַרשטענדליך. נאָר אַ מענש וואָס זוכט דעם אמת אין זיך — קאָן ריזיקירען מיט זיין פּאָפּולאַריטעט — ווי יהואש האָט עס געטאָן אין די לעצטע פופצען-צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען און שאַפען, די פּאָפּולאַריטעט ביי די לעזער פון זיין ערשטען פעריאָד, די געטרייע פון אַמאָל.

„אַך — עס איז ניט דער אייגענער יהואש״ — האָט ניט איינמאָל פאַר מיר געזיפצט זיינער אַ פריינד פון אַמאָל, אַ „חסיד״ פון דער פאַרצייטיגער יהואש-ליריק — „מען פאַרשטעהט איהם ניט מעהר.״ — און דער „גוטער לעזער״ האָט געמיינט, אַז יהואש חנ׳דעלט זיך, וויל „אויסנעהמען ביי די נייע״ — און האָט גאָר ניט געוואוסט, ניט געקאָנט תופס זיין, אַז גראָד דער צווייטער חלק פון יהואש איז ניט נאָר דער וויכטיגסטער, נאָר אויך דער וועזענטליכסטער. ער האָט גאָר ניט געקאָנט פאַרשטעהן, אַז דוקא דער „ערשטער יהואש״ איז געווען בלויז אַ ליטווישער יונגערמאַן בלומגאַרטען — אַ ישיבה-בחור פון ליטאַוואָס, וואָס איז דורכגעגאַנגען די האַרבע מילשטיין-שולע פון דעם אַמעריקאַנער וואָרשטאָט-לעבען, און האָט בלויז נאָכגעזונגען, נאָכגעראַמט דעם נויט-ליד פון דער צייט. עס איז געווען שלמה בלומגאַרטען, וואָס האָט זיך בלויז צוגעדעקט מיט דעם מאַנטעל פון יהואש, און דער מאַנטעל איז געווען אַ טאַנדעטנער. ביז עס איז געקומען די מערקווירדיגע

מעטאַמאָרפאָזע — און יהואש האָט זיך באַפרייט פון בלומגאָרטען, אָדער ריכטיגער געמיהט, האַרט און מיט מסירת־נפש, געזוכט זיך פון איהם באַפרייען. יהואש איז געקומען צו זיך— צו זיין אייגע־נעם שווערען, מעטאַלישען טאָן. און וואָס שווערער, וואָס פאַרווי־קעלטער, אַלץ יהואש׳דיגער, ד. ה. עכטער.

געוויס, עס קאָן זיין, עס איז „מוח־קריטיק״ — „צערעבראַלער״ צוגאַנג צו קונסט. מעגליך — אָבער פאַר מיר איז דער פאָעט פון די פאָעטען נאָך אַלץ דאַנטע אָדער ראָבערט בראַונינג, דער פאָעט פון די פאַרשלאָסענע טויערען, דער דיכטער וואָס קאָן ניט „פאַר־שטאַנען ווערען״ — סיידען מען לעבט זיך אַריין אין זיין אייגענ־אַרטיגער גייסטיגער וועלט — דער שווערער דיכטער. אַזוי מאַ־לאַרמע אין פראַנקרייך — אָדער היינט פאָל וואַלערי — מען קאָן זיי ניט זינגען. מען מוז זיך אַריינלעבען אין דער מאַגישער וועלט וואָס זיי דעקען אויף פאַר אונז, דער מאַגישער וועלט פון דעם צוויי־טען מענש־שטאָפעל — דער טיף.

יהואש האָט אַזוי לאַנג געזוכט און געקעמפט מיט און אַקעגען זיך — ביז ער איז דערגאַנגען צו זיך. אָדער יעדענפאַלס — ביז ער איז דערגאַנגען צו דעם וועג וואָס פירט אַהין.

און דערפון זיין אייגענאַרטיגע באַציהונג צו דעם אינסטרומענט פון זיין שאַפען — צו דער שפראַך.

אויב דאָס וואָרט איז ניט קיין לעבעדיגע קרעאַטור, קיין באַ־שעפעניש אין איהר אייגענעם רעכט — וואָס איז עס? אָדער — „לאָגאָס״, „מימרא קדישא״, דער צענטער וואו עס שניידען זיך דורך אַלע ליניעס פון לעבען — אָדער ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגען, „פלאַטוס וואָציס עט פרעטערמי ניהיל״ — אַ הויך פון דעם קול און ווייטער גאָרנישט. אָדער דאָס וואָרט איז דער פאָדים פון דעם צאַרטסטען און שעהנסטען מענשליכען געוועב — אָדער עס איז ניט כדאי, און דאָס בעסטע, דאָס עהרליכסטע איז — שווייגען.

און ווי דאָס יחיד־וואָרט, אַזוי דער „רבים״. אָדער אַ שפראַך איז אַ גייסטיגער אינסטרומענט — אָדער אַ מענטעלע, וואָס היינט האָט מען איהם, מאָרגען וואַרפט מען איהם אַוועק. און אויב צייט־ליך־צופעליג — דעמאָלט אויך אָהן אַ ווערט.

וואָס־זשע איז אָט די אידישע שפראַך, וואָס מיליאָנען אידען ריידען — און ווילען זי ניט, פיהלען און טראַכטען אין איהר — און פאַרלייקענען זי? אָדער זי איז אַ היסטאָרישער צופאַל — אַ

מין צייטליכער סיגנאַל־אַפּאַראַט — און דעמאָלט זיינען אידען אייגענטליך שטומע מענשען, אָדער זיי זיינען — ווי די אַראַבישע פילאָזאָפען פלעגען אָנרופען די מענשען — „מדברים״ — מוז אויך זייער רייד, זייער שפּראַך האָבען ווירדע און קלאַנג און — המשך.

יהואש האָט פאַר איהר געוואָלט שאַפען דעם המשך — ניט נאָר פאַר ווייטער, נאָר אויך אויף צוריק. ער האָט זי געוואָלט פאַרקניפּען אויף ביידע עקען — און דערפון זיין מיה איבער דעם תנ״ך — זיין שווערע אַרבייט איבער דער איבערזעצונג פון דעם קלאַסישען אידישען בוך אין דער שפּראַך פון די אידישע מאַ־דערנע. דער פּאָעט האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך — דער לאַוואַלעט־קראַוואַט איז פאַרשטעלט געוואָרען פון דעם „אַרבייט־קיטעל״. איך וואָלט שיער ניט געזאָגט — דער מאָנאַך־ריאַסע. טאָג און נאַכט, יאָהרען און יאָהרען נאָכאַנאַנד איינגעבויגען איבער ווערטער־ביכער, איבער גראַמאַטיקעס, פאַרגלייכענדיג, פאַרשענדיג, נאָכגעהענדיג יעדען וואָרט ביז אין זיינע פאַרוואָרפענסטע ווינקלען — דאָס איז די אַרבייט פון אַ ביבעל־איבערזעצער. עס איז די שפּראַך אין אַלע איהרע וואַריאַנטען און מעגליכקייטען — פון דער איינפאַכקייט און מיסטישער פשטות פון בראשית ביז צו דער מדבר־גליהענדיגקייט פון די נביאים, פון דער מעטאַפיזיק פון איוב ביז צו דער זינגענדיגקייט פון שיר השירים. ניט אומזיסט איז די ביבעל־איבערזעצונג געווען ביי אַלע פעלקער דער אויסגאַנגס־פונקט און דער קוואַל־אָנהויב פון דער שפּראַך. אַזוי לוטער, אַזוי די ענגלישע ביבעל, און אפילו אין רוסיש — די קיריל־ און מע־פאָדי־איבערזעצונגען. עס איז די שפּראַך אין אַלע איהרע רע־גיסטערען. און ווייל אַזוי שווער, ווייל דער וועג פון ביבלישען דענקען אַזוי שטייניג — איז אויך די אַרבייט איבער איהר שפּראַך אַזוי אומגעהויער שווער.

אָבער יהואש האָט געזוכט דאָס שווערע. ער האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען די אידישע שפּראַך — און דערמיט דאָס אידיש־דענקען פון דער שפּינוועבס־דינקייט און דער גאַסען־קלאַנגיגקייט. און אפילו ווען ניט שטענדיג געראָטען דער גוס — די אַרבייט פון שמעלצען איז געווען אַ געוואַלדיגער אויפטו פאַר דער שפּראַך — ווי די צוקונפט וועט זי אפשר פאַרלאַנגען. און אפילו אויב ניט — אפילו אויב דאָס איז דער לעצטער פאַרזוך צו באַזיגען די שפּראַך־

אינערציע פון דעם פאָלק — עס בלייבט דער מאָנומענט. אַ שווע־
רער — און דערפאַר אַ געוויכטיגער.

דער לאַוואַלעט־שניפּסיגער, גרינג־גראַמיגער און מיטעלמע־
סיג־זינגענדער דיכטער בלומגאָרטען פון דעם ערשטען פעריאָד איז
פאַרשוואונדען. געבליבען איז — דער שווער־צוגענגליכער יהואש,
וואָס האָט מיט אַ גראַבאייזען אויפגעבראָכען דעם שטייניגען פעלד
פון דער אידישער שפּראַך, און אויב זי ווערט אַקערדיגער — איז
אין דעם זיין מיה, די מיה פון דעם אַרבייטער אין „דעם גאָרטען
פון זיין האַר״. און דער „האַר״ איז אומדאַנקבאַר, ווי געוועהנליך.

אַפּריל 17, 1937

דער אייביגער שמיד

"Redeemers need not be,
And faith need never
Leave, for the faithful
Homes beyond the sun."
(James Branch Cabell.)

צוויי שעה מיט לייוויק דעם פּאָעט, צוויי שעה אין קייטען. לכתחילה סקעפּטיש: וואָס ווייזט מיר דאָ לייוויק? וואָס האָט ער דאָ אַנטדעקט? צו וואָס פיהרט ער אונז אין דער ווייטער סיביר, אין דעם „טויטען־הויז" פון אָ סיבירער קאַטאָרגע? צוליב וואָס אַזויפיעל שרעק און גרויע ליידען?

אָבער דער פּאָעט האָט געפיהרט און איך בין מיטגעגאַנגען, צוויי אַקטען לאַנג. געוואַרט אויף דעם דריטען, אויף דעם אויסלאָז, אויף דער אויסשפּאַנונג. און דער דריטער אַקט פון דער דראַמע האָט מיך אויף אָ וויל דערצאָרנט, אויפגערעגט, בייז געמאַכט. און בנאמנות, עס איז מיר געווען שווער זיך צו בייזערען אויף לייוויק'ן. ער איז דאָך פון די וויניגע וואָס איך פאַרשטעה, איינער פון די געצעהלטע פּאָעטען — ריכטיגער, מענשען אין אונזער סביבה, וואָס זיינען פאַר מיר אַן אַנרעגונג, איינער פון די גאָר־גאָר וועניגע, וועמעס שאַפען, וועמעס געהן און שטרויכלען, זוכען און בלאַנדזשען, רעדען און שטאַמלען — האָבען אין מיינע אויגען אָ זין. אַלצדינג רעלאַטיוו. ניט מיין עסק — וואָס זיין פּלאַץ איז אין דער „ליטעראַטור". עס איז מיר אויך אומוויכטיג. ליטע־ראַטור איז אַזוי וויניג — געלונגענקייט אַזוי נישטיג — דער עיקר, יאָ, דער עיקר: דער זיידענער פּאָדים, דער זונענשטראַל וואָס ציהט זיך.

און וויל צאַרטקייט און שטילקייט — און וויל אָ ראַנגלען וואָס לינקט אויס אָ דיך — טאַקע דערפאַר, וויל דאָס איז אָ סימן, דער צייכען אויפ'ן שטערען.

און וויל אַזוי, האָט מיך דער דריטער אַקט פון לייוויק'ס דראַמע, „קייטען", אויפגעבראַכט. איך האָב זיך געפרעגט: ער אויך ניט? ער — האָט אויך ניט קיין מוט? ער דינט אויך די

„שתי רשויות" — די צוויי הערען: דעם אמת און דער מאַכט? דעם געוויסען און דער פּאָליטיק? דער „ירושלים של מעלה" און דער רויטער מאָסקווע?

פאַרוואָס האָט ער די דראַמע ניט פאַרענדיגט אַזוי ווי די געשיכטע האָט זי פאַרענדיגט? ניט אין 1905 — נאָר אין 1930, ניט מיט דעם זיג פון דעם צאַרען־רעזשים, ניט מיט דעם סאַדיזם פון דעם זשאַנדאַרם דרוזשינין — נאָר מיט דער תלינות פון דעם זשאַנדאַר פון דעם „פּראָלעטאַריאַט"?

ווייסט ער — לייוויק — עס דען ניט פונקט אַזוי ווי איך? ווייסט ער דען ניט, ווי שרעקליך, ווי אוממענשליך די באָלשעוויסטישע זשאַנדאַרמען באַגעהען זיך מיט זייערע „געפאַנגענע", מיט די סאָציאַליסטען, מענשעוויקעס און עס־ער׳ן — און איצט אפילו מיט די „טראָצקיסטען"? האָט ער ניט געהערט, ניט געלייענט וועגען די טורמעס אין סיביר, וועגען די „סאָלאָווקי" — ווי מען שלאָגט, ווי מען שמייסט, ווי מען פּייניגט?

סאַדיזם, ווי אין קיין שום אַנדער לאַנד, גרויזאַמקייט, ווי אפילו ניט אין די ערגסטע צייטען פון דעם צאַריזם. טראָצקי׳ן און לעניני׳ען האָט מען קיינמאָל ניט געשלאָגען און ניט געשמיסען און ניט געפּאַטשט אין די באַקען און ניט באַליידיגט מיט די ערגסטע באַליידיגונגען — ווען זיי זיינען געווען די געפאַנגענע פון דעם צאַרישען זשאַנדאַרם. לייענט וואָס מען שרייבט וועגען דעם „אויבער־אוראַלער איזאָלאַטאָר", וואו עס געפינען זיך די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, — לייענט ווי מען האָט דאָרט „געפּייניגט פרויען, געשלעפּט זיי ביי די האָר, געשלאָגען אָהן רחמנות ביז בלוט" — (איך ציטיר דאָס פון אַ באַריכט, וואָס איז אָנגעקומען צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי).

פאַרוואָס האָט לייוויק זיך אָפּגעשטעלט ביי דרוזשינין — דעם צאַרישען קאַט? פאַרוואָס ניט אַנטוויקלען די דראַמע פּאַטעטישער, אמת׳ער, טראַגישער?

וואָס האָט ער מורא געהאַט צו זאָגען דאָס, וואָס ער ווייסט: אַז צעפּוילט און דעגענערירט איז דער רוסישער דערלייזער־בוים געוואָרען? פאַרוואָס שוויגט ער — אויך?

אָבער מיין כעס איז באַלד פאַרביי. אַן אויפרעגונג פון מאָמענט, — מילא, וויל לייוויק נאָך ניט אַזוי וועה טאָן זיך אַליין, האָט ער ניט דעם לעצטען מוט — זיך צו באַפרייען פון דעם חלום,

פון דעם פאַנטאַסטישען בילד, וואָס ער האָט זיך אַליין געשאַפען.

אויך דאָס איז ניט וויכטיג. לאָמיר אויף איין מאָמענט פאַר־געסען אָן דערווירקליכקייט, אָן דעם מאָמענט. אַלצדינג איז דאָך בלויז אַ משל. און אַלצדינג פאַרגעהט. גוטס און שלעכטס — פרייד און לייד. און אַלע קושען ווערען פאַרגעסען און אַלע וואונ־דען פאַרהיילט — אַלצדינג אַ רויך.

און אָט בין איך דערגאַנגען צום עצם, אויב ניט פון לייוויק׳ס ראַנגלען, אָבער זיכער פון זיין דראַמע, וואָס האָט, ניט קוקענדיג אויף אַלע חסרונות און אויך אויף איהר ניט־שפּאַנענדיגקייט (האָט דען צ. ב. זשול ראָמען אין זיין „דיקטאַטאָר״ ניט דעם אייגענעם מאָטיוו? — דער נאַר־וואַסיגער חבר און מיטקעמפער וואָס ווערט דער דיקטאַטאָר און דער אונטערדריקער פון זיין נאָהנטסטען פריינד?) — ניט קוקענדיג דערויף — פאַרט אַזאַ שטאַרקער טאָן און אַזאַ מעטאַלישער קלאַנג.

ווייסט איהר, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט, געשפּאַנט, אויפגע־רודערט אין דער דראַמע? ניט דער פאַקט אַליין — דער פאַקט פון דעם רעוואָלוציאָנער וואָס ווערט, תיכף ווי ער באַקומט מאַכט, דער „הערשער״ און דער קרבנות־ברענגער — ניט די לייטזעליגע, האַלב־מיסטישע, האַלב־טעאַטראַלישע פיגור פון דעם האַלב־משוגע׳נעם נוקינאַדער (זאָל עס זיין „נקי״ — דער ריינער?), וואָס פיבערט וועגען ברויט און שלום און אויסלייזונג א. אז. וו. דאָס זיינען אַלץ ווערטער, שעהנע אַמאָל, אַרכאַאיש־ווערטער־ביכערדיגע אָן אַנדערש מאָל, אָבער אַלץ נאָר ווערטער. אָבער דער פּאָעט אין לייוויק׳ן האָט זיך געריסען צום וואָרט — ער האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם רעטאָריקער, מיט דעם וואָרט־גאָלדשמיד, — און האָט זיך דורכגעריסען צו אַ זיג. ער האָט געשאַפען אַ סימבאָל: דער שמיד וואָס קאָוועט — הינטער דער ביהנע, קאָוועט קייטען פאַר דורות און דורות. איהר זעהט איהם ניט, בלויז איינמאָל קומט ער אַרויף אויף דער ביהנע — און זאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען דער־שרעקענד אין זייער פשטות. איהם אַרט גאָרנישט — ער דינט אַלעמען און יעדען. איהם איז ניט קיין חילוק ווער עס זיגט. ער שמידט די קייטען — די אייביגע קייטען פאַר אַלע דורות.

און פון הינטער דער ביהנע הערט איהר ווי דער האַמער קלאַפּט — קלאַפּט דער אייזערנער האַמער אויף דער קאָוואַדלע, און קייטען ווערען געבוירען.

אַ קייט פון אָנהויב וועלט ביז צום סוף. יעדער אין איהר, און די וואָס ווילען זיך פון איהר אָפרייסען טראָגען זי אַליין.

וואָס איז די קייט וואָס האָט פאַרקאָוועט — דעם דיכטער פון די „קייטען״ — האַרט פאַרשמידט, ביז צום ביין?

איך האָב אַמאָל געלייענט אַ ליד פון אַן אַמעריקאַנער קינסט־לער — איינעם פון די בעסטע וואָס אַמעריקע און די ענגלישע שפּראַך פאַרמאָגט — דזשיימס ברענטש קאַבעל. עס איז אַ ליד — אַן עפּיגראַף צו זיין בוך „דער זילבערנער לאַשאַק — אַ קאָמעדיע פון דערלייזונג״.

און עס הויבט זיך אָן דאָס ליד: „ווען איין פאַרנאַרענדער חלום וואָלט טויט געווען אויף אייביג — ווי טרוימער רוהען אויס פון זייערע חלומות — דערלייזער דאַרפען ניט זיין — און גלויבען דאַרף ניט מעהר דינען פאַר די גלויביגע — היימען הינטער דער זון.״

דער חלום פון „דערלייזונג״. פון „גאולה״, פון צילען אין דער צוקונפט, פון דערהויבען, ערציהען, פון ברענגען יושר און גע־רעכטיגקייט און גליק!

יעדעס וואָרט אַ רינג אין אַ קייט — און אַלע אינאיינעם די אייביגע קייט. די עקידה! דער העלד פון לייוויק׳ס דראַמע איז גרייט מקריב צו זיין אַלע — זיינע בעסטע פריינד, זיינע נאָהנטסטע מענשען, זיך אַליין — פאַר דעם „אידעאַל״.

ער שטופּט אָפּ דעם לעבעדיגען, ער פאַרלאָזט דעם קראַנקען חבר, דעם יחיד, — כדי צו ראַטעווען פרעמדע, ווייטע, אַלע. די וועלט איז פאַר איהם אַ מזבח. און אויף דעם מזבח מוזען זיין קרבנות, מוזען זיין — אָדער דער מזבח איז אַ שטיין ווי יעדער אַנדערער.

און לייוויק, גלויבט איהם, און לייוויק איז איהם מוחל.

איך בין אָבער איהם ניט מוחל. איך וויל ניט קיין קרבנות — און וויל ניט קיין מזבחות. מיט אַן אייזען מוזען זיי צעבראָכען ווערען אַלע מזבחות — צעהאַקט און צעקלאַפּט ווערען — און קיינמאָל זאָלען קיין עקידות ניט מעהר זיין.

פאַרוואָס מוז עס זיין „דערלייזונג״? פאַרוואָס מוז אימיצער אונז אויסלייזען? פאַרוואָס מוזען עס „פאַלען שפּענער״, ווען מען האַקט דעם וואַלד? לאָז דער וואַלד שטעהן — לאָזען די ביימער

פּאַלען אין זייער נאַטירליכער צייט, — קרעכצט ניט דער לעבע־דיגער בוים ווען מען האַקט איהם?

ווער האָט ניט געוואָלט „אויסלייזען״? ווער האָט ניט גע־וואָלט „ראַטעווען״? אוי, די גוטע כונות. דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט זיי. איינמאָל איז אַ ריכטיג וואָרט געזאָגט געוואָרען וועגען „אויסלייזערס״: „איך האָב געבראַכט די שווערד אויף דער וועלט״.

קאָן דען זיין אַנדערש? ווער עס וויל אויסלייזען — מוז ער צווינגען, מוז ער נויטען, מוז ער וועה טאָן. פאַרהאַלט די גאולה — וואָס זי זאָל ניט זיין — פאַרהאַלט זי. איהר ווייסט — אפילו „באחרית הימים״ — וואָס פאַר אַ שוידערהאַפט בילד: פאָלק אויף פאָלק, מענש אויף מענש, טייכען פון בלוט, יאָמער און וועה־געשריי — און דערנאָך שלום און יום־טוב אויף דער ערד! אויב עס מוז זיין אַזוי — אויב, און דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אונטער־דריקטע נקמה־געפיהלען פּראָיעקטירט אין דער ווייטער צוקונפט— לאָז עס זיין טאַקע „באחרית הימים״, נאָר ניט היינט און ניט מאָרגען, און ניט אַזוי לאַנג ווי עס וועלען זיין לעבעדיגע, ליידענ־דיגע מענשען אויף דער ערד. וואָרים די איינציגע הייליגקייט איז — דאָס לעבען. און דער יחיד איז פּונקט אַזוי גרויס ווי די אומ־ענדליכע צאָהל, און דער מאָמענט וואָס אַנטלויפט אַזוי אָהן מאָס ווי אַלע מיליאָרדען יאָהרען וואָס זיינען געווען און וועלען זיין — עד סוף כל הדורות.

און ווען איהר ווילט אַ פאָרמולע, אָט איז זי: קאַנט האָט זי געגעבען, די העכסטע פאָרמולע פון אַלע, מאָראַל אין דעם העכסטען מענשענטום: „לאָז קיין מענש ניט זיין אַ מיטעל פאַר דעם צוויטען״. ניט קיין מיטעל צום גוטען און ניט קיין מיטעל צום שלעכטען. קיינער טאָר קיינעם ניט מקריב זיין, ניטאָ קיין מזבחות אויף דער ערד.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך געלייענט אַ דראַמע פון דעם באַוואוסטען שרייבער בערנאַרד קעלערמאַן, אַ דראַמע וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די ווידערטויפער פון מינסטער״. עס איז אַ דראַמע פון אַ מין רעליגיעזען באַלשעוויזם אין דעם 16טען יאָהר־הונדערט, אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד. דער שניידער יאָהאַן באַקעלזאָן פון דער שטאָדט ליידען ווערט אַ „נביא״, אַ „דערלייזער״ קרוינט זיך מיט דער משיח־קרוין, רופט זיך דער „קעניג פון ציון״, און וויל אויסלייזען די וועלט. דורך

ליבע, דורך גלייכהייט, דורך גלויבען. די שטאָדט מינסטער איז אין זיינע הענט. מען שטורעמט זי. די פרומע קריסטען, די מענשען פון „אָרדענונג און געזעץ" נעהמען זי איין. אַ שחיטה פוןביידע זייטען. און יאָהאַן דער שניידער, דער „קעניג פון ציון", ווערט סוף־כל־סוף געפאַנגען, מען רייסט פון איהם — אין דעם נאָמען פון קריסטליכער ליבע — שטיקער פלייש מיט גליהענדע צוואַנגען, מען האַקט איהם דערנאָך אָפּ דעם קאָפּ.

און אַ קורצע ווײַלע פאַר דעם סוף קומט צו דעם שניידער, וואָס וויל אויסלייזען די וועלט, אַ „שליח" — אַ „גרויסער מאַנאַך" — ער זאָגט איהם צו גליק און זיג און טריאומף — אַלצדינג — בלויז...

„וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן דערפאַר?" — פרעגט איהם דער שניידער.

„גאָרנישט" — ענטפערט דער „גרויסער מאַנאַך".

„וואָס מיינסטו, גאָרנישט?"

און דער שליח ענטפערט: „גאָרנישט! לאָז די מענשען לעבען ווי זיי ווילען, אפילו ווען זיי ווילען לעבען ווי חיות! און רוף ניט מעהר צו גאָט."

און דער שניידער ענטפערט, ווי זיין פאָרגעהער מיט ניינצעהן הונדערט דרייסיג יאָהר צוריק: „געה אַוועק פון מיר, שטן, געה אַוועק". ער געהט צום טויט, צום שרעקליכען, צום אַכזריות'דיגען — אָבי „עפעס צו טאָן".

יאָהאַן האָט ניט געזיגט — און איז געפאַלען. וואָלט ער גע־זיגט — וואָלטען אַנדערע געפאַלען אויף זיין מזבח. אַזוי מוז עס זיין — אַזוי וועט עס זיין — כל זמן עס וועלען זיין עקידה־אידעאַלען אויף דער וועלט.

„גאָרנישט טאָן". יעדער אין זיך — יעדער זיין אייגענעם וועג — יעדער מיט זיין רעטעניש — קיינער פאַר דעם צווייטען קיין מיטעל — איך ווייס, עס איז אַן אוטאָפּיע.

אויף אַלע בערג שטעהען במות, און וואו אַ שטיין אַ מזבח.

און דער שמיד הינטער דער ביהנע קאָוועט די קייט — פאַר אַלע דורות וואָס וועלען זיין. דינג־דינג־דינג — קלינגט דער האַמער אויף דער קאָוואַדלע. און דער שליח פון דעם הייליגען „גאָרנישט" איז נאָך אַלץ דער „שטן".

מערץ 1, 1930

ע פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ?

הייסט עס, „ע פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ״, פאַרענדיגט די קאָמע־דיע, אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג און — אַפּלאָדירט, מיינע פריינט? הייסט עס, נאָך אַ קאַפּיטעל אָפּגעשלאָסען — דער קאַפּיטעל פון משיח׳איזם? מיט׳ן גולם אָנגעהויבען, מיט דעם שטיק ליים, וואָס דער מהר״ל האָט אויסגעפורעמט אין אַ פינסטערער נאַכט און געצוואונגען צו ווערען מענש, און דורך עטאַפּען פון עקסטאַז, פון גלויבען און פון צווייפעל, דערגאַנגען צו דער פאַרצווייפלונג, צו דעם לעצטען שלוס, אַז גולם און משיח, משיח און גולם איז אַלץ איינס. ניט משיח בן יוסף מיט זיין מאַכט, ניט משיח בן דוד מיט זיין גוטסקייט און ריינקייט, ניט שכל און ניט האַרץ, נאָר דער גולם ירש׳ענט די וועלט, און דער חלום פון אומגעצעהלטע דורות פאַר־ענדיגט זיך — אין אַ הייפּעלע שטויב.

אָ, הערט:

אָ, הערט, הערט ווייטער
די וואונדער פון דעם מעשה׳לע:
אַמאָל איז געווען אַ קופּע ליים,
אַמאָל איז געווען אַ בוידעם;
געלעגען איז די קופּע ליים
אין פינסטערניש פון בוידעם;
האָט גע׳חלומ׳ט זיך דעם ליים
אַ שמייכעל פון אַ פּנים,
אַ גלעט פון דינע פינגער,
אַ קוש פון הייסע ליפּען.
אַזוי האָט אויך גע׳חלומ׳ט
משיח אין דער מדבר,
חנינה אין דער מדבר
דעם זעלבען, זעלבען חלום
בן דוד אין דער מדבר.

אַזוי זינגט יאָסעלע, דער גולם, דער גולם פון פּראָג, פאַר דעם גרויסען עולם וואָס איז זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקען

וועלט; זינגט דאָס ליד פון דער גאולה ביי דער סעודה פון משיח.

אַזוי פאַרענדיגט דער פּאָעט ה. לייוויק זיין משיח־ראַנגלערײַ און זיין גאולה־חלום. אָנגעהויבען עפּיש, טראַגיש, ליריש, און פאַרענדיגט „קאָמעדיש". און ער פיהלט עס. און רופט אָן זיין נייע משיח־דראַמע, זיין לעצטע משיח־פאַנטאַזיע מיט דעם זעהר סימבאָלישען נאָמען: „די גאולה־קאָמעדיע", און דער אונטער־טיטעל: „דער גולם חלומ׳ט *).

אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, לויט דער סטרוקטור. אַ דראַמע, אין סטיל און אויפבוי. סצענעס, בילדער, דיאַלאָג און נאָך מעהר ווי דיאַלאָג — דיאַלעקטיק. און דערצו אַ זעהר פאַרפּלאָנטערטע און אָפּט אַ צעפּייניגטע. ווייל וואו אומקלאָרקייט, וואו כאַאָס אין שטי־מונג און אידעע, וואו פּלאַן און ציל פאַרנעפּעלט, דאָרט מוז אויך זיין דער וועג צום שלוס — און דאָס איז דער זין פון יעדער דראַמע — אַ זיגזאַגישער און פאַרדרעהטער, און דאָרט זיינען אויך די געהער אויף דעם וועג בלויז געשטאַלטען אין נעפּעל, סילועטען אָדער מאַריאָנעטען, ניט קיין לעבעדיגע מענשען.

און אַזוי אויך די דראַמע, אָדער די „קאָמעדיע", פון ה. לייוויק׳ן. די גראַציע און טיפע, האַרצקלאַנגיגע ליריק פון דעם „גולם" האָט זיך אָפּגעטאָן, די שעהנע לעגענדע האָט אויסגעטאָן פון זיך איהרע יום־טוב׳דיגע בגדים. זי איז געוואָרען אַ „מעשה׳לע" אין געוואָלטען פאָלקס־טאָן.

אָבער איך געה אַריבער מיינע גרענעצען. איך וויל גאָר ניט קריטיקירען, ליטעראַריש אַנאַליזירען די דראַמע. ניט דאָס אינ־טערעסירט מיך, און ניט אַזוי וויל איך צוגעהן צו דעם פּראָבלעם, וואָס לייוויק האָט זיך געשטעלט.

ווייל זיין פּראָבלעם איז אויך מיין פּראָבלעם, דער וויכטיג־סטער פון אונזער צייט. אונז אַלעמען נוגע. מען קאָן איהם ניט מבטל זיין, מען קאָן זיך פון איהם ניט באַפרייען, סיידען אין דעם אויער קלינגט ניט דער טאָן פון דער צייט און דער טאָן פון איי־ביגקייט.

לייוויק אָבער איז — אפשר דער איינציגער — פון די אידישע פּאָעטען, וואָס האָט אַן אויער, וואָס הערט וואָס די צייטען רעדען;

---

*) ה. לייוויק: די גאולה קאָמעדיע, אידישע קולטור געזעל־שאַפט ביכער אויסגאַבעס, פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1934.

איינער פון די גאַר־גאַר ווייניגע אין דער אידישער וועלט, וואָס ראַנגעלט זיך.

און ווייל אַזוי, איז ניט דער מלבוש וויכטיג, אפילו ווען ער איז ניט אַזוי געראָטען, נאָר דער גוף, וואָס הינטער דעם קלייד, דאָס צעמאַטערטע, ליידענדע, צעשוונדענע לייב פון אונזער עלענדען דור. דאָס לייב פון דעם „גאולה־דור״.

עס איז דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס גראַד אין אונזער צייט, אַט אין די לעצטע פופצעהן יאָהר, האָט די משיח־אידייע זיך אַזוי פאַ־נאַנדערגעבליהט צווישען אידען. צווישען אידען, און אין דער גאַנצער וועלט, ביי יעדען פאָלק און אין יעדען לאַנד. אומעטום — אויגען, וואָס קוקען אַרויס, הענט אויסגעשטרעקט און נשמות, וואָס לעכצען. אומעטום —ליפען, וואָס דאַרשטען צו קושען דעם זוים פון זיין קלייד. אַ „הושענה״ אין דער לופט.

ביז 1918 האָבען מענשען געגלויבט אין דעם „געזעץ״; נאָך דעם אַכצעהנטען יאָהר האָבען זיי אָנגעהויבען צו גלויבען אין דעם „ווילען״. ווילען, וואָס קערט איבער בערג, וואָס פיהרט אַרויס פון אַלע יאַמער־טאָלען צו די ליכטיגע בערג; ווילען, וואָס איז נס.

„וועני, קרעאַטאָר״, קום, דו האַר, קום, דו דערלייזער, האָט דער פאָעט פון טיפער אינטואיציע און פון מיסטישען וועלט־געפיהל, לעאָניד אַנדרעיעוו, אויסגערופען, ווען אַלע זיינע הימלען זיינען פאַרוואָלקענט געוואָרען, און ער האָט דערזעהן הינטער די וואָלקענס די אַפּאָקאַליפּטישע געשטאַלט פון לעניג׳ען.

עס איז געווען אַן אויסגעשריי ניט פון גלויבען, ניט פון פריי־דיגער דערוואַרטונג, נאָר פון טיפער פאַרצווייפלונג און פון אומ־ענדליכער ביטערקייט. אַ וועלט איז חרוב געוואָרען; דאָרט וואו פריהער עפּעס אַ סיסטעם, אַן אָרדנונג, אַ בנין — איצט אַ כאַאָס. קומט איינער און זאָגט: איך וועל בויען, איך ווייס ווי אַזוי איך צו דערלייזען — גוט, קום, וויז, טו, פיהר, און אַ סוף זאָל עס נעמען!

און אַ כוואַליע פון אַ נייעם מאַגישען גלויבען האָט זיך צעגאָ־סען איבער דער ערד. מאַגיק — דאָס איז ניט מיסטיק, אומבאַ־שטימט און אומענדליך אין דעם שטרעבען, אָפּגעטיילט פון דעם לעבען, אַזוי צו זאָגען — הינטער דעם שלייער.

מאַגיק — איז דער סיסטעם פון דעם פרימיטיווען מענשען; עס איז דער גלויבען, אַז דער מענש קאָן גובר זיין דאָס געזעץ;

עס איז, אויב איהר ווילט, אין אַן אַלט־אידישער פאָרמולע: „גאָט איז גוזר און דער צדיק איז מבטל”.

עס איז דאָך אייגענטליך איינע פון די מערקווירדיגסטע קולטור־פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען, אַז גראָד איצט, ווען אַלע גלויבענס־סיסטעמען שאָקלען זיך, האָט דוקא דער פרימיטיווסטער גלויבענס־באַגריף פאַרנומען דעם וויכטיגסטען אָרט — דער משיח׳איזם.

איינער פון די „זייטיגסטע” באַגריפען פון יעדער רעליגיע. זייטיג, ווייל צו־אַלט, צו־אַרכאַאיש און אַנהויביג. אין עצם, אַ קריסטאָלאָגישער באַגריף. און שוין דעמאָלט, ווען דאָס קריסטענטום איז געבוירען געוואָרען, איז דאָס געווען אַ מין רעצידיוו, אַן אומקעהר צו די פאַרגעסענע, איבערוואונדענע אַנהויבען. די אידען, די קולטור־פעלקער פון דעם גריכיש־רוימישען מערב, האָבען זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבייט צו דעם געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַ וועלט־סיסטעם און אַ סדר, און אַ געזעץ, און אַז קיינער קאָן איהם ניט ענדערען, קיינער קאָן קיינעם ניט פאַרטרעטען, ניט פאַרבייטען; קיינער קאָן ניט קיינעם „אויסלייזען”. אַ סיסטעם פון טיפער אחריות און פון רייפער מענשליכקייט. זיינען געקומען פרימיטיווע מענשען און האָבען רעוואָלטירט קעגען דער אחריות. זיי האָבען זיך געוואָלט איבערגעבען אין עמיצענס רשות, פאָלגען, נאָכגעהן. זיי האָבען מורא געהאַט פאַר איינזאַמקייט און פאַר דעם „פנים אל פנים” מיט דעם וועלט־סוד; אַ מחיצה זאָל זיין צווישען אונז און דער וועלט — האָבען זיי געשריען. און זיי האָבען אויפגעהאַנגען אַ פאַרהאַנג און אויסגעמאָלט אויף איהם דעם משיח־קאָפּ.

האָט מען דעם פאַרהאַנג ביסלאַכווייז אַוועקגערוקט, פריי געמאַכט דעם האָריזאָנט. אַזוי לאַנג ווי עס איז געגאַנגען, אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען איז געווען צו דערטראָגען; איז אָבער געקומען די קאַטאַסטראָפע און דער פאַרהאַנג מיט דעם משיח־בילד האָט זיך ווידעראַמאָל באַוויזען אין דער וועלט. משיח — שרייט גרויס און קליין אין אַלע שפּראַכען, אין אַלע וואַריאַנטען. די „גאָטלאָזע” און די „גלויביגע”, די רויטע, די שוואַרצע, די ברוינע — פאַר אַלע מוטלאָזע, פאַר אַלע פאַרלוירענע, פאַר אַלע פאַרצווייפעלטע אַ נייע אילוזיע: דער דערלייזער.

און אפילו אויף דער אידישער גאַס האָט מען זיך אונטערגעגעבען אונטער דער מאַגיק פון דעם וואָרט.

און גראַד אידען זיינען די איינציגע, וואָס האָבען שטענדיג דערוווייטערט פון זיך דעם משיח׳איזם. געוויס, אין מדרשים, רע־טאָריש, פּאָעטיש, אָבער פאַר דעם לעבען, פאַר דעם גייסט — בלויז אַ חלום אָהן באַשטימטע קאָנטורען, ווייס איך, ערגיץ וואו, ביי דעם סוף פון די צייטען, באחרית הימים. און דעמאָלט אויך אַזוי אומ־זיכער. ווער וועט גובר זיין, און ווען? ווער וועט אויסלייזען, און ווי אַזוי? משיח בן יוסף, משיח בן דוד, כח, מילדקייט, זכאי, חיב, ווער?

אָבער דער אידישער געדאַנק האָט געוואָלט שלום מאַכען מיט דעם אויסלייזער־מאָטיוו, נעמען איהם ערנסט און אָנפילען זיין חלל מיט איהם. ליידיג איז דאָך געוואָרען אונזער לעבען, אַזוי אויסגעשעפּט פון אַלע אינהאַלטען. ניט נאָר קיין „שינוי ערכין״, נאָר „ביטול ערכין״, אַ לעבען אָהן ווערטען און אָהן פּערספּעקטיווען.

אַ וואָרף געטאָן זיך מיט אימפּעט, מיט התלהבות צו דעם נאַ־ציאָנאַלען דערלייזונג־מאָטיוו. אָבער באַלד דערפיהלט — ניט אין דער ערד איז גאָט, און ניט אין דער שפּראַך, און ניט דאָס איז די „אתחלתא דגאולה״.

און אין דעם פייער פון דער רעוואָלוציע, דעם סאָציאַלען קאָלך־אויוון זיך אַ לאָז געטאָן — און ווייטער האָט דער קול גע־זאָגט: ניט אין דעם פייער־שטורם איז גאָט, ניט דאָס איז די דערלייזונג.

וואו דען? אין דער אַלטער, אליהו׳דיגער אַנטפּלעקונג, אין דער „דממה דקה״, אין דער שטילקייט, אין דער אויסגעלייטערט־קייט און טיפער, מענשליכער, אחריות׳דיגער איינזאַמקייט?

און אַרום דער פראַגע דער דיאַלאָג פון אונזער דור. דער דיאַלאָג, וואָס פיהרט ניט צו קיין ענטפער, נאָך ניט קינסטלעריש אויסגעקאָוועט, נאָך ניט מיט דעם לעצטען שליף.

אָט אַזוי, ווי אין לייוויק׳ס — דעם פיינפיהליגען און דעם וואָך־אויערינגען — „קאָמעדיע״, דער קאָמעדיע פון גאולה.

עס ווילען אַלע משיחים. בן יוסף, וואָס וויל מאַכט, רעכט און אָרדנונג; חנינה, דער מדבר־משיח; בן־דוד, דער ליידענדער און גוטער; חנינה, וואָס וויל „כולו זכאי״; בן־יוסף הרג׳עט אַ וועלט און חנינה לייזט אויס די וועלט פון איהם, האַקט איהם אָפּ מיט זיינע אייגענע, ריינע הענט דעם קאָפּ. און ווייל באַפלעקט מיט בלוט, קען ער אויך ניט זיין, וואָס ער וויל — דער דערלייזער

פון בלוט און פון טויט. ער מוז מכפּר זיין פאַר דעם בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסען, פאַרגאָסען מיט רעכט. ווייל נאָך אַלץ דין, נאָך אַלץ רעכט. און ווי הייסט עס אין דעם אַלטען מאמר פון דעם אידישען מיסטיקער: „הקב״ה עומד מכסא דין ויושב על כסא הרחמים״. דער גאַנצער דין פון משיח ליגט אין דעם: די וועלט ווערט באַפרייט פון דעם דין דורך דעם „רחמים״.

אָבער קאָן עס זיין? און ווען חנינה, ווען בן־דוד פאַלט — ווער פאַרבייט איהם?

קעהרען מיר זיך אום צו דעם אַלטען קוואַל. ניט אידעע, ניט מענש, ניט קיין יחיד און ניט מאָרדען, נאָר דאָס אייביגע, דאָס שטענדיגע ,דער גולם. „לייב, וואָס ווערט לייב; בלוט, וואָס ווערט וויין״.

פון דעם ווילען־מאָטיוו צוריק צו דעם „מוז״, צו דער אור־פאַרבונדענקייט און דעם ראָד פון געשעהן, פון מאַגיק צו מיסטיק.

„עס קרעכצט די מענשהייט אונטער דעם יאָך. זי ווייסט ניט, אַז איהר צוקונפט הענגט־אָפּ פון איהר אַליין. זי אַליין מוז באַ־שטימען צי זי וויל ווייטער לעבען. און זי מוז זיך ווייטער פרעגען צי זי וויל לעבען אַזוי, אַז עס זאָל זיך דערפיהלען אויף אונזער ווידערשפּעניגען פּלאַנעט די עצמ׳דיגע פונקציע פון דער וועלט: צו שאַפען געטער״.

אַזוי פאַרענדיגט דער גרויסער מיסטישער רעאַליסט, אַנרי בערגסאָן, זיין לעצטען, גרויסען ווערק: „די צוויי קוואַלען פון מאָראַל און רעליגיע״.

און דאָס איז דער טאָן. די מענשען מוזען אַנטשיידען. זיי מוזען זיך אַנטשליסען: מאַגישע אומפרייהייט און משיח׳איזם אָדער מיסטישע פרייהייט און פאַראַנטוואָרטליכקייט.

ה. לייוויק האָט זיך אַ קירעווע געטאָן פון דעם משיח׳איזם. דער גולם מוז ערשט ווערען מענש. ער איז עס נאָך ניט.

און דאָס איז די גאולה. און די גאַנצע קאָמעדיע פון דער גאולה ביז איהם איז געווען, וואָס משיח, ווי אַזוי ער זאָל ניט הייסען, האָט געוואָלט אויסלייזען דעם מענשען, און האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז דער מענש איז נאָך ניטאָ אויף דער וועלט. ביז דער „גולם״ וועט ווערען מענש, וועט אפשר אויך זיין „באחרית הימים״, אָבער אַ ברירה האָט מען — מען מוז וואַרטען!

מערץ 11, 1934

אהן זיידעס

אויף דער אידישער גאַס — אָדער, ריכטיגער, אין דעם קליי־נעם ווינקעל, וואו אידישע קולטור איז נאָך אַן ענין — איז איצט אַ יום־טוב. געוויס, ניין און ניינציג און ניין צענטעל פּראָצענט פון אידען אין אַמעריקע ווייסען נישט דערפון און ווילען אפשר גאָר דערפון ניט וויסען. אָבער דאָס לעצטע איין־הונדערטסטעל וואָלט שוין אויך געווען גענוג, ווייל פון איהם הענגט פאָרט אָפּ דער טאָן און די שטימונג און אויך די געשטאַלטונג פונ׳ם אידישען לעבען, צי די גרויסע מאַיאָריטעט ווייסט עס אָדער ווייסט עס ניט.

אַ יום־טוב פון דער אידישער ליטעראַטור און ווערט סימבאָ־ליזירט מיט דעם נאָמען „מענדעלע״. ס׳איז עפּעס אַ רירענדיגער קלאַנג, אַט דאָס פאַרציהענדע, פאַרקלענערענדע, אַט דאָס כמעט קינדישע. אַ מערקווירדיגער אידישער שטריך — דאָס ווען פאַרבינדען צוויי עקסטרעמען, דעם גרעסטען דרך־ארץ מיט אַ מין פון אויבען־אַראָפּיגקייט, פון עלטער און קינדהייט. עס איז שווער זיך אויסצומאָלען, אַז רוסען זאָלען פראַווען אַ יובילעי פון „סאַשקאַ״ פושקין, אָדער אַז איטאַליענער זאָלען אָנרופען זייער עלטסטען פון דער ליטעראַטור, דאַנטע׳ן, אומגעפעהר ווי דאַנטעלע אָדער דאַנטי, אָדער ווי ס׳זאָל ניט זיין די פאַרקלענערענדע פאָרם פון דעם וואָרט.

אמת, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַליין אַזוי אָנגערו־פען. אָבער דער פאַקט, וואָס דער נאָמען האָט זיך אַזוי אַריינגע־פאַסט אין דער אידישער שפּראַכליכקייט, האָט זיך אַזוי באַהעפט מיט דער אידישער מענטאַליטעט, איז שוין אַליין אַ באַוויז ווי היימיש און אידישליך און פאָלקסטימליך דער קלאַנג איז.

מ׳האָט אַזוי פיל געשריבען און מ׳וועט נאָך אַזוי פיל שרייבען וועגען מענדעלע׳ן, וועגען דעם שריפטשטעלער און זיינע געשטאַל־טען, וועגען דעם קינסטלער און זיינע מאָטיווען, וועגען איהם און זיין צייט, אַז עס איז כמעט אומנויטיג צו פאַרלויפען דעם וועג אָדער מיטצוגעהן מיט דער מחנה. און בכלל דאָס שרייבען וועגען ליטעראַטור! זי האָט אַ מערקווירדיגע אייגענשאַפט, די קונסט פון וואָרט. וואָס מעהר מען רעדט וועגען איהר, אַלץ ווייניגער פאַר־שטענדליך ווערט זי. וואָס מער מען דעקט זי אויף, אַלץ געדיכטער

ווערען איהרע שלייערס. עס איז מיט איהר ווי מיט דער פרוי וועגען וועמען מען זאָגט דאָס אַלטע אָריענטאַלישע ווערטעל: וואָס מער דו געהסט איהר נאָך, אַלץ מער באַהאַלט זי זיך פון דיר.

איך וויל דאָ רעדען וועגען אַ קליינינקייט, וועגען אַ נאָמען, ווייל אַ נאָמען איז אויך אַ סימבאָל, ניט פאַר דעם וואָס טראָגט איהם, נאָר פאַר דעם וואָס גיט איהם. דער נאָמען זיידע. מען האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צו איהם, אַז יעדער רעדנער, יעדער שרייבער וועגען מענדעלע׳ן קען זיך שוין פון איהם ניט אויסהיטען, דער נאָמען גליטשט זיך שוין אַריין פון זיך אַליין. אָט אַזוי ווערט עס. שרייבט אַן אַ דיכטער אַ ליד אָדער אַ דראַמע, קומט עפּעס אַן אדם און גיט איהם אַ נאָמען. אַמאָל איז עס דער משיח, אַן אַנדערש מאָל דער נביא, און אַ צווייטער אָדם נעמט איהם איבער ביז דער קינסטלער אַליין פאַרגלויבט זיך אין איהם און הענגט אים אויף זיין ברוסט ווי אַ שילד. דער נביא, דער משיח — דאָס בין איך. מען האָט באַדאַרפט האָבען אַזאַ אייזערנעם כאַראַקטער ווי ביאַליק, מען האָט געדאַרפט זיין אַ מענש וואָס האָט פיינט גע־האָט פראַזען, ווי ער, צו פּראָטעסטירען אַנטקעגען אַזאַ געהויבענעם צונעמעניש ווי נביא.

און אָפט דוכט זיך מיר, ווען איך זעה אַ בילד פון מענדעלע׳ן, אָט דעם הויכען דאַרען אידען מיט די שטרענגע ברילען און דעם גרויען בערדעל און מיט די איינקלאַך אויף די קני, אַז ער אַליין האָט מסכים געווען מיט זיין זיידענשאַפט. ס׳איז געווען אין זיין כאַראַקטער, דער שטרענגער, בייזער זיידע, וואָס האָט ליב אָנצו־שרייען אויף די אייניקלאַך, אָפּשמייסען זיי אַמאָל און דערנאָך דער־צעהלען די אָנגעשראָקענע קינדער מעשיות פון אַמאָליגע יאָהרען, ווען ער איז נאָך אַ אינגעל געווען.

ער וואָלט אפשר מסכים געווען, אָבער איך בין ניט מסכים. איך וויל ניט קיין זיידעס, ניט פאַר דער אידישער ליטעראַטור, ניט פאַר דעם דאָזיגען אייגענאַרטיגען, איינציג־שטעהענדען געשיכט־ליכען פּראָדוקט, וואָס הייסט דאָס אידישע וואָרט, וואָס איז די איצטיגע אידישע קולטור, די אידישע אין איהר ענגסטער באַדיי־טונג, אין דער אידישער פאָלקס־שפּראַך, אין דער שפּראַך אָהן אַ פאַרגאַנגענהייט, אין דער שפּראַך וואָס איז מסופק אין איהר צו־קונפט. איך האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט אַ ליד פון איינעם אַ פּראָנצויזישען פּאָעט, איוואַן גאָל, וואָס איז אַליין דער גאַנצער

אידישער פּראָבלעם אין איין געשטאַלט. אַליין פון דייטשלאַנד, ריכטיגער פון עלזאַס, ווען זי איז נאָך געווען דייטש, וואוינט אין פּאַריז, שרייבט אויף ביידע שפּראַכען, דייטש און פיהלט זיך אין ביידע ניט היימיש. אַ מענש אָהן אַ לאַנד, אַ מענש אָהן וואָרצלען. זינגט ער אַ ליד וועגען „זשאַן אָהן אַ לאַנד״, — „דזשאַן לעקלענד״ רופט מען עס אויף ענגליש, — און דאָס ליד געהט אַזוי (איך גיב איבער מער דעם זין, ווי דעם קלאַנג):

אין אַ העלען באַגין — פון אַ גאַנצען לעבען — געהט ער ווייט אַוועק — צו דער גרויסער ערד. געהט גאַנץ אַליין, דער סאָלדאַט פון סוד. — און אַן איינציגע בלום טראָגט ער אין לאַץ... זיבען מאָל דרעהט ער זיך אַרום דער ערד. — און טראָגט דעם גלויבען — פון זיין שטאָלצען קאָפּ — גאָלער, פּוצער, גלה, רויבער, זעלנער, קייזער. — שטענדיג אַ כימער — גאַנץ אַליין — טרויעריג און נאַקעט הארץ — אין פאַרצווייפלונג, — א. אַז. וו.

זיכער, עס איז שווער. לאַנג איז דער וועג אַרום דער ערד, און ניט נאָר זיבען מאָל, נאָר זיבען מאָל זיבעציג, און דאָס אויך נישט גענוג. אָבער צוריקגערעדט, — און ווען מען האָט שוין די ערד און מען זיצט שוין אויף איהר, — דאָ די וויג, און אַ שפּאַן ווייטער — דער בית־עולם. און צווישען זיי ביידע — די פאַרפונדעוועטע שטוב מיט דעם שטיקעל פעלד, און אַ גאַנץ לעבען פון באַגין ביז טיפער נאַכט דאָס אייגענע שטיקעל הימעל און די אייגענע פאַר באַלקענס איבער׳ן קאָפּ. און הינטער דעם רוקען — שטענדיג זיידעס, זיידעס, און די זיידעס בייזערען זיך, און די זיידעס לער־נען אַלץ ווי צו לעבען, ווי צו געהן, וואָס צו פיהלען. און מ׳קוקט שטענדיג אויף צוריק, — שאָקעלט דער זיידע מיט׳ן קאָפּ, אָדער שמייכעלט ער צו.

אַלע זיינען אַזוי, אַלע פעלקער פון דער ערד. „אונזער לאַנד״, „אונזער שפּראַך״, „אונזער געשיכטע״, „אונזערע דורות״, און יע־דער אַנדערער אַ פרעמדער פאַר זיי. מען פאַרשפּאַרט די טיר, מען פאַרריגעלט זי מיט זיבען שלעסער אַנטקעגען דעם פרעמדען. דער לעבענסשטייגער טרייבט אַרויס מיט שטעקענס און מיט העק די כימערע, און דער גלויבען דעם געדאַנק, און דער געדאַנק די פאַנטאַזיע. אַלע אַזוי. און אָט זיינען מענשען באַפרייט געוואָרען פון די דאָזיגע אַלע זאַכליכקייטען און פאַרריגעלט־קייטען, פריי געוואָ־רען פון זיידעס, וואַנדערען אַרום פון עק וועלט צו עק וועלט מיט

זייער כימערע, און יעדע כימערע איז ניט קיין גאַנצקייט. ס׳איז טראַגיש און קאָמיש — דער קאָפּ פון אַ לייב אָדער דער קאָפּ פון אַ מענש אויף דעם גוף פון אַ ציג — און שטענדיג ניי.

איך זוך אָפּט אַ באַרעכטיגונג פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אידישער ליטעראַטור. פּאָליטיק נעמט מיך ניט, פאַקטען אימפּאָנירען מיך ניט. דער אַרגומענט: ווייל עס איז — איז עס, אָדער: ווייל עס איז פאַראַן, דאַרף עס זיין אַזוי, הינקט פאַר מיר צו שטאַרק און קען מיך ניט דעריאָגען. אָבער ערגעץ־וואו, הינטער אַלע לאָגישע אַרגומענטען, באַהאַלט זיך ביי מיר אַליין אַן אַנדער מאָטיוו. עס איז דער איינציגער ווינקעל אין דער וועלט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין טראַדיציע, וואו ס׳איז ניטאָ קיין ירושה, וואו יעדער הויבט אָן אויפ׳סניי. די העברעאישע שפּראַך מעג זיין און איז זיכער אי וואָרצעלדיגער, אי רייכער און צוזאַגענדיגער, אָבער איינס פעלט איהר — די פרישקייט און די זאָרגלאָזיגקייט פון דעם וואָס האָט ניט קיין יחוס און וואָס איז צו קיינעם ניט פאַרפליכטעט. הינטער דעם העברייער שטעהט אַן אומגעצעהלטע קייט פון דורות. ישעיה קוקט אויף איהם, און יחזקאל שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און רבן גמליאל טוט אָן די שפּאָקולען, און יהודה הלוי קריטיקירט. זיי בינדען אייך מיט שטריק, איהר מוזט זיי נאָכגעהן, איהר זייט מיט זיי פאַרבונדען ווייל איהר ענגט אָפּ פון זיי, פון זייער ירושה, פון זייערע אוצרות, און קוים וואָס איהר באַמערקט עס — זייט איהר שוין ניט מער ווי אַן אייניקעל. און ווי הייסט אין דעם קלוגען וואָרט: „וועה דיר, וואָס דו ביזט אַן אייניקעל!״

אָבער אויף אידיש קוקט זיך קיינער אויף אונז ניט אַרום. האָבען מיר צו קיינעם ניט קיין פאַרפליכטונג, אָפילו ניט שפּראַכליך. וואָס איז אונז די נפקא־מינה. און ווער מאָנט עס ביי אונז, אַז מיר זאָלען זיין געטריי דווקא צו דעם גייסט פון דער דייטשער שפּראַך, וואו מיר האָבען זיך אַמאָל פאַראַנקערט? די שפּאַניאָלען ריידען אויך אַ שפּאַנישען אידיש, אָדער אַ אידישען שפּאַניש, אָבער זיי זיינען שטאָלץ דערמיט, וואָס זייער שפּראַך איז אַ ריינער קאַסטיליש; אמת, אַביסעל אַלטליך, פונ׳ם פופצעהנטען אָדער זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, אָבער געטריי צו דעם גייסט און דעם קלאַנג פון דער שפּראַך ווי סערוואַנטעס האָט זי גערעדט.

און הינטער זייערע פלייצעס שטעהען די קאַסטילישע זיידעס; שטעהט סערוואַנטעס און פראַ לואיס דע לעאָן און לאָפּע דע וועגאַ.

ווער אָבער האָט צו אונז אַ שייכות? וואָס קערען מיר זיך אָן מיט לוטער׳ן, וועלכער האָט איבערגעפּורעמט די דייטשע שפּראַך, מיט די מינע־זינגער און די מייסטער־זינגער, מיט וואָלפראַם פאָן עשענבאַך און די אַנדערע? צופעליג פאַרבייגעגאַנגען, אויף דער וואַנדערונג, ערגעץ־וואו אויפגעהויבען אַ האַנט־פול פון ווערטער, אַריינגעלייגט זיי אין קעשענע און ווייטער געגאַנגען. און מיר שפּילען זיך מיט זיי ווי מיט שטיינדלאַך. זיי האָבען פאַרלוירען יעדע באַציהונג צו דעם מקור, פון וואַנען זיי זיינען גענומען געוואָרען.

און שפּראַכליך, ווי גייסטיג. אויב ס׳איז דאָ אַ ווינקעל אין אידישען לעבען וואו מען קען זיין גאַנץ פריי, פריי אפילו פון זיך אַליין, פון דער אייגענער ירושה, איז עס דאָך — איז עס פּאָרט די אידישע ליטעראַטור. אין אַלע אַנדערע שפּראַכען, וואָס אידען באַנוצען זיך מיט זיי, מוז מען מאַכען הנחות, מוז מען זיך אויפפיהרען ווי צווישען לייטען, סאַלאָן־מעסיג, מיט מאַניערען, און דאָס הייסט: מען מוז אָנטאָן אַלע מעדאַלען, דעם אברהם־אָבינו׳שען, דעם נביא׳ישען, דעם תלמוד׳ישען, דעם דערלייזונגס־מעדאַל, מען מוז תמיד זיין אין אוניפאָרם. פּרוּווט זאָגען אויף אַן אַנדער שפּראַך אַ גאַנץ פרייען וואָרט אפילו וועגען אידישקייט, און מען וועט אייך פאַר׳חרמ׳ען פון ביידע זייטען: אידען, ווייל מען האָט זיי פאַרראַטען; און די אַנדערע, ווייל זיי ווילען אויך ניט ליידען אַז מען זאָל צעשטערען די גרונטלאַגען, וואָס פאַר גרונטלאַגען זיי זאָלען ניט זיין. און אידען היטען זיך שטענדיג צו זאָגען דעם אמת, דעם ריינעם, מענשליכען אמת וועגען זיך אַליין פאַר דער וועלט. מען לייגט זיך תמיד אַריין אין קדושה, מען טוט אָן טלית און תפילין, מען ווערט אַ תהלים־איד פאַר דער וועלט, אָדער אַ משיח־איד, מען וויקעלט זיך איין אין פאַהנען.

בלויז מיר, צווישען זיך אַליין, קענען מיר זיך ערלויבען דעם לוקסוס צו זיין אָט וואָס מיר זיינען און ניט שטענדיג איד, איד, איד, נאָר אַ סעגמענט פון דער וועלט, אַ ניואַנס פון דעם גייסט, אַ קאַפּריז, אַ כימערע פון דער געשיכטע, אַן איינציגער, אַן אייגענאַרטיגער קנייטש. און מיר טראָגען איהם פון לאַנד צו לאַנד, פון רוסלאַנד און פּוילען ביז אין די ווייטסטע לענדער פון דרום־אַמעריקע, ביז צו די אַנדען און די קאָרדיליערען, און ביז צו די טייגאָס פון מאָנגאָליע. און מיט יעדען לאַנד — אַ נייער ניואַנס. קומט אין קובאַ צו די ליידענשאַפטליכקייט פון די טראָפּיקען;

וואַלקענט זיך אין מעקסיקאָ אַריבער דער אינדיאַנישער טרויער, דערהערט זיך אין אַרגענטינאַ דער ריטם פון די גאַוטשאָס. קיין אַנדער שפּראַך, קיין אַנדער קולטור אין דער וועלט פאַרמאָגט ניט אַזוי פיל מעגליכקייטען פון ניואַנסען, אַזאַ בויגיגקייט און אַזעלכע פאַנטאַסטישע ניי־געשטאַלטונגען, ווי אַט די כימערישע, אַהן־וואַרצעלדיגע, אַהן־זיידישדיגע אידישע קולטור.

איך וויל זיכער ניט זינגען קיין הימנע פאַר דער אידישער שפּראַך אָדער קולטור, ווייל אין דעם אַליין וואָלט שוין געלעגען דער געגענזאַץ פון דער גאַנצער שטימונג, וואָס באַהערשט זי. ווייל לויבען און יאָ־זאָגען איז אויך שוין פאַרוואָרצלונג און פאַר־פעסטיגונג. דער וואונדער פון דער אידישער קולטור איז אָבער אין דעם, וואָס איהר וואָרצעל איז אין דער לופט און איהר גרונט־טאָן איז שטענדיג „ניין״, דער אַרומנעמענדיגער „ניין״ צו אַלצדינג וואָס איז, און נישט בלויז וואָס איז איצט, נאָר אויך וואָס איז געווען. איהר וואונדער איז איהר וואַנדערן. זי איז דער זשאַן אַהן־אַן־ערד, אַהן אַ לאַנד, וואָס וויל גאָר ניט קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ. די ערד אַליין איז צו שמאָל פאַר איהם. ווי זאָל ער זיך באַנוגענען מיט דעם שפּאַן צווישען וויג און מצבה?

ניט זיידע, ניין. אפשר באַגין אָדער יוגענט אָדער אָנהויב, אָדער ווי דער קלאַנג אין זיין אור־מיין איז—מענדעלע, קינדישקייט. דאָס איז פאַר אונז גענוג. די זיידישקייט זאָל זיין גוט פאַר אַנדערע.

פעברואַר 23, 1936

דריי פּאָעטען

(שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, יהודה הלוי)

מען פלעגט אַמאָל — אין די אַלטע לערנביכער — אָנרופען דעם מיטעלאַלטער „די טונקעלסטע צייט". טונקעל און טרויעריג און פאַר'חושכ'ט. די היסטאָריקער האָבען געביטען זייער מיינונג. וואָס מעהר מען קוקט זיך איין, מען לעבט זיך אַריין אין דעם מי־טעלאַלטער, אַלץ ליכטיגער, מענשליכער ווערט ער.

מענשען, מעהר אָדער ווייניגער, ווי מיר. די אייגענע ליידען און פריידען. די אייגענע האָפענונגען און אַנטוישונגען — און אפילו די השערות די אייגענע.

בלויז אַנדערש פאָרמולירט, נאָר אין אַן אַנדער קלייד.

אָבער — פאָרט, דער נעפּעל בלייבט. און עס איז גרינגער זיך אויסצומאָלען, בילדליך פאָרצושטעלען דאָס לעבען פון די גאָר אַלטע צייטען — פון רוים, פון גריכענלאַנד, פון ירושלים אפילו — ווי דאָס לעבען פון די מיטעלאַלטערליכע מענשען. מיר האָבען, דוכט זיך, מעהר מאָנומענטען און זכרונות פון דעם מיטעלאַלטער ווי פון דעם אַלטערטום, — אומגעהויערע ביבליאָטעקען, קירכען, גאַנצע שטעדט, דער לעבנס־שטייגער איז אָפען פאַר אונז, — אָבער די פאַנטאַזיע קאָן ניט רעקאָנסטרואירען, קאָן ניט באַפעלקערען די שמאָלע געסלעך פון דער מיטעלאַלטערליכער רוים אָדער פון אַוויניאָן. זי זעהט בלויז שאָטענס און רעטענישען.

און פון די אַלע רעטענישען איז אפשר די אידיש־מיטעל־אַלטערליכע וועלט די אומפאַרשטענדליכסטע, די פאַרשלאָסענסטע.

איך קאָן זיך אויסמאָלען — מיט אַ שטאַרקען דרוק אויף דער פאַנטאַזיע — דאָס אידישע לעבען, דעם אידישען מענשען אין דער צייט פון בית־שני, אין דער פעריאָדע פון דער משנה, אָדער אפילו דעם תלמוד. עס איז געווען אַ גאַנצקייט, אַ סטיל־אײנהאַלט, אַ פאָרם אין זייער לעבען, אין זייער גייסטיגען מהות.

אָבער עס איז מיר כמעט אוממעגליך — און ווי איך זעה איז דאָס דערווייל קיינעם נאָך ניט געוואָרען מעגליך — זיך קאָנ־קרעט, פּלאַסטיש פאָרצושטעלען אַ אידען פון דעם עלפטען אָדער

צוועלפטען יאָהרהונדערט אין שפּאַניע — אין דער „גאָלדענער צייט״ פון דעם שפּאַנישען אידענטום.

„און די קינדער פון אונזער פאָלק, נאָכדעם ווי זיי זיינען פון זייער לאַנד געוואָרען פאַרטריבען, האָבען פיעל פון זיי אין די אַראַבישע לענדער זיך פאַרקליבען, זיי האָבען זיך אויסגעלערענט זייער לשון, און זייער הארץ און געדאַנק אין דער דאָזיגער שפּראַך אויסגעגאָסען״ — אַזוי דערצעהלט אונז יהודה אלחריזי, דער אי־בערזעצער, אין זיין „תחכמוני״. דערצעהלט אין אַ מליצה־שפּראַך און אין גראַמען — און דערפאַר ניט גענוג פּלאַסטיש און גענוי. אָבער אויך פון דער מליצה שפּראָצט אַרויס די פּשוט׳ע ווירקליכ־קייט: אַ אידישער קיבוץ — פולשטענדיג אַראַביזירט, שפּראַכ־ליך, קולטורעל, אויסערליך, גייסטיג — „אין הארץ און געדאַנק״ צוזאַמענגעגאָסען מיט דער אַראַבישער סביבה און קולטור.

זיי וואוינען, אמת, אין זייערע „אַלהאַמאַס״, אין די געטאָס, זיי זיינען פרום, זיי מוזען — אין אַ פאַנאַטיש־רעליגיעזער וועלט — אויך זיין צוגעבונדען צום גלויבען, געפּענטעט אין דעם דאָגמאַט.

אָבער רעליגיע אין דער שוהל — אין דרויסען, אין דעם בריי־טען לעבען פון גאַס און שטוב, פון יעדען טאָג און יעדער שעה — אַראַביש. אין פרייד און אין לייד — אין געבונדענעם וואָרט און אין דעם פרייען.

און פּאָרט — פּלוצלינג שטעהען־אויף צווישען אידען — אַט די אַסימילירטע אידען — פּאָעטען. דיכטער אין דער אַלטער, כמעט קיינמאָל ניט געברויכטער, בלויז רעליגיעזער האַלב־ אָדער כמעט־ אינגאַנצען־פאַרגעסענער העברעאישער שפּראַך, שטעהען־אויף — איינער נאָך דעם צווייטען, אין אַ קורצער צייט — זינגען־אָפּ זייער ליד, טוען זייער אַרבייט — און ווידער אין די ווערטער פון אלחריזי: „דערנאָך ווי שלמה דער קעניג פון ליד איז איינגע־דרימעלט געוואָרען, און אברהם זיין פּרינץ האָט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען, און יהודה זיין קריגספיהרער און משה זיין נביא זיינען אויסגעשטאָרבען — איז דער קוואַל פון ליד געוואָרען געשלאָסען״...

פיער פּאָעטען רעכענט אויף אלחריזי: שלמה אבן גבירול, אברהם און משה אבן עזרא, און יהודה הלוי.

פיער פּאָעטען — ווי פון הימעל אַראָפּגעפאַלען, אָהן עלטערען און אָהן יורשים. די ערשטע אמת׳ע פּאָעטען — און אויך די לעצטע. יעדענפאַלס, די לעצטע אין דער אייגענאַרטיגער פאָרם

און קאָמבינאַציע, אין דער אייגענאַרטיגקייט פון זייער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע.

און עס איז דערפאַר אַזוי שווער צוצוטרעטען צו זיי נעהנטער, מענשליכער. עס איז גרינגער צו פאַרשטעהן — דאָס הייסט צו־זעהן און זיך איינצולעבען אין עמוס און זכריה, ווי אין שלמה אבן גבירול אָדער משה אבן־עזרא.

שוין די שפּראַך אַליין. שווער ווי דער תנ״ך זאָל ניט זיין, פול מיט שפּראַך־רעטענישען אויף יעדען טריט — איז ער אונז היימיש. אַזוי לאַנג מיט אונז, אַזוי פיעל באַהעגטקייט און איינגע־לעבטקייט, אַז אפילו דאָס אומפאַרשטענדליכע באַקומט פאַר אונז אַ זין און אַ מיין. און עס ציטערט צו אונז אַריבער די ליידענשאַפט פון די אַלטע מאַהנער און זעהער און שטורעם־באַשווערער.

אָבער אָט איז אַ יונגערמאַן — פון מאַלאַגאַ, פון גראַנאַדאַ — שלמה בן יהודה אבן גבירול. אַ קורץ לעבען — געשטאָרבען, ווי די טראַדיציע געהט — צו דרייסיג יאָהר אָדער אין דעם ערך — ד. ה. אַרום 1050. אַ מענש פון אוניוועוורסאַלער קולטור. אַ טיפער דענקער — אַ מיסטיקער, אַ וויסענשאַפטלער — נאָך דעם באַגריף און דער פאַרשטענדעניש פון זיין צייט. געטראַכט אַראַביש, דאָס בעסטע, דאָס גרעסטע, אין זיין שטייגער, עפּאָכע־מאַכענדע ווערק — „מקור חיים״ — געשריבען אויף אַראַביש און אַריבערגעגאַנגען אין דער פילאָזאָפיע אונטער דעם לאַטיניזירטען נאָמען „אַוויצע־בראָן״ (אַ פאַרגרייזונג פון אבן־גבירול) — און אין דער אייגענער צייט — אַ העברעאישער פּאָעט.

הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד, כמעט טויזענט יאָהר, פאַר־געסען. בלויז אין די שולען האָט מען איהם געדענקט, און ניט איהם — דעם מענשען, דעם פּאָעט — נאָר דעם „פייטן״, דעם תפילות־שרייבער. מען האָט געזאָגט זיין „כתר מלכות״ און ניט געטראַכט אפילו, אַז דאָס האָט געשריבען אַ פּאָעט, אַ פילאָזאָף, אַ יונגער מענש פון עטליכע־און־צוואַנציג יאָהר. אין דעם בעסטען פאַל איז דאָס געוועזן „שלמה״. אָדער ווי משה אבן־עזרא רופט איהם: „שלמה הקטן״.

געקומען שלמה מונק און האָט אַרויסגעגראָבען דעם פייטן פון זיין מחזור־קבר און האָט איהם ווידער אַריינגעפיהרט אין דער פי־לאָזאָפיע. ער האָט אַנטדעקט אין אַוויצעבראָן — דעם אידען אבן־גבירול. געקומען די „מקיצי נרדמים״ — די זאַמלער און „דער־

וועקער" פון די אַלט־אידישע גייסטיגע ווערטען און האָבען אָנגע־הויבען צונויפזוכען פון פאַרשימעלטע, פאַרגעלטע מאַנוסקריפּטען די שירים פון אבן־גבירול. „שיר השירים אשר לשלמה". הייסט איינע פון אַזעלכע זאַמלונגען. און זי לייענט זיך מעהר ווי אַ פירוש אויף גמרא, אָדער ווי אַ זאַמלונג פון שאלות ותשובות, ווי אַן אַנ־טאָלאָגיע פון וועלטליכע לידער פון אַ יונגען פּאָעט.

ווייטערע זאַמלער און פאָרשער זיינען געקומען — און מיר האָבען פאַר אונז אַ טעקסט. בראָדי, ביאַליק און ראַווניצקי, זיי האָבען ווידער אויפגעלעבט, ריכטיגער, זיי האָבען אפשר צום ערשטען טאָל באַלעבט די מערקווירדיגע, אָריענטאַליש־אומפאַר־שטענדליכע, אַזוי פרעמדע און רעטענישדיגע ווערטער און גראַ־מען, וואָס דער יונגער פּאָעט פון מאַלאַגאַ האָט אונז איבערגעלאָזט.

און איצט איז געקומען דער לעצטער אויפלעבער, אַ אידישער פּאָעט, איינער פון די בעסטע, י. י. שוואַרץ *) — און האָט איבער־געגאָסען דעם אַלטען שפּאַנישען ווייַן אין נייע כלים, דעם טאָן פון אַלט־אַנדאַלוזיע איבערגעשפּילט און אָרקעסטרירט אויף אַנדערע אינסטרומענטען.

איך לייען אַ ליד — פון דעם פּאָעט אבן־גבירול — דעם זעכצעהן־יעהריגען —— דאָס ליד וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

אני השר והשיר לי לעבד,
לי כנור לכל שרים ונוגנים.

און עס קלינגט אין מיינע אויערען ווי אַלטע מליצה. אָבער אָט קומט די איבערשמעלצונג, איבערדיכטונג פון י. י. שוואַרץ:

איך בין האַר און דאָס ליד איז מיין קנעכט.
כ'בין פאַר זינגער און דיכטער די האַרף.
און מיין ליד איז אַ דימענט אין קרוין
פון אַ מלך, געשליפען און שאַרף,
און מיין גוף געהט אַרום אויף דער ערד

---

*) וועגען י. י. שוואַרצ'ס בוך „אונזער ליד פון שפּאַניע" — איבערזעצונגען פון שלמה אבן־גבירול, משה אבן־עזרא און יהודה הלוי. אַרויסגעגעבען פון דער אידישער קולטור־געזעלשאַפט, ניו יאָרק, 1931.

און עס שוועבט אין די הימלען מיין גייסט.
זעכצעהן יאָהר בין איך אַלט און מיין האַרץ
איז פאַרשטענדיג, ווי ס׳האַרץ פון אַ גרייז.

איך ווייס ניט — עס איז זיכער ניט קיין הויכע פּאָעזיע, ניט קיין רייכע. עס איז ניט קיין אייביגע. ניט האַפּמאַנסטאַל׳ס ליי־דער, ווען ער איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר — אָבער עס קלינגט נאַאיוויטעט און אַ פריה־רייפער שטאָלץ און ביטערקייט פון אַ צו־פריה רייף־געוואָרענער פרי. שלמה „הקטן״ זאָגט אונז אָן זיין מאָטיוו: שטאָלץ. און אין יעדען פון זיינע לידער דער אייגענער טאָן. שטאָלץ — פון דעם אַבסטראַקטען דענקער, פון דעם פילאָזאָף וואָס טיילט זיך אָפּ פון דער וועלט — גראָבט זיך, גריבעלט זיך, פאַרטויבט זיינע ספקות אין דעם אָרגעל־כאָר פון מיסטישען גלוי־בען — און פאַרשטילט זיין מענשליכען וועהטאָג אין אַ שטורעם פון ווערטער.

שלמה אבן־גבירול איז ניט קיין ליריקער אין דעם אמת׳ן זין פון דעם וואָרט. ער איז — אַ ראָמאַנטיקער. ער זוכט די „בלויע בלום״ — און געפינט זי אין די „ספירות״ און „גלגולים״ — אין דער „קרוין פון מלכות.״

איך לייען איין ליד נאָך דעם צווייטען — אין י. י. שוואַרצ׳ס פראַכטפולער, שפּראַכליך מאַכטפולער, אָבער אָפּט אַביסעל מאָנאָ־טאָנער — איבערזעצונג אָדער איבערזינגונג — פּרואוו זיך פאַרצור־שטעלען שלמה׳ן, — און מיין פאַנטאַזיע פאַרהאַקט זיך. ווי אַ שאָ־טען, ווי אַ וואָלקען. אַלערליי פאָרמען — און קיינע ניט ממשות׳דיג. אפילו ניט די פּאָעטישע, אפילו ניט די דענקערישע.

און אַ צווייטער פּאָעט:

דער שטאָם פון לוי איז דורך איהם דערהויבען,
אַנטפלעקט האָט זיך צו איהם די קונסט פון זינגען,
זיין ליד וועט לעבען אייביג, מיט דער זון צוזאַמען:
עס וועט דער שטראָם פון צייט איהם ניט פאַרטייליגען.
(איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ.)

משה אבן־עזרא זינגט דאָס ליד צום כבוד פון דעם דיכטער — דעם פּאָעט, פילאָזאָף און מאַרטירער פון און פאַר דער פאָלק־אידייע, ר׳ יהודה הלוי.

שעהנע, גליהענדע, פינקעלדיגע ווערטער פון אַ פּאָעט צו אַ

פּאָעט. און נאָך איהם האָבען אַנדערע פּאָעטען אַזוי געזונגען וועגען יהודה הלוי — דעם „יודאַ בען האַלעווי״ — ווי היינע האָט איהם פאַראייביגט אין זיין ליד. פאַלקסטימליכער, נעהנטער, צוגענגליכער ווי אבן־גבירול. דער פילאָזאָפישער כמעט־ראָמאַן וועגען דעם „כוזרי״, די וואונדערבאַרע ציון־לידער, וואָס זיינען אַריין אין דעם אוצר פון דעם פאָלק — „ציון הלא תשאלי״:

באַדאַרפסט זיך פרעגען דאָך אויף דיינע קינדער.
ביי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע פרעגען...
פון מזרח, מערב, צפון, דרום נעהם דעם גרוס
פון נאָהנט און ווייט, פון אַלע וואַנדער וועגען. *

די לידער וועגען און פון ארץ־ישראל, ווי דאָס ליד „יפה נוף״:

איז דריק איך דיינע שטיינער
צום האַרצען צו און קוש.
דער טעם פון ערד פון דיינער
איז מיר ווי האָניג זיס.

די ים־לידער, די רעליגיעזע לידער. קיין איינציגער אידישער דיכטער איז ניט געוואָרען אַזוי אָפט פּאָפּולאַריזירט, דיסקוטירט, אַרויסגעגעבען ווי יהודה הלוי. און דאָך — אויך ער אַ וואונדער און אַ רעטעניש. זיין גאַנץ לעבען — אין סעווילאַ — זיין דאָקטאַריע, זיין געלערענטקייט, זיין וואַנדערונג, זיין נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, זיין בענקשאַפט נאָך ירושלים, אומפאַרשטענדליך אפילו אין זיין צייט פאַר זיינע נאָהענטסטע — איך זעה איהם ניט. אַפילו אין שוואַרצ׳ס פאַרהיימישונג איז ער מיר אויך אומפאַרשטענדליך און ווייט. אָפט צו סענטימענטאַל — כמעט קליין־ליטעראַריש, און דערנאָך ווידער אַזוי פאַרוואָלקענט מיסטיש, גראַנדיעז אין זיין סיני־אייביגקייט.

אָבער אָט איז דער דריטער — דער מענשליכער, דער קלאָרסטער. איך וואָלט געזאָגט — און דאָ בין איך מסכים מיט י. י. שוואַרצ׳ס אָפּשאַצונג — דער פּאָעטישסטער פון זיי אַלע: משה אבן־עזרא. ניט קיין פילאָזאָף און ניט קיין רעליגיעזער זוכער, אפילו ניט קיין מקונן — נאָר אַ דיכטער, אַ פאָרם־קינסטלער, אַ מענש וואָס האָט געלעבט און געליטען, ליב געהאַט און די ליבע

פאַרשפּילט, און געזעהן די וועלט מיט אָפענע בילד־איינזאַפּענדע, הונגעריגע אויגען.

אויך איהם שטעהט אין וועג די אַלטע, דעמאָלט נאָך אַזוי אָרימע, שפּאָרעוודיגע, בילדער־קאַרגע, און דערפּאַר מליצה־רייכע שפּראַך. ער טראַכט אַראַביש — זעהט אַראַביש:

דער ווייַן שפּילט לויכטענדיג אין רויטע פלאַמען;
און שנייאיג־ווייס און קלאַר־קרישטאַלען גלאַנצען.
דער צאַרטער שוים גייט אויף ביז צו די ראַנדען
און בלעזעלט זיך אין פערלדיגע קראַנצען.

אפילו אין די אַזוי מאָדערניזירטע, „מערב׳יזירטע״ פערזען, פון י. י. שוואַרץ איבערגעשמאַלצען — פּיהלט זיך, הערט זיך דער קלאַנג פון דעם הייסען מזרח. רייך די שפּראַך און פאַרביג דאָס בילד. און ווי געפּענטעט און געקאָוועט איז דער פּאָעט אין די שמאָלע סטראָפען פון דעם העברעאישען אָריגינאַל!

ער האָט עס געפיהלט, דער דיכטער און קריטיקער אבן־עזרא, מחמת ער איז געווען דער ערשטער — און אפשר איינציגער — אַלט־אידישער קריטיקער און ליטעראַרישער פאַרשטעהער. דער ערשטער און — פּאַר אַ לאַנגער צייט — איינציגער איד, וואָס איז צוגעגאַנגען צו ליטעראַטור —ווי אַ קינסטלער. קונסט און ניט בלויז — „שיבת ציון״. ליד און ניט נאָר אַ צוגאָב צו דעם מחזור אָדער אַ פאַרוויילונג צווישען איין פילאָזאָפישער אָדער רע־ליגיעזער חקירה און אַ צווייטער.

דריי פּאָעטען, דריי איינזאַמע שאָטענס, אין בורנוסען איינ־געוויקעלט, טורבאַנען אַרום די קעפּ — אַראַבישע נעמען. אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד, און דאָך אַנזאָגער פון אונזער גורל, אויס־טייטשער פון אונזער פּיין און בענקשאַפט.

פון דער זון־פאַרטרוקענער מאַלאַגאַ, פון סעווילאַ און לייאָן — ביז צו די אַסיען־ווייסע, גרוי־הימעלדיגע סטעפּעס פון רוסלאַנד און פּוילען — ביז צו די סטרונע־גלייכע ציגעלדיגע גאַסען פון דייטש־לאַנד — טויזענט יאָהר נאָכאַנאַנד, און זייער אויפּבליה הויבט אָן.

אַ דיכטער, אַ אידישער דיכטער, האָט אַריינגעפיהרט די דריי אַלטע פּאָעטען אין דער ניי־אידישער וואָרט־ און געפיהל־וועלט, און זיי זיינען ווידער יונג געוואָרען.

אָקטאָבער 17, 1931

מרדכי זאב פייערבערג

ש. צ. זעצער האָט מיך אַנומעלט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ „יאָהרצייט", וואָס מיר האָבען אַלע פאַרגעסען. אַפילו די וואָס וואָלטען באַדאַרפט געדענקען, די וואָס פיהרען תמיד איין מויל הויכע ווערטער וועגען העברעאישער רענעסאַנס און וועגען דער באַנייאונג פון דעם אידישען פאָלק. ער האָט מיך דערמאָנט אָן דעם דרייסיג־יאָהריגען יאָהרצייט פון דעם העברעאישען שרייבער מרדכי זאב פייערבערג.

און איך בין איהם דאַנקבאַר דערפאַר. מחמת, באמת מען פאַרגעסט. דאָס אידישע לעבען איז געוואָרען אַזוי הילכיג און רעש'יג, אַזוי „הויך־פאָליטיש" — מעהר הויך ווי פאָליטיש, אַז מען הערט ניט מעהר די שטילע, די רוהיגע. עס איז ניט די צייט ניט פאַר דעם „הנני העני ממעש", אָט דער תפילה, וואָס ווערט געזאָגט מעהר מיט אַ זיפץ ווי מיט ווערטער — און ניט פאַר דער „דממה דקה", וואו אונזערע זקנים האָבען געזוכט גאָט. פון אַלע זייטען פאַרטיגע ענטפערס. קיינער פרעגט ניט מעהר. אַלע זענען אַזוי זיכער מיט זייער וועג — גרייטע פאַרמולעס אויף אַלעמענס ליפּען. גרייטע — און אָפט אַזוי טאַנדייטנע.

אָבער איך וויל ניט רעדען פון פאָליטיק — און אויך ניט אַריינ־פאַלען אין דעם אַזוי גרינגען און געוועהנליכען פּובליציסטיש־מוסר'דיג — האַלב־מגיד'ישען טאָן. איך שטעה אָט די רגע פאַר אַן איינזאַמען קבר אין אַ האַלב־צעשטערטער שטאָדט, אַ פאַרגע־סענעם קבר פון אַ יונגען שרייבער. די שטאָדט הייסט זוויהיל — אָדער נאָווגראַד־וואָלינסק, און דער שרייבער הייסט מרדכי זאב פייערבערג.

דער קבר איז אַלט אינגאַנצען דרייסיג אָדער איין־און־דרייסיג יאָהר — און דער שרייבער איז אַלט געווען פיער־און־צוואַנציג יאָהר ווען ער איז געשטאָרבען. און דאָך ווייזט עס זיך אונז אויס — ווייזט עס זיך מיר אויס, גלייך ווי איך וואָלט גערעדט וועגען אַ טויטען פון גאַר־אַלטע, פון לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטען, פון יאָהרען וואָס זענען פאַרשוואונדען אינ'ם נעפּעל און האָבען שוין פאַרלוירען אפילו זייער „אַסטראַלען לייב", ווי די טעאָזאָפען וואָלטען געזאָגט,

מיט דער אַטמאָספּערע פון נאָכווירקונג און געפיהל־אָפּקלאַנג, וואָס איז אייגענטליך דער ווערט און דער תמצית פון געשיכטע.

דרייסיג יאָהר! עס זיינען אייגענטליך גאָר ניט קיין דרייסיג. מעקט אויס די פופצעהן יאָהר וואָס זענען פאַרגאַנגען פון דער מלחמה אין דער וועלט־קאַטאַסטראָפע — און די יאָהרען ציילען ניט מעהר מיט פאַר דעם רוסישען, פאַר דעם גייסטיגען אידענטום — און עס בלייבען נאָר פופצעהן יאָהר, ניט מעהר, און פאַרט שוין כמעט פרע־היסטאָריש.

דרייסיג יאָהר צוריק. וואָרט אויס. ווי איז עס דען געווען! אין דייטשלאַנד האָט געהערשט די ניצשע־ראָמאַנטיק. מען האָט „אומגעווערטעט" די ווערטען. וועדעקינד האָט געפּריהלינג־שטורמט אויף דער ביהנע. הויפּטמאַן האָט געזונגען זיין זיס ליד פון האַנעלע און דעם „אָרימען היינריך", — נאָרדוי האָט געקאָ־טעוועט דעם „סוף יאָהרהונדערט", דער סאָציאַליזם האָט אָנגעהויבען צו זוכען נייע פילאָזאָפישע, טעאָרעטישע וועגען. די בורזשוּ־אַזיע האָט געשטרעבט צו מאַכט, די דעמאָקראַטיע „אויף דעם וועג".

און פראַנקרייך — ווערלען האָט שוין אויסגעזונגען, באָדלער האָט געוועלטיגט, מעטערלינק האָט איינגערוימט סודות און גע־מאָלט שאָטען־בילדער, מאָריס באַרעס האָט געטאָקט זיינע שעהנע, קלינגענדיגע, אין „בלוט און תאוה" איינגעטונקטע פּראָזען, און אַנאַטאָל פראַנס האָט אַזוי קלוג, אַזוי גריכיש־שעהן געשמייכעלט.

און רוסלאַנד — אַ גייסטיגער טומעל. אידעאַליזם און מאַ־טעריאַליזם אין אַ דועל. מיכאַילאָווסקי און פּלעכאַנאָוו די שטענ־דיגע בר־פּלוגתא׳ס. ס׳הויבט זיך אָן די נייע רוסישע פּאָעזיע. סאָלאָגוב און בריוסאָוו, באַלמאָנט און די איבעריגע. און אומעטום, אין יעדען לאַנד, אין יעדער סביבה — קולטור־מידקייט, בילדונג־זאַטקייט, מרידה אַנטקעגען דעם ראַציאָנאַליזם, — אומרוהע, מיט איין וואָרט „פען דע סיעקל", סוף יאָהרהונדערט.

און דעמאָלט — אין אַ קליינער שטאָדט, אין וואָלין — אין אַ שטאָדט, וואָס איז אַלט, אַזוי אַלט, אַז זי האָט אַפילו צוויי נעמען — אין נאָמען דעם רוסישען, אויך שוין פון הונדערטער יאָהרען — נאָווגראָד־וואָלינסק — און דער צווייטער נאָך אַ סך, אַ סך עלטער, אַ נאָמען וואָס האָט זיין שורש אין אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער

שפּראַך — זוואהיל, אָדער זוויהיל, ווי די אידען רופען זי — לעבט אַ אידישער יונגערמאַן.

אַ שוחט׳ס אַ זוהן. אַ קבצנ׳ס אַ זוהן. געבוירען אין דער „אַלטער שטאָדט" פון דער אַלטער שטאָדט, ד. ה. אין דעם טייל פון דער שטאָדט, וואו עס וואוינען שוין בלויז די קבצנים און די אַלטמאָדישע אידען.

אין דער „נייער שטאָדט", שוין פאַראַן אַ פּאָר מויערען — צוויי־גאָרענדיגע, דריי־גאָרענדיגע. דאָרט אַן אַפּטייק, דאָרט די מלוכה־אַנשטאַלטען. דאָרט רעדט מען שוין רוסיש, — דער דאָק־טאָר, דער אַפּטייקער, דער „קאַזיאָני רב". דאָרט לייענט מען שוין רוסישע ביכער און צייטונגען. דאָרט איז „ניינצעהנטער יאָהר־הונדערט", ערב־צוואַנציגסטער.

אָבער אין דער „אַלטער שטאָדט" איז נאָך פופצעהנטער אָדער זעכצעהנטער יאָהרהונדערט. דאָרט האָט זיך דער זייגער אָפּגע־שטעלט.

פינצטערע, ענגע, שמוציגע געסלעך. הייזער פאַרקרומטע, שינדלדעכער, הילצערנע, פון אַלטקייט און פון רעגען שוואַרצע קלייטלעך; דאָרט דער ברייטער מאַרק, די אַלטע שול, די חסידישע קלייזלעך, און אַלטע אידען מיט שיך און זאָקען, זיידענע ראָזע־וואולקעס אין שבת און אידענעס מיט שטערנטיכלעך אויף די גע־גאָלטע קעפּ.

דאָרט שלאָגט מען נאָך איבער אַ רבי׳ן, דאָרט קוועטשט מען די בענק, דרעהט מען מיט דעם גראָבען פינגער — „רעדט אויף אַ רבי׳ן", דאָרט איז „השכלה בת השמים" נאָך אַן ענין — און אַ שטיקעל ברויט מיט קנאָבעל אַ מאכל, אוממעגליכע צייטען, אומ־גלויבליכע — און דאָך — ערשט מיט דרייסיג יאָהר צוריק אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט.

און דאָרט וואַקסט אויס ביי דעם טאַטען דעם שוחט אַ אינגעל מרדכי זאב. געזאָלט ווערען אַ שוחט ווי דער טאַטע, — אָבער גע־וואָרען אַ משכיל. געזאָלט חתונה האָבען און ווערען „אַ איד" מיט אידען גלייך, אַ סוחר, אַ קרעמער אָדער אַ מלמד — איז ער גע־וואָרען אַ שרייבער — און געשטאָרבען פון שווינדזוכט ווען ער איז אַלט געווען פיער־און־צוואַנציג יאָהר.

וואָס האָט דער יונגערמאַן, וואָס איז כמעט קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָהרען פון זיין ענגער, קליינער סביבה, פאַר וועמען

וואַרשע איז שוין געווען אַ וועלטשטאָדט און אחד העם דער גרויסער לעהרער און גייסטיגער פיהרער, געקאָנט אויסוועבען אין זיך, וואָס האָט ער געקאָנט איבערלאָזען נאָך זיך?

ער איז ניט געווען קיין „משורר", קיין פּאָעט ווי דער צווייטער יונג־פאַרשטאָרבענער — אויך מיט פיער־און־צוואַנציג יאָהר — העברעאישער פאָרם־מייסטער מיכ"ל, מיכה יוסף לעבענסאָן, דער גרעסטער, אפשר דער איינציגער אמת'ער ראָמאַנטיקער פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

פייעבערג האָט ניט געהאַט קיין פאָרם־טאַלאַנט און ניט קיין צו־שטאַרקען סטיל־געפיהל. ער האָט ניט געזונגען ווי „דאָס פוי־געלע זינגט", ער האָט ניט געקאָנט דערצעהלען, מאָהלען, שניצען לעבען פון זיין פאַנטאַזיע.

ער האָט ווייניג געשריבען. און דאָס ווייניגע — די פּאָר „סקיצען" — און די גרעסערע ערצעהלונג, וואָס האָט איהם גע־מאַכט „באַריהמט" — די ערצעהלונג, וואָס אחד־העם האָט „אַפּראָ־בירט", די נאָוועלע „לאָן" — דאָס איז אויך ניט געווען ריינע קונסט, קיין ליטעראַטור אין דעם אייגענטליכען און פאָרמאַלען זין פון דעם וואָרט.

ניט בעלעטריסטיק און ניט פובליציסטיק. טאָגבוך־בלעטער, וואָלט מען זיי געקאָנט רופען. לירישע אויסגוסען, בענקשאַפט און גייסטיגע גלוסטעניש, אָבער דערפאַר טאַקע אַזוי ווערטפול ווייל עכט. ווייל טיף־פערזענליך און ווייל דער לעצטער זיפץ פון אַ גאַנצען דור.

„עס איז געווען אין איינער פון די ערשטע פריהלינג־נעכט", אַזוי הייבט זיך אָן איינע פון די פריהסטע ערצעהלונגען פון פייער־בערג'ען, „ליל אביב". וואָס איז געווען? פון וואָס חלומ'ט אַ יונגער, צוואַנציג־יאָהריגער אידישער יונגערמאַן אין זוויהיל אין אַ פריהלינג־נאַכט? ליבע, תאוה, מאַכט? אומעטום יאָ, אָבער ניט אין דער „אַלטער שטאָדט" פון זוויהיל, אַלע אפשר, אָבער ניט דער לעצטער ראָמאַנטיקער פון דער אַלט־אידישער פאַרגאַנגענהייט. און ער דערצעהלט:

„אין מיין קליינעם חדר'ל ברענט אַ לעמפּעלע מיט אַ מאַטע ליכט. אויף דעם טיש אַנגעוואָרפען ספרים אָהן אָן אָרדנונג: די מסכתא „בבא קמא", דער „כוזרי", דער ערשטער חלק „יורה דעה", דער „מורה נבוכים", „ראשית חכמה" — און אונטער דעם קישעלע

אויף דעם בעט זענען באַהאַלטען עטליכע השכלה־ספרים. אַ טיפער אומעט דריקט מיין האַרץ. איך געה צום פענסטער און עפען עס אויף. די שעהנע לבנה מיט איהר פולען און נאַאיווען פנים שווימט אויף דעם בלויען הימעל און פילט אָן די גאַס מיט איהר ווייסען שיין. די גאַנצע וועלט איז אַ וואונדערבאַר ליד... קודש קדשים, און דאָ, אין דעם בית־המקדש זענען נישטאָ קיין ספרים און קיין פאַרמעטען, קיין געדאַנקען און פילאָזאָפיעס, קיין פאַרקנייטשטע שטערענס און פוסטע געדאַנקען... אָבער אויף דער גאַס!

„לעבן, לעבן, לעבן — אוי גאָט!...

„איך געה אַרויס אויף דער גאַס. און איך — בין אין גאַס!״

אַלטע מליצה? זיכער. נאַאיוו־אומקינסטלערישע? יאָ — אָבער אַ יונגער אידישער מענש האָט עס אַזוי תמימות׳דיג געמיינט. עס איז געווען פאַר איהם ניט קיין מליצה, נאָר אַ זעהר ערנסטע, טראַגישע איבערלעבונג. ער איז אַ געפאַנגענער פון דער אַלטער גאַס — פון זוויהיל, פון דער אידישער אַטמאָספערע, אַ געבונדענער פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט זיך באַהאַלטען אין די ענגע גאַסען פון דעם קליינעם שטעדטעל, פון דער געטאָ אין דער געטאָ.

און אַן אַנדערש מאָל — אין דער סקיצע „יעקב השומר״:

„און דאָס אינגעל האָט געזונגען. די כוואַליעס פון זיין קול האָבען זיך געטראַגען אויף די פליגלען פון דעם ווינט — און טויזענטער קולות האָבען געענטפערט: ווהע איז צו מיר אויף דעם גלות פון דער שכינה״.

עס איז כמעט אוממעגליך צו פאַרשטעהן דעם אינהאַלט פון דער גאַנצער „סקיצע״, אַזוי שלעכט קאָנסטרואירט און אַזוי פאַרמ־לאָז איז זי, אָבער דער עיקר איז גאַרנישט די ערצעהלונג, נאָר דער „לירישער אינטערמעצאָ״ — דאָס אַלטע אידישע קלאָג־ליד אויף דער „שכינתא בגלותא״.

דער יונגער פייערבערג האָט — ווי אַ גאַנצער דור יונגעלייט פון זיין צייט — באמת טראַגיש איבערגעלעבט די „גלות השכינה״, דעם פאַטאָס פון דעם אידישער פאָלק.

און ער פרעגט מיט יאוש, מיט האַרצרייסענדיגען עכטען טרויער די האַמלעטישע פראַגע: „לאָן״ — וואוהין געהט דער אידישער וועג, וואו איז דער זין און דער ציל?

ווידעראַמאַל, אַ משכיל־טיפּ, נחמן־בהרב, דער זוהן פון אַ רב, נחמן, וואָס ווערט אַן „אפיקורוס" און ווערט כמעט משוגע פון ספקות און פון גייסטיגע יסורים.

נחמן זוכט אַ וועג און אַן אויסוועג. ניט פאַר זיך אַליין. ער ווייסט — אַזוי ווייט איז שוין אַפילו מיט דרייסיג יאָהר צוריק דערגאַנגען זוויהיל — אַז דער אידישער מענש קאָן זיך גרינג באַ־פרייען ווען ער וויל, אַפּזאָגען זיך, לעבען פאַר זיך — אין דער גרויסער און ברייטער וועלט. אָבער נחמן וויל זוכען אַ וועג ניט אַרויס פון דעם אידענטום, נאָר פאַר דעם אידענטום, ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דעם גאַנצען פאָלק.

און ער מאָנאָלאָגיזירט: „ניין, ניט דאָס איז דער וועג! די נייע ספרים האָבען איהם געלערנט צו פאַרשטעהן און צו דערקענען דאָס, וואָס ער האָט ביז אָהער בלויז געפיהלט. ער זעהט איצט מיט קלאָרע אויגען די נאַטור. וואוהין ער ווענדט זיך זעהט ער אַ וועלט אָהן כאַאָס. אוי, אוי, איך וועל זיך אומקעהרען צו מיין פאָלק — לאָז עס געהן און געווינען פאַר זיך זיין אייגענעם פּלאַץ אין דעם מענשהייט'ס קאָלעקטיוו. ווייטער — ווייטער, אָבער וואוהין?

„און איך שטעה אויף דעם שיידעוועג און ווייס ניט וואו זיך צו קעהרען", און ווידער, און ווידעראַמאָל דער רעפריין: „וואוהין" — לאָן?

ביז ער געפינט דעם וועג: „דער וועג פיהרט צום מזרח. ניט בלויז קיין ארץ־ישראל, נאָר צו אַ נייער קולטור אין דער אַלטער מזרח־סביבה". און די ערצעהלונג פאַרענדיגט זיך מיט די ווער־טער: „צום מזרח!"

אַזוי דענקט נחמן דער משכיל, וואָס איז „משוגע געוואָרען". אָבער פאַרוואָס האָט ער געמוזט נאָך אָט דער דאָזיגער אַנטדעקונג פון דעם אידישען וועג — זיך נעהמען דאָס לעבען — ווי פייער־בערג האָט איהם געצוואונגען — דאָס איז שווער צו פאַרשטעהן.

אמת, עס איז ניט זיין שולד. ביי איהם — אין דעם אָריגינאַל — האָט נחמן, דער סקעפּטיקער און געפינער — בלויז זיך פאַר־קיהלט און איז געשטאָרבען, אַזוי צו זאָגען פון ענטוזיאַזם, אָבער אחד־העם, וואָס איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון דעם „השלח" האָט פאַרלאַנגט, אַז פייערבערג זאָל דערפיהרען זיין העלד צום זעלבסטמאָרד. עס איז איהם — דעם אַזוי אומקינסטלערישען

מענשען — אויסגעקומען „נאַטירליכער״, לאַגישער. און פייער־בערג האָט זיך געמוזט בויגען פאַר דעם ווילען פון דעם רעדאַקטאָר — הגם ער האָט פאַרשטאַנען, ווי אַבסורד אחד־העמ׳ס פאַרלאַנג איז געווען.

אָדער זעלבסטמאָרד אָדער פאַרקיהלונג — טויט האָט געמוזט זיין. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט פייערבערג ניט געקאָנט לאָזען לעבען זיין נחמן, איהם אויסהיילען פון זיין „משוגעת״ און אוועק־שיקען איהם טאַקע קיין ארץ־ישראל אַלס אַ פּיאָנער פון דער מזרח־קולטור?

עס וואָלט געווען לאָגיש, נאַטירליך, אָבער ניט קינסטלעריש. ווייל פייערבערג האָט דערפיהלט, אַז דער פאָוסטישער מאָמענט — דער מאָמענט פון וועלען בלייבען שטעהן און צופרידען זיין — איז נאָך ניט געקומען. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס שעהנסטע אין דעם אַלטען אידענטום איז סוף כל סוף — זיין אַלטקייט, זיין אומעט, זיין שאָטענדיגקייט.

און דערפון אויך דער ווידערשפרוך אין איהם — און דעם גאַנצען דור. לעבען — לעבען — האָבען זיי אַלע געשריען און געבעטען — אָבער ווען בערדיטשעווסקי איז געקומען און ער־קלערט: דאָס אידישע פאָלק מוז זיך באַפרייען פון דעם אידישען בוך — ד. ה. אייגענטליך פון דעם אידענטום — האָט פייערבערג איהם געענטפערט: „דער אידישער צוג איז דער זיג פון דעם בוך אין דער וועלט״. און ער שרייבט ווייטער — אין אַן אָפענעם בריוו צו בערדיטשעווסקי׳ן — „דער יונגער מזרח־דור איז אייער שונא, דר. בערדיטשעווסקי — און שרעקט זיך פאַר דעם שונא״.

גלות השכינה — בערדיטשעווסקי דער בטלן אַלס דער שונא פון דעם אידישען גייסט — אחד־העם אַלס לעהרער אין פריהלינג־נעכט — וואָס פאַר אַ כאַאָס, וואָסערע דיסאָנאַנצען! — אַן „עולם התהו, ווי מ. ל. ליליענבלום האָט אָנגערופען די נאַר־וואָס, ערשט מיט דרייסיג יאָהר צוריק פאַרשוואונדענע אַלט־אידישע וועלט. „די העלדען פון מאַפו׳ס ראָמאַנען, די משכילים פון די קליינע שטעדטלעך און אַלע די „בעלי־החלומות״ לעבען אין אַן עולם התהו. — אַלע זאָרגען זיי זיך פאַר דעם כלל, פאַר אַבסטראַקטע פראַגען — אָבער קיין ממשות׳דיג לעבען איז ניטאָ ביי זיי״. (מ. ל. ל.: „עולם התהו״). ליליענבלום איז געווען אַ „רעאַליסט״ אָדער ריכטיגער, ער האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלען פאַר אַ רעאַליסט.

און זיין רעאַליזם האָט גובר געווען די אידען פון דער היינטי־גער צייט. די „משכילים" פון דרייסיג יאָהר שפּעטער טראַכטען ניט מעהר פון „עולמות". זיי טראַכטען — אויב בכלל — וועגען דער זעהר ממשות'דיגער וועלט.

אָבער דער ראָמאַנטיזם פון פייערבערג און די קליינשטעטעל־דיגע פּאָעטען און משכילים איז ניט טויט. זייער פּראָבלעם, זייער טרויער, זייער פאַרנעהם האָבען זיך בלויז באַהאַלטען ערגעץ טיף אין דער אידישער נשמה.

און היינט, ווי פריהער, אין ניו יאָרק ווי זוויהיל, קלינגט פּאָעטיש די פייערבערגישע פראַגע: „לאן" — וואוהין?

אויגוסט 25, 1929

וועגן י. ח. ברענער און דעם גרויסן „ווידעראַנאַנד״

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק — אין אַ שעהנעם זומער־אָוונט — קלינגט צו מיר אין וואוינונג פלוצלונג אַרויף דער „שווייצאַר״, אָדער דער „דאָרמען״, ווי מען רופט איהם דאָ, און פרעגט מיט אַ כמעט ציטערענדיגען קול: „דאָ פרעגט עפּעס אַ מאַן אויף אייך, ער וויל אייך זעהן. מעג איך איהם אַרויפלאָזען?״

עדי, דער „דאָרמען״, איז געווען אַ רוהיגער שוועד, זעקס פוס הויך, אָנגעטאָן אין אַ שעהנעם אוניפאָרם מיט לאַמפּאַסען, און האָט געהאַט אַ גוואַלדיגען דרך־ארץ פאַר אַ „דזשענטעלמען״. פון זיין פאַרוואונדערטער, דערשראָקענער שטימע, און פון דעם וואָס ער האָט טיטולירט מיין באַזוכער ניט „דזשענטעלמאַן״, נאָר פּשוט „עפּעס אַ מאַן״, האָב איך תיכף פאַרשטאַנען אַז דאָ איז עפּעס ניט „גלאַט״. איך הייס מיך פאַרבינדען מיט דעם „דזשענטעלמאַן״ דורך דעם הויז־טעלעפאָן. און קוים דערהער איך זיין שטימע — צעלאַך איך זיך אויף אַ קול. „אַודאי, לאָזט איהם אַרויף, עדי, עס איז מיינער אַ פריינט״. „איז דאָט סאָ? וועל...״ — איך הער אין עדי׳ס פראַגע אַ פאַרוואונדערונג, ווי איינער זאָגט: „ווי קומט צו אונזער אַ שכן אַזאַ פריינט?״

מיין באַזוכער קומט אַרויף — און עס שפּילט זיך אָפּ ממש אַ קאָמעדיע. די איירישע דינסט עפענט אויף די טיר — און רוקט זיך אָפּ אַ דערשראָקענע. דאָס קליינע קינד, וואָס געהט איהר נאָך, באַהאַלט זיך — און איך לאַך. מיין „פריינט״ האָט טאַקע געקאָנט איבערשרעקען אַן אומשולדיגע נשמה: אין אַמעריקע, דעם לאַנד פון די גלאַט־געגאָלטע, אין דעם לאַנד וואו „יעדער״ מוז זיין „פּונקט אַזוי״ ווי דער צווייטער — איז אַ מענש מיט אַ ווילד־צע־וואַקסענער באָרד, מיט אַ צעשויבערטען קאָפּ האָר און בכלל מיט אַן אויסטערלישען אויסזעהן — כמעט אַן ערשיינונג פון אַן אַנדער וועלט.

אָפּגערעדט וואָס מיר האָבען געהאַט צו רעדען און איך נעם מיין גאַסט אַרויס אויף אַ שפּאַציר אויף ריווערסאַיד דראַיוו, און

דווקא אין די „עלעגאַנטסטע קוואַרטאַלען״. און גאַנץ ריווערסאַיד קוקט אונז נאָך. „ לוק, לוק״, הער איך הינטער מיינע פּלייצעס — און איך לאַך, איך האָב אַ משונה׳דיגע הנאה דערפון, וואָס עס איז מיר כאָטש איינמאָל געראָטען — אויף אַן אומדירעקטען אופן, כאָטש דורך אַן אַנדערען — אַרויסצושטעלען אַ צונג דער גלאַטער און לאַנגווייליגער, דער געגאַלטער און „קאָרעקטער״ בורזשואַזיע. אויב איך אַליין האָט ניט דעם מוט — זאָל כאָטש אַן אַנדערער איהם האָבען, בפרט ווען אָט דער אַנדערער איז אַ שטיקעל שריפט־שטעלער.

איך האָב זיך דעמאָלט געטראַכט: אייגענטליך וואָלטען דאָך אַלע שרייבער באַדאַרפט זיין אַזוי. און זיי זיינען עס אויך אַמאָל געווען, אין די נאַאיווע יאָהרען, ווען יעדער צעך האָט געהאַט זיין „מונדיר״. דעמאָלט האָט דער פּאָעט געטראָגען לאַנגע האָר און אַ סאַמעטענעם רעקעל און אַ „בייראָן־קאָלנער״ — איהר ווייסט דאָך: אָט די ברייטע, ווייכע, אָפענע, — און אַ „מיצקעוויטש״־קראַוואַטע, ווי שוואַרצע פליגלען אַרום דעם האַלז. און אפילו די „פּראָזאַאיקער״, די סתם־שרייבער, האָבען זיך אויך באַמיהט צו זיין „אַנדערש״ ווי די סביבה. זיי האָבען געשאַפען אַ מין מחיצה צווישען זיך און דעם „המון״. דער עולם האָט טאַקע געשמייכעלט, אָבער ער האָט געהאַט רעספּעקט. יעדענפאַלס, ער האָט מקנא געווען, ווי די טבע פון מענשען איז. זיי האָבען אַליין ניט קיין מוט צו פרייהייט, צו אייגענאַרטיגקייט — אָבער זיי האָבען הנאה, וואָס עמיצער האָט אַזאַ מוט.

און איך ווייס ניט פאַרוואָס — יענעם אָוונט האָב איך געטראַכט וועגען י. ח. ברענער. איך האָב איהם אַליין ניט געקענט, קיינמאָל ניט געזעהן, אָבער פון די באַשרייבונגען, פון די זכרונות וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען נאָך זיין טראַגישען טויט — מיט פופצען יאָהר צוריק, אין דעם ערשטען מאַי, 1922, אין יפו — האָב איך באַקומען אַ לעבעדיג און סקולפּטוראַל־בולט בילד פון י. ח. ברענער, דעם מענשען. ווען אפילו הלל צייטלין, וואָס איז אַליין זעהר ווייט פון אַ „לאָרד בראַמעל״, אַליין אַ איד וואָס איז איינגעטונקען אין אַ ים פון האָר — ווען אפילו ער מאָלט אויס דעם יונגען י. ח. ברענער — אין האָמעל, אין דער צייט ווען ער איז אַריינגעשפּאַנט אין דער אידישער קולטור, — ווי אַ צעשויבערטען, אַ קוריאָזען, מיט „גראָבע שטריכען״ און משונה׳דיגע באַוועגונגען,

— איין אַקסעל העכער ווי דער צווייטער, די הענט דרעשען די לופט, בשעת ער געהט, — ווען אפילו, זאָג איך, הלל צייטלין האָט געקאָנט נתפעל ווערען פון דעם יונגען ברענער׳ס אויסזעהן — דאַרף מען שוין ניט האָבען קיין צו גרויסע פאַנטאַזיע, כדי זיך אויסצומאָלען דעם מענשען, ווי ער איז געווען, ווי ער איז געווען — אין זיין לעצטען מהות.

און ווען איך האָב דאָס געלייענט, האָט מיר באמת באַנג געטאָן וואָס איך האָב זיך אויף מיין וועג קיינמאָל ניט באַגעגענט מיט י. ח. ברענער, אפשר דעם אינטערעסאַנטסטען אידישען שריפט־שטעלער פון דעם לעצטען פּעריאָד — אינטערעסאַנט מענשליך, און נאָך אינטערעסאַנטער — ווי אַ סימבאָל, איך וואָלט שיר ניט געזאָגט: ווי אַ פאָרמולע פון דעם אידישען דענקען, ווי דער אָפּגע־האַרציגסטער אויסדרוק פון דעם אידישען וועלט־באַנעם.

* * *

געוויס, מיט יאָהרען צוריק וואָלט איך זיכער ניט אַזוי געשרי־בען וועגען יוסף חיים ברענער. זיכער וואָלט מיין אורטייל געווען האַרט און שאַרף, ניט מילדער ווי זיינער איבער מיר. עס איז שוין לאַנג, לאַנג צוריק, אַ גאַנצער דור כמעט, זיבען און צוואַנציג יאָהר. דעמאָלט — אין 1910 — האָט י. ח. ברענער זיך „אָפּגע־רעכענט" מיט מיר און מיט אַלע די, וואָס האָבען אינאיינעם מיט מיר געזוכט אַן ענטפער אויף דער פּאַטאַלער פראַגע: „וואָס איז אידענטום און וואָס איז זיין צוקונפט". אַזוי איז די פראַגע אוועק־געשטעלט געוואָרען אין דער זאַמעל־שריפט „העתיד", און יעדער פון אונז האָט זיך געמיהט צו פאַרענטפערען זי אויף זיין אופן, איי־נער פּאָליטיש, דער צווייטער היסטאָריש, איך — „מעטאַפיזיש". דעמאָלט, ווי היינט, איז נאָר מיר דער אידישער פּראָבלעם געווען פריהער פון אַלץ אַ „גייסטיגער", ווייל פּאָליטיש און עקאָנאָמיש קאָן מען דעם אידישען פּראָבלעם גאָר ניט אַרויסשיילען פון זיין סביבה, פון דעם היסטאָרישען מאָמענט. דער אידישער פּראָבלעם ווערט „אויטאָנאָמיש" — בלויז ווען ער ווענדט זיך כלפּי פנים.

מען קאָן מסכים זיין מיט אַזאַ פּראָבלעם־שטעלונג אָדער ניט, אָבער דער ענטפער פון י. ח. ברענער איז געווען אַזאַ אויבערפלעכ־ליך־היציגער, — הייס וואַסער אויף שטיינער, געהט אַ פּאַרע. ער האָט צו „אונז" זיך געווענדט מיט אַ ירגזון (אין דעם זשורנאַל

„רשפים״): „איצט, איהר נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּרעדיגער, — ניט קוקענדיג אויף אייער גאַנצען בטחון, — איצט האָבען מיר אין דער ווירקליכקייט גאָרנישט (אין לנו כלום). זאָלען די שטערען פון דעם אַלטען פאַרלאָשענעם אידענטום אייך ניט אָפּנאַרען, דער חלום איז אַוועק (עבר החלום)״.

אַט אַזוי זאָגט זיך אָפּ דער יונגער ברענער, נאָר־וואָס פון זיין שטעטעל נאָוואָ־מלין, טשערניגאָווער גובערניע, אָדער פון פּאָטשעפּ, וואו ער האָט געלערנט אין דער ישיבה, אָדער פון האָמעל, וואו ער האָט זיך געבלאָנקעט צווישען בונדיזם און ציוניזם און ניטשעאַניזם, באמת טאַקע „בין הבתרים״, צווישען ברעקלאַך, ברעקלאַך וויסען אויפגעכאַפּט פון דער לופט, וויסען אָהן אַ פונדאַמענט און דערנאָך אויך אָהן טיפקייט, אָבער דערפאַר מיט אַזאַ וואונדערבאַרען טעמפּעראַמענט און אַן אויפריכטיגקייט וואָס האָט אַריבערגעוואויגען אַ סך טאַלאַנטען, אפילו דעם קינסטלערישען, בעלעטריסטישען, — און די אַמביציע פון י. ח. ברענער איז דאָך געווען צו זיין אַ קינסטלער, אַן ערצעהלער, אַ דראַמאַטורג אין דער העברעאישער שפּראַך, פאַר דער אידישער וועלט.

אָדער אפשר טו איך איהם אַן אומרעכט: אפשר איז ער געוועזן מעהר ווי עס ווייזט זיך אויס ביים לייענען פון זיינע שריפטען. ווייל איז עס טאַקע אַזוי וויכטיג, צי ער איז געווען אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער קינסטלער? וואָלט ער דען באַטייט מעהר פאַר אונז, פאַר דער אידישער קולטור, ווען זיינע ראָמאַנען „בחורף״, אָדער „שנה אחת״, אָדער „מכאן ומכאן״, א. אַ., אָדער זיינע דראַמאַטישע פאַרזוכען וואָלטען געווען אין פאָרם און צייכענונג בעסער, פעסטער, שטאַרקער, — מיט איין וואָרט, ווען ער וואָלט באמת געווען אַ קינסטלער און ניט בלויז אַ זוכענדיגע, בלאָנדזשענדיגע, אויפגערעגטע, אויפגעשטורעמטע נשמה — וואָס שרייט?

ער ווייסט עס אַליין, ער הערט אַליין דעם אָפּט־גרילצענדיגען געשריי — און ער פרעגט זיך — אין דעם ראָמאַן „מכאן ומכאן״: „האומנם נגזרה גזרה עלי לצעוק תמיד? — בין איך דען פאַר־משפט שטענדיג צו שרייען?״ און ער בעט — ביי זיך, ביי דעם לע־בען: „לכתוב בשקט״ — „שרייבען רוהיג״. בעט זיך — און קאָן ניט. און ער פיהלט דעם וועהטאָג: „אחות גדולה לי, המבולבל, וכוס היסורים שמה״ — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען („טיפה זו״). און שוין דאָס אַליין, וואָס ער רופט זיך אָן „מבולבל״,

דער צעמישטער, דער צעטומעלטער, און וויל עס ניט פאַרדעקן, פאַרגלעטען, אויספוצען זיך פאַר זיך און פאַר אַנדערע — שוין דאָס אַליין מאַכט איהם אַזוי אומגעהייער מענשליך־נאָהענט, אַזוי נשמה׳דיג־אינטערעסאַנט.

מיר אַלע זיינען דאָך אַזעלכע גלאַטינקע, אַזעלכע צירליך־מאַנירליך איינגעאָרדענטע. מען שרייבט זיך וואָס מען האָט צו שרייבען, מען זאָגט זיך אָפּ וואָס מען מוז זאָגען, און דערנאָך — ווי „ביי לייטען", ווי ביי אַלעמען. און מען וויל דערצו נאָך זיין „סאַלאָן־מאַנירליך", טאַקטפול, אויסגעהאַלטען, לאָגיש.

„רעד פאַר זיך, רעד פאַר זיך!" — הער איך שטימען פון מיינע חברים. גוט — רעד איך פאַר זיך; אָבער בין איך טאַקע אַן אויסנאָם? יוסף חיים ברענער האָט ניט געוואָלט אַזוי — ניט געקאָנט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט „וואוילגעהן" — ניט נאָר פיזיש, מאַטעריעל — ער, דער אייביגער וואַנדערער און אָרי־מאַן פון פּרינציפּ, פון איבערצייגונג — נאָר אפילו ניט גייסטיג. ער האָט זיך אפילו ניט פאַרגונען דעם לוקסוס צו זיין — לאָגיש.

אַט דוכט זיך — לאָגיש וואָלט ער באַדאַרפט זיין אַן אַנטי־ציוניסט, און דער עיקר — אַן אַנטי־העברעאיסט. אַ סאָציאַליסט מיט עקסטאַז, אַ געגנער פון יעדער „מעטאַפיזיק", אַ קעמפער אַקעגען דעם וואָס מען רופט „יהדות", אין דעם בעסטען פאַל אַ טערי־טאָריאַליסט, — פאָהרט ברענער קיין ארץ־ישראל, שרייבט נאָר העברעאיש, איז זיך מוסר נפש פאַר ארץ־ישראל, שטאַרבט פאַר דעם ישוב. און אפילו זיין טויט אַזוי סימבאָליש: ער פאַלט דעם ערשטען מאַי פון אַן אַראַבישער קויל אין ארץ־ישראל! שטאַרבט — ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיך אַליין ראַטעווען, איבערלאָזען זיינע פריינט.

ניט לאָגיש? אומפאַרשטענדליך? ער ווייסט דאָס אויך. און אַט זאָגט טאַקע צו „יוחנן", אין זיין אַזוי־געררופענער דראַמע „מעבר לגבולין", אַ לאָגיש־דענקענד מיידעל: „איך קער זיך אום צו מיין פראַגע, וואָס איך פרעג זיך שטענדיג: אויב ניט ציוניזם, אויב בלויז טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג פאַר די ברייטע מאַסען — צוליב וואָס־זשע ליטעראַטור אויף העברעאיש, און צוליב וואָס דווקא ארץ־ישראל ,מיט אַראַבער, מיט דעם כותל־מערבי, מיט דעם גאַנצען היסטאָרישען קלאַפּער־געצייג?" „יוחנן" — און דאָס איז ברענער אַליין — דרעהט זיך אַרויס מיט אַ נישטיגען ענטפער.

אַבער אַן אַנדערש מאָל — און דווקא דירעקט, אָהן שום דראַמאַ־טישע פאַרקליידונגען — ענטפערט י. ח. ברענער: „ורמינהו" — דער ווידעראַנאַנד זיין איז דער גרעסטער ענין אין דעם לעבען בכלל און אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק בפרט, און קיינער קאָן זיך פון איהם ניט אַרויסדרעהען, ווער עס לעבט און פיהלט נאָר אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט".

„ורמינהו" — איז דאָך „ווידעראַנאַנד" — האָסט נעכטען געזאָגט אַזוי און היינט אַנדערש — נו? וואָס־זשע איז? איז טאַקע דאָס לעבען אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע? מוז טאַקע אַלצדינג זיין ווי עס איז געוועזן, אָדער ווי עס האָט געזאָלט זיין? און ווער זאָגט, אַז דער נעכטען איז געוועזן גערעכט? לאָגיק אין דעם לעבען פיהרט צו דעם אַבסורד, און אין דעם דענקען — אָפט אויך. און ווער ווייסט — אפשר איז וואָלטער געוועזן גערעכט ווען ער האָט אַנגערופען די אידען דאָס „אומלאָגישסטע" פאָלק פון דער וועלט. אָ, ווען מיר וואָלטען געפאָלגט דער לאָגיק, דעם „שכל הישר" — עס וואָלט מן הסתם שוין קיין זכר ניט געבליבען פון אונז, סיידען אַ פאָר מצבות צווישען טאָוולען. מיר זיינען דער לעבעדיגסטער ווידעראַנאַנד — פון דער געשיכטע. און אין דעם איז אונזער גרעסטער כח. אַ שטענדיגע פראַגע — אָהן אַן ענטפער. ווייל יעדער ענטפער איז אַ סוף — און דערנאָך?

* * *

נאָך י. ח. ברענער'ס טויט — דעם טראַגישען טויט פון אַ מענשען וואָס איז אַ העלדישע נאַטור, — הגם ער לייקענט עס און שעמט זיך דערמיט: „אני לא גבור", זאָגט זיין „העלד" פייערמאַן, ד. ה. ברענער, אין דעם ראָמאַן „בחורף" — האָט זיין נאָהענטסטער חבר און מיטאַרבייטער אין ארץ־ישראל, ר' בנימין, אָנגעשריבען אַ קורצען אַרטיקעל, אַזוי־צו־זאָגען ביים „פרישען קבר". און איך געדענק — עס זיינען שוין פופצען יאָהר אַריבער, אָבער דער איינדרוק איז געבליבען, די פאָרם פון דעם חבר'שען אַרויסבאַ־גלייט: „ברענערקע, רוה זיך אויס, ברענערקע!"

און אָט אין דעם „ברענערקע" איז געווען אַזוי פיל מענשליכע פשטות, אַזאַ טיפער פסיכאָלאָגישער אמת! עס האָט מיר געזאָגט מעהר ווי טויזענט קריטישע און אַנאַליטישע און אויפגעבלאָזענע מאמרים.

וועגן י. ח. ברענער

זיי האָבען איהם געדופען — ווען ער איז געווען אַ קינד — אַזוי דערצעהלט ברענער אין זיין אויטאָביאָגראַפישען ראָמאַן „בחורף״ — „יונגער זקן״. אין דער קינדהייט האָט זיך ביי דעם דאָזיגען מענשען פון ווידערשפרוך — די קינדהייט באַהאַלטען. זי האָט געוואָרט ביז צו די רייפערע יאָהרען. און זי האָט זיך אַנט־פּלעקט — ווען אין זיין באָרד האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו באַווייזען אַ פּאָר גרויע פעדים. דער פּאַראַדאָקס פון אַ גייסטיגען מענשען בכלל — אָבער אויך דער פּאַראַדאָקס פון אַ פאָלק וואָס איז נאָך יונג — ווען אַלע זיינע חברים זיינען שוין „אור־געשיכטע״. זיך האָבען געשפּילט פאַרצייטענס מיט עמלק און מיט די חתים — און וועלען זיין יונג מיט די „שנעקעס״ פון היינט — דאָס איז טאַקע באמת „איבער אַלע גרעניצען״ — פון פאַרשטעהן. אָבער מוז מען עס טאַקע אַלצדינג פאַרשטעהן?

מאַי 15, 1937

טאָמאַס מאַן

אַ סך נעמען האָט מען אויסגערעכנט, אַ סך גרויסע און באַריהמטע נעמען, אָבער דער גורל איז געפאַלען אויף אַ נאָמען, פון וועמען קיינער האָט גאָר ניט געטראַכט. מען האָט גערעדט וועגן דזשאָן גאָלסוואָרטי, וועגן מאַקסים גאָרקי, וועגן עריך מאַריאַ רעמאַרק, דעם נייעם שטערן פון דער ליטעראַטור.

בלויז פון טאָמאַס מאַן האָט קיינער ניט געטראַכט. און קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז זיין נאָמען געפינט זיך אויף דער קאַנדידאַטן־ליסט פאַר דעם נאָבעל־פּרייז.

פּרייזן ווערען דאָך זעלטען געגעבען פאַר אמת'ע פאַרדינסטען און ווירקליכען ווערט. די נאָבעל־פּרייזן ווערען געגעבען פאַר סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונגען אָדער אויפטועז—אָדער, אויב עס איז ליטעראַטור, — מעהר פון פּאָליטישע מאָטיוען ווי פון ליטעראַריש־קינסטלערישע. עס איז מעהר אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם לאַנד און דעם פאָלק פון דעם שרייבער, ווי פאַר זיין טאַלאַנט. און טאַקע דערפאַר איז דער נאָבעל־פּרייז פאַר טאָמאַס מאַן געקומען אַזוי אומגעריכט, איז געווען אַזאַ איבערראַשונג — אפילו פאַר דייטשלאַנד אַליין. און אפשר פאַר דייטשלאַנד מעהר ווי פאַר אַלע אַנדערע לענדער. ווייל דייטשלאַנד איז צום ערשטען מאָל געוואויר געוואָרען, אַז טאָמאַס מאַן איז איהר רעפּרעזענטאַטיווסטער שרייבער, דער קינסטלער, וואָס שפּיגעלט אָפּ די דייטשע קולטור. אַזוי זעהט איהם די וועלט. זעהט איהם אָבער אַזוי דייטשלאַנד?

אין דעם גרויסען, ברייטען, שטורעמדיגען שטראָם פון דער נייער דייטשער ליטעראַטור — איז טאָמאַס מאַן אַ מין „שוועל" — אַ דאַמב, באַשפּריצט פון כוואַליעס־שוים, אָפּט פאַרפּלייצט פון וואַסער. אָבער פאַרט — אַן אָפּהאַלט. דאָס לעבעדיגע וואַסער ווערט אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל און ווערט געבראָכען.

אַזוי שטעהט ער אין דער דייטשער גייסטיגער וועלט שוין באַלד דרייסיג יאָהר. ער, דער לאַנגזאַמער, דער שטילער קינסטלער, וואָס האָט אָנגעשריבען די באַריהמטע פראַזע: „אַ שרייבער איז אַ מענש, וועמען עס איז שווערער צו שרייבען, ווי יעדען אַנדערען מענשען". איינע פון די מערקווירדיגסטע דעפיניציעס, וואָס

זיינען ווען עס איז געגעבען געוואָרען וועגען דעם עצם קינסטלער, און אויך איינע פון די אויפריכטיקסטע. ווייל אַ וידוי.

אַי, אויב אַזוי שווער, פאַרוואָס שרייבט דער „שרייבער״? און וואָס צווינגט איהם, וואָס טרייבט איהם צו דער דאָזיגער פיין?

וואָס? די פּיין. און די ליידענשאַפט, ריכטיגער, די טיפע לייד.

ער וואָלט ניט געוואָלט. ער ווייסט, עס איז איבער זיינע כחות — און ער בעט זיך: שיק אַן אַנדערען — לאָז אַן אַנדער נעהמען אויף זיך דעם עול. איך קאָן ניט. שווער איז מיין צונג און איך האָב מורא פאַר דעם וואָרט! אָבער ער מוז.

געוויס, מען דערצעהלט, מען זעהט: שרייבער שרייבען ווי דער ווינט בלאָזט. אַזוי גרינג, אַזוי טאַנצענדיג, אַזוי שפּילעריש. באַנד נאָך באַנד געהט אַרויס אין דער וועלט און פאַרפלייצט די וועלט מיט ווערטער.

געוויס, צעהנדליגער טויזענטער ביכער ווערען געדרוקט אין יעדען לאַנד אַ יאָהר.

אמת, אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז אַלע וואָס שרייבען זיינען שרייבער, זיינען באַרופענע, אַז זיי מוזען שרייבען. זיי ווילען, די גלוסטעניש טרייבט זיי. זיי ווילען רוהם, זיי ווילען געלט, און אַמאָל איז עס אויך די געטהעשע „לוסט צו פאַבולירען״ — שפּינען מעשיות, דערצעהלען פאַנטאַזיעס. אָבער אין יעדען דור איז פאַראַן צווישען דער גרויסער מחנה פון בני־נביאים, — טויזענטער זיי־נען זיי אין צאָהל — אַ גאַנץ קליינע גרופּע, וואָס טראָגען דעם „האָ־רענעם מאַנטעל״ פון דעם נביא, גלייך ווי עס וואָלט געווען די נאַטירליכסטע קליידונג פון דער וועלט. אַ גאַנץ קליינע גרופּע. און אויב עס זיינען דאָ מעהר ווי צוויי, דריי אין אַ דור — איז דאָס אפשר שוין צופיל.

טאַלאַנטען זיינען דאָ אַ סך. ווער האָט היינט ניט קיין טאַ־לאַנט? ווער קאָן היינט ניט שרייבען אַזוי פליסיג, עלעגאַנט, שעהן און אפילו גוט! און וויל מען טיף — דאָס אויך. די טעכניק פון שרייבען איז אַזוי אויסגעאַרבייט, אַז אַ באַגאַבטער און פלייסיגער מענש קאָן זיך זי אויסלערנען.

אָבער — ווי האָט דער אַלטער דייטשער ראָמאַניסט, טעאָדאָר פאָנטאַנע, געזאָגט:

דר. א. קאַראַלניק

„באַגאַבונג, ווער האָט זי דען ניט, טאַלאַנטען, אַ שפּילצייג
פאַר קינדער!
בלויז דער ערנסט שטעמפּעלט דעם מאַן, נאָר דער פלייס
דעם זשעני״.

ערנסט — און פלייס! ערנסט צו וואָס? פלייס — צוליב וואָס?

די פראַגע איז אפשר צוגעפּאַסט גראָד דאָ, אין דעם פאַל טאָמאַס מאַן, דעם ערנסטסטען — און אויך דעם פלייסיגסטען שרייבער פון דער היינטיגער דייטשלאַנד. ערנסט — הגם אָפט אַזוי גרינג אין טאָן; פלייסיג, הגם ער האָט פאַר די דרייסיג יאָהר פון זיין שאַפען ניט קיין צו גרויסען ליטעראַרישען באַגאַזש.

* * *

דריי גרויסע ראָמאַנען, אַ פּאָר בענדער — קליינע, שמאָלע — פון קורצע נאָוועלען, צוויי אָדער דריי בענדער עסעיס און „באַטראַכטונגען״. דאָס איז די גאַנצע לעבענס־ארבייט פון טאָמאַס מאַן פאַר דרייסיג יאָהר ליטעראַרישער ארבייט, די שאַפונג פון אַ מאַן, וואָס איז צוריקגעצויגען פון דער וועלט, לעבט זיך רוהיג און שטיל און כמעט איזאָלירט אין זיין מינכענער הויז, זיצט און שרייבט.

עס איז ניט צופיל. אַנדערע האָבען פאַר די יאָהרען אָנגעשריבען דאָס טאָפּעלטע און דאָס דרייפאַכע. גערהאַרט הויפּטמאַן, יעקב וואַסערמאַן, אפילו טאָמאַס מאַנ׳ס עלטערער ברודער, היינריך מאַן, אַלע האָבען זיי גאַנצע פּאַליצעס אָנגעשטעלט מיט זייערע ווערק.

און מען דאַרף גאָר ניט זיין זעהר פלייסיג, כדי אָנצושרייבען דאָס וואָס טאָמאַס מאַן האָט אָנגעשריבען.

און דאָך — טאָמאַס מאַן איז איינער פון די פלייסיגסטע שרייבער, וואָס האָבען ווען עס איז געשריבען, ווייל זיין שרייבען איז אַ שטענדיגער וועב־פּראָצעס, ווייל ער רוהט ניט טאָג און נאַכט — פיהרענדיג אַ שמועס מיט זיך אַליין, שפּאַלטענדיג וועלטען, כדי זיי ווידער גאַנץ צו מאַכען.

אַ דייטשער קריטיקער האָט — צום פופציגסטען געבורטסטאָג פון טאָמאַס מאַן, אין 1925 — געזאָגט אַ זעהר ריכטיג וואָרט וועגען מאַנ׳ס נאָוועלען: „ניט קוקענדיג אויף די טיטלען, זיינען דאָס

פּאַרט ניט קיין נאָוועלען. עס זייַנען שפּאַצירגענג, אַרום אַ לעבענס־אַנשויאונג״.

עס איז אפשר דאָס בעסטע וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען טאָמאַס מאַן.

שפּאַצירגענג, וועגען, שליאַכען, סטעזשקעס — אַרום און צו אַ לעבענס־אַנשויאונג. און — וואָס פּאַר אַ שווערע, האַרטע, אויס־מאַטערנדיגע אַרבייט דאָס איז, אַט אַזאַ „שפּאַצירען״. עס איז אַ שפּאַצירגאַנג פון אַ געפאַנגענעם, וואָס ווערט געצוואונגען, ניט פון אַ פרייען, וואָס קאַן זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון ליגען און רוהען.

כמעט מיט דעם ערשטען ראָמאַן, וואָס טאָמאַס מאַן האָט אָנ־געשריבען מיט אַכט־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, דעם ראָמאַן וואָס האָט איהם תיכף געמאַכט אַ נאָמען און אַוועקגעשטעלט איהם אין די ערשטע רייהען פון דער וועלט־ליטעראַטור — דער ראָמאַן „די בודענבראָקס״ — האָט מאַן אָנגעהויבען זיין שפּאַציר, זיין וואַנ־דערונג.

דער זוהן פון אַ ליבעקער סוחר, דער יורש פון אַן אַלטער, בכבוד׳יגער „פּאַטריציער״־פאַמיליע, אַן עכטער, צפון׳דיגער״ גער־מאַנישער מענש. אַן עכטער? אַ גאַנצער? צפון־בלאָנד־דייטש? ניין, ניט אַזוי. פּאַרקעהרט, זעהר ברונעט, זעהר דרום׳דיג אין אויסזעהן — און זעהר אומ׳צפון׳דיג און אומדייטש אין בלוט. מחמת — ער איז אייגענטליך צום טייל — אַ קרעאָל. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון בראַזיליע, די טאָכטער פון אַ דייטש און אַ בראַזי־ליאַנישער קרעאָלין. און בייזע אַנטיסעמיטישע צינגער זאָגען, אַז די דאָזיגע „קרעאָלין״ פון בראַזיליע איז ניט מעהר און ניט ווייני־גער ווי אַ פּאָרטוגעזישע אידישע טאָכטער.

עס קאָן זיין יאָ, עס קאָן זיין ניט. בראַזילישע פּאָרטוגעזען זיינען געוועהנליך פון אידישען שורש, אַמאָליגע מאַראַנען.

אָבער וואָס איז דער חילוק? וויכטיג אָבער איז, אַז טאָמאַס מאַן איז ניט אַזוי עכט־דייטש ווי ער וואָלט עס געוואָלט זיין, אַז אין איהם קעמפען צוויי ראַסען, צוויי בלוט־טענדענצען, צוויי וועל־טען: דער קאַלטער, פאַרנעפּעלטער צפון און דער הייסער, שטראַלענדער דרום — ליבעק מיט ריאָ־דע־זשאַנעיראָ.

יעקב וואַסערמאַן דערצעהלט אין זיין עסעי וועגען דעם באַ־ריהמטען דייטשען מוזיקער פערוטשאָ בוזאָני — ווי אַט דער בלאָנ־

דער, גערמאַניש־אויסזעהענדיגער מענש, האָט געפיהרט אַן אומ־ברחמנות׳דיגען קאַמף מיט זיך אַליין — פאַר זיין דייטשער איי־גענאַרט. ער האָט געוואָלט זיין דייטש, ער האָט זיך אַריינגעביסען אין דער דייטשער קולטור — אָבער ער איז פאַרט געווען דער זוהן פון אַן איטאַליענער און פון אַ דייטשער מוטער. ער האָט געקעמפט אין זיך אַקעגען דעם פאָטער — און דער קאַמף האָט פאַרביטערט זיין לעבען.

טאָמאַס מאַן מוז קעמפען זיין גאַנץ לעבען אַקעגען דער „מו־טער" אַקעגען דעם דרום אין זיין בלוט. און אפשר דערפאַר איז איהם דער וועג צו דער וועלט אַזוי שווער. ער זעהט דעם ציל — אָבער עפּעס אין איהם לאָזט איהם ניט צוקומען צו איהם. ער איז אַ געפאַנגענער פון זיין אייגענעם ווילען.

און ער באַמערקט אפשר אַליין ניט, אַז אין איהם לעבען צוויי מענשען, אַז ער שטעהט פאַר דעם לעבען אַרום איהם ווי אַ האַלב־פרעמדער, און זעהט דאָס וואָס די „גאַנצע" קאָנען גאָר ניט זעהן. ער האָט דערזעהן דעם אונטערגאַנג פון דעם דייטשען „בירגער", ד. ה. פון דער גאַנצער אַלטער, איינגעוואָרצעלטער דייטשער קול־טור, אָט דער „פרומער", ערד־פאַרוואָקסענער, בלוי־בלוטיגער, סענטימענטאַלער און נאַאיווער. ער האָט געזעהן, ווי דאָס נייע לעבען האָט צעבראָכען דעם דייטשען מענשען, און דער רעזולטאַט פון זיין זעהונג איז געווען: „די בודענבראָקס" — די געשיכטע פון אַן אַלטער דייטשער משפחה אין דער גרייז־גרויער ליבעק, אין זיין היים־שטאָדט.

דער פאַרנעהם — ווי אין זאָלאַ׳ס „רוגאָן־מאַקאַר", ווי אין גאַלסוואָרטי׳ס „פאָרסייט סאַגאַ" — אָבער ניט נאָר די טעכניק איז אַן אַנדערע, נאָר אויך דער גאַנצער טאָן, דער צוגאַנג און דער אויסגאַנגס־פּונקט. ביי זאָלאַ׳ן איז דאָס נאַטוראַליזם — צוליב „נייגיר", ביי גאַלסוואָרטי׳ן — אַ לאַנג־אויסגעצויגענער עפּאָס פון דעם ענגלישען בירגערטום — ביי טאָמאַס מאַן דער טראַגישער געפיהל פון דעם אומפאַרמיידליכען סוף פון אַלצדינג וואָס לעבט, פון יעדער מענשליכער פאָרם. דער סוף — וואָס קומט דורך פאַר־פיינערונג, דורך פאַראיידעלונג, דורך שעהנקייט און קונסט.

וואָס איז דער קינסטלער, וואָס איז דער גייסטיגער מענש, וואָס איז קולטור — דאָס איז מאַן׳ס פּראָבלעם. איז דאָס אַלצדינג, אָט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען — בלויז אַ קונצען־מאַכען, דער

אומערנסט פון דעם לעבען, אַ מין שאַרלאַטאַנישע באַציהונג צו דער וועלט?

איז ניט דער קינסטלער, און דאָס מיינט סוף־כל־סוף דער גייסטיגער מענש — דער צעברעכער און צעשטערער פון דער גאַנצקייט?

ער שטעלט דעם פּראָבלעם נאָכאַמאָל און אין אַ וואונדערבאַר צאַרטער, אַזוי אַטעם־פאַרכאַפּענדער פאָרם אין זיין מייסטער־ווערק „דער טויט אין ווענעציע". אַ נאָוועלע וואָס איז געשריבען בלויז פאַר געקליבענע, נאָר פאַר די וואָס שטעהען שוין אויף דעם הויכען באַרג, פאַר רייפע מענשען און פאַר די וואָס מיינען עס זעהר ערנסט מיט דעם „גייסט".

גוסטאַוו פאָן אַשענבאַך — דער „העלד" פון דער דערצעהלונג — איז אַ באַריהמטער שריפטשטעלער. איינער פון די וואָס „האָבען זיך געצוואונגען" צו אָרדענונג. אַ שאַפענדער, וואָס האָט געפונען די פאָרם אין דער כאַאָטישער וועלט.

און אָט קומט ער קיין ווענעציע. און דאָרט וואַרט אויף איהם זיין שיקזאַל. ער טרעפט אַ פּוילישען יונגענמאַן — טאַדזשו. אַ שעהנע מאַרמאָר־סטאַטוע פון פלייש און בלוט. אַן אַפּאָלאָן־גע־שטאַלט וואָס אָטעמט און געהט.

גייסט טרעפט זיך מיט אור־שעהנקייט, פאָרם מיט כאַאָס, עס וואַכען־אויף טונקעלע, שווערע, אומריינע ליידענשאַפטען אין דעם דיכטער אַשענבאַך. און ער קאָן ניט זיגען, ער שטאַרבט — אין ווענעציע. ווייל „זיין נשמה האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אומריינ־קייט און דעם אויפשטורם פון אונטערגאַנג". און אָט אַזוי זיצט דער דיכטער טאָמאַס מאַן און ראַנגעלט זיך מיט דעם כאַאָס — און קעמפט דעם שווערען, אויפהויבענדען קאַמף פון גייסט, פון קולטור.

ער שרייבט נאָך דער מלחמה־צייט זיינע „באַטראַכטונגען פון אַן אומפּאָליטישען". ווידערשפּרוכען, צעריסענקייט, אומזיכערקייט, זוכעניש. ער קעמפט דאָרט אַקעגען דער „דעמאָקראַטיע", אַקעגען דער פרייהייט — אַקעגען דער „ציוויליזאַציע" און פאַר דער קול־טור, דער אַלטער „דייטשער פרומקייט און גאַנצקייט".

און ווייסט אַליין, אַז ער איז אומגערעכט. ער פאַרשטעהט עס זעהר באַלד און ווערט אַ געגנער פון זיך אַליין —אַן אַפּאָסטעל פון

דער דעמאָקראַטיע און פרייהייט און פון דער רעפּובליק. האָט זיין „דרום־בלוט" סוף כל סוף געזיגט?

און ווידער אַמאָל — אַ נייער וועג צום גייסט, אַ דיספּוט וועגן קולטור און איהרע פונדאַמענטען — זיין לעצטער גרויסער ראָמאַן „דער כישוף־באַרג", דער ראָמאַן פון אַ קראַנקער וועלט.

אַן אומגעהייערער פאַרנעהם: אויסמאָלען די גאַנצע מאָדערנע וועלט אין דער פאָרם פון אַ סאַניטאַריום פאַר לונגען־קראַנקע אויף אַ הויכען באַרג אין דער שווייץ.

מאַטעריע קעמפט דאָרט אַקעגען אונטערגאַנג. ריכטיגער — דער גייסט קעמפט אַקעגען דער מאַטעריע. זי — די צעלע, די פאַרבאָרגענע — וואָס ווייסט זי? זי וואַקסט, זי לעבט, זי געהט צו גרונט. סטיכיש, קאָסמיש, אומבאַוואוסטזיניק. אָבער דער גייסט וויל ניט זיין סטיכיש. ער וויל ניט טויט — ער וויל הערשען, פורעמען. ער, ווידער איז לעבען. דער ווילען צו לעבען.

און די קראַנקע מאַטעריע געפינט איהר פאַרגיטיגונג און איהר פּיין אין דעם לעבעדיגען, קיינמאָל ניט רוהענדיגען גייסט. די גאַנצע קולטור פון אונזער צייט שטעהט דאָרט ווי פאַר דעם בית־דין. די פאָרם — דער כאַאָס און די פאַרוואונדערונג.

דריי טיפּען: דער איטאַליענער סעטעמבריני — אַ ליבעראַל, דער מענש פון מאָס און פאָרם, דער איד, אַ משומד, אַ שוחט'ס אַ זוהן פון גאַליציע און דערנאָך אַ פאַנאַטישער יעזואיט, לעאָן נאַפטאַ, אַ מין טראָצקי פּלוס וואָסערמאַן, אַן אַנאַרכיסטישער מענש, וואָס מוז אונטערגראָבען, ווייל ער זעהט אַלצדינג אַזוי שרעקליך קלאָר, און ווייל אַזוי קלאָר, אויך טראַגיש־ציניש, — און דער דריטער, דער דייטש האַנז קאַסטראָפּ, אַ פראַגע־צייכען, די בריק צווישעןביידע. אַ בריק וואָס איז ניט פאַרפעסטיגט — און מוז איינפאַלען.

און אַזוי ווערט עס: דער אידישער יעזואיט און וועלט־אַנ־צינדער נאַפטאַ שיסט זיך אַריין אַ קויל אין קאָפּ — דער דייטש קאַסטראָפּ פאַלט אין מלחמה, בלויז דער איטאַליענער סעטעמבריני בלייבט ווייטער אויף דעם באַרג — אַ קראַנקער, אַ מידער, און וואַרט אויפ'ן טויט.

און טאָמאַס מאַן פאַרענדיגט זיין ראָמאַן מיט די ווערטער: „ווערט אַמאָל פון דעם דאָזיגען וועלט־יום־טוב פון טויט, פון דער שרעקליכער שריפה, אַרויסוואַקסען די ליבע?"

טאָמאַס מאַן

די אַלטע, די אייביגע פראַגע. די פראַגע פון יעדען גייסטיגען מענשען, וואָס ראַנגעלט זיך מיט דער וועלט.
טאָמאַס מאַן האָט זי פאָרמולירט אויפ׳ס ניי — אין אַ ראַפינירטער, שווערער, האַרבער קינסטלער־פאָרם.

און ווייל אַזוי האַרב און שווער און טיף־ערנסט — אַ פיהרער אין גייסט, און גייסט איז מעהר ווי טאַלאַנט, און מעהר ווי קונסט. עס איז — קולטור פון טיפקייט און פון הויכע בערג. עס איז די גרויסע ליניע.

נאָוועמבער 17, 1929

„יוסף און זיינע ברידער״

צו דעם קאַרדינאַל רישעליע, אָדער קאַרדינאַל מאַזאַרען, איך געדענק ניט אַקוראַט, איז אַמאָל געקומען — אַזוי דערציילט אַן אַלטער פראַנצויזישער אַנעקדאָט — אַ פאַראַרימטער עדעלמאַן, און האָט ביי איהם געבעטען אַ שטעלע. דער קאַרדינאַל האָט אָפּגע־זאָגט. טענה׳ט צו איהם דער עדעלמאַן: „אָבער, עמינענץ, איך מוז דאָך לעבען״. ענטפערט דער קאַרדינאַל — „איך זעה ניט איין די נויטווענדיגקייט״. דאָס איז דער געזונטער, נאָרמאַלער, גאַנצער און ניכטערער מענש. איך אין דעם צענטער, נויטווענדיג בלויז דאָס וואָס פאַר מיר; יעדער דו, יעדעס אַנדערש — אויסערהאַלב דער נויטווענדיגקייט. דער נאָרמאַלער מענש האָט אַ צענטער — ער אַליין. און דערפאַר אַזוי פעסט און אַזוי שטאַרק און זיכער, און זיין וועלט האָט דעם באַרימטען אַרכימעדישען הויבעל.

און אָט קומט צווישען מענשען איינער מיט אַ באַוועגליכען צענטער — איינמאָל „איך״ און איינמאָל „דו״. און מיט אַמאָל איז דאָס גאָר די גאַנצע וועלט. אָט דאָס אַבסטראַקטע, אומגעהייער גרויסע, ניט צו באַנעמענדע, אַלץ. געוויס, אַ קראַנקע פערזענליכ־קייט, אומבאַלאַנסירט, אין זיך געשפּאָלטען. אָבער ער איז דער איינציגער, וואָס זעהט דאָס וואָס דער קאַרדינאַל האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן, די נויטווענדיגקייט פון דעם דו, פון דעם ער, פון דעם אַנדערן. דער מענש, וואָס האָט זיך אַזוי געקאָנט אַריינלעבען אין דעם וואָס איז ניט ער, אין פרעמדקייט, אין אַנדערש זיין, אַז ער איז געוואָרען אַ מין פונקט פון פאַראייניגונג פון אַלע פראַגמענטען, פון די אַלע שטויבעלעך, וואָס מען רופט אָן איך, און דו, און ער, און דאָס אַלעס, וואָס מיינט, אַז עס איז באַזונדער און איז פאָרט איינס.

און וואָס איז שאַפען, אויב ניט פאַרבינדען, און צעשיידען, און ביידע נאָך אַן אינערן געזעץ, נאָך אַ נויטווענדיגקייט. דער קראַנ־קער מענש ווערט אַ שאַפער; אָבער דאָס וואָרט איז צו־גרויס און מען פאַרבייט איהם מיט אַן אַנדערען — קינסטלער. צו־גרויס

פאַר דעם קינסטלער אַליין, און וואָס געוויסענהאַפטער און טיפער ער איז, אַלץ מעהר פאַרטראַכט ער זיך וועגן דער באַרעכטיגונג און וועגן דעם אמת פון זיין אייגענעם זיין. ער לעבט זיך אריין אַזוי שטאַרק אין דער נויטווענדיגקייט פון אַלצדינג אַרום איהם, אַז זיין אייגענע נויטווענדיגקייט ווערט פאַר איהם אַ פּראָבלעם, עס ווערט איהם שווער און ער אַליין ווערט שווער אין זיין דענקען און אין זיין פיהלען, און אויך אין זיין פאָרם. עס איז מעגליך, אַז גראַד דאָס, אַט דער שטריך, אַט די שווערקייט פון צוגאַנג און פון אויסדרוק פאַרכאַפּט מיך און מן הסתם אויך אַנדערע, אין דעם אייגנאַרטיגען קינסטלער טאָמאָס מאַן.

אַ סטיל, וואָס האָט כמעט ניט זיין גלייכען אין דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. לאַנג געצויגענע זאַצען, אַ שפּראַך אָהן פּאַטאָס, אָהן ליריק, אָהן אויסערליכער שעהנקייט, אָפט מער די שפּראַך פון אַ טראַקטאַט איידער פון אַ ראָמאַן, נעהנטער צו דעם סטיל פון אַ פילאָזאָף איידער פון אַ קינסטלער. און דאָך, יעדע געשטאַלט גענזעהן אין אַלע איהרע דעטאַלען, ווי דורך אַ מיקראָסקאָפּ; פאַנאַנדערגעפלאָנטערט אַ דערשיינונג, און קיין איינ־ציגען פאָדים דערנאָך ניט פאַרגעסען. הונדערטער טויזענטער ווערטער און, דאַכט זיך, קיין איין־איינציג וואָרט ניט איבעריג, אַלע מיט איין כונה, טראָפּען צו טראָפּען — און אַ טייך.

אַריינגעקומען אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק — טאָמאַס מאַן ווערט איצט אַלט זעכציג יאָהר — מיט דעם ראָמאַן „די בודענבראָקס", דעם ראָמאַן פון צעפאַל. ער האָט זיך געשטעלט אַ פּראָבלעם, די דעקאַדענץ פון אַ לעבענס־שטייגער, דער צעפאַל פון בירגערליכקייט; דאָס הייסט, לעבען ווערט דעקאַדענץ, פאַרלירט זיין אורשפּרינגליכע קראַפט און זיין נויטווענדיגקייט, ווען דערפירט ביז צו דער בירגערליכער פאָרם, ביז צו דעם „עטאָס", דער מידה, דער מאָראַל. און אַט אַזוי געהט די ליניע. לכתחילה דער כאַאָס, שפּריצט אַרויס פון איהם אַ מעכטיגער לעבענסשטראַל, שיילט זיך אויס אַ פּערזענליכקייט און שאַפט פאַר זיך אַ וועג, מאַכט דעם געזעץ, און געזעץ ווערט דער ווילען פון דעם איינצעלנעם. דערנאָך צעטיילט עס זיך, ווייל עס צעשפּרייט זיך דער לעבענסשטראַל. עס ווערט אַ פאַנטאַן, עס ווערט אַ רעגעל, אַ געוואוינהייט, אַ שטייגער, און די אור־שפּרינגליכע ענערגיע שעפּט זיך אויס.

אַזוי דער פּראָבלעם פון „די בודענבראָקס״, דער פּראָבלעם פון דער מאָראַל און פון דער געזעלשאַפט, דער בירגערליכער, ציוויליזירטער געזעלשאַפט.

דער קינסטלער שטעלט זיך די פראַגע: וואו איז מיין נויטווענדיגקייט, וואָס איז די נויטווענדיגקייט פון אַט דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון געדאַנקען און פון מידות, פון געוואוינהייטען און פון שטייגערס, וואָס מען רופט־אָן קולטור? זיינען זיי אַלע באַרעכטיגט, האָבען זיי אַ ממשות, אָדער איז עס בלויז אַ נעץ פון ווערטער, וואו מיר האָבען זיך פאַרשפונען? האָבען די ווערטער אַ ווערט, אָדער זיי זיינען ניט מער ווי זייפענבלאָזען אין דער לופטען? „איך שטעה צווישען צוויי וועלטען, פיהל זיך ניט היימיש אין קיינער פון זיי, און עס איז מיר אַביסעל שווער״. אַזוי זאָגט טאָניאָ קרעגער אין טאָמאַס מאַנ׳ס באַוואוסטער דערציילונג. דער מענש, וואָס איז אַ שאַרלאַטאַן און אַ קינסטלער, אַן אויפריכטיגער און אַן אָפּנאַרער אין דער אייגענער צייט; אַזוי זאָגט טאָמאַס מאַן. און עס איז איהם אַזוי שווער, אַז ער דערפירט דעם פּראָבלעם צו אַ טראַגישען סוף אין אַן אַנדער דערציילונג, אַט דער וואונדערבאַר געטאָקטער, שפּראַכליך און פאָרמעל געשליפענער נאָוועלע „דער טויט אין ווענעציע״. דאָרט דערציילט ער וועגען אַ קינסטלער, גוסטאַוו אַשענבאַך, אַ דיכטער און אַ לערער, אַ רייפער מייסטער. צופרידען מיט זיך אַליין און די וועלט מיט איהם. און אַט פּלוצלינג דערפיהלט ער, עס רייסט זיך אַריין אין זיין לעבען, דעם אַזוי איינגעאָרדענטען, דעם עטישען, די ברוטאַלע מאַכט פון ליידענשאַפט, פון אומגעזעצליכקייט, פון אומנאָרמאַלקייט. ער פאַרליבט זיך אין אַ יונגענמאַן. און ער דערזעהט פאַר זיך דעם תהום, די אַלע ווידערשפּרוכען פון דער נאַטור, די אומנויטווענדיגקייט פון אַלע אונזערע ווערטען, די אוממעגליכקייט פון יעדער גאַנצקייט. דאָס אַלץ ווערט אַזאַ שווערע לאַסט אויף דעם קינסטלער, אויף דעם קולטור מענשען, גוסטאַוו אַשענבאַך, אַז ער געפינט ניט קיין אַנדער אויסוועג, ווי די צעשיידונג מיט׳ן לעבען. ער געהט אַריין אין דעם ים, געהט ווייטער און ווייטער, איבער די קני, איבער דעם קאָפּ, ביז ער פאַרשווינדט אין די כוואַליעס. אויף דעם אָפּגרונט פון דעם זיין וויל ער געפינען דעם גרונט פון דעם לעבען.

און ווידער רוקט זיך אַוועק דער מיטעלפּונקט. אַשענבאַך האָט אפשר געפונען דעם לעצטען ענטפער; טאָמאַס מאַן — ניט. כל־

זמן ער לעבט, כל־זמן דער מענש, יעדער מענש, לעבט, קומט פראַגע און ענטפער, און נאָך אַמאָל, מיט עקשנות. תמיד די אייגענע פראַגע און שטענדיג אַ נייער ענטפער. און ווייל ער ווייסט, אַז ביידע, פראַגע און ענטפער, זיינען בלויז דער איינציגער צוויי־געזאַנג; ריכטיגער, אַז זיי ביידע טאַנצען מיט פאַרפלאָכטענע הענט אַ דועט אַרום דער אייזערנער נויטוועגדיגקייט, דערפאַר און דערפון די איראָניע.

איראָניע מיינט — שטעהן פון אַ זייט, אפילו פון זיך אַליין. דער אמת׳ער איראָניקער איז אַ מין מאָנסטער, ער האָט צוויי פּאָר אויגען — די צוויי מענשליכע אויגען, וואָס קוקען אין דער וועלט אַריין, און צוויי אויגען אין דעם הינטער־קאָפּ, וואָס עגבערען זיך אַריין אין דעם מאַרך, אין די פּסיכישע פּראָצעסען. ער, דער אי־ראָניקער, זעהט ניט בלויז דאָס געזעהענע, נאָר דאָס זעהען, און לאָזט ניט צו, אַז אַ כימערע זאָל ווערען רעאָל, אַז אַן איינבילדונג אָדער אַ פאָרשטעלונג זאָל ווערען ווירקליך. און אָט אַזאַ מייסטער־ווערק פון איראָניע שאַפט טאָמאַס מאַן אין זיין „צויבערבערג“.

שוין דער איינפאַל אַליין. די גאַנצע קולטור וועלט אויסגע־מאָלען אין פאָרמען, אין סימבאָלען פון קראַנקהייט. אַ סאַנאַטאָריע אויף אַ באַרג, לונגען־קראַנקע ראַנגלען זיך מיט׳ן טויט, געניסען דאָס לעבען, אומעטיג, אָפּגעזונדערט, און דערפאַר איז דאָס גאַנצע לעבען ביי זיי אַזוי פאַרטיפט. יעדעס וואָרט, טאַקע ווייל עס בלייבט זיי אַזוי ווייניג, באַקומט אַ מעטאַל־קלאַנג און שווערגעוויכט. גאַנץ אייראָפּע געהט דאָרט פאַרביי. האַנס קאַסטראָפּ, דער דייטש; סע־טעמבריני, דער מערב־מענש פון לאַטייניש׳ער קולטור; קלאַוודיאַ, רוסיש־אַזיאַטיש; נאַפטאַ, דער איד — אַלערליי געשטאַלטען און אַלע אין אַ טויטען־טאַנץ, אין אַ שלייער־טאַנץ ביי דעם אָפּגרונט. און איבער די אַלע ווידערשפּרוכען און דער גאַנצער פּאָלעפּאָניש־קייט פון דעם טויט־קראַנקען און אייגענטליך נאָרמאַלען — ווייל וואָס איז דאָס לעבען בכלל, אויב ניט קיין שפּיגעל־טאַנץ מיט׳ן טויט — שוועבט די פיינע, טרויעריג־שמייכלענדיגע איראָניע פון טאָמאַס מאַן. האַנס קאַסטראָפּ שטעהט ביי דעם בעט פון זיין טויטען שוועסטערקינד, יאָאַכים, און — ער ווינט. „אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז אין די דאָזיגע טרערען איז געווען אַביסעל „מוקוס און אַלבומין“. האַנס קאַסטראָפּ—טאָמאַס מאַן—ווייסט דעם סוד פון טרערען, און ווייסט, אַז זיי זיינען אויך אַ פיזיאָלאָגישער

פּראַצעס, און מען דאַרף זיך ניט איבערנעמען מיט דעם טראַגישען געפיהל און מען דאַרף זיך ניט גרויסען מיט ענטוזיאַזם. סוף כל סוף — מוקוס און אַלבומין.

עס קומט די מלחמה, די נאָך־מלחמה צייט. אַ גאַנצע וועלט צעפּלאַכטען, צעשויבערט, פונאַנדער, און טאָמאַס מאַן פאַרלירט זיך אין איהר. ווייל ער וויל זיך אין איהר געפינען, ווערט ער אין איהר פאַרבלאָנדזשעט, ווייל ער וויל שלום־מאַכען מיט אַ גע־וויסען עטאָס, מיט אַ לעבענסשטייגער, פאַרלירט ער זיין וועג. און ער הויבט־אָן אויך זיך צו וואונדערען און צו פרעגען: איז דאָ אַ נויטוועגדיגקייט? איז דאָ אַ צופאַל? וואָס איז דאָס?

און דער קינסטלער זוכט דעם וועג אויף צוריק, צו דער יוגענט, צו דער פרישקייט, צו די צייטען, ווען דאָס אַלץ, וואָס איז פאַר אונז ווי אַן אָפּגעטראָגען קלייד, איז נאָך געווען אַ נייער גע־וועב, אָדער אפשר נאָך מער — אַ פרישער פלאַנץ, וואָס האָט געזאָלט ווערען אַ געוועב. ווייל אַ קינסטלער, ווי טאָמאַס מאַן, מוז זיך פרעגען ביי יעדען ווערק זיינעם: פאַרוואָס? ווי איז ער צו איהם געקומען? פאַרוואָס האָט ער איהם געשריבען? ער איז ניט דער גלאַט־דערציילער, מעשיות־שפּינער, אויסטראַכטער. ער באַזיצט ניט די געטהע׳ש לוסט צו פאַבולירען, די תאוה פון אויסטראַכטען. ביי איהם איז אַלצדינג צוויי־געשפּרעך און צוויי־געזאַנג. טאָמאַס מאַן האָט צוגעלייגט זיין אויער צו דעם אַלטען קוואַל און געוואָלט דערהערען דעם אורקלאַנג, און האָט דערציילט וואָס ער האָט דערהערט, אויף אַ וואונדערליכען אופן, אַזוי ניי און פריש, ווי קיינער ניט פאַר איהם, אין דעם ראָמאַן — ניין, דאָס וואָרט פּאַסט ניט — אין דעם פּסיכאָלאָגיש־איראָנישען עפּאָס, „יוסף און זיינע ברידער".

עס איז אייגענטליך ניט מער ווי די אַזוי גוט באַקאַנטע לע־גענדע פון מכירת יוסף, אָט די ביבלישע מעשה, וואָס זי איז דער־נאָך געוואָרען אויסגעברייט און אויסגעפּוצט פון די פאַרשיעדענע מדרשים און לעגענדעס. גאַרניט צוגעגעבען, גאַרניט גענומען. אָבער די פאָרם, און די פאַרטיפונג!

עס האָט מיך אָפט געוואונדערט, פאַרוואָס האָבען אידען אַזוי ווייניג ביבלישע ליטעראַטור. וואונדערליכע טעמעס, פאַרטיגע בילדער, גרויסאַרטיגע געשטאַלטען, און די אידישע האַנט רירט זיך צו זיי ניט צו. די גריכען האָבען אין זייער לעגענדען־אוצר געהאַט

ניט מער ווי דריי אָדער פיער טעמעס — עדיפּ, אַגאַמעמנאָן, מע־דעאַ; דאָס הייסט, פאָטער־פּראָבלעם, הערשאַפט, ליבע, און אַרום די דאָזיגע דריי פּראָבלעמען, און אַרום די דאָזיגע דריי טעמעס האָט אויפגעבליהט אַ געוואַלדיגע דראַמאַטורגיע. יעדע דראַמע פון עס־כיל, סאָפאָקל אָדער עווריפּיד ניט מער ווי אַ וואַריאַציע אויף איי־נער פון די דאָזיגע טעמעס. אַן אומדערשעפּליכער קוואַל פאַר דער ווייטערער אייראָפּייאישער ליטעראַטור.

ביי אידען אָבער אַ מילגרוים־פול מיט טעמעס און די קערנער צעפּאַלען און קיינער הויבט זיי ניט אויף. און רירט זיך צו אַ מאָ־דערנער איד צו אַ ביבלישער טעמע, ווערט זי סענטימענטאַל־פּאַ־טעטיש־נאַציאָנאַל, רעליגיעז; אָבער דאָס מענשליכע פעהלט — דאָס אייביג־מענשליכע, אַט ווי, צום ביישפּיל, אין ריכאַרד בער־האָפמאַנ'ס דראַמע „יעקב'ס חלום". היסטאָרישע מעטאַפיזיק, רע־ליגיעזער פּאַטאָס, אָבער יעקב דער מענש ווערט פאַרנעפּלט, ווערט פאַרשוואונדען, און מען ווייסט ניט צוליב וואָס דאַרף מען איהם אַריבערטראָגען פון דער אַלטער, פרישער, מזרח'דיגער בלויקייט אין דער צפונ'דיגער גרויקייט. אויב שוין לעגענדע, איז דאָך די ביבלישע די מעגליכסטע. אַזוי קורץ און פול מיט אָנדייטונגען, מיט מעגליכקייטען. אידען האָבען ניט קיין דיסטאַנץ צו דער ביבעל און צו זיך אַליין. זיי זיינען אַזוי נאָהענט, אַז זיי פיהלען ניט די פרישקייט, די מאָרגענדיגקייט פון דער ביבעל. מיר זעהען אברהם, יצחק און יעקב מיט היינטיגע אויגן. פאַר אונז זיינען זיי אויך די געפלאָגטע און אַלטע; מיר זעהען זיי שוין אין אונזער צער, אין אונזער אַלטקייט און ניט אין זייער יוגענטליכער פרישקייט, ווען זיי זיינען יונג געווען אָהן אַן אָנהויב.

טאָמאַס מאַן האָט דיסטאַנץ. פאַר איהם איז די ביבעל דער ערשטער קנויל־פּונקט פון דער היינטיגער מערב'דיגער וועלט־גע־שיכטע, דער ערשטער שפּראָץ. אַלט ווי די וועלט זאָל ניט זיין, גרייז־גרוי שוין דעמאָלט, ווען אברהם איז אַרויס פון אור כשדים, דאָרט ביי דעם מיטלענדישען ים, אין כנען, ביי חברון, איז געווען אַן אָפּשטעל. די וועלט־געשיכטע האָט זיך פאַרקירעוועט, און טאָ־מאָס מאַן וויל זי זעהן נאָך אַמאָל אין איהר ערשטען דרעה אויף אַ נייעם וועג, אין איהר ערשטער, נאָך ניט אויטאָמאַטיש־געוואָרע־נער באַוועגונג. „זעהט, אַ שאָטענדיגע לבנה־נאַכט איבער אַ שטיי־לער, קליינבאַרגיגער לאַנדשאַפט. פיהלט די מילדע פרישקייט פון

אַן אויסגעשטערנטער פרילינג־נאַכט״. אַזוי פאַרענדיגט ער דעם פראָלאָג צו די געשיכטען פון יעקב. און ער דערציילט זיי אונז, די חלומות פון יעקב, זיינע זכרונות; אַט אַזוי ווי יעקב אַליין דער־ציילט זיי, זיצענדיג אונטער דעם „הייליגען בוים״, אין אַ פרילינג־אָוונט, אויף אַ בערגעל צום צפון פון חברון, צו מזרח פון דעם וועג, וואָס פירט פון ירושלים — דערציילט זיי צו זיין זיבעצען־יעריגען זוהן יוסף, זיין אויג אין קאָפּ, דער זוהן פון זיין עלטער, דער זוהן פון זיין ליבע. „דומוצו״, קינדעלע, אַזוי האָט איהם יעקב גערופען, אַזוי האָט איהם רחל גערופען אין זייער באַבילאָנישער שפּראַך. יוסף, שעהן ווי אַ חלום, קלוג, געניט אין אַלע וויסענשאַפ־טען פון זיין צייט און מיט אַלע פעלערען און מעלות פון אַ קינסט־לער. און דער גרעסטער פעלער איז — צופיל געזעהן, צו־ווייניג געשוויגען. אַלצדינג דערציילט און אַלצדינג געפאַרבט.

טאָמאָס מאַן שפּריים אויס פאַר אונז די געצעלטען פון יעקב און זיינע זיהן, ווייבער און קינדער, טשערעדעס, טאָג־לעבען און נאַכט־לעבען, זאָרג און פרייד, שווערע שאָטענס פון דער צוקונפט, וואָס גנב׳ען זיך אַריין אין דעם אידילישען לעבען, און דעם אומבאַ־גרייפליכען שיקזאַל, וואָס לויערט איבער די געצעלטען פון יעקב. אַ לעבען פון פשטות, און זעלבסטפאַרשטענדליכקייט און פון אומ־פאַרשטענדיגקייט. עפּעס פיהלט זיך אין דער לופט, אַז אַ שטריק ווערט געדרעהט. אַ שיקזאַל ווערט פאַרקנוילט און קיינער ווייסט דאָך ניט וואָס, די ערשטע סטראָפע פון אַ ליד, וואָס ציהט זיך אין אומענדליכקייט.

קאַפּיטעל נאָך קאַפּיטעל דערציילט אונז טאָמאָס מאַן די ביב־לישע לעגענדע, און ווען מען קומט צו יעקב׳ן מיט דער שווערער בשורה וועגען יוספ׳ס פאַרשווינדען אין דעם מדבר, טרויערט יעקב, און זיין טרויער פאַרגעהט, ווייל שטיל דאָס לעבען אַרום איהם און אומטראַגיש. אָבער, „אָך, פרומער זקן, האָסטו גע־פיהלט, וואָס פאַר אַ טומעל עס איז פאַרבאָרגען אונטער דעם שוויי־גען פון דיין וואונדערליך־גרויסען גאָט? און ווי דיין נשמה וועט צעריסען ווערען אין אַן אומבאַגרייפליכען גליק? ווען דו ביזט גע־ווען נאָך יונג פון גוף, האָט דיר דער מאָרגען געוויזען דיין גרעס־טען גליק, ווי אַ חלום און אַן אילוזיע! דו וועסט מוזען ווערען זעהר אַלט, כדי צו פאַרשטעהן, אַז אויך דיין ביטערסטער צער איז אויך אַ חלום און אַן אילוזיע״.

אַט אַזוי שליסט טאָמאַס מאַן דעם צווייטען באַנד פון דעם ראָמאַן, דער שלוס־אַקאָרד פון זיין בוך, דער שליסעל צו דעם „צוליב וואָס?״.

אין פרילינג פון דער געשיכטע און אין ווינטער, אין יעקב׳ס געצעלטען אָדער אין די שטיינערנע מדבריות פון די שטעט פון היינט, שטענדיג פרייד און לייד, אילוזיע און חלום, און זיי גלייכען זיך אויס.

טאָמאַס מאַן זוכט אַן אויסגלייך אין דעם לעבען, פאַר אונזער לעבען, ווייט געגאַנגען ביז בית־אל. ביז חברון און צוריקגעקומען: אייביג מדבר און אָאַזיס, און איבער אַלץ דעם דער מיראַזש. אין חלום געשיכטע געבוירען, אין חלום דער קנויל צעריסען, נאָך אַמאָל וועלען די פעדים זיך צוזאַמענעמען און דער אייביגער שפיל אויפסניי. יעקב׳ס געצעלטען שטעהען נאָך אַלץ.

יוני 8, 1935

אויף דעם פאַרשטויסענעם שטערן

יעקב וואַסערמאַנ'ען אויפ'ן קבר

„דאָס וואָס איהר וועט לייענען איז אויפגעשריבען געוואָרען פון דעם ריטער וואָס איז געוואָרען מאַנאַך דאָמינגאָ דע מאַריאָ לוסע, אין אַ מאָנאַסטיר פון דער שטאָדט לימאָ, וואו ער האָט געזוכט זיך צו באַהאַלטען און דערוויטערען פון דער וועלט — דרייצעהן יאָהר נאָך דער עראָבערונג פון דעם לאַנד פּערו."

אַזוי הויבט זיך אָן די קונציגע, די קינסטלעריש ריינע ער־צעהלונג פון יעקב וואַסערמאַן, „דאָס גאָלד פון קאַשאַמאַלקאַ", אַ געשיכטע פון רויב און גלוסטעניש, פון גאָלד און פאַרברעכען, פון מענשליכער תאוה און אייביגער מענשליכער נידערדיגקייט.

און ער פאַרענדיגט דער ריטערליכער מאַנאַך די געשיכטע אַזוי:

„איך האָב געזעהן דעם טויט אין יעדער געשטאַלט ווי ער באַ־וויזט זיך אויף דער ערד. איך האָב געזעהן ווי פריינד שטאַרבען און פיהרער פאַלען און פעלקער געהען צוגרונט. און ווי גליק בייט זיך און האָפענונג נאַרט־אָפּ. יעדער געטראַנק איז געווען ביטער און אין יעדען מאכל איז געווען אַ סם, קריגעריי צווישען מענשען, און אַפילו די אויפגעקלערטע — נאַריש. איבער דער שמערץ־באַלאַדענער ערד קייקעלט זיך די אכזריות'דיגע, גלייכגיל־טיגע צייט. און יעדער האָבען איז גאָרנישט, און אויך די אייביגקייט פון דעם זיין —נישטיג. און אַ פאַרלאַנג נאָך אַן אַנדער שטערן האָט מיך אַרומגענומען. אָבער ניין, דער שטערן וואו איך לעב איז אפשר פאַרשטויסען פון גאָט."

עס איז קהלת? עס איז דער אַלטער „הבל הבלים"־מאָטיוו? מעגליך. און דאָך פאַרשיידען. קהלת איז ניט קיין מאָראַליסט. קהלת האָפט ניט און פאַרצווייפעלט ניט. ווי די צייט, „קייקעלט ער זיך" איבער דער ערד — גלייכגילטיג. ער גלויבט ניט אין קיין שום שטערן. אַלצדינג — נישטיג. אַלצדינג — איהר פאַר־שטעהט? הימעל און ערד און וועלטען, מעגליכע און אומעגליכע,

געוועזענע און קומענדע — ווייל אַנהויב און סוף. און וואו סוף, איז קיין זין ניטאָ פאַר דעם אָנהויב.

מען דאַרף האָבען ניט בלויז מוט — מען מוז אויך זיין אומגעהויער רוהיג און גליקליך און צופרידען — כדי צו זיין אַזאַ אָפּגרונט־טיפער פעסימיסט. נאָר אַ שלמה המלך האָט זיך געקאָנט ערלויבען אַזאַ לוקסוס.

די וואָס ליידען — די וואָס טראָגען אין זיך אַליין דעם וועה־טאָג פון דעם לעבען, די איוב׳ס — זיינען אָפּטימיסטישער, זיי שאַפען אילוזיעס. זיי ווילען גלויבען, און בויען זיך אויס אַ חלום פון אַ לעבען וואָס איז בעסער ווי דאָס ווירקליכע, פון זוניגע מעגליכקייטען, פון צויבער־לענדער, אָדער צויבער־שטערען — אויב דער גלויבען אין דער ערד איז אינגאַנצען צעשטערט.

איך ווייס ניט אַקוראַט ווען יעקב וואַסערמאַן האָט געשריבען די ערצעהלונג פון דעם מאַנאַך ראַדריגאָ און דעם גאָלד פון פערו. אָבער איך גלויב — אַז נאָך דעם ראָמאַן „כריסטיאַן וואַנשאַפע" — אַזוי לכל הפחות כראָנאָלאָגיש. „כריסטיאַן וואַנשאַפע" איז ערשינען אין 1922, די זאַמלונג „דער גייסט פון דעם וואַנדערער", וואו עס איז אַריינגענומען געוואָרען דאָס „גאָלד פון קאַשאַמאַלקאַ", איז געדרוקט אין 1923.

אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין כראָנאָלאָגיש, פסיכאָלאָגיש מוז עס זיין אַזוי. ווייל בלויז אַ ווייטערער עטאַפּ, אַ נייער שטאַפּעל אויף דעם לייטער פון דעם ראַנגלענדיגען מענשען, דעם מענשען וואָס פאַרצווייפעלט — יעקב וואַסערמאַן.

איך רעד וועגען „כריסטיאַן וואַנשאַפע" — ווייל פאַר מיר, אין מיינע אויגען, דאָס רעפּרעזענטאַטיווסטע ווערק פון יעקב וואַסערמאַן. ער האָט געשריבען ביכער פריהער, ער האָט געדרוקט ראָמאַנען שפּעטער — און די לעצטע ווערק, „דער פאַל מאָוריציוס", „עטצעל אַנדערגאַסט" און אַנדערע, האָבען געמאַכט אפשר נאָך אַ גרעסערען רושם ווי „כריסטיאַן וואַנשאַפע". און מעגליך, אַז קינסטלעריש זיינען זיי אויך בעסער קאָמפּאָנירט.

אָבער דאָס מייסטערווערק, דאָס לעבענס־ווערק, דאָס קערן־ווערק פון דעם דיכטער וואַסערמאַן איז דאָך דער ראָמאַן, וואו אַ מענש זוכט גליק און פרייד און גאַנצקייט, וויל אַרויסגראָבען דאָס מענשליכע אין דעם מענשען, צוריקגעבען איהם פרייהייט און ווערדע — שאַפט זיך אַ „וואָהן" — אַן אילוזיע, און געפינט זי ניט —

און פאַרשווינדט אין די טיפעניש פון דער געזעלשאַפט, וואו דאָס לעבען איז אָהן פּרעטענזיעס, אין דער נאַטירליכער, ברוטאַלער, פּרימיטיווער נאַקעטקייט, וואו מענשען ווילען גאָר ניט מעהר זיין ווי זיי זיינען, ד. ה. אומגליקליכע, דערנידעריגטע חיות. וואַנשאַפע האָט נאָך ניט געוואוסט פון דעם לעצטען מוז. ער האָט אפשר נאָך געמיינט, ווי די ראָמאַנטיקער, ווי גאָרקי, ווי דער אידיליקער טאָלסטאָי, אַז „נאַ דניע", אויף דעם אונטערשטען שטאַפעל, אין קעלער, דאָרט איז דער מענש געטריי צו זיך, פריי פון זיך.

געקומען אין דעם קעלער — און וואַנשאַפע האָט זיך אויסגעניכטערט פון דעם לעצטען חלום אויך. אפילו פון דער אילוזיע פון דער רעוואָלוציע אויך.

דערצעהלט וואַסערמאַן — אין דער אייגענער זאַמלונג — אַן אַנדער מעשה'לע: „די חיה". געקומען אַ טאָג, ווען די דייטשע מאַסע האָט זיך אויפגעהויבען צום קאַמף. אַ רעוואָלוציע. טויזענטער מענשען מיט בעסטיאַלישע פּנים'ער פון צעווילדעוועטע חיות זאַמלען זיך אויף די גאַסען. אָט־אָט קומט די שלאַכט, דאָס גרויסע, שרעקליכע בלוטפאַרגיסען. פאַהרט אָבער גראָד דעמאָלט פאַרביי אַ וואָגען — אַ צירק־וואָגען, און אין דעם וואָגען אַ שוואַרצער נובישער לייב. די רעוואָלוציאָנערען ווייסען ניט וועמען דער וואָגען פיהרט. שטעלען זיי איהם אָפּ, רייסען אַרונטער דעם לייוועגט פון איהם — און פאַר זיי שטעהט דער פאַרוואונדערטער לייב. מאַיעסטעטיש אין זיין פּשוט'קייט, חיה'דיגקייט, אין זיין ווילדער גרויסקייט. נאַטור און מענש האָבען זיך דערזעהן אויג צו אויג — און די מענשען זיינען פאַרגאַפט געוואָרען. זיי האָבען גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז די נאַטור קאָן זיין אַזוי גרויסאַרטיג־רוהיג, אַזוי געלאַסען און נויטווענדיג. נאַטור האָסט ניט, דער לייב וויל נאָר דאָס וואָס ער באַדאַרף — און ניט מעהר. וואָס עס קומט איהם — און ווייטער גאָרנישט. דער מענש אָבער ווייסט ניט וואו די גרעניץ איז — און איז ווילד און אומגליקליך אין זיין קנאה.

נאָך אַ טריט ווייטער אויף דעם וואַנשאַפע־וועג.

ווייטער — פון דעם מענשען. נאָך אַ האָפענונג צעבראָכען. אַלע טויערען פאַרמאַכט.

פּעסימיזם? ניין — ראָמאַנטישער מאַראַליזם.

די ערד איז ניט גוט — דער שטערן פאַרשאָלטען און פאַר־

שטויסען. ניט קוקענדיג אויף וואַלד און טייך און חיה — ווייל דער מענש, ווייל ער פאַלגט ניט זיין אייגענע נאַטור. פאַרוואָס? ווייל דער מענש, ענטפערט דער מאַנאַך ראַדריגאַ, ענטפערט דער אַסקעט, דער מוסר־גלויבער, דער מוסר־פּרעדיגער יעקב וואַסערמאַן.

און דאָרט וואו מוסר, הערט־אויף די קונסט, ד. ה. — הערט־אויף די קיהלע, זייטיגע באַציהונג צו דעם לעבען.

געוויס — עס איז ניט קיין כלל — יעדענפאַלס ניט קיין בינדענדער. אַ קינסטלער מוז דאָס זיין, אָדער עפּעס אַנדערש. פון וואַנען געדרונגען? מען קאָן זיין אַ קינסטלער — מיט דער גאַנצער קלאָרקייט פון דעם אויג, מיט דער גאַנצער פאַרשטענדעניש פאַר דעטאַל, מיט דער זיכערער האַנט פון דעם טעכניקער — און פאָרט האָבען אַ ליידענשאַפטליכע באַציהונג צו דעם לעבען און אַ פאָדערונג צו איהם.

און יעקב וואַסערמאַן איז געוועזען אַ „קענער”. דאָס גיבען־צו אפילו זיינע געגנער. דאָס לייקענען ניט אפילו די וואָס זיינען ניט מסכים מיט זיין „קינסטלערשאַפט”. איינער פון די וויניגע אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך דעם אַלטען שטייגער: ברייטע בילדער פון דער סאָציאַלער סביבה, לעבען און לעבען איינגעפלאָכטען, מענשען־שיקזאַלען צוזאַמענגעקנוילט, פאַרוויקעלט, אַ מין קאַראַהאָד פון געשטאַלטען. עס איז נוסח זאָלאַ, עס איז דער קלאַסישער ראָמאַן.

דער ראָמאַניסט פון היינט, דער מאָדערנער, דער נייער, מיידט אויס ברייטקייט, זוכט טיפקייט, דערצעהלט ניט וועגען אַ לעבען — נאָר לעבט־מיט, פון אינווייניג אַרויס, פון דעם צענטער, ניט פון דער פּעריפעריע.

וואַסערמאַנ'ס טעכניק איז אַן אַלטע, אָבער זיין פּראָבלעם, זיין צוגאַנג, זיין כונה איז — אַ נייע? ניין, דאָס איז ניט דער עיקר. עס איז גאָר ניטאָ קיין שום אידייע וואָס זאָל זיין ניי, אפילו ניט קיין שטימונג. אַלצדינג איז שוין פריהער געווען און אַלצדינג איז בלויז אַ המשך. אָבער אפילו אין דער אַלטקייט זיינען דאָ וואַריאַציעס. און איינע פון זיי איז: די פּערזענליכע באַציהונג, ד. ה. אַזוי דערפיהלען דעם פּראָבלעם, אַז ער זאָל ווערען אַן אייגענער, אַן אייגען־קוואַליגער.

יעקב וואַסערמאַנ'ס איינציגע שטערונג אויף דעם וועג צו דער

גרויס־מייסטערשאַפט, צו דער הויך־קינסטלערשאַפט איז געווען זיין לעצטע אומזיכערקייט. ערגעץ וואו, ביי אַ געוויסען פונקט, מוז דער קינסטלער זיין זיכער — מיט זיך. אין זיך ערגעץ וואו מוז דער „פילגרים״ זיין אין דער היים, אָדער אָהין דערגעהן.

וואַסערמאַן איז געווען אָהן אַ צענטער. פון די אַלע שרייבער, קינסטלער, ליטעראַטען פון דער דייטשער ליטעראַטור, איינער פון די ווייניגע — די ווייניגע וואָס באַדייטען — וואָס האָט ניט געהאַט קיין רוה. איך רייד שוין ניט פון הויפּטמאַן, אָדער פון די נאָך קלענערע, נאָר אפילו די מאַנס, טאָמאַס און היינריך, די שטאַרקע ערצעהלער, קינסטלער, מאָלער און דענקער פון דער צייט — אפילו זיי, די אומצופרידענע און מאַהנענדע, זיי אויך ניט קיין צעריסענע.

איהר לייענט דעם „צויבערבאַרג״ פון טאָמאַס מאַן און פאַר־גלייכט איהם מיט „כריסטיאַן וואַנשאַפע״ אָדער מיט „פאַל מאַו־ריציוס״, אָדער מיט אַן אַנדער ראָמאַן פון וואַסערמאַן, און זעהט דעם חילוק פון דער ערשטער שורה. פאַר טאָמאַס מאַן איז דאָס אַ „פאַרצויבערטער באַרג״ — אָט די וועלט וואו מיר לעבען. אומ־פאַרשטענדליך ווי אַלצדינג וואָס איז פאַר׳כשופ׳ט. אומלאָגיש, אומ־ווירקליך, קראַנק, שטענדיג צווישען לעבען און טויט, צווישען זיין און ניט־זיין, אָבער פאַרט: אַ כישוף איז דאָס לעבען. און אַ צויבער־געשיכטע די שאַפונג פון יעדען טאָג. טאָמאַס מאַן פּרואווט איבערצוגעבען אין די דיאַלאָגען, אין די מאָנאָלאָגען, אין די צוגע־שפּיצטע און אָפט פאַנטאַסטישע דיסקוסיעס דעם גרויסען כאָר פון ווידערשפּרוכען אין דער צייט און אין דער מענשליכער וועלט. אָפט ווייזט זיך עס אויס — עס איז „אַליס אין וואונדערלאַנד״ און איהר שמועסט מיט דזשאַבערוואָק — אָהן אַ זין און דאָך מיט אַ טיפען מיין. טאָמאַס מאַן גלויבט פאַרט אין דער וועלט און אין איהרע ווערטען. פאַר יעקב וואַסערמאַנ׳ען איז אָבער דער „כישוף״ צערונען. ער האָט ניט קיין שום אילוזיעס. אפילו ווען ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער גלויבט אין אַנדערע מעגליכקייטען — זיין שמייכעל ווייזט, אַז עס איז בלויז אַ ליטעראַרישער, אַ טעכנישער „טריק״. אין אמת׳ן — אָהן גלויבען איז זיין וועלט און אויסגעליי־דיגט פון אַלע אינהאַלטען. עס איז פאַראַן בלויז אַ פאָדערונג: עס זאָל אַנדערש זיין.

עס איז פאַראַן נאָר איין טונקעלע האָפענונג: אפשר איז עס

ערגעץ־וואו אַנדערש. אַלצדינג וואָס איז — איז. די וועלט איז ניט גוט און ניט שלעכט, זי איז. מענשען ווילען זי פאַרשטעהן און ווערען אומגליקליך. מענשען ווילען זי באַנעהמען און צאַהלען דערפאַר אַ שווערען פּרייז.

עס איז אייגענטליך דאָסטאָיעווסקי׳ס פּראָבלעם. און וואַסערמאַן האָט געוואָלט געהן אין די וועגען פון דאָסטאָיעווסקי. עס איז געוועזן זיין אַמביציע צו ווערען דער — אייראָפּעאישער, דער מערב־קולטורישער, אָדער לכל הפחות דער דייטשער, דאָסטאָיעווסקי, ד. ה.: די דיאַלעקטיק פון דעם מענשליכען לעבען אַהן דעם קריסטליך־אַסקעטישען אויסשפּיל.

געוואָלט — און ניט געקאָנט. עס איז וואַסערמאַנ׳ען ניט געראָטען צו ווערען דער דאָסטאָיעווסקי פאַר אָדער פון אונזער צייט.

ניט ווייל דאָסטאָיעווסקי איז געוועזן אַ גרעסערער קינסטלער — איך בין מסופק אין דער „קינסטלערשאַפט״, אין דער שאַפענדער קראַפט פון דאָסטאָיעווסקי. אָבער איך בין גאָר ניט מסופק אין דער „רענטגענישקייט״ פון דאָסטאָיעווסקי׳ס אויג, זיין קראַפט דורכצודריינגען דורך אַלע טונקעלע קערפּערס און זעהן — וואָס איז הינטער דער וואַנט.

דאָסטאָיעווסקי איז געוועזן אַ „העלזעהער״, און אין דעם זיין אומגעהויערע באַדייטונג. ער האָט אַריינגעלויכטען מיט זיין לאַמטערן אין ווינקלען, וואָס זיינען פריהער געוועזן פאַרשפּאַרט פאַר אונז. ער האָט אונז דערוועקט צו נייע דערקענטעניששען. וואַסערמאַן אָבער איז געוועזן ניט קיין העלזעהער, נאָר — ווי זאָל איך דאָס זאָגען — אַ „טונקעלזעהער״. ער האָט ניט באַלויכטען, ער האָט פאַרטונקעלט און פאַרטושירט אפילו די ליניעס פון לעבען, וואָס זיינען געוועזן מעהר אָדער ווייניגער קלאָר. ער האָט דערהויבען צו דעם פּראָבלעם דאָס וואָס איז אויבענאויף — צו די אמת׳ע טיפקייטען איז ער ניט דערגאַנגען.

און די גרעניץ פון זיין קענען האָט ער דערגרייכט אין זיין לעצטען גרויס־פאַרנעהמיגען ווערק „עטצעל אַנדערגאַסט״, וואו ער האָט געוואָלט געבען די פּסיכישע אויסטייטשונג פון דער מאָדערנער דייטשער יוגענט — פון דער אייגענער יוגענט, וואָס שטורעמט איצט אונטער דער סוואַסטיקאַ. „עטצעל״ — שוין דער נאָמען איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, סימבאָליש. עס איז דער

דייטשער נאָמען פאַר אַטילאַ, דעם הון, און וואו אַטילאַ׳ס פוס איז געטראָטען — איז קיין גראָז מעהר ניט געוואַקסען.

מען דערוואַרט — און זיכער האָט עס וואַסערמאַן אויך פאַר־טראַכט — צו זעהן דעם שורש פון דעם „עטצעלע״, פון דעם נייעם הונענטום, אין דייטשלאַנד. אָבער וואַסערמאַן האָט ניט גע־האַט די קראַפט אָדער דעם מוט — און ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ וועג — אַ גרינגערען — פון „פסיכאָאַנאַליז״. דער ראָמאַן פון עטצעל און דער דייטשער יוגענט איז געוואָרען דער ראָמאַן פון דר. קערקאָוויוס, דעם פסיכאָאַנאַליטיקער, און אויך דאָס ניט מעהר ווי אַ ראָמאַנהאַפטע פאַרטייטשונג און ערקלערונג און פאַר־וואַסערמאַנונג, ווייל מאָראַליזירונג, פון פרויד׳ס קלאָרער און שטרענגער און רעאַליסטישער שיטה.

זיגמונד פרויד פאַרלאַנגט גאָר ניט, מאָהנט ניט ביים מענשען. דער מענש איז קיינעם גאָרנישט ניט שולדיג, אפילו זיך אַליין ניט. וואַסערמאַן אָבער מאָהנט, פאָדערט, האָט ערגעץ אַ וואָגשאָל, אַ סקאַלאַ פון ווערטען. ער שאַצט און וועגט און מעסט. אָבער ווען עס קומט צו דעם לעצטען פראָצעס, צו דעם „לייענען״ פון דער ווערט־סקאַלאַ, צו דעם לעצטען אורטייל: איז דאָס גוט אָדער שלעכט, און ווי זאָל עס זיין אַנדערש? — באַהאַלט וואַסערמאַן זיינע אינסטרומענטען און פאַרצווייפעלט. ער האָט אייגענטליך לכתחילה פאַרצווייפעלט — ער האָט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער מעסט און וועגט.

אַ מייסטערהאַפטער טעכניקער — צו דער גרויס־קינסטלער־שאַפט ניט דערגאַנגען.

און לאָמיר זיך ניט נאַרען. דאָס אַליין איז אויך שוין אַ דער־גרייכונג. וויפיעל מייסטער פון דערצעהלען האָבען מיר היינט בכלל? וויפיעל „קענער״, וואָס שטעהען ביים ראַנד?

* * *

מען האָט שטענדיג גערעדט פון וואַסערמאַן — דעם אידען. ער אַליין אפשר מעהר ווי אַלע. גראָד ביי איהם איז דאָס אידישע פראָבלעם געווען אַזוי שאַרף, צוגעשפּיצט, אָנגעוועהטאָגט. און גראָד ער איז געווען פון אַלע דייטש־אידישע שרייבער דער איינצי־גער, צו וועמען מען האָט געהאַט מעהר טענות ווי צו אַ סך אַנ־דערע, ווי צו ווערפעל אָדער צווייג און צו אַנדערע פון זיין צייט.

אָבער וואַסערמאַן האָט אפשר מעהר פון זיי אַלע דערפיהלט די צעריסענקייט, דעם אינערען ווידערשפּרוך צווישען „דייטש" און „איד", אַ ווידערשפּרוך וואָס האָט גאָר אַ קנאַפּע באַדייטונג, ווען מען מאַכט פון איהם ניט קיין ווּנדער, וואָס איז אָבער געוואָרען ממש אַ קאַטאַסטראָפע אין דער היינטיגער, דענק־אָרימער, ברוטאַ־לער און זינלאָזער צייט.

ער האָט געזוכט אַ „וועג" — פאַר דעם דייטש און דעם איד אין זיך. צוויי וועגען — און קיין איינעם ניט געפונען. וויילביידע באַגריפען — דייטש און איד — געמומען אַבסטראַקט, ווייל ביידע — בלויז פּראָבלעמען און ניט לעבענס־ווירקליכקייטען. און פון ביידע וועלטען „פאַרשטויסען" — אויף דעם פאַרשטויסענעם שטערן. עס איז דער לאָגישער שלוס. אַן אַנדער זאַך ניט גע־קאָנט זיין — ניט געזאָלט זיין.

אין דעם לעצטען, טראַגישען שלוס וואָלט וואַסערמאַנ׳ס שאַ־פונג געוואָרען פראַזע. די ווירקליכקייט האָט זי געראַטעוועט און דערהויבען צו אַ קינסטלערישער רעאַליטעט.

וואַסערמאַן, דער אַבסטראַקטער, איז געוואָרען אַ ווירקליכער. ניט זיין שולד. ניט זיין פאַרדינסט. אָבער די צייט האָט איהם דערפיהלט. אָנגעפיהלט זיינע באַגריפען מיט הייסען בלוט. בלוט פון מענשען און ניט בלויז פון אידייען.

עטצעל־עשיו, עטצעל דער יעגער, האָט פאַרענטפערט יעקב׳ן, דעם זיצער אין די געצעלטען.

יאַנואַר 6, 1934

די אילוזיע פון גייסט

מאַרטין בובער, דעם פופציג־יאָהריגען, צום פריינדליכען געשאַנק

מאַרטין בובער איז געוואָרען פופציג יאָהר. פון דער ווייטענס, איבער דעם אָקעאַן שיק איך איהם מיין גרוס. צופרידענקייט און אומעט צונויפגעמישט.

צופרידענקייט פון דעם, וואָס ער, איינער פון „אונזערע״, איז מיט אונז געגאַנגען די בעסטע און רייכסטע יאָהרען פון זיין לעבען, מיט פרייען ווילען, געטריבען פון אַן אינערען דראַנג, — ער, וואָס האָט געהאַט אַלע מעגליכקייטען אַריינגעשמאַלצען צו ווערען אין דער גרויסער, ברייטער, יעדענפאַלס דייטשער, קולטור. אומעט — ווייל זיין וועג, אונזער וועג, דער אידישער וועג, האָט אין ערגעץ ניט דערפיהרט.

ער איז אַ פריינד. פון מיין יוגענט אין וויען, ווען מיר האָבען זיך אַלע גרופירט אַרום הערצל׳ס מערקווירדיגער, מאַגנעטישער פערזענליכקייט. פון בערלין, ווען ער, בערטאָלד פייוועל און ווייניגע געציילטע אינגערע האָבען פאַרטראַכט און אָנגעהויבען דעם קאַמף פאַר אַ נייער אידישער אָריענטירונג. ניט קיין קאַמף אַנטקעגען אַסימילאַציע, ניט קיין פאַרטיידיגונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, נאָר אַן אַרבייט פון אַרויסשיילונג, פון רייניגונג: קערן פון שאָלעכץ, דעם פונק פון אונטער דעם אַש.

און ווייל אַ פריינד, ווייל מיט יוגענט־זכרונות פאַרבונדען, וויל איך איהם דאָ איצט ניט „מאָלען״. ניט זיינע מעלות, און נאָך ווייניגער זיינע חסרונות. די מעלות פון דעם ווערק, און די חסרונות פון דעם שאַפער.

אמת, מען קאָן אָפּט בעסער פאַרשטעהן און אָפּשאַצען די מעלות פון דעם געשאַפענעם, ווען מען ווייסט די חסרונות פון דעם וואָס האָט איהם באַשאַפען. „נאָך דיינע פרוכטען דערקען איך דיר״? ניין. אויף דעם שעהנסטען בוים — דעם טאָפּאָל — וואַקסען גאָר ניט קיין פירות, און אויף קליינע, נישטיג אויסזעהענדע בוימעלעך הענגען פרוכטען די זיסטע, די דערקוויקענדסטע פרוכטען.

און משפט קיינמאָל ניט דעם מענשען נאָך זיין ווערק — און אויך ניט פאַר זיין ווערק. ווייל טיף איז דער מענש, טיפער ווי ער מיינט אַליין.

מיר האָבען זיך אָפט געוואונדערט, מיר, די אַלטע פריינד פון מאַרטין בובער: מיט וואָס האָט ער עס אַזוי „אויסגענומען" ביי די דייטשען? וואָס איז געווען דער סוד פון זיין מערקווירדיגען, כמעט אומגעריכטען, אונז ניט אינגאַנצען פאַרשטענדליכען ערפאָלג. ער האָט איבערזעצט די „לעגענדעס פון דעם בעל־שם". ער האָט פאַרדייטשט די מעשיות פון ר' נחמן בראַצלאַווער. דאָס איז געווען זיין אַריינטריט אין דער דייטשער ליטעראַטור, אַן אַריינטריט מיט פויקען און טרומייטען. „געטהעשער סטיל", „דער דערנייערער פון דער אידישער מיסטיק" א. אַז. וו. די קריטיקער און אָפּשאַצער זיינען געוואָרען באַגייסטערט און מאַרטין בובער איז געוואָרען אַ וויכטיגע פיגור אין דער דייטשער ליטעראַטור.

און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז דייטשלאַנד, אַז דאָס איז די דייטשע ליטעראַטור, וואו יעדער צווייטער, אָדער יעדענפאַלס דריטער, שריפטשטעלער איז אַ איד, — אָדער יעדער צווייטער צי דריטער איד איז אַ שריפטשטעלער, וואו עס געהען אַרויס כמעט יעדעס יאָהר ביכער, דיקע, געלערענטע, גרינטליכע, גריבלערישע, איבער אַלצדיג אין דער וועלט, אפילו איבער אידען און אידענטום, וואו עס איז אויסגעוואַקסען די גרויסע „חכמת היהדות", וואו הערמאַן כהן האָט אויסגעאַרבייט אַן אייגענע „אידישע פילאָזאָפיע" — ווערט דער וואונדער נאָך גרעסער.

געוויס, בובער'ס דייטש איז זעהר שעהן. קונסטפול פשוט און סטיליזירט געהויבען, די שפּראַך פון אַנגעלוס סילעזיוס, דעם גרויסען דייטשען מיסטיקער, סוזאָ און טאָולער, אָט די אַלטע מייסטער פון דעם גרויסאַרטיגען, אינטימען, וואַרימען סטיל. אָבער פאַרט— אויך אין דעם איז דייטשלאַנד ניט באַדערפטיג. זי האָט גענוג פון אַלע מינים.

און וואָס איז איהר בעל־שם, וואָס איז דער בראַצלאַווער אָדער דער באַרדיטשעווער אָדער פשיסכער? וואָס איז איהר העקובאַ? מחמת — וואָס זיינען זיי אונז? מעהר ווי אַלטע זכרונות, האַלב־פאַרגעסענע, ליטעראַרישע פיגורען אָהן אַ שייכות צו אונז אַליין?

און דאָך!

און מיר האָבען זיך אָפט פאַרטראַכט איבער דער מערקוויר־דיגער ערשיינונג, וואָס הייסט: מאַרטין בובער. און, איהר ווייסט דאָך, פריינד זיינען אָפט זעהר גרויזאַם, זיי נעהמען זיך אפילו די פּריווילעגיע צו צווייפלען און צו שמייכלען.

מיר האָבען געוואַרט — אָט וועט בובער זיך לאָזען שווימען אין דעם גרויסען ים — ווי אַ סך פאַר איהם, ווי אַ סך נאָך איהם. צוערשט אויפגעהויבען זיך אויף אידישע פּלייצעס און דערנאָך אָפּגעבונדען זיך, באַפרייט — און די גאַנצע וועלט שטעהט פריי.

האָט עס אַזוי וואָסערמאַן ניט געטאָן? און פאַר איהם אויער־באַך, און צווישען ביידע יאַקאָבאָווסקי און אַנדערע, און פאַר־שיידענע?

אָבער יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען און מאַרטין בובער איז גע־בליבען ביים אַלטען קוואַל. פון יאָהר צו יאָהר ערנסטער, רייפער, פאַר'עקשנ'טער.

און עס איז געוואָרען קלאָר: בובער איז ניט קיין צופאַל, ניט קיין ליטעראַרישער קאַפּריז, בובער איז אַן ערשיינונג.

וואָס־זשע איז זי? וואָס באַדייט זי? וואָס וויל ער? און וואָס מיינט אין ערנסט, אין טיפען עצם, די דאָזיגע גערמאַניזירונג פון די אַלטע צדיקים און „גוטע־אידען", די ליטעראַריזירונג פון די אַלטע, היימישע, נאַאיווע און אָפט אָפּגרונטיגע מעשיות, און דערציילונגען אויף „עברי־טייטש"?

און צוביסלעכווייז איז עס אונז, איז עס מיר קלאָר געוואָרען: בובער גלויבט אין דעם וואָס ער זאָגט, גלויבט אין די צדיקים, אין די רביים. פון איהם צו זיי און פון זיי צו איהם איז פאַראַן אַ וועג און אַ המשך.

פּרץ האָט עס געפּרואווט, אָבער עס איז איהם ניט געראָטען. ער האָט אויך ניט געהאַט קיין „דיסטאַנץ" צו חסידות, זי איז פאַר איהם געווען נאָך צו־ממשות'דיג. און אַפילו ווען ער האָט זיך דערהויבען איבער דער ספּאָדיק־ און זשופּיצע־ווירקליכקייט, האָט ער דערפיהלט בלויז איהר שטימונג, איהר פּאָעזיע, אָבער ניט דערטראַכט איהר געדאַנק. און דערפאַר זיינען פּרצ'ס חסיד'ישע מעשיות בלויז סטיליזירטע לעגענדעס, ניט קיין נייער לעגענדעס־סטיל.

בובער אָבער האָט שוין געהאַט דיסטאַנץ. ער האָט זיך אַזוי

דערוויטערט, אַזוי באַפרייט, אַז ער האָט שוין געמוזט זוכען דעם וועג צוריק — זוכען מיט דעם לאַמטערען פון דעם געדאַנק.

ער — דער ניט־פּאָעט, דער ניט־וויזיאָנער, האָט אָנגעטאַפּט אין דער בלינדקייט דעם עצם פון דעם חסיד׳יזם, ווייל ניט פּאָעזיע איז עס געווען, און אפילו ניט מיסטיק — אַ סיסטעם פון דענקען איז עס. די טונקעלע פילאָזאָפיע פון דעם פאַרבאָרגענעם אידישען געדאַנק.

אַ לאָגישער שאַרפער קאָפּ, באַוואָפענט מיט די מיטלען פון מאָדערנער קולטור, טרעט צו בובער צו דער שווערער אַרבייט — אַרויסצושיילען דעם קערן און באַפרייען איהם פון דער „פסולת". און בובער איז געווען קלוג גענוג — אָדער אפשר צו־ווייניג פילאָזאָפיש, צי אומאַבסטראַקט אין זיין דענקען — צו פאַרשטעהן, אַז דורך פּרינציפּען אַליין, דורך ריינער טעאָריע קאָן מען ניט מאַכען דאָס אידענטום, אין איין פאָרם אָדער אין אַן אַנדערער, די „אידישע אידייע" — אַזוי צו זאָגען „סאַלאָן־פעהיג", אַריינפיהרען זי אין דעם ברייטען קולטור־לעבען פון אייראָפּע. ווייל יעדע אידייע מוז האָבען אַ געשטאַלט אַרום זיך, אַ מיטישע פיגור, וואָס זאָל מיט איהר פאַרשפּינען. דער גאַנצער אומגעהייערער ערפאָלג פון דעם קריסטענטום איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַפּאָסטאָלען האָבען געשאַפען אַ לעגענדע, אַ מיטאָלאָגיע אַרום אַן אַלטער אידייע. דאָס וואָס דורות און דורות פון אידישע און סירישע מיסטיקער האָבען געפּרעדיגט אין זייער ענגען קרייז האָט פּאָולוס און זיין שולע אַרויסגעטראָגען אין דער גרויסער וועלט און צו איהר געזאָגט: „עקצע האָמאָ", דאָס איז דער מענש! דאָס איז דער טרעגער פון דער פאַרבאָרגענער אידייע און פון דעם גלויבען אין דעם מענשען איז געוואָרען דער גלויבען אין זיין אידייע.

וויפיל אידישע דענקער האָבען זיך ניט געמיהט אַרויסצואַרבייטען דעם „פילאָזאָפישען" תוך פון דעם אידענטום! פון מענדעלסזאָן אָן — רעדענדיג בלויז פון אַ באַשטימטען קולטור־קרייז, דעם דייטש־אידישען — האָט איינער נאָך דעם אַנדערען פון די אידישע טעאָלאָגען זיך געראַנגעלט מיט דעם פּראָבלעם. און אַלע זיינען מעהר אָדער ווייניגער געקומען צו איין מסקנא: אידענטום איז עטיק. און דאָס האָט קיינעם ניט אימפּאָנירט. ווייל דאָ האָבען זיך דערהויבען צוויי פראַגעס: וואָס פאַר אַן אידענטום?

און וואָס פאַר אַן עטיק? דאָס אידענטום פון דער תורה, דאָס תלמוד'ישע אידענטום, דאָס רמב"ם־אידענטום? מיט אַנדערע ווערטער: איז דאָס אידענטום סטאַטיש אָדער דינאַמיש? האָט זיך עס אָפּגעשטעלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אָדער איז עס אַ לעבעדיגער קוואַל? און אויב לעבעדיג — וואו איז דאָס? וואו איז זיין לעהרע?

און ווייטער: עטיק! וואָס איז דאָס „עטיק"? ווער האָט ניט געפּרעדיגט קיין עטיק? דער בודיזם, דאָס קריסטענטום, די גריכישע פילאָזאָפען — פאַרוואָס זאָל די עטיק זיין דער מאַנאָפּאָל פון דעם אידענטום?

און די אידישע טעאָלאָגען אָדער האַלב־פילאָזאָפען האָבען גע'דרש'ענט פסוקים, גערדעהט מאמרים פון די חז"ל, געפלאָכטען ווערטער — און האָבען קיינעם ניט איבערציינגט, ניט זיך און ניט אַנדערע.

בובער אָבער האָט אַריינגעשטעלט אין דעם אידישען דענקען — די לעגענדע. ניט פון סיני, נאָר פון מעזשביזש און פון בראַצלאַוו. אַרום דער לעגענדע, אַרום דעם לעבעדיגען מענשען — די אידייע. ניט פאַרקעהרט. דער „צדיק" אַלס אויסגאַנגס־פונקט פון אַ באַנייטען אידענטום. דער „הייליגער" אַלס די פאַר־ענטפערונג פון דעם אידישען ווילען.

און דערמיט איז ער אַנטקעגענגעקומען דער קריסטליכער וועלט. שטעהט דאָס גאַנצע קריסטענטום אויף דעם באַגריף פון דעם „הייליגען", האָט דאָס אידענטום אַנטקעגענגעזעצט דעם באַ־גריף פון „דאָס הייליגע". אָדער ריכטיגער, „די הייליגקייט". עס איז דאָ „קדושה", עס איז ניטאָ קיין „קדוש" — אַחוץ דעם איינ־ציגען, דעם לעצטען, דעם מקור פון דער גאַנצער וועלט, דעם סוד פון אַלע סודות.

איך ווייס ניט צי חסידות האָט באַוואוסטזיניג אַרויסגעבראַכט פון זיך, אין זיך, דעם נייעם „קדוש"־באַגריף. דער אַלטער אידי־שער אינסטינקט פון אָפּגרעניצונג, פון מחיצה צווישען גאָט און מענש איז ביי זיי געווען צו־שטאַרק. אָבער מאַרטין בובער האָט אַריינגעטייטשט אין דעם חסידיזם, אין דער שיטה פון ר' נחמן אָדער דעם בעל־שם די אידייען וואָס האָבען געטראָגען דעם איי־ראָפּייאיש־רעליגיעזען געדאַנק. און ווייל ער האָט עס געטאָן — האָט דער אייראָפּייאישער מענש באַקומען אַן אַנדער באַציהונג צום

אידענטום. ער האָט דאָס אידענטום דערנעהנטערט צו אייראָפּע — אָבער דערווייטערט פון דעם אור־קוואַל.

שעהן און אין אַ געוויסען זין פּרוכטבאַר איז זיין פּרעדיגט, ווען ער ווענדט זיך „כלפי חוץ", ווען ער דערצעהלט אַנדערע וועגען דעם „גייסט פון אידענטום". אָבער אומקלאַר, אומפּרוכטבאַר, ווען ער קעהרט אויס זיין פּנים צו אונז און פּרעדיגט צו אידען.

ער פּרעדיגט אונז דעם וועג פון גייסט, דעם „הייליגען וועג", דעם וועג צו גאָט. אָבער וואָס איז דער וועג? און פאַרוואָס מיר — פון אַלע פעלקער אויף דער ערד? מיט וואָס מיר?

איז דאָס סוף־כל־סוף ניט קיין וועג — פאַר יחידים? איינער אין אַ שטאָדט, צוויי אין אַ משפּחה? זיינען זיי ניט געוועזן טיפער, אמת'ער אין זייערע פאָדערונגען, אונזערע אַלטע, ווען זיי האָבען אויסגעטראַכט די לעגענדע פון די זעקס־און־דרייסיג, וואָס קאָנען אינאיינעם ברענגען משיח'ן — אָבער וואָס זיינען קיינמאָל ניט אינאיינעם, און קיינמאָל ניט אין איין דור?

בובער קומט צו אונז מיט דער גרויסער מאָראַלער פאָדערונג. זי איז — אין איין זאַץ אויסגעדריקט — גובר זיין די שתי רשויות, די אור־צווייהייט, פאַרשמעלצען מענש און גאָט, גאָט אין איין אחדות.

איך ווייס ניט געגוי, וואָס דאָס איז. איין נביא נאָך דעם צווייטען איז אויפגעשטאַנען און האָט אונז „אַנטפּלעקט" — וואָס „גאָט וויל פון אונז". און מיר ווייסען עס אַלץ נאָך ניט. ווייל אויך דאָס איז אַ סוד. אפשר איז דאָס, ווי אַ גרויסער דייטשער מיסטיקער האָט געזאָגט, „ניט נויטיג צו פאַרשטעהן". אפשר איז רעליגיאָזיטעט אַ גרויסע קונסט, די קונסט פון גובר זיין דעם „איך" און דעם „דו" און פאַרשמאָלצען ווערען אין דעם „עס".

אָבער אויב אַזוי — פאַרוואָס גראָד דער אידישער מענש? מיט וואָס איז ער דער אויסגעקליבענער?

און עס דערהויבט זיך אַ שווערע, אַ פּסיכאָלאָגישע, אויב ניט קיין היסטאָרישע, פראַגע: ווי לאַנג קאָן אַן אילוזיע לעבען?

עס איז זיכער, מיר אידען זיינען דאָס מוסטער־ביישפּיל פון אילוזיע, פון נאַרציסיזם, אויב איך קאָן געברויכען דעם פרוידישען טערמין. אין יעדער עפּאָכע זיינען געוועזן עטליכע, זעהר ווייניגע מענשען צווישען אידען, וואָס האָבען געפיהלט אין זיך די

„שליחות" און די פאַראַנטוואָרטליכקייט. אַרויפגעלייגט אויף זיך דעם שווערסטען עול — פון זיין דער אידעאַלער איד, דער איד פון דער אידייע — און איהם אַליין ניט געקאָנט טראָגען. זיי האָבען איהם אַריבערגעלייגט אויף די שוואַכע פּלייצעס פון זייערע מיט־אידען, געמאַכט זיי פאַר שותפים פון זייער אילוזיע. און די מיט־אידען האָבען גענומען דעם עול, אַוועקגעשטעלט אין פאָליש פון בית־המדרש. ער באַזונדער, זיי באַזונדער, און עס איז געוואָרען אַ ריס אין דעם אידישען באַוואוסטזיין. דער איד האָט געליטען — אָבער ניט גענוג. ער האָט זיך געטרייסט: ערגעץ וואו, אין אַ ווינקעלע, שטעהט זיין „עול". ער טוט איהם אָן אויף זיך — ביי אַ יום־טוב׳דיגער געלעגענהייט, — ער שטעלט איהם פאַרזיכטיג אַוועק אין די רעאַלע וואָכעדיגע טעג. ביז דער „עול" האָט זיך אינגאַנצען דערווייטערט פון אידען. ער באַזונדער — זיי פאַר זיך. ער — אין ספרים, זיי אין לעבען. און די ספרים זיינען געוואָרען אַלץ ווייטער, אַלץ פאַרשלאָסענער. דער עול איז צו־שווער געוואָרען פאַר דעם אידען. ער קאָן איהם ניט טראָגען, אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט.

קומט בובער און עפענט דעם ספר, שטויבט אָפּ די אַלטע בלעטער, און נעהמט אַרויס דעם „עול" פון צווישען די טאָוולען און זאָגט צום אידען: טראָג איהם, ער איז דיינער.

און דער איד — דער גאָר ווייטער, דער גאָר פרעמדער, שמייכעלט צופרידען: ער האָט אויף אַ מינוט צוריק באַקומען די אילוזיע. עס האָט איהם אויפגעשיינט אַ ליכט פון דעם נר־תמיד.

אָבער דער היימישער, נאָך אין אידענטום פאַרוואָרצעלטער, אין אידענטום שאַפענדער ווייסט: אַ ווייט און פרעמד ליכט איז עס, און פון ספרים קומט עס. עס ברענט ניט, עס וואַרימט ניט — עס איז אַ מיראַזש.

און איינס ווייסט ער: ניט פון דעם וואָרט „הייליג" ווערט געהייליגט אַ וועג, און ניט מיט פאָדערונגען ווערט אַ פאָלק דערהויבען.

וואָס דאָס אידענטום האָט פאַרלוירען, איז ניט די הייליגקייט פון זיין וועג — נאָר דעם וועג, דעם ציל, דעם זין פון זיין געהן. אָדער נאָך ריכטיגער — די קראַפט און דעם ווילען צו געהן.

„אור לגוים" — אַ ליכט צו די פעלקער — אַן אילוזיע אפשר אויך דעמאָלט, ווען דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרען, אָבער זי

האָט געהאַט אַ זין. לעבעדיגע פאַקעלען זיינען זיי עס געווען, און זיי האָבען געברענט און באַלייכט.

אָבער — אַ ליכט אָהן אַ גוף, אַ „וואַנדער־ליכט״? וואוהין רופט עס?

צו קלוג איז בובער, כדי צו פרעגען אָט די לעצטע פראַגעס. ער ווייסט, „אַז נאַר אַ נאַר וואַרט אויף אַן ענטפער״. די קלוגשאַפט זאָגט: פרעג ניט, ענטפער. אָבער דער אמת זאָגט: פרעג און פרעג — און פייניג זיך — און זיי ניט צופרידען — אַפילו מיט דיין אידעאַל.

און ווייטער זאָגט ער — דער עגבערענדער אמת: איינמאָל מוז דאָס אידענטום זיך צעשטערען, כדי עס זאָל אויפשטעהן באַ־נייט, אויב — עס קאָן.

פעברואַר 25, 1928

דער כשוף פון נוצלאָזיגקייט

וועגען דעם ענגלישען עסייאיסט טשאַרלס לעם
(1834 — 1775)

אַלעקסאַנדער מוקדון, אַלעקסאַנדער דער גרויסער, קעניג איבער אַלע קעניגען, איז געווען אַ קליין־וואוקסיגער מענש און האָט פאַר זיך אַליין באַדאַרפט האָבען אפשר נאָך ווייניגער ווי יעדער אַנדערער מענש, ווייניגער נאָך פון די פיער איילען. איהר קענט דאָך די אַלטע לעגענדע: ווען אַלעקסאַנדער מוקדון איז מיט זיין חיל געקומען קיין אינדיע, האָט ער ביי די ברעגען פון גאַנגעס געטראָפען אַן אַלטען נזיר, וואָס איז געזעסען אַ נאַקעטער אונטער דעם שאָטען פון אַ באַנאַנאַ־בוים און געטראַכט וועגען דעם סוד פון דער וועלט. און ער פרעגט אַלעקסאַנדער'ן: „צו וואָס יאָגסטו זיך, וואָס לויפסטו אַרום איבער דער וועלט? דו דאַרפסט דאָך האָבען אינגאַנצען ניט מעהר ווי פיר איילען?". אַט די פיר איילען, וואָס יעדער מענש דאַרף האָבען און באַקומט זיי, ווי זיין לעבען איז ניט געווען און וואָס ער האָט ניט אויפגעטאָן אויף דער ערד. פיר איילען ערד פאַר'ן קבר. און אויך פאַר'ן לעבען. ווייל, דאָס וואָס אַ מענש דאַרף באמת האָבען, דאָס וואָס איז נויטווענדיג, ניצליך, דאָס וואָס איז די גרונד־באַדינגונג פון לעבען — איז דאָך אויך ניט מער ווי פיר איילען. מער דאַרפען מיר ניט. און אַלצדינג, וואָס איבער דער מאָס, איז איבעריג. אין דעם וואָרט אַליין ליגט עס. איבעריג, דאָס הייסט, דאָס וואָס איז איבער, דאָס וואָס איז מעהר, אַ מותרות, דאָס וואָס איז אומניצליך.

אין דער לעגענדע האָט אַלעקסאַנדער גאָר ניט געענטפערט דעם אַלטען אינדישען גימנאָסאָפיסט, דעם נאַקעטען נזיר; אָדער, אויב מיין זכרון איז מיר געטריי, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט. ווייל יעדע לעגענדע איז מאָראַליש, און יעדע מאָראַל פּרעדיגט פיר איילען, נוצען, נויטווענדיגקייט, ווייל מאָראַל איז שטענדיג דער שונא פון דעם, וואָס איז איבעריג, און פון דעם וואָס איז לעבען. אָבער אַלעקסאַנדער וואָלט געקאָנט, וואָלט באַדאַרפט ענטפערען דעם מאָנאַך: „אמת, מעהר ווי פיער איילען דאַרף מען ניט צום שטאַרבען, אָבער צום לעבען דאַרף מען אַ וועלט.

די גאַנצע אומענדליכקייט, אַלע וועלדער מיט זייער גערויש, אַלע פעלדער מיט זייער געשאָקעל, די זעלטענסטע אַראָמאַטען, די וואונדערליכע פּייסאַזשען, שטורמען, הוראַגאַנען, אַלע אַוואַנטורעס פון דער וועלט, און דאָס נויטיגסטע אין דעם לעבען איז דער זונען־אונטערגאַנג, וואָס פאַרבט דעם הימעל רויט; דער וואַלקען, וואָס שפּילט זיך אין דער הויך און נעמט אָן אַלערליי פאָרמען און פאַר־קליידט זיך ווי אַ קינד, וואָס שפּילט זיך אין אַלערליי געשטאַלטען. לעבען איז אָפּט ניט נויטיג, שווימען — תמיד. שווימען, אַוועק־לאָזען זיך אַהן אַ ציל איבער די גרויסע וואַסערען, צו אומבאַקאַנטע צילען, וואָס אומבאַקאַנטער — אַלץ ליבער. אפשר ערגיץ וואו אַנדערע וועלטען, מענשען מיט איין אויג אין שטערן אָדער מיט הערנער, פרויען מיט גילדענע לענדען. ווער דאַרף זיי? זיי שפּיי־זען ניט, מען קאָן זיך באַגעהן אָהן זיי. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס לעבען אָהן דעם שפּיל, אָהן דעם וואָס האָט ניט קיין נוצען?".

דער אַלטער בראַהמאַנער וואָלט מן הסתם גאָרניט געהערט וואָס אַלעקסאַנדער וואָלט געזאָגט. זיינע געדאַנקען, אויב מען קאָן אָנרופען דעם פאַרנעפּעלטען געפיהל דענקען, זיינען שוין גע־ווען ערגיץ ווייט אין דער נירוואַנאַ, וואו אַלצדינג צעשווימט אין אַן איין־איינציגען נישט. און אַלעקסאַנדער וואָלט זיך געגאַנגען זיין וועג, פון אַוואַנטורע צו אַוואַנטורע, פון שפּיל צו שפּיל. דער סוף איז סיי ווי סיי דער אייגענער. די פיר איילען דערוואָרטען דאָך אַלע, זאָל כאָטש דער צוגאַנג צו זיי זיין אויסגעשפּרייט מיט פערסישע טעפּיכער.

און דאָס איז דער אונטערשייד — איינער פון די אונטערשיי־דען — צווישען קולטור און ציוויליזאַציע. יעדע ציוויליזאַציע איז פּראַקטיש, לעבענס־נויטווענדיג, פיר איילענ׳דיג, און דערפאַר אויך מאָראַליש. קולטור הויבט זיך אָן מיט די טעפּיכער, מיט דעם אומנויטיגען, וואו דער מוז הערט אויף און מען טרעט אריין אין דעם קעניגרייך פון מעגליכקייטען. און אויב ליטעראַטור איז דער פּסיכישער אינדעקס פון דעם לעבען, ווי עס איז באַשטימט אין רוים און צייט, איז איהר גרעניץ אָדער, זאָל איך זאָגען, איהר גרונטשטיין דאָס אומניצליכע. אַלע אַלטע ליטעראַטורען זיינען געווען פאַר דעם לעבען, ניט פון דעם לעבען און אַרום איהם. אַ קאָדעקס פון מאָראַל אין איין פאָרם אָדער אַן אַנדערער, אַ קייט

אַרום דעם מענשען. ערגעץ וואו אויף דער פעריפעריע פון דער געזעלשאַפט זיינען געווען מענשען מיט גרינגע פיס, טאַנצענדיגע, זינגענדיגע, לייכט־זינגענדע, וואָס האָבען ניט געוואָלט נעמען דאָס לעבען אַזוי ערנסט, נאָר געפיהלט אין זיך דעם שפּיל, דעם שפּיל פון דעם קינד, וואָס זיצט ביים ברעג פון ים און קאָכעט זיך מיט די פאַרביגע, גלאַטע, קיילעכדיגע שטיינדלאַך, וואָס דער ים וואַרפט ארויס. אָבער די ערנסטע און שווער־ברעמיגע האָבען געקוקט מיט כעס און פאַרדראָס אויף די „קלאונס" פון דער צייט, די פּאַיאַצען מיט די גלעקלאַך, אין הויז רויט און דער אַנדערער געל. מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזען אין דעם טעמפּעל, דעם הייליגען בנין פון ליטעראַטור. אָט אַזוי די חכמים פון ירושלים, וואָס האָבען גוזר געווען גניזה, דאָס הייסט, באַהאַלטען, אונטערדריקט, אַרויס־געוואָרפען אָט די אַלע ספרים, וואָס האָבען ניט אין זיך אַ צוועק, אַ קלאָרען וועג, אַ מאָראַלישען און אַ ניצליכען. אָט אַזוי מן הסתם די זאַמלער און סך־הכל ציהער, די אַריסטאַרכען, ווי מען פלעגט זיי אַמאָל רופען אין שפּעט־גריכענלאַנד. בלויז מיט מעהר רחמנות פאַר דעם קינד אין דעם מענשען און מיט מעהר אויער פאַר דעם וואונדערליך־זיסען נאַרען־גלעקעל.

און אַזוי ביז היינט. וואָס רייכער אַ קולטור, אַלץ שטאַרקער דער עלעמענט פון דעם קרום־ליניגען, אומרעאַלען און אומ־ניצליכען. ס'איז אפשר איינער פון די שטאַרקסטע אַרגומענטען פאַר דעם ווערט און טיפער מענשליכקייט פון דער פראַנצויזישער קולטור, וואָס זי האָט זיך אָנגעהויבען אין איהר נייער פאָרם מיט מאָנטען, דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער ליטע־ראַטור די פילאָזאָפיע פון אומניצליכקייט, דער ערשטער עסייאיסט. „אונזער גאַנצער בנין", זאָגט מאָנטען, „פון דעם כלל אָדער פון דעם יחיד, איז פול מיט פעהלערען. אָבער עס איז גאָר ניטאָ קיין אומניצליכע זאַך אין דער נאַטור, אפילו ניט דאָס אומניצליכע אַליין". און ווייטער זאָגט מאָנטען: „אַלע אַנדערע בילדען דעם מענשען, איך דערצעהל איהם. די וועלט איז ניט מעהר ווי אַן אייביגע אומרוה, און איך נעם אַן יעדען פונקט פון זיין באַוועגונג, ווי ער איז. איך מאָל ניט דאָס, וואָס איז, נאָר דאָס, וואָס איז אין איבערגאַנג, פון טאָג צו טאָג, פון מינוט צו מינוט, און מיין נשמה איז תמיד אַ תלמיד".

מאָנטען האָט געשטעלט דעם טאָן און די פראַנצויזישע קולטור

פיהרט איהם ווייטער. און עס איז ניטאָ קיין לאַנד אין דער וועלט, וואו אָט די קונסט פון עסיי זאָל זיין אַזוי דורכגעפיהרט ביז צו דער העכסטער מדרגה, ווי דאָס פראַנצויזישע. עסיי הייסט ניט בלויז אַ פּאַרזוך, אַ פּרואוו, אַ ניט־פאַרענדיגטער בוך. עס איז מעהר. עס איז דער פּאַרזוך נאָכצוגעהן די שפּורען, וואָס זיינען שוין פאַרוויהט געוואָרען, געבען קלאַנג און ריטם און פאָרם דעם אינטערוואַל, וואָס איז קיינמאָל ניט אַבסאָלוטער שרייבען, נאָר שטענדיג אַן איבערגאַנג פון איין טאָן צו אַ צווייטען. און מאָנטען איז געוואָרען דער מייסטער פון אַלע קולטור־פעלקער, וואָס ווערען זאָט פון נויטווענדיגקייט און ניצליכקייט און זוכען דעם ווינט אין פעלד און דאָס פלאַטערעל אַרום דעם ליכט. עס איז זעהר כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַמעריקע, וואָס די קונסט פון עסיי האָט זיך ניט געקאָנט דאָ איינוואָרצלען. דער איינציגער פון ווערט איז עמער־סאָן. אָבער אויך ער איז בלויז אַ פּרעדיגער פון מאָראַל און פון ניצליכקייט, בלויז מיט אַ פאַרזויערטען פּנים און אַ סענטימענטאַלען זיפץ. אַמעריקע האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו שאַפען אַ קול־טור, זי האָט נאָך ניט פאַרפעסטיגט איהר ציוויליזאַציע. אָבער פון יענער זייט ים, אין אַלט־ענגלאַנד, אין אָלד מערי אינגלענד, אַ פאָלק וואָס האָט געהאַט צייט, זיך אויסגעשטרעקט, אויסגעצויגען זיינע גלידער, שטאַרק געוואָרען און רייך, און האָט געלאָזט דאָס לעבען קומען צו זיך. אָפט בלויז אימפּאָרטירט, ווי ווייַן פון פראַנקרייך, בילדער פון פלאַנדערען און מוזיק פון איטאַליע, אָבער אפילו ווען בלויז אימפּאָרט — פּאָרט שוין זיינס. עס איז באמת סימבאָליש, וואָס מען האָט אין ענגלאַנד צונויפגעשפּאָנט דיביידע נעמען, פרענציס בייקאָן און וויליאַם שעקספּיר. ביידע זיינען פון איין מעדאַל: בייקאָן — דער פילאָזאָף פון פּראַקטישקייט, פון ניצ־ליכקייט, פון עקספּערימענט, און שעקספּיר — דער פּאָעט פון פּאַק און פּראָספּערא און קאַליבאַן, פון פאַנטאַסטישער ליבע און אַ מאַ־ראַלישען, איבערמאָראַלישען האַמלעטיזם. קאָמעדיע און טראַגעדיע אין איינס צונויפגעפלאָכטען און אַ נייע האַרמאָניע.

זיי האָבען זיך אין ענגלאַנד איינגעטיילט דאָס לעבען כמעט נאָך אַדאַם סמיט. בייטאָג, אין אָפיס פון פליט סטריט אָדער גראַב סטריט, ווי גיסינג רופט זי אָן, דער פּראַקטישער, באַשרענקטער, פּוריטאַניש־מאָראַלישער, שווער־בלוטיגער דזשאָן בול, האָנדעלט, זאַמעלט, רעגירט איבער לענדער און פעלקער. און אין אָוונט

דער אַנדערער ענגלענדער, דער שעקספּירישער, פאַנטאַסטיש, ליריש און אָהן פאַרפּליכטונגען. און אַט דער ענגלענדער האָט געשאַפען די גרויסע ענגלישע ליריק, דעם איינציג־שטעהענדען ענגלישען הומאָר, און דעם אייגענאַרטיגען ענגלישען עסיי. אייגענאַרטיג דערפאַר, ווייל דער אומרוהה פון דעם לעבען ווערט אין איהם נאָך אומרוהיגער, באַפרייט זיך פון אַלע געזעצען פון שווערקייט און פון אַלע קייטען פון דער מעכאַניק. דער ענגלענדער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם עסיי דעם עלעמענט פון אומזין. און ניט אומזיסט איז דאָרט דאָס פּאָפּולערסטע, מען וואָלט געקאָנט זאָגען, דאָס ב.,ציאָנאַלע בוך געוואָרען „אַליס אין וואָנדערלענד", דאָס בוך פון גרעסטען אומזין און טיפען זין. און אויך דערפאַר איז דער גרעסטער עסייאיסט פון ענגלאַנד דער, וועמעס הונדערט יאָהריגען יאָהרצייט מען האָט געפּראַוועט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק אין דער ענגליש־רעדענדער וועלט — טשאַרלס לעם.

געוועזען אַ קליינער דיכטער, אַ מיטעלמעסיגער קריטיקער, געאַרבייט אַ גאַנץ לעבען אין דעם אינדיאַ־האַוז, אין דער אינדישער פאַרוואַלטונג, און שטיל אַרומגעגאַנגען איבער לאָנדאָן. געוועזען אַ צייט פון גוואַלדיגען אויפשוואונג — בייראָן, שעלי, קאָלרידזש, דע קווינסי — שרייבער פון גרויסען פאַרנעם און אָן אומגעהייערען ליריש[ן] טעמפּעראַמענט. טשאַרלס לעם איז ניט געגאַנגען אויפ׳ן ברייטען וועג, האָט ניט באַלאַנגט צו זיי. אָבער אַט ווערט ער אַלט פינף און פערציג יאָהר, פיהלט זיך שוין פריה געעלטערט, אויסגעמאַטערט פון דעם לעבען, און ער הויבט אָן צו שרייבען צופעליג געדאַנקען און באַמערקונגען אָהן אַ ציל, אָהן פּרעטענזיעס, פאַרזוכען, און חתמ׳עט זיי מיט אַ אידישען נאָמען, עליאַ. און די עסייס, אַט די שפּעטע פּרוכטען פון אַ כמעט שוין אָפּגעלעבטען לעבען, האַקען אויס פאַר אים אַ וועג און שטעלען איהם אַריין אין דער קליינער צאָהל פון די געקליבענע, פון די ניט־פאַרגעסענע. ער איז ניט געוועזען דער איינציגער, און זיכער ניט דער ערשטער עסייאיסט אין ענגלאַנד. דזשאָסעף עדיסאָן, דיק סטיל — פאַר איהם; סאַוטהי, וויליאַם העזליט — צייט־גענאָסען, און נאָך איהם עסייאיסטען אָהן אַ שיעור. אָבער עליאַ, טשאַרלס לעם, איז געבליבען דער איינציגער, וואָס לעבט, ווייל דער איינציגער וואָס האָט אַריינגעטראָגען דעם מאָנטענישען גייסט, דעם גייסט פון אומניצליכקייט אין דער ענגלישער ליטעראַטור. איך וויל דאָ ניט ציטירען

קיין איינציגען פון די עסיים. אפשר בלויז צוליב פוילקייט. איך האָב געוואָלט די טעג איבערלייענען אויף דאָס ניי די עסייס אָוו עליאַ, געזוכט דעם בוך אין מיין ביבליאָטעק און איהם ניט גע־קאָנט געפינען. ביז איך האָב אַנטדעקט, אַז דער באַנד פון טשאַרלס לעם איז געוואָרען אַ פיסעל פון מיין עטאַזשערקע. די שווערע ביכער, וואָס שטעהען דאָרט, זיינען געווען צופיל געוויכט פאַר די געטאָקטע פיסלאַך פון דער שאַפקע און מען האָט געמוזט אונטער־שפאַרען איין פיסעל מיט אַ בוך, און דער גורל איז געפאַלען אויף דעם גרינגסטען פון אַלע, טשאַרלס לעם. אָט אַזוי איז תמיד, דער פונדאַמענט פון קולטור איז שטענדיג דאָס גרינגע, דאָס איבעריגע, גרינג אין וואָג. אָבער ווי שווער איז צו דערגעהן צו דער גרינגקייט. און עס איז אפשר בעסער אַזוי. איך ווייס ניט, צי איך וואָלט געווען היינט באַגייסטערט פון דעם עסיי וועגען געבראָטענע חזירים. די מעשה איז דערפון ווי אַזוי די כינעזער האָבען צום ערשטען מאָל אַנטדעקט וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ געבראָטען חזיר׳ל און זיינען געקומען דערצו ערשט צוליב דעם, וואָס זיי האָבען פאַרברענט גאַנצע שטעט און וועלדער און הייזער אָהן אַ שיעור. אָדער דער עסיי וועגען פאַרצעליי, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ באַמערקונג וועגען אַ פאַרצעלייענער שאָל און געהט איבער אַזוי פיין ניואַנסירט אין אַ קינסטלערישער פאַרבען־סקאַלע צו אַ סקעפטישער פילאָזאָפיע וועגען מענש און וועלט.

עס שווימען אַרויף אין זכרון טעמעס און ווערטער און פאַראַ־דאָקסען פון טשאַרלס לעם. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. די הויפּט זאַך איז דער פאַרפיום, דער אַראָמאַט פון די אַלטע בלעטער, וואָס האָט זיך ניט אויסגעוועפּט. מען קאָן איהם ניט דעפינירען, מען קאָן אָפּט ניט אָנווייזען פון וואָסער בלום ער איז אויסגעדריקט געוואָרען, אָבער ער נעמט אייך אַרום ווי אַ וואָלקען און עס חלומ׳ט זיך אין איהם אַזוי גרינג. וועגען אַלצדינג וואָס איז פאַרגאַנגען, וועגען שטילע זומער־טעג און זייער זשומען, וועגען באַגין און בין־השמשות, וועגען ליבע וואָס הויבט זיך אָן און מידקייט וואָס רוקט זיך אָן, אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט און ניט קיין קאָנטור, וואָס איז בלויז אַ שטילער עכאָ און אַ טרויעריגער שמייכעל. „איך האָב געזעהן, — זאָגט אַליס אין וואָנדערלענד, — ניט איינמאָל אַ קאַץ מיט אַ שמייכעל, אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ שמייכעל אָהן אַ קאַץ״. און דער שמייכעל אָהן אַ

דר. א. קאַראַלניק

קאָפּ, אָהן אַ פּנים, דער שמייכעל פאַר זיך, איז מיר געבליבען פון עליא און זיינע עסייס. דער שמייכעל איבער אַלץ, ווייל צו שמייכ־לען מוז מען זיין ביי דער זייט, אַ זייטיגער, אויב ניט גאָר קיין פרעמדער. און עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס טשאַרלס לעם, אַט דער ענגלישסטער פון אַלע ענגלענדער, איז אין דער חשד צו זיין — אַ איד. ניט נאָר זיין פּנים איז אַזוי מערקווירדיג אידיש, אומגעפער אַזוי ווי דער יונגער דיזראַעלי, דער שפּאַניש־אידישער פּנים, ראַפינירט, אַריסטאָקראַטיש, מיט אַ סודות׳דיגען קוק, נאָר אפילו פאַקטען רעדען דערפאַר. אַט האָב איך געפונען אין אַן אַלטען ענגלישען זשורנאַל, דעם באַרימטען „פרייזער׳ס מעגעזין״ פון פעברואַר 1835, דאָס הייסט, קורץ נאָך טשאַרלס לעמ׳ס טויט, אין אַן אַרטיקעל וועגען טשאַרלס לעם דעם זאַץ: „ער איז געווען, נאָך אונזער מיינונג, פון אידישער אָפּשטאַמונג, און זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען לאַמב״. לאַמב, קאָן זיין, איז בלויז אַן אָפּקירצונג פון דעם אידישען נאָמען לאַמבאַרדאַ. און מיר ווייסען, אַז אַ סך ספרד׳ישע אידישע פאַמיליעס האָבען זיך אין דעם לויף פון די יאָהרען אַנגליזירט און פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער ענגלישער סביבה. און אויב עס איז ניט אמת, איז עס גוט צוגע־טראַכט, ווייל אויף דער אייגענער ליניע ווי מאָנטען — און מאָנטען איז, און דאָס איז שוין אַ היסטאָרישער פאַקט, צום וויניגסטען אַ האַלבער איד, דער זון פון אַנטאָניאָ לאָפּעז, אַ מאַראַן, ווייל בלויז אַ איד קאָן זיך אַזוי דערווייטערען פון דער ווירקליכקייט, זיך שטעלען איבער איהר, און נאָר אַ איד פאַרמאָגט אַט דעם שמייכעל, וואָס העגנגט א׳בער דער וועלט. „קהלת״ איז אין אונזער בלוט, דער ערשטער, דער קלאַסישער און דער אייביגער בוך פון דער אומניצליכקייט אין דער וועלט, דער בוך פון באַפרייאונג.

יאַנואַר 27, 1935

„פאַרגעסענדיג די צייט"

וועגען דזש. ס. בערי

אין מילטאָנ׳ס „פאַרלוירענער גן־עדן" איז דאָ אַ פּערז, וואָס האָט אין זיך דעם אַראָמאַט פון אייביגקייט. זיצט די מוטער חוה אין גן־עדן און רעדט צו אָדמ׳ן:

With Thee conversing, I forget all time,
All seasons, and their change; all please alike,
Sweet is the breath of morn . . .

א. אַז. וו. — ריידענדיג מיט דיר פאַרגעס איך צייט. די צייטען און זייער בייט, אַלע זיינען גלייך מיר ליב, זיס איז דער אָטעם פון דעם מאָרגען" — א. אַז. וו.

בענקשאַפט אָטעמט פון די שטילע, פשוט׳ע ווערטער, די בענקשאַפט פון יעדער חוה און יעדען אָדם נאָך די אָנהויבען. צי דאָס איז דער אָנהויב פון אַ ליבע, צי דאָס איז דער אָנהויב פון — עד, וואָס איז דער חילוק? יעדער אָנהויב האָט דעם זיסען הויך פון באַגין, און יעדער סוף — איז אַ מידקייט און אַן אומעט.

און די קונסט פון אַלע קונסטען און די חכמה פון דעם טיפ־סטען וויסען איז — צונויפבינדען אָט די לויזע פעדים פון אָנהויב און פון סוף, צונויפקניפּען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלען קאָנען האַלטען די צייטען וואָס בייטען זיך, דאָס לעבען וואָס צערינט צווישען אונ־זערע פינגער, צוקלעפּען דעם שאָטען צו דער וואַנט — עס זאָל כאָטש עטוואָס בלייבען פון דעם לעבען.

עס איז די שווערסטע אַרבייט, און זי מאַכט מיד. און דערפאַר מוז מען האָבען ברייטע פּלייצעס — כדי אונטערצושפּאַרען דעם באַלקען פון דער צייט, וואָס אָט־אָט פאַלט ער איין און דער־קוועטשט אונז. מען מוז האָבען אויך זיבען־מיילען־שטיוועל כדי זיי נאָכצויאָגען, אָט די יאָהרען וואָס אַנטלויפען—און זיי דעריאָגען.

דעריאָגען? עס רעדט זיך נאָר אַזוי. דער בעסטער לויפער קאָן אויך נאָר לויפען מיט׳ן פּנים צום ציל. אָבער מיט׳ן רוקען צו איהם, ווער קאָן דאָס? אָבער דער פאַרזוך אַליין איז שוין העל־ראָאיש. און ווער עס נעהמט זיך אונטער — דער ווערט געקרוינט

אין דער גרויסאַרטיגסטער און פאַרצווייפעלטסטער אָלימפּיאַדע וואָס איז פאַראַן — דעם וועט־געלאָף נאָך דער פאַרלוירענער צייט.

און איינער פון די געציילטע אָלימפּישע זיגער איז פון אונז די טעג אַוועק. זיין נאָמען איז — סער דזשיימס מעטיו בערי — דער דיכטער פון דעם „אינגעל וואָס וויל ניט אויסוואַקסען".

עס קומט זעלטען פאָר, אַז אַ שרייבער זאָל באַקומען שוין ביים לעבען אַ סטאַטוע. אָבער עס איז, דוכט זיך, נאָך בכלל קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, אַז מען זאָל אויפשטעלען אַ סטאַטוע פאַר אַ געשטאַלט, וואָס אַ שרייבער האָט געשאַפען. איך האָב נאָך ניט געהערט פון אַ סטאַטוע פאַר „האַמלעט" אָדער „דייוויד קאָפּערפילד", הגם זיי פאַרדינען עס מעהר ווי אַ סך „ווירקליכע" מענשען. אָבער אין די „קענזינגטאָן גאַרדענס" אין לאָנדאָן שטעהט שוין פאַר די לעצטע צעהן יאָהר אַ וואונדערליכע סטאַטוע: אַ אינגעלע מיט אַ פייפעלע — די סטאַטוע פון „פּיטער פּען" — דזשיימס בעריי'ס „אינגעל וואָס וויל ניט אויסוואַקסען", די וואונדערליכע שאַפונג פון דעם ענגלישען גייסט. דער גייסט וואָס וויל גובר זיין די שווערקייט פון דעם לעבען — דורך שפּאַס.

עס איז אין דעם פּרט די איינציגע ליטעראַטור פון דער וועלט. זי האָט דערהויבען דעם שפּאַס, דעם אומזין, דעם „נאָנסענס" צו דער העכסטער מדרגה, זי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גלייכבאַרעכטיגטען מיטגליד פון אונזער גייסטיגער געזעלשאַפט. זיי — די דרייסטע ים־פאָהרער און אַנטדעקער — האָבען אַנטדעקט דעם זיבעטען קאָנטינענט פון דער ערד — דעם קאָנטינענט פון דעם קרומען שפּיגעל, וואו די וועלט איז פאַרקעהרט, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. און זי שטעהט אַזוי אויך — אפשר נאָך זיכערער און פעסטער ווי אונזערע. און אין איהרע העכסטע דערגרייכונגען איז דאָס „אַליס אין וואָנדערלענד" — איינס פון די טיפסטע ביכער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, און „פּיטער פּען".

עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס די שרייבער פון די צוויי געשטאַלטען זיינען געווען ניט גלאַט שפּאַס־מאַכער, פּראָפעסיאָנעלע „אונטערהאַלטער", ווי צום ביישפּיל דזשעראָם ק. דזשעראָם, און אין אַ געוויסער מאָס אפילו מאַרק טווין. פאַרקעהרט — זיי זיינען געווען ערנסטע, הויכגעבילדעטע, שטרענג דענקענדע מענשען און — אין דעם לעצטען עצם — טיפע ראָמאַנטישע פּאָעטען. אַליסע'ס „פאָטער" איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק,

„פיטער פענ'ס" פאָטער איז געווען אַ גרויסער זשורנאַליסט, אַן ערנסטער דענקער, מיט דער גאַנצער מעטאַדישקייט פון אַ שאַטישען מענשען. ווייל אין יעדען שאָטלענדער איז פאַראַן אַט דער מעטאַפיזישער פונק, אַט דער רעליגיעזער שוואונג, וואָס ווערט ביי דזשאָן נאָקס און טאָמאַס קאַרלייל דונערנדיגער פּאַטאָס, און ביי דייוויד יוהם, דעם פילאָזאָף, סקעפּטיציזם און גריבלעריי. זיי זיינען ניט ווייט איינער פון דעם צווייטען — האַרטער גלויבען און נאָך האַרטערער ספק. און בלויז די וואָס קאָנען צווייפלען, ווייסען וואָס עס מיינט גלויבען, אָדער ווילען גלויבען.

דזשיימס בערי, פון סקאָטלאַנד, געבוירען (אין 1860) אין אַ קליין פּראָווינציעל שטעדטל, ערצויגען אין דער אַטמאָספערע פון אַלט־סקאָטלאַנד, שרייבט גרינג, שפּאַסיג, הומאָריסטיש, אָבער מיינט עס טויט־ערנסט. און זיין לאַנדסמאַן און חבר ראָבערט לואי סטיווענסאָן האָט איהם ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט, ווען ער האָט געזאָגט ווענען איהם דאָס באַקאַנטע וואָרט: „דזשיימס בערי איז אַ געניאַלער שרייבער, אָבער ביי זיין עלענבויגען שטעהט אַ זשורנאַליסט." עס איז פאַראַן זשורנאַליסטיק, ד. ה. ליטעראַטור געשריבען פאַר דעם טאָג און וועגען דעם טאָג, וואָס איז טיפער און ערנסטער ווי פילאָזאָפישע טראַקטאַטען אָדער „ריינע קונסט". עס הענגט בלויז אָפּ דערפון, ווי ווייט איינער קאָן אַרויסגראָבען פון דעם טאָג — די אייביגקייט, אָדער פאַרקעהרט, צוריקגעבען איהם דעם שאָטען, וואָס האָט זיך דערוויטערט.

און אַזאַ זשורנאַליסט איז געווען דזשיימס בערי, ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער מיטאַרבייטער פון אַ קליינער פּראָווינץ־צייטונג אין נאָטינגהעם און פון פּאָפּולערע זשורנאַלען אין לאָנדאָן. אַזאַ זשורנאַליסט איז ער אויך געבליבען, ווען ער איז געוואָרען דער באַריהמטער נאָוועליסט, דער פאַרפאַסער פון „ליטל מיניסטער" און אַנדערע „נאָוועלען" — און נאָך מעהר, ווען ער איז געוואָרען דער וועלט־באַריהמטער דראַמאַטורג.

אַ זשורנאַליסט, אַ דיכטער פון דעם טאָג, דער שעה, דעם מאָמענט—און דערפאַר אַן אויפלייזער פון דער פאַרגליווערטער צייט.

עס איז שווער, כמעט אוממעגליך איבערצודערצעהלען אַ נאָוועלע אָדער אַ דראַמע פון דזשיימס בערי. דערצעהלען קאָן מען נאָר דאָס, וואָס האָט פּאַסירט, וואָס איז געוואָרען. אָבער מען קאָן ניט דערצעהלען די שאָטענס, וואָס שפּילען זיך אויף די ווענט פון

אַ האַלב־טונקעלען חדר, אָדער דעם זונענשטראַל, ווען ער יאָגט זיך נאָך דעם הויך פון אָווענט. מען קאָן עס נאָר פיהלען. און אין דעם פיהלען ווערען געבוירען געדאַנקען, אַזוי דין און אומ־ממשות׳דיג. מען קאָן זיי ניט פאָרמולירען, מען דאַרף עס אויך ניט.

„מען זאָגט, אַז מענשען ווערען אַנדערש אין די פאַרשיידענע צייטען פון לעבען, ענדערען זיך דורך אַן אָנשטרענגונג פון דעם ווילען. איך גלויב עס ניט. איך גלויב, אַז מיר בלייבען די איי־גענע, מיר געהען בלויז אַריבער פון איין חדר אין אַ צווייטען. פאַר־שיידענע חדרים — אָבער אַלע אין איין הויז" — אָט דאָס איז די גרונט־פילאָזאָפיע פון דזשיימס בערי — אין זיין הקדמה צו „פיטער פען".

חדר נאָך חדר ווערט צוגעשלאָסען. צוערשט דאָס קינדער־צימער, דערנאָך דער חדר פון דער יוגענט, שפּעטער דער ערנ־סטער סאַלאָן, אָדער אַרבייטס־צימער — ביז עס קומט צו דעם לעצטען חדר — און דאָרט בלייבען מיר שוין אויף אייביג. פיהרט אונז אָבער דער דיכטער פון איין חדר צום צווייטען, דעם וועג אויף צוריק, און ווייזט אונז דעם קינדער־חלום, די אָנהויבען, ער ווייזט אונז בלויז און „ערקלערט" ניט, מאַכט ניט קיין ווערען דערפון, שאַפט ניט קיין „שיטה", ווי צום ביישפּיל מעטערלינק אין זיין „בלויער פויגעל". מיסטיק — יאָ, אָבער מיט הומאָר, מיט אַ שמייכעל אין די אויגען, תמיד גרייט צוצוגעבען, אַז דאָס אַלץ איז בלויז „שטיפעריי", אומזין, „נאָנסענס".

פיטער פען ענטפערט אויף אַלע „פאַרוואָס"־פראַגען פשוט: „איך ווייס ניט". ער וויל ניט וויסען, ער האָט גאָר ניט עפּעס געוואויר צו ווערען. ער וויל בלויז „שטענדיג בלייבען אַ קליין אינגעל און זיך שפּילען".

ניט נאָר פיטער וויל עס — אַלע מענשען פון דזשיימס בערי׳ס וועלט ווילען עס. און וואַקסען זיי אויף, ווערען זיי „גרויסע" — האָבען זיי חרטה און אַנטלויפען. אַזוי, צ. ב. „מערי ראָוז", איינע פון די וואונדערבאַרסטע געשטאַלטען פון דער ענגלישער ליטע־ראַטור, די יונגע פרוי, וואָס האָט געוואָלט „פאַרהאַלטען" די צייט און חלום׳ען וועגען אייביגער יוגענט.

בערי האָט אויסגעאַרבייט אַ מערקווירדיגע טעכניק. ער האָט אַזוי לאַנג צונויפגעמישט פאַנטאַסטיק מיט דעם שטרענגסטען רע־אַליזם, אַז דיביידע מאָטיוועןֹ — מיסטיק און ווירקליכקייט זיין

און אומזין — מישען זיך צונויף אין אַן אייגנאַרטיגער סימבאָליק.

אַזוי, צ. ב., אין זיין טיפער פּסיכאָלאָגישער דראַמע „דער ברוטוס", וואו ער מאַכט חוזק פון אונזער שטענדיגער אילוזיע, אַז דאָס לעבען האָט אונז אָפּגענאַרט, און דער אייביגער האָפענונג, אַז מיר וועלען „נאָך האָבען אַ שאַנס".

וויזט ער דאָרט, דורך אַ מערקווירדיגען דראַמאַטישען דרעה פון דעם שפּיגעל, ווי מענשען באַקומען אַ „צווייטען שאַנס", און וואָס זיי מאַכען מיט איהם. די אייגענע פעהלערען אין דעם „צווייטען לעבען" ווי אין דעם ערשטען, און דער אייגענער אומזין. און ער קנוילט צונויף זיין פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע פון דעם לעבען אין די ווערטער פון שעקספּיר:

דער פעהלער, ליבער ברוטוס, ליגט ניט אין די מזלות.
נאָר אין אונז אַליין — אין אונזער נישטיגקייט.

און נאָך פּעסימיסטישער, נאָך שאַרפער אין דער קלאָרקייט פון דער וויזיע, בערי'ס באַריהמטע דראַמע „דער וואונדערליכער קרייטאָן". בכלל, אַ מערקווירדיגער איינפאַל — נעהמען אַ כמעט לעגענדאַרע פיגור פון דער געשיכטע פון סקאָטלאַנד — איינעם פון איהרע רענעסאַנס-מענשען, פון איהרע „געניאַלע" נאַטורען — דזשיימס קרייטאָן, „דהי אַדמירעיבל קרייטאָן", ווי ער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער שאָטלאַנדישער ליטעראַטור — און מאַכען איהם אויף אַ קרום-שפּיגעלדיגען אופן פאַר אַ לאַקיי, דעם סימבאָל, מוסטער און אידעאַל פון דעם „דינער". ביל קרייטאָן איז אויך „אַדמירעיבל", וואונדערבאַר, אָבער בלויז דערפאַר, וואָס ער איז דער פולקאָמענער קנעכט. ער איז אַ דינער, וואָס גלויבט אין דער אָרדענונג, דער „נאַטירליכער אָרדענונג", וואו איינער איז אַ האַר און דער צווייטער אַ דינער.

ביל קרייטאָן איז אַ מיסטישער רעאַליסט און האָסט געפיהלען. ער וויל אָרדענונג — איבער איהם דער לאָרד, אונטער איהם די קלענערע לאַקייען, זיין וועלט איז אַ לייטער — און אַ היעראַרכיע. עס איז דאָ אַן אויבען און אַן אונטען — כל זמן עס איז דאָ אַ באָדען פאַר דעם לייטער. אָבער בייט זיך די סיטואַציע — ווערט דער לייטער אויך איבערגעקעהרט.

ווען לאָרד לאָם און זיין פאַמיליע ווערען פאַרוואָרפען אויף אַן איינזאַמער אינזעל — נאַטירליך אינאיינעם מיט דעם געטרייען די־

נער קרייטאָן — ווען די „נאַטירליכע אָרדענונג״ ווערט אַן אַנדערע, שטעלט קרייטאָן איבער דעם לייטער. ער ווערט דער האַר, דער לאָרד ווערט דער דינער. און ניט ווייל קרייטאָן איז אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר ווייל ער איז אַ קאָנסערוואַטיווער, ווייל ער — זעהט נאָר ווירקליכקייט און ניט קיין פראַזען. אין לאָנדאָן איז ער — דער „באַטלער״; אויף דער אינזעל ווערט ער דער „גאָווערנאָר״. און ווען דער לאָרד און זיין הויזגעזינט ווערען געראַטעוועט און די אַלטע אָרדענונג קעהרט זיך אום — ווערט קרייטאָן ווידעראַמאָל דער אידעאַלער דינער, דער קנעכט פון פּרינציפּ.

איך ווייס ניט, פון וואַנען בערנאַרד שאָו האָט עס גענומען — אין זיין אַרטיקעל איבער בעררי — אַז ער, בעררי, איז „גליקליך ווען ער קאָן איבערשטעלען די וועלט אַזוי, אַז זי זאָל ווערען אַנגענעמער״.

מיר דוכט זיך, אַז די שאַרפסטע סאָציאַלע סאַטירעס פון בערנאַרד שאָו זיינען ווייט ניט אַזוי „פיינליך״, אַזוי פּעסימיסטיש, אַזוי רעוואָלוציאָנער ווי אַט די „ליבליכע״ און גלאַטע קאָמעדיע „דהי אַדמירעיבל קרייטאָן״. שאָו איז ניט אומזיסט אַזאַ ענטוזיאַסטישער וואַגנעריאַנער. ער האָט ליב טרומייטען־ און פּייקעל־מוזיק. ער האָט ניט קיין אויער פאַר האַלבע אָדער פּערטעל טענער; ער האָט אויך ניט קיין אויג פאַר דעם פיינעם שמייכעל וואָס איז, ווי בעררי האָט אַמאָל געזאָגט, אַ „ברעקעל פון אַ שערבעלע פון אומשטערבליכקייט״. די ביאָגראַפען פון ראָבערט לואיס סטיווענסאָן דערצעהלען, אַז די שכנים פון זיינע לעצטע יאָהרען, די פּאָלינעזיער פון טאַהיטי, האָבען איהם גערופען „טוסיטאַלאַ״, דער וואָס דערצעהלט מעשה׳לאַך. יעדער דיכטער מוז עס אייגענטליך זיין, ער מוז קענען דערצעהלען מעשה׳לאַך, כדי מיר זאָלען קאָנען פאַרגעסען די צייט; כדי מיר זאָלען, פאַרגעסענדיג, זיך דערמאָנען אַן דעם לעבען וואָס איז פאַרגאַנגען, אַן די אָנהויבען. געדענקען דעם סקריפּ פון דער ערשטער טיר, כדי ניט צו הערען ווי ס׳עפענט זיך — שטיל אַזוי — די לעצטע.

און מערקווירדיג — סטיווענסאָן איז פאַרבליבען דער טוסיטאַלאַ פאַר קינדער; אָבער דזשיימס מ. בעררי איז געוואָרען דער „טוסיטאַלאַ״ פאַר די דערוואַקסענע. און וואָס עלטער מיר ווערען, אַלץ מעהר האָט אונז בעררי צו דערצעהלען. וואָס מעהר חדרים—אַלץ לענגער די רייזע אַרום דעם הויז, דעם כישוף־הויז וואָס הייסט לעבען.

יוני 26, 1937

וועגן טאָמאַס וואָלפ׳ס
„פון צייט און טייך״

„קענסטו דאָס לאַנד וואו די ציטראָנען בליהען,
אין דונקעל־לאָוב די גאָלד אָראַנזשען גליהען?...
דאָהין, דאָהין, אָה, מיין געליבטע, מעכטע איך ציהען״ —

אזוי זינגט מיניאָן, געטהע׳ס מיניאָן, דאָס מיידעל מיט דער האַרפּע, די אייביגע יוגענט וואָס בענקט.

אַ ליד פון אַלע צייטען פאַר אַלע קלימאַטען, כל זמן יוגענט אויף דער ערד, און לעבען וואָס בענקט נאָך זיין דערפילונג, קלינגט־אויף אומגעריכט, ווי מען וואָלט עס גאָר ניט דערוואַרט אין לענדער אָהן בענקשאַפט, אָהן ראָמאַנטיק, אין אַ לאַנד אָהן נאַכטיגאַלען.

עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך, אָט די אומגעזאַנגיגקייט פון אַמעריקע. דאַכט זיך, איינס פון די רעש׳יגסטע לענדער פון דער וועלט, טומעל און געלאַף אויף אַלע וועגען און שטעגען פון דעם געוואַלדיגען שטח ערד פון אָקעאַן ביז אָקעאַן, און דאָך, דאָס אַלץ בלויז אויף אַ שמאָלער סטענגע ערד, דאָרט וואו שטעדט זיינען, פאַבריקען שטעהען, וואו אַמעריקע אַרבייט אָדער רוהט זיך אָפּ. אָבער בלויז איין שריט אין דער צייט, איין שפּאַן אַוועק פון דער סטענגע, און אַ שטילקייט נעהמט אייך אַרום, ווי זעלטען ערגעץ אין אַ לאַנד, אַ שטילקייט וואָס קען זיך פאַרגלייכען אפשר בלויז מיט דער שווערער, פאַרשטיקענדיגער רוה אין דער סיבירישער טאַיגאַ.

אויפ׳ן ערשטען בליק, אַן אומבאַדייטענדער דעטאַל — ניטאָ קיין נאַכטיגאַלען אין אַמעריקע, און ווייניג זינג־פויגעל בכלל. אָבער גראַד אין דעם שטריך אַ געוואַלדיגער פּאַטאָס, און אין דער נאַ־טור־שטילקייט דער סוד פון דער מערקווירדיגער, אייגענאַרטיגער, אָפּט אומפאַרשטענדליכער, פאַרבענקטקייט און לאַבירינטישקייט פון דעם האָמאָ־אַמעריקאַנוס, דעם אַמעריקאַנישען מענשען. דער מענש בכלל איז טיפער ווי מען מיינט. עס איז ניט גענוג פאַר איהם

אַ שטיקעל ערד און אַ שפּאַן הימעל, ברויט צו עסען און אַ בעט צו שלאָפען, ניט גענוג פאַר איהם צו פיהלען זיך אינדערהיים. ער דאַרף אויך האָבען אינטימיטעט. ער מוז זיין פאַרוואַקסען מיט דער סביבה, איינגעוואָרצעלט; אָדער ער איז ווי יענער צפון־בוים אין היינע׳ס ליד, וואָס בענקט שטיל און שטום נאָך זיין אַמאָליגער היים, ערגעץ וואו אין מרחקים.

און דער אַמעריקאַנער, צי ער איז פון ניו יאָרק אָדער פון סאַן־פראַנציסקאָ, פון די פּריירים אָדער פון די ראָקיס, נאָך אַלץ אַ נייער, אַ פרישער, נאָך אַלץ אַ מענש וואָס געדענקט פון וואַנען ער קומט. פסיכישע פעדים ציהען זיך פון איהם אין אַלע עקען פון דער וועלט, אַלטע קנייטשען, ליניעס פון פאַרגאַנגענע דורות, קרייצען זיך און פלעכטען זיך צונויף מיט דער נייער, מיט דער אַמעריקאַנישער ליניע. און אָט קומט אַ פאַרקנוילונג, אַן אָפּשטעל, און אָפּט ווערט עס אַ מין פסיכישע טראַומאַ, די גייסטיגע, די עמאָ־ציאָנעלע צירקולאַציע ווערט פאַרהאַלטען, און עס קומט די אַמע־ריקאַנישע טראַגעדיע, די איינציגע אין איהר מין. ניט די טראַגע־דיע, ווי דער אַזוי פשוט׳ער און באַנאַלער טעאָדאָר דרייזער האָט זי אויסגעמאָלט, נאָר די אמת׳ע, די אינערע, וואָס הענגט ניט אָפּ פון דער עקאָנאָמישער אָדער סאָציאַלער סטרוקטור, וואָס איז טיף פאַרבאָרגען אין דער פסיכיק פון דעם אַמעריקאַנער ווען ער קומט צו זיך, ווען ער וויל אויספורעמען פון דעם גרויסען כאָאָס אַ גאַנצע פערזענליכקייט.

עס איז די נשמה־טראַגעדיע פון וואָלט וויטמאַן, פון מאַרק טווייך, די צוויי גרעסטע און רעפּרעזענטאַטיווסטע פיגורען פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, די טראַגעדיע פון ברייטקייט און ניט־היימישקייט.

וואָלט וויטמאַן האָט געזעהן אַמעריקע קאָסמיש, אָבער אין דעם קאָסמאָס איז ניטאָ קיין אינטימיטעט. מאַרק טווייך האָט אין זיין קאָנעטיקוט יענקי אָפּגעשפּיגעלט אָט דעם טיפען ווידערשפּרוך אין דעם אַמעריקאַנישען מענשען: גייסטיג, פסיכיש, קולטורעל — אין דעם הויף פון קינג אַרטור; פיזיש, רעאַל — אין קאָנעטיקוט. און וואָס ווייטער די צייט געהט, וואָס שטאַרקער עס ווערט דער דראַנג פון דעם אַמעריקאַנער זיך צו געפינען, זיך צו קריסטאַלי־זירען — אַלץ שווערער דער גייסטיגער פּראָצעס. און דער לייט־מאָטיוו ווערט: מיניאָן.

די מיניאַן פון קאַטאַבאַ, די מיניאַן פון די וועלדער פון אַרע־גאָן, די פּריירים פון נעבראַסקאַ, די רויכיגע קוימענס פון פּיטסבורג און די פּיראַמידען פון ניו יאָרק.

און אַ ליד שטייגט: „קענסטו דאָס לאַנד וואו די ריזען־בוימער וואַקסען, וואו געלע זאַנגען־פעלדער ציהען זיך אָהן אַ שיעור; קענסטו דאָס לאַנד וואו מאַשינען קלאַפּען, וואו רעדער לויפען, דאָס לאַנד וואָס איז אַזוי שטיל און שטום... קענסטו דאָס לאַנד, וואו מיליאָנען פעדים הענגען אין דער לופט און בענקען נאָכ׳ן וועב־שטול, וואו קלאַנגען פון דער גאַנצער ערד און פון אַלע צייטען זוכען אַ דערנעהנטערונג און אַ פאַרשמעלצונג, קענסטו דאָס לאַנד פון די ברייטע טייכען, און דעם ברייטסטען פון אַלע, די צייט?״ אַלע אַנדערע לענדער האָבען די צייט הינטער זיך אָנגעפילט מיט זכרונות, דאָס לאַנד אָבער האָט נאָר דעם היינט, און דעם אומענד־ליכען מאָרגען, צייט וואָס בעט זיך אויסגעפילט צו ווערען, ליידיג־קייט וואָס וואַרט. אָהין, אָהין...

און פון אַזאַ מיניאַניזם וואַקסט־אויס אַ נייע שטימונג, אָדער זאָל איך זאָגען, אַ נייע קונסט. ניי — איך ווייס ניט. זינט וואָלט וויטמאַן זיינען שוין פאַרגאַנגען צוויי דורות, און זיין מאָטיוו איז שוין ניט קיין נייער. ער איז בלויז אויף אַ צייט אונטערבראָכען געוואָרען, און וואָלט וויטמאַן איז געבליבען כמעט דער איינציגער, יעדענפאַל׳ס אין דער ליריק. אָבער דער מאָטיוו לעבט נאָך אַלץ און הויבט־אָן אויפ׳ס ניי זיך צו צעבליהען, דאָס מאָל אין דעם ראָמאַן. אויף אַ קורצער וויל האָט דער וויטמאַנישער מאָטיוו זיך אָפּגערופען אין דער דראַמע, און דאָס איז, דוכט זיך מיר, דער שלי־סעל צו יודזשין אָ׳ניעל. די דראַמע פון אַמעריקאַנישער צעריסענ־קייט און איבערשוימענדיגער רייכקייט און שטומקייט. ביז אָ׳ניעל איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען צוריק קיין אַלט־אירלאַנד, אין דער אַלטער קאַטוילישער קירך, צו דער ענגשאַפט און דעם מיסטישען האַלב־טונקעל.

אפשר וועט דאָס זיין אויך דער גורל פון דעם נייעם ראָמאַ־ניסט, וואָס האָט אויפגענומען דעם וויטמאַנישען פאָדים און פלעכט איהם און וועבט איהם איין אין אַ גרויסען, ברייטען קילם, וואָס זאָל באַדעקען די אַמעריקאַנישע ערד, דעם ראָמאַניסט טאָמאַס וואָלף, אין זיין ראָמאַן „אָוו טיים ענד דהי ריווער״ — פון דער

צייט און פון דעם טייך — דער ראָמאַן פון דעם אַמעריקאַנישען מיניאַניזם, דער בענקשאַפט פון יונג־אַמעריקע.*)

איך דערמאָן דאָ מיניאַן ניט צופעליג, ווייל דער יונגער ראָמאַניסט האָט ארויפגעשטעלט פאַר אַ מאָטאָ צו זיין ראָמאַן דאָס געטהע׳שע ליד. און דאָס איז מעהר ווי אַ ליטעראַרישער קאַפּריז, עס איז אַ לייטמאָטיוו.

אַ לאַנגער ראָמאַן, כמעט 1000 געדיכט געדרוקטע זייטען. און אויך דאָס איז אינטערעסאַנט, און אויך דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נייעם מאָמענט. מען האָט אונז איינגערעדט יאָהרען נאָכאַנאַנד, אַז אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון גיכקייט, פון אַ ברויזענדיגען טעמפּאָ, פון קורצקייט. דאָס לעבען צוגעפּאַסט צו דעם אויטאָמאָביל, צו דער סאָבוויי, אַלצדינג געמאָסטען נאָך דער מינוט, אַט אַזוי ווי אין דעם שיקאַגער פּאַלקס־זשורנאַל „ליבערטי״. עס ווערט אָנגעגעבען ביי יעדער ערצעהלונג, פאַר יעדער סקיצע, ווי לאַנג עס געדויערט דאָס לייענען: דריי־און־צוואַנציג מינוט און זעכצעהן סעקונדען, קיינמאָל ניט קיין שעה. דאָס איז דער פּרינציפּ. מען לעבט נאָך סעקונדען, נאָך מינוטען, די שעה איז שוין אַן אייביגקייט.

און פּאַראַדאָקסאַל ווי עס זאָל ניט קלינגען, אַט די אַלע צייט־מעסטערס און מינוטען־באַשטימער קומען צו דעם אַמעריקאַנער ווי צו אַ פרעמדען. זיי קוקען אויף איהם, ווי מיר מענשען זעהען דעם קאָליברי, אָדער אַט דעם זעלטענעם טראָפּישן זום־זום פויגעל, אַ פויגעלע וואָס רוהט קיינמאָל ניט, וואָס האַלט די גאַנצע צייט אין באַוועגען זיך. אונז ווייזט זיך עס אויס אַזוי, ווייל מיר מעסטען די באַוועגונגען מיט אונזער מאַסשטאַב און מיט אונזער טעמפּאָ. דער זום־זום פויגעל אָבער האָט זיין מאָס און זיין אינערע צייט.

און דער אמת איז, אַז דער אַמעריקאַנער — ניט דער אַפּיציעלער, דער שטאַמפּירטער, וואָס זיצט אומגעדולדיג און נערוועז אין זיין ביוראָ און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אומגעהויער באַשעפטיגט, און אַז יעדע מינוט איז פאַר איהם אַן אוצר פון גאָלד, נאָר דער עכטער אַמעריקאַנישער מענש, ווען ער טוט אָפּ פון זיך

*) Of Time And the River, by Thomas Wolfe. Published by Scribners, 1935.

די פּאָזע, די מאַסקע, דעם אָנשטעל — האָט צייט, צופיל צייט, און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט איהר, און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. דער אַמעריקאַנער פון דער לעגענדע, דער לעגענדע וואָס מיר אַליין האָבען באַשאַפען, איך וואָלט געזאָגט דער הויפּט אַמעריקאַנער, איז דער וואָס האָט דערגרייכט. אָנגעהויבען זיין לעבען אויף אַ פאַרם, פאַרקויפט צייטונגען אין דער יוגענט, אַרויפגעאַרבייט זיך, און צום סוף געוואָרען, — יאָ, איהר ווייסט שוין, וואָל סטריט, אַ פּאַלאַץ אין לאָנג איילאַנד, אָדער יעדענפאַלס, אין דעם שלימסטען פאַל, אַ באַנגאַלאָ הינטער דער שטאָדט מיט אַ „פאָרדעל״, מיט אַ פאַמיליע, אַזוי גליקליך און צופרידען, און שאָקעלט זיך יעדען זונטאָג אויף דער ווערענדאַ פון זיין הויז אַ נודנער, אַ געזונטער מענש.

אָבער דאָס אַלץ איז אַ לעגענדע, אויסגעטראַכט פון פּאָליטישע ראָמאַניסטען און ראָמאַנטישע פּאָליטיקער. טוט אַ שאָב אָט דעם צופרידענעם אַמעריקאַנער, און איהר וועט דערזעהן פאַר זיך אַ מענשען, וואָס איז פול מיט ביטערקייט, מיט בלינדען האַס, מיט אַ שטורמער בענקשאַפט, וואָס ווייסט אפילו ניט אַז זי איז אַ בענקשאַפט, און ווערט דערפאַר גלאַט לאַנגווייליגקייט. מען האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער מענש איז די איינציגע חיה וואָס לאַנגווײלט זיך, און צווישען אַלע מענשען איז דער אַמעריקאַנער דער מענשליכסטער אין דעם פּרט. אַ דייטש לאַנגווײלט זיך ניט. זיין לעבען איז אויסגעקייליעכדיגט, אָפּגעשלאָסען. דער פראַנצויז, אויך דער ענגלענדער, זיינען מענשען מיט אַן אויסגעפּילטען לעבען. די איינציגע מענשען-גרופּע, וואָס האָט דערהויבען די לאַנגווייליגקייט ביז צו אַ וועלט-מאָטיוו, זיינען געווען די רוסען, און ביי זיי איז דאָס אויך געווען מעהר אַ סאָציאַלער, ווי אַ פּסיכישער מאָמענט. און ניט אומזיסט איז דאָ עפּעס אַ פּסיכישע נאָהנטקייט צווישען דעם רוסישען און דעם אַמעריקאַנישען כאַראַקטער. די אייגענע ברייטקייט און ניט דערזעטיגטקייט, אומבאַגרעניצטע האָריזאָנטען. און ווייל אַזוי ברייט די סביבה, אַזוי ענג אין דעם לעבען.

אַ סך אַמעריקאַנער לעגענדעס זיינען צעשטערט געוואָרען פאַר די לעצטע יאָהרען, און איינע פון זיי איז אויך די לעגענדע פון אומגעדולד און פון גיכקייט. מען קעהרט זיך אום אין אַמעריקע צו דער ברייטקייט, צו דער לאַנג-אָטעמדיגקייט, צו דער „צייט״.

יודזשין אָ׳ניעל׳ס פּרואוו מיט זיין זעקס-שעה׳דיגער דראַמע

„סטריינדזש אינטערליוד״, איז געווען מעהר ווי אַ צופאַל. עס איז געווען אַ סימבאָל, אַן אָנזאָג פון אַ נייעם טעמפּאָ. דער אַמעריקאַ־נער האָט געוואונען דעם וועג צו צייט, צוריקגעוואונען. און עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס דער פּאָפּולערסטען ראָמאַן — אַ ראָ־מאַן ניט פאַר דער אינטעליגענץ, נאָר פאַר דעם פּשוט׳ן עולם, פאַר דער יוגענט וואָס וואַקסט־אויף — איז געוואָרען דער ברעג־לאָזער בוך פון הוירווי, „אַנטאָני אַדווערס״. צוועלף הונדערט זיי־טען, דער טעמפּאָ פון דער ערצעהלונג אַזוי לאַנגזאַם, די מינדסטע דעטאַלען באַשריבען מיקראָסקאָפּיש, און פון ניו יאָרק ביז סאַן דיעגאָ שלינגט מען דעם ראָמאַן. און ניט ווייל ער איז אַזוי פאַר־כאַפּענד, נאָר ווייל אַמעריקע האָט געוואונען אַ נייע באַציהונג צו דער צייט, ווייל די צייט, וואָס איז פריהער געווען אַ שמאָלער און געוואַלדיגער וואַסערפאַל, איז ווידעראַמאָל געוואָרען אַ ברייטער און לאַנגזאַמער טייך.

איך ווייס ניט, צי דאָס איז דער זין, צי דאָס איז דער מיין פון דעם טיטעל, וואָס טאָמאַס וואָלף, דער יונגער דרומ׳דיגער ראָ־מאַניסט האָט געגעבען זיין בוך. אָבער אויב ער האָט דאָס אַפילו ניט געמיינט, די אידעע האָט זיך פאַרקערפּערט ניט נאָר אין דעם נאָמען, נאָר אויך אין דעם טאָן און אין אינהאַלט.

עס איז די געשיכטע פון אַ יוגענט, די ביאָגראַפיע — אָדער אויטאָביאָגראַפיע — פון אַ יונגען אַמעריקאַנישען מענשען פון „קאַטאָבאַ״, אַ ווייטע געגענט — דער נאָמען איז אויסגעטראַכט — אין דער סאַוט, די געשיכטע פון דעם יונגען יודזשין גענט, וואָס זוכט זיין וועג אין לעבען. עס איז אייגענטליך כמעט ניט קיין ער־צעהלונג, און נאָך ווייניגער אַ ראָמאַן. עס פּאַסירט בלויז. און דאָס וואָס האָט פּאַסירט האָט זיכער ניט פאַרדינט קיין טויזענט גע־דיכטע געדרוקטע זייטען. אַ יונגערמאַן פון אַלטאַמאָנט אין קאַ־טאָבאַ, דער זוהן פון אַן אַלטען יענקי, אַ שטיין־האַקער. מר. גענט, הויך און דאַר און גרויזאַם, מיט מעכטיגע הענט, ריזען הענט און פאַרט שעהן, לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט, פאָהרט קיין האַר־וואַרד, וויל ווערען אַ שרייבער, פאָהרט קיין פּאַריז, פאַרליבט זיך, שיכור׳ט, און פאָהרט צוריק קיין אַמעריקע און פאַרליבט זיך אויפ׳ס ניי.

כמעט ניטאָ וואָס איבערצודערצעהלען, אָבער וואָס איז דען דאָס לעבען, וואָס מען זאָל קאָנען דערצעהלען? דער עיקר איז דאָך

אייגענטליך ניט דאָס וואָס עס קומט פאָר אַרום דעם מענשען, נאָר וואָס דער מענש טראָגט אַריין אין דער וועלט, ניט דאָס טעלעסקאָ־פּישע, נאָר דאָס מיקראָסקאָפּישע. און דער גאַנצער ראָמאַן פון טאָמאַס וואָלף איז אַן אַנגעשטרענגטער מיקראָסקאָפּישער אַנאַליז פון אָט די קלייניגקייטען פון דער אַטמאָספערע, דער גייסטיגער אַט־מאָספערע פון מענשען. און עס וואַקסען אויס פאַר אונז פיגורען, אָפּט געצייכענט פון אַ מייסטערהאַנט, צום ביישפּיל דער אַלטער גענט. קיינער האָט איהם אויף זיין לעבען ניט גערופען ביים ערשטען נאָמען, אפילו זיין אייגענע פרוי עלייזאַ, וואָס האָט אָפּ־געלעבט מיט איהם עטליכע־און־פערציג יאָהר און האָט געהאַט מיט איהם דרייצעהן קינדער, האָט איהם זיין גאַנץ לעבען גערופען מיס־טער גענט. און ערשט אויף זיין טויטען־בעט, ווען ער האָט אַגאָני־זירט, האָט ער צום ערשטען מאָל געזאָגט צו איהר אַ פריינדליך וואָרט. ער האָט זי ניט פיינט געהאַט, זי האָט איהם ניט פיינט גע־האַט, אָבער זייערע נשמות זיינען געווען פאַרשלאָסען, שטום אין זייער ליבע און אין זייער האַס.

און נאָך דעם אַלטען דור מיט זיין שטומקייט, דער יונגער דור, די אינטעליגענץ מיט איהר אומבאַהאָלפענקייט, מיט איהר בענקשאַפט צו געפינען אַן אויסדרוק פאַר דעם, וואָס דריקט זי. זיי פיהלען: ניטאָ קיין נאַטיגאַלישקייט אין אַמעריקע, אַלצדינג אַרי־בערגעפלאַנצט, עמיגראַנטיש אַלצדינג, אפילו די ראָמאַנטיק. אַ פרעמדע קולטור און אַ כאַאָטישע. און זיי געהען צו די וואָרצלען. אָט אַזוי פרענסיס סטאַרוויק, דער טיפּישער אַמעריקאַנער אינ־טעליגענט, אַן עסטעט אַ פאָרם־זוכער און אַ צעריסענער. אַנטלויפט פון באָסטאָן קיין פאַריז. און באָסטאָן לויפט איהם נאָך. גע׳שכור׳ט אין באָסטאָן, ווייל ער האָט געזוכט פאַריז, און גע׳שכור׳ט אין פאַ־ריז, ווייל באָסטאָן האָט איהם גערופען.

און אָט אין דער פאַריזער אַטמאָספערע, אָנגעזאָפּט מיט אַל־טער קולטור, אַזוי פאַרשפּונען אין אַן אוראַלטער געשיכטע, אַן אַטמאָספערע וואו אַלצדינג האָט זיך שוין אָפּגעשפּילט, פון פראַנ־סואַ ווילאָן ביז וואָלטער און דאַנטאָן, און ביז די לעצטע אויפבלי־צען פון דעם מענשליכען געדאַנק. אָט אין דער אַטמאָספערע, די פאַרלוירענע אַמעריקאַנישע אינטעליגענץ, פרענק סטאַרוויק, יודזשין גענט, די פרויען אַרום זיי.

„ניו אינגלאַנד״, וואָס וויל אַריינזאַפּען אין זיך אַלט־אייראָפּע

און קאָן זי ניט האַלטען, ווי זי קאָן ניט האַלטען דעם ווײַן וואָס זי טרינקט, ווײַל זי טרינקט אָהן אַ מאָס. און אַ סביבה פון דעם אויסגעפורעמטען און אויסגעטאָקטען וואָרט, פאַלירט ווי אַ מאַר־מאָר־בלאָק, די אַמעריקאַנישע שטומקייט, וואָס קאָן ניט געפינען די בריק צו דעם געדאַנק, צו דעם טיפען געפיהל. מיניאָן אָהן אַ האַרפע, בלויז אַ יונג בענקענדיג מיידעל, מיט אַ שטומען און ווילדען צער.

און צו דעם מאָטיוו פון דעם ראָמאַן, אַזוי אומבאַשטימט, פאַר־נעפּעלט, ראָמאַנטיש — אויך דער סטיל האַלב דזשאָיסיש, האַלב־פּרוסטיש, דעטאַלירטע באַשרײַבונגען און ווידערהאַלונגען, מיני־אַטור־מאַלעריי, אַטאָם־פּסיכאָלאָגיע, און דערנאָך ווידעראַמאָל אַ לירישער טײַך וואָס צעגיסט זיך, לירישע אינטערמעצאָס אויף שריט און טריט. באמת אַ ראָמאַנהאַפטער „סטריינדזש אינטער־ליוד״. און אין יעדען קאַפּיטעל, איך וואָלט כמעט געזאָגט אויף יעדער זײַט פון דעם ראָמאַן, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די פראַגע: וואָס וויל אַמעריקע? נאָך וואָס הונגערט זי? וואָס זוכט זי? וואָס איז דאָס לאַנד פון איהרע חלומות.

יודזשין געענט דערגעהט ניט צו דעם תוך, טאָמאָס וואָלף דער־גרייכט ניט ביז צו אַן ענטפער. ער האָט אָפּגעשלאָסען דעם ראָמאַן פון דער יוגענט — מיט דעם ברייטען ים. יודזשין געענט פאָהרט אַהיים פון פאַריז, קעהרט זיך אום קיין אַמעריקע, און אויף דער שיף טרעפט ער אַ פרוי, אסתר, מיט גרינע אויגען, אַ אידישע פרוי. און דאָס איז זײַן נײַע אַנטפּלעקונג, דער נײַער אַרײַנפיהר אין זײַן אַמעריקאַנישען לעבען, דערוויל. אפשר וועלען מיר אין דעם קומענדיגען בוך פון טאָמאָס וואָלף דערזעהן דעם סינטעז, וואָס יודזשין־אסתר האָבען אַרײַנגעבראַכט אין דעם ברייטען, רײַכען, שטילען לאַנד פון אַמעריקע. אָדער אפשר איז נאָך צו־פריה, דער דור פון יודזשין געענט איז נאָך צו־יונג. ער זוכט נאָך אַלץ. דער מיניאָן־מאָטיוו איז נאָך אַלץ אין דער לופט.

יוני 23, 1935

ציילענדיג די שטיינערביים טייך

וועגען דעם פּאָעט עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן
(1935—1869)

וואַגענס מיט שטיינער סקריפּען איבער דער גאַס און שטעלען זיך אָפּ ביי דעם ברעג פון דעם טייך. אָט דאָרט וואו די דריי און צוואַנציגסטע גאַס אין ניו יאָרק גליטשט זיך אַריין אין דעם וואַסער. לעכער אין דער ערד. מען גראָבט אַ טונעל, בען בויט אַ סאָבוויי. און וואַגענס פיהרען שטיינער פאַר דעם וועג אונטער דער ערד.

אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן, מיט ברילען, שטעהט ביי דער הילצערנער בודקע, וואָס האָט דעם שילד „אָפיס". אַ בויגען פּאַפּיר אין דער האַנט זאָן אַ בלייפעדער, און ער פאַרשרייבט. נאָטירט די וואַגענס, ציילט די שטיינער.

שטיינער פאַלען מיט געדויש, מיט אַ טרוקענעם קנאַק אויף דער ערד. שטיינער געשרייען. און זיי ענטפערט אַן עכאָ, דער געקלאַפּ און דער געהאַמער פון אונטער דער ערד. די שטימען פון די אַרבייטער, דער רעש פון דער גאַס. און דער יונגערמאַן — וואַנצעס און ברילען — שטעהט און טראַכט. קוקט אויף דעם וואַסער און דערנאָך צוריק אויף דער לאַנגער גאַס, וואָס ציהט זיך פון ברעג צו ברעג, פון טייך צו טייך, און אין זיין קאָפּ זשומט אַ ליד, קלינגט אַ מעלאָדיע:

„עס זיינען פאַראַן צוויי מענשען אויף דער וועלט,
און איך טראַכט פון זיי אייביג.
זיי יאָגען זיך נאָך מיר אויף אַלע מיינע וועגען,
איינער אוקאַלעגאָן, דער צווייטער מלכי צדק".

אוקאַלעגאָן פון דער אַלט־גריכישער, גרוי־מיטישער וועלט, געוועזן ווען ערד איז נאָר וואָס געוואָרען — און מלכי־צדק, דער כהן פון עיר־שלום, וואָס האָט באַגעגענט אברהמ'ען ווען ער איז געקומען פון חרן.

„עי, עדי!" רופט זיך דער פאַרמאַן אָן צו איהם, „אַ נייער

וואַגען מיט שטיינער פאַרט־אַן". און עדי כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום, דעם חלום פון אַלטע שטיינער, פאַרגראַבענע מצבות, אוקאַלעגאַן און מלכי־צדק, און ציילט אויפ'ס ניי, ציילט די שטיי־נער, פונקט אַזוי אַלט ווי יענע, אויף דעם וועג פון ערד צו ערד, געסט אויף אַ ווייל אין דער פרייער לופט.

ווייל אַלצדינג איז אַלט אין דער וועלט, פאַר דעם מענשען וואָס פיהלט איהר אייביגען ריטם, און אַלצדינג איז ניי פאַר דעם פּאָעט.

דעם פּאָעט עדי, פון העד־טאַיד אין מעין און איצט אין ניו יאָרק, דעם פּאָעט, ווענען די וועלט האָט געקענט אונטער אַ לענ־גערען און מעטריש־קלינגענדיגערען נאָמען, — עדווין אַרלינגטאָן ראַבינסאָן, דער פּאָעט פון אַמעריקע.

„וואָס קען מען טאָן פאַר ראַבינסאָנ'ען?" האָט איינמאָל געפרעגט טעאָדאָר רוזוועלט, — ער איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט און האָט אַזוי פיל געקענט טאָן — ביי דעם רעדאַקטאָר פון אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל. „ער קען דאָך ניט אַנגעהן ווייטער אַזוי, שטענדיג ציילען שטיינער אויף דער דריי און צוואַנציגסטער גאַס". רוזוועלט האָט נאָר־וואָס אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל וועגען דער פּאָעזיע פון ע. א. ראַבינסאָן און האָט איהם „אַנטדעקט". גליקליכע צייטען געווען, ווען פּרעזידענטען האָבען נאָך געהאָט צייט און טאַלאַנט צו שרייבען אַרטיקלען וועגען יונגע פּאָעטען. און טעאָדאָר רוזוועלט האָט באַשלאָסען צו מאַכען ראַבינסאָנ'ען פאַר אַ קאָנסול אין מעקסיקאָ. אָבער דער פּאָעט האָט עס ניט געוואָלט. רוזוועלט האָט איהם אָנגעבאָטען אַן אַנדער שטעלע, ראַבינסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט. מען האָט סוף כל סוף גע'פּועל'ט ביי איהם, אַז ער זאָל אָננעמען אַ קליינעם אַמט אין דעם ניו יאָרקער „קאַס־טאָם האוז". און דאָרט אויך געציילט שטיינער, שטיינדלעך, זייפען־בלאָזען, וואָס רופען זיך האַנדעל, אינדוסטריע, סחורות, און נאָך אַנדערע אַזעלכע פאַנטאַסטישע נעמען.

איינגעזאַמעלט, איינגעזאַפּט אין זיך אַט די גרויע טאָג־טעגליכע וועלט, די דערפאַרונגען פון דורות, בילדער פון פאַרצייטענס און שאָטענס פון אַמאָל, שאָטענס וואָס טאַנצען אַרום אונז, רינגלען אונז אַרום, און מיר, מיר פיהלען זיי און זעהן זיי ניט. ראַבינסאָן דער פּאָעט האָט זיי געזעהן און געפלאָכטען אַ געוועב פון שאָטען־פעדים, און שטענדיג געזוכט אויף אַלע וועגען די צוויי מענשען,

וואָס האָבען ווי אַ בליץ, אויף אַ קורצער ווייל, זיך אַרויסגעריסען פון דער שטומער אייביגקייט און זיינען תיכף ווידער פאַרזונקען אין דער שטומער אייביגקייט — אוקאַלעגאַן און מלכי־צדק, אָדער אפשר דזשאַן און דזשים, איך און דו, יעדער פון אונז, אין אַלע צייטען, און אין אַלע פאָרמען פון לעבען. ער האָט גע׳חלומ׳ט און געבענקט, אפשר קומען זיי פאַרט אַמאָל ווידער צוריק, אויף אַ שוואַרצער שיף מיט צעריסענע זעגלען, און געהן אַראָפּ ביי דעם ברעג פון ניו יאָרק מיט זייערע סודות׳דיגע לעבענס, מיט דעם רעטעניש פון דעם, וואָס איז נאָר איינמאָל פאַראַן, דעם רעטעניש פון יעדען מענשען און פון יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש.

אָבער ער האָט געוואוסט, זיי קומען ניט, קיינער קומט ניט צוריק. און ער שרייבט אַ ליד פון „מיניווער טשיווי״:

„מיניווער גאַרט נאָך דעם וואָס איז אַוועק
און חלומ׳ט, און ווערט מיד פון זוכען.
ער חלומ׳ט פון טהעבען און קאַמעלאָט
און פון פריאַמאָ׳ס שכן.

מיניווער טשיווי, געבאָרען צו שפּעט,
קראַצט זיך דעם קאָפּ און טראַכט ווייטער;
מיניווער הוסט און רופט עס אַן שיקזאַל
און טרינקט ווייטער״.

אָבער דער פּאָעט גיט זיך ניט אונטער דעם שיקזאַל. און ווידער אויף אַנדערע וועגען, אין אַן אַנדער שטימונג, מיט פּאַטאָס אָדער מיט שפּאָט, איראָניש אָדער טראַגיש, ער בלייבט דער „פליהענדער האָלענדער״, וואָס

„גיט זיך ניט אונטער אין דעם שטאָלץ פון זיין טראָץ,
שווימט אַרום, קיינעמ׳ס קיין דינער און קיינעמ׳ס קיין האַר.
פריי אין זיין הערשאַפט איבער זיך און זיין וויסען,
און זוכט דאָס פאַרלאָרענע לאַנד״.

און אַזוי לעבט ע. א. ראָבינסאָן אָפּ זיין לעבען. צווישען הונדערט און פינף און צוואַנציג מיליאָן לעבענס אין אַמעריקע אפשר

דאָס איינציגע וואָס האָט אַ ווערט, ווייל אין זיך פאַרזונקען, און דאָך ניט אין זיך פאַרליבט און מיט זיך באַגרעניצט. איינער פון די ווייניגע פּאָעטען, וואָס געברויכט אַזוי זעלטען דעם וואָרט „איך". ווי דער פּלאַסטישער קינסטלער, וואָס דריקט אויס זיין אייגענעם לעבען אין שטאָף, אין שטיין אָדער אין פאַרב, וואָס באַזייטיגט זיך אַליין און רעדט צו דער וועלט וועגען זיך אומדירעקט, אויף אומ־וועגען. און דערפאַר אַזוי שווער צו דערגרייכען און דערפאַר אויך אַזוי קינסטלעריש.

קונסט מוז זיין שווער, און אַ ליד, וואָס מען פאַרשטייט פון ערשטען קוק און ביי דעם ערשטען לייענען איז ניט קיין פּאָעזיע. עס מעג זיין אַן אויסגעשריי פון אַן אַנגעווייטאַגטער נשמה, עס מעג זיין אַ הויך געזאַנג פון גליק און פון פרייד, קונסט איז עס נאָך ניט. פּונקט ווי דער עסקיז פון אַ מאָלער איז נאָך ניט קיין בילד, און די ערשטע פּראָבע פון אַ סקולפּטאָר איז נאָך ניט קיין סטאַטוע. ערשט ווען דאָס ריין סוביעקטיווע, דאָס אינסטינקטיווע ווערט אַריינגעאַרבייט אין דעם האַרטען שטאָף, ערשט ווען דאָס וואָרט באַקומט פאַרב און טאָן — און דאָס איז ערשט מעגליך נאָך אַ לאַנגען שווערען פּראָצעס פון אַרבייט, נאָך אַ פאַרגעסען פון זיך אַליין, וועגען זיך אַליין, און פאַרזונקען ווערען אין דער מאַטעריע — ערשט דעמאָלט ווערט קונסט.

און דערין איז באַשטאַנען די אייגענאַרט פון ראָבינסאָנ׳ען. אָדער אפשר איז דאָס דער אַמעריקאַנישער עלעמענט. ווייל וואָס איז אַמעריקע׳ס ליידענשאַפט פאַר פאַקטען, אויב ניט די מורא צו ווערען צו־סוביעקטיוו, צו פאַר׳איכ׳ט? אפילו וואָלט וויטמאַן, דער „איך"־פּאָעט, האָט אויך פאַרטרונקען זיין איך אין דער ברייטקייט אַרום איהם, אין דעם אומענדליכען לעבען, אין דעם קאָסמאָס. „איך" איז נאָר געווען אַן אויסרייד און ניט קיין ענד.

אַמעריקאַניש און דאָך אין אַ מערקווירדיגען קאָנטראַסט צו דער אַמעריקע, וואָס מיר קענען, צו דער רעש׳יגער, רוישענדער, דערפאָלג־פאַר׳שיכור׳טער אַמעריקע. בשעת אַלע אַרום איהם האָבען געשריען „דערפאָלג"! הימנען געזונגען דעם זיגער, האָט אָט דער ניו ענגלענדער, דער איינזאַמער פון העד טאַיד, מעין, און פון ברוקלין, געזונגען אַ ליד פאַר דעם, וואָס האָט ניט גע־וואונען, ניט דערגרייכט, פאַר דעם באַזיגטען פון דעם לעבען. און אַזוי זינגט ער אין איינעם פון זיינע סאָנעטען:

„די רייהע פון זיינע יאָהרען מיט מיסדערפאָלג באַלאָדען,
האָט דערציילט פון אַ חורבה פון אַ הויכען פרייז,
אָבער דער אָרט איז געווען נאָך העכער״.

וויל אַזוי הויך דער אָרט צו דערגרייכען, איז יעדער דערפאָלג אַ דורכפאַל, וויל קיינמאָל ניט צו דערגרייכען, און אַלצדינג וואָס שוין דערגרייכט האָט ניט קיין ווערט. בלויז איינס איז נויטיג צום לעבען, און אָט וואָס. און אָט אַזוי זאָגט איזאָלט אין דער וואונדער־שעהנער פּאָעמע „טריסטראַם״: „איך בין ניט פון די, וואָס מוזען אַלצדינג האָבען. אָבער אויב איך מוז לעבען מוז איך האָבען מיינע חלומות, וויל זיי זיינען איך״.

חלומות וועגען אומענדליכקייטען, אָט טאָקע וועגען אוממעג־ליכקייטען, אָט טאָקע וועגען אוקאַלעגאָן און מלכי־צדק און וועגען די שטיינער, די שטיינדלעך פון אייביגקייט צו אייביגקייט. שטיי־נער, שטיינער צונויפגעלייגט בילדען אַ וואַנט. און יעדע וואַנט איז אַ טורמע. אָבער „די וועלט איז ניט קיין טורמע״, האָט אַמאָל ראָבינסאָן געענטפערט אַ קריטיקער, „נאָר אַ מין גייסטיגער קינדערגאָרטען, וואו מיליאָנען פון צעטומעלטע קינדער פּרואווען אויסצולייגען דעם נאָמען פון גאָט מיט קעסטעל־אותיות, און לייגען איהם אויס פאַלש״.

און דאָס איז אפשר דער איינציגער ווירדיגער צוגאַנג צום לעבען. קינדער שפּילען זיך מיט שטיינדלעך, און גרויסע ציילען שווערע שטיינער. און אַלע ווילען אויסלייגען דעם נאָמען און דעם וועזען און דעם אינהאַלט פון דער וועלט. און אַלע פאַלש.

אַפּריל 13, 1935

אַנרי בעיל סטענדאַל און דער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן

מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען די טעג אויף דער 57טער גאַס, אין דעם ראַיאָן פון קונסט־אויסשטעלונג און בילדער־גאַלערייעס; מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען, מיין פריינט און איך, און האָבן באַטראַכט די בילדער, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין די פענסטער. מיין פריינט, אַ מענש פון אַ פיינעם קונסט־פאַרשטענדעניש, מיט אַ גוט אויג פאַר פאַרב און ליניע, אָבער נאָך אַלץ אָהן דער לעצטער ראַפינירטקייט, אָהן דער זייטיגקייט אָדער דער אינטימער באַציהונג צו קונסט, — און דאָס איז אייגענטליך דאָס אייגענע, — האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בילד: „וואונדערבאַר! זעה, ממש עס לעבט״. און איך קוק: אַ גרויס בילד, אַ וואַלד, גרינע פעלדער, ווייסע קיהה, אַ פלויט, בלויער הימעל — אַלצדינג אין אָרדנונג, אַלצדינג ווי עס איז. אַ־יאָ שעהן?״ — פרעגט מיך מיין פריינט — „עס איז דאָך ריינע נאַטור, ווי אַ בילד פון פאַראַזיאַס. ווען עס פליהט פאַרביי אַ פויגעלע, וואָלט עס זיך געוואָלט אַוועקשטעלען אויפ׳ן בוים״. „געוויס, זעהר שעהן, זעהר נאַטירליך, אָבער ליידער דערפאַר טאָקע נאָך ניט קיין קונסט. ווייל דו ווייסט, מיין ליבער, וואו קונסט הויבט זיך אָן? דאָרט וואו דאָס פויגעלע שטעלט זיך ניט אָפּ, דאָרט וואו דער מענש הויבט זיך אָן. קונסט איז ניט דאָס, וואָס איז, נאָר ווי עס ווערט פאַר אַ מענשען, און ניט גלאַט אַ מענשען, נאָר פאַר דעם באַשטימטען יחיד, דעם איינציגען, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט איבער׳חזר׳ן. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי גרינע וועלדער און גאַרבענדיגע פעלדער. זיי זיינען פאַראַן פאַר פראַקטישע צוועקען. בוימער — פאַר שאָטען, ווען די זון ברענט, גראָז פאַר דער קוה זיך צו פאַשען, זאַנגען פאַר דעם סערפּ, ערד — אויף צו גיין. אָבער פאַר׳ן אויג, פאַר׳ן אינערן מענשען, איז דאָס נאָך ניט קיין אָביעקט. עס איז בלויז מאַטעריאַל, וואָס דאַרף פאַראַרבייט ווערען. ווייל אַלצדינג אין דער וועלט איז מאָמענט, איבערגאַנג, און נאָר דער איז אַ קינסטלער, ווער עס קאָן זיך אַריינשטעלען אין דער אַזוי־גערופענער אָביעקטיווער וועלט

און איבערשמעלצען זי אָט אַזוי ווי זי איז, אין איהר געגעבענער צופעליגקייט, און אויפבויען זי אויף זיין אייגענעם שטייגער. די קענסט דאָך, מיין פריינט, די בילדער פון פיקאַסאָ. דאָרט איז אַלצדינג אומנאַטור, קיין שום פויגעלע וואָלט ניט דערקענט פיקאַסאָ׳ס אַ צווייג און קיין שום קוה וואָלט זיך ניט געוואָלט פאַשען אויף פיקאַסאָ׳ס גראָז. און דער דורכשניטליכער מענש מיט דעם טעמפען אויג און מיט דער אומרייפער פסיכיק וועט פאַרבייגעהן לעבען אַ בילד פון פיקאַסאָ און אפילו זיך ניט אומקוקען אויף איהם, ווייל דאָס איז קונסט. דאָ רעדט צו אונז אַ מענש, אַנטפּלעקט זיך אין פאַרבען און ליניעס, דערצעהלט אונז זיין סוד. ווייל קונסט איז אין לעצטען עצם ניט מעהר ווי אַ וידוי״.

מיין פריינט קוקט מיט אַ שמייכעל אויף מיר: „מיר דאַכט זיך, דו לאָזט זיך אַריין אין ליטעראַרישע פאַראַדאָקסען. דו דרעהסט איבער דעם האָראַצישען פערז. האָראַץ האָט געזאָגט: אוטי פּיקטוראַ פּאָעזיס — פּאָעזיע איז ווי מאַלעריי. דו זאָגסט, מאַלעריי איז ווי פּאָעזיע, ווי ליטעראַטור. און דיין ליטעראַטור איז, איך ווייס ניט אין וואָס זי דערמאָנט מיך, סיידען אין סטענדאַל״.

איך האָב מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף מיין פריינט. פון וואַנען קומט ער פלוצלינג צו דער אַסאָציאַציע? פאַרוואָס איז איהם דוקא איצט איינגעפאַלען דער נאָמען? ווייל גראָד אין די לעצטע וואָכען געהט מיר ניט אַרויס סטענדאַל פון דעם קאָפּ. האַלט איך אַלץ אין איין טראַכטען וועגען איהם, וועגען אָט דער אייגענאַרטיגער, מערקווירדיגער ליטעראַרישער געשטאַלט, וואָס שטעהט אויף אַ זייטיגען וועג, כמעט אָהן שום שייכות מיט די איצטיגע שטרעמונגען פון דעם לעבען, און ווייל אַזוי זייטיג און ווייל אַזוי איינזאַם, דערפאַר אַזוי פאַרכאַפּענד.

עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס מען לייענט איינמאָל אין לעבען און עס איז גענוג, און דאָס מיינט, אַז דאָס איינע מאָל איז אויך געווען צופיל. דער קריטעריום פון אַ וויכטיגען שרייבער איז, ווען ער צווינגט אונז זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אומצוקערען, איבערלייענען איהם אין די יאָהרען, וואָס בייטען זיך, און יעדעס מאָל איז ער אַן אַנדערער, ווערט ער אַן אַנדערער. אַזאַ שרייבער איז צום ביישפּיל סערוואַנטעס, אָדער סוויפט, אָדער טאָלסטאָי.

פּרואווט, צום ביישפּיל, לייענען דיקענס׳ן צום צווייטען מאָל

און איהר וועט איהם ניט קאָנען פאַרטראָגען. איך האָב געלייענט „דייוויד קאָפּערפילד״, צום ביישפּיל, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, און בין געווען באַגייסטערט. אָבער אַט האָב איך גע־פּרוּווט ניט לאַנג צוריק איבערלייענען אויפ׳סניי דעם דאָזיגען וועלט־באַרימטען ראָמאַן, און ווייטער ווי די ערשטע צעהן זייטען האָב איך ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען, אַזוי פּריקרע זיס, סענטימענ־טאַל, אומעכט, און דער עיקר, נאַטירליך, כמעט רעאַליסטיש. און דערפאַר טאַקע ממש ניט צו פאַרדייען. וואָרים וואָס איז מיר סוף כל סוף די נפקא מינה, וואָס האָט פּאַסירט אַמאָל צו אַ אינגעלע, וואָס האָט געהייסען דייוויד? מיך אינטערעסירט דיקענס, ניט דייוויד; דער קינסטלער, ניט דער אָביעקט, ד. ה. איך וויל זעהן ווי האָט זיך די וועלט אָפּגעשפּיגעלט, ווי האָט זיך דאָס ליכט גע־בראָכען אין אַ באַשטימטען מאָמענט, אויף אַ באַשטימטען פּונקט פון דער פילפאַלטיגקייט פון לעבען, אין אַ געוויסען מעדיום, וואָס הייסט דיקענס. און ווען איך געפין דאָס ניט, פאַרלירען דיקענס און זיין שאַפען פאַר מיר יעדען ווערט.

און אַט מיט יאָרען צוריק אין דעם עלטער, ווען מען האַלט עס פאַר אַ חוב אַלצדינג צו לייענען, אַלצדינג וואָס איז קלאַסיש, האָב איך געלייענט סטענדאַל׳ן, „שוואַרץ און רויט״ און „די שאַרטרייז פון פּאַרמאַ״, לוסיאַן לעווען״ א. אַז. וו. און סטענדאַל איז מיר ניט געפעלען געוואָרען. ניט דער סטיל, אַזוי־טרוקען, — „נאַקעט ווי אַ ליניע״, זאָגט וועגען דעם סטענדאַלישען סטיל דער פראַנצויז אַנדרעי סוארעס, — ניט די פאָרם און אויך ניט דער אינהאַלט. עס האָט זיך געלייענט כמעט ווי אַ כראָניק און ווי אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן. און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטעהן, פאַרוואָס סטענדאַל איז געוואָרען איינער פון די קלאַסיקער, איינער פון די רעפּרעזענ־טאַטיוועסטע פיגורען אין דער וועלט־ליטעראַטור. איך בין גאַנץ מסכים געווען מיט סט. בעוו׳ס שאַרפען אורטייל וועגען סטענדאַל׳ן: אַ שריפטשטעלער, וואָס קאָן ניט שרייבען; אַ ראָמאַניסט, וואָס קאָן ניט אויסטראַכטען. עס איז מיר געווען גאַנץ אומפאַרשטענד־ליך, פאַרוואָס ניטשע האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטען פון סטענדאַל׳ן, אַוועקגעשטעלט איהם אין איין קאַטעגאָריע מיט דאָסטאָיעווסקי׳ן און פּאַסקאַל׳ן.

און מערקווירדיג, אַז דעם ערשטען שליסעל צו סטענדאַל׳ן האָט מיר געגעבען ניט קיין אַנדערער, ווי גראַד לעאָן בלום, דער

פיהרער פון דעם פראַנצויזישען סאָציאַליזם, דער קליגסטער און ניכטערסטער קאָפּ צווישען די פּאָליטיקער פון דער היינטיקער צייט. באמת אַן אומגעריכטע באַגעגעניש. סטענדאַל, דער ריינער איך־מענש, דער אינדיווידואַליסט, וואָס האָט פיינט געהאַט יעדע מאַסען־באַוועגונג פון אַ וואָסער קאַטעגאָריע זי זאָל ניט זיין, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם ראַנד פון דער געזעלשאַפט, און לעאָן בלום, דער כאַציאַליסט, דער מאַרקסיסט, דער פּאָליטיקער. אמת, לעאָן בלום האָט אָנגעשריבען זיין בוך „סטענדאַל און דער ביילעזם" אין דעם יאָר 1914, אין דער צייט ווען ער אַליין איז נאָך געווען ניט איינגאַנצען אַריינגעטאָן אין דעם סאָציאַליזם, ווען ער איז געווען נאָך בלויז אַ קריטיקער, אַן עסטעטיקער און איז נאָך ניט פאַרשלונ־גען געוואָרען פון דער פּאָליטישער כוואַליע. אָבער יאָהרען שפּע־טער, ווען בלום איז שוין געוואָרען דאָס, וואָס ער איז, האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון סטענדאַל'ן און האָט ניט רעווידירט זיין שטעלונג צו אים, ניט קוקענדיג אויף דעם „געאייניגטען פראָנט", האָט בלום נאָך אַלץ ניט איבערגענומען די קאָמוניסטישע מידה פון חרטה און פון פאַרלייקענען די אידייען און נייגונגען פון אַמאָל.

און לעאָן בלום האָט אויסגעמאָלט פאַר מיר אַן אַנדער סטענ־דאַל'ן, אַ נייעם. איך האָב תמיד געהאַט די פאָרשטעלונג וועגען סטענדאַל'ן לויט זיין בילד און זיין ביאָגראַפיע, ווי פון אַ גוט־בירגערליכען מענשען, אַ קאָנסול פון פראַנקרייך אין איטאַליע, אַ באַאַמטען מיט ניט־באַפרידיגטע אַמביציעס, אַ מענשען מיט מיטעל־מעסיגע אַפּעטיטען. אָט אַזוי איז זיין בילד — אַ דיקער, אַ פול פּנים, באַקענבאַרדען, אַן אַלט־בחור'יש פּנים; און אויך זיין ביאָג־ראַפיע — אַזוי אומראָמאַנטיש, אַזוי אומאינטערעסאַנט. געבאָרען אין 1783 אין גרענאָבל ביי פאַרמעגליכע עלטערען, שטודירט אין פּאַריז, אַ לאַנגע צייט געפירט אַ פּאַראַזיטיש לעבען, געדינט ווי אַ באַאַמטער אין דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי, דערנאָך געווען אַ פראַנצויזישער קאָנסול אין טשיוויטאַוועקיאַ, ביי רוים, דערנאָך גע־לעבט אין מילאַן, געוואָרען אפילו אַן איטאַליענישער בירגער, אָנ־געשריבען עטליכע ווערק, און דערנאָך געשטאָרבען פלוצלינג פון אַפּאָפּלעקסיע, אין 1842, אין מיטען דער גאַס אין פּאַריז.

אַן אָרים און מאָגער לעבען, כמעט ניטאָ וואָס צו דערצעהלען וועגען אים, אַחוץ — אַחוץ דעם לעבען אַליין. אַחוץ אָט די באַ־העלטענישען און די סודות און די שטילע קעמערלאָך און די

שטורעמס, די גרויסקייטען און די נידעריגקייטען, די געהויבענ־קייטען און די אָפּגרונטען, אַט דאָס אַלץ וואָס הייסט לעבען. און ניט לעבען בכלל. ווייל אַלגעמיין, אין דער אַבסטראַקציע, איז לעבען זעהר מאָנאָטאָן. רייך און קאָלירפול, ווערטפול און איינציג־אַרטיג ווערט דאָס לעבען ערשט ווען עס איז מיינס, אין מיר, ווען דאָס פשוט׳ע, דאָס פּרימיטיווסטע, דאָס פיזיאָלאָגישע ווערט איב־טערפּרעטירט אין מיר אַליין און ניט פון קיין אַנדערען, ווי נאָר פון מיר. איך מאַך דאָס רעמעל, איך בוי דעם פּלויט, איך שטעל אויף אַ דאַמבע; לעבען הויבט אָן ביי דעם „איך״-פונקט. „לעבען איז פיהלען״, זאָגט סטענדאַל, און פיהלען איז ניט בלויז אַט דאָס וואָס מיר רופען אָן עמאָציע, סענטימענט, דאָס איז פיזיאָלאָגיע. פיהלען הייסט: געבען דער גרויקייט פון דער עקזיסטענץ, דער שטענדיג־קייט פון די דערשיינונגען, דער גלייכגילטיגקייט פון דער וועלט קאָליר, באַציהונג, אינהאַלט. ניט אַלע מענשען קענען פיהלען, פונקט אַזוי ווי ניט אַלע מענשען קענען דענקען. דער גרויסער רוב פון די מענשען, און עס איז ניט קיין חילוק אויף וואָס פאַר אַ סאָציאַלער אָדער קולטורעלער מדרגה זיי שטעהען, האָבען בלויז, ווי סטענדאַל רופט עס אָן, „האַלבע נשמות״. זיי דענקען האַלב, זיי פיהלען האַלב, און זייער לעבען איז די העלפט פון אַ העלפט.

אַנרי מאַרי בייל, מיט זיין פּסעוודאָנים סטענדאַל, האָט זיך מיר אַנטפּלעקט דורך דעם סאָציאַליסט׳ס בוך. און איך האָב ווידער אַרויסגענומען די ווערק פון סטענדאַל, און אַנדערש האָבען זיך געלייענט די ווערטער, ווי אין די יאָהרען פון מיין יוגענט.

און איך האָב דערזעהן אַ מענשען אין זיין פילגעשטאַלטיג־קייט. דער מענש איז שטענדיג אַנרי בייל, ער רופט זיך בלויז נאָר אַנדערש. אין „שוואַרץ און רויט״ הייסט ער זשוליען סאָרעל, אין דער „שאַרטרייז פון פּאַרמאַ״ הייסט ער פאַבריס דעל דאָנגאָ, אין דעם ראָמאַן „ארמאנס״ רופט ער זיך אָן אָקטאַוו, אין דעם אויטאָ־ביאָגראַפישען ראָמאַן „אַנרי בריולאַרד״ הייסט ער בריולאַרד. אָבער שטענדיג ער. און אויב ער — אויך איך, און איהר און יעדער. זשוליען סאָרעל וואַקעלט זיך אַ גאַנץ לעבען צווישען שוואַרץ און רויט. שוואַרץ — די פאַרב פון גייסטליכקייט, פון חוב, פון געזעלשאַפט, טראַדיציע, פון געדאַנק. רויט — בלוט, אינסטינקט, הייסע לעבענס־גלוסטעניש, עכטע נאַטור. און אַזאַ צייט איז עס געווען. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָך

דעם גרויסען מבול, ווען דאָס לעבען האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צו זעצען און ווען רויט איז איבערגעגאַנגען אין שוואַרץ. מען קאָן זאָגען אין סאָציאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע — עס האָט זיך אָנגע־הויבען אויסצובילדען אַ נייע בורזשואַזיע, און דער עצם פון יעדער בורזשואַזיע איז געזעצטקייט, געזעצליכקייט, און וואו געזעצטקייט, איז אויך דאָ אַ שוואַרצער אַפּזאַץ. „שוואַרץ און רויט" איז די גע־שיכטע פון אַ יוגענט. די גאַנצע קאַריערע פון זשוליען סאָרעל פאַר־ענדיגט זיך, ווען ער איז אַלט אינגאַנצען פיער־און־צוואַנציג יאָהר. אַלע טריאומפען און אַלע מפּלות, די גאַנצע דראַמע פון דעם לעבען אָפּגעשפּילט זיך אין אַ קורצער צייט. פּאָליטיק און ליבע און טויט. זשוליען סאָרעל ווערט פאַרפיהרט פון איין פרוי, פאַרפיהרט אַ צווייטע, הרג'עט די ערשטע געליבטע און לייגט זיין קאָפּ אויפ'ן עשאַפאָט — מיט אַ געוואַלדיגער תאוה צום טויט. ער האָט דורכ־געמאַכט די גאַנצע סקאַלע פון לעבען און האָט זיך אויסגעשעפּט.

אַזוי אויך פאַבריס דעל דאָנגאָ אין דעם ראָמאַן „שאַרטרייז פון פּאַרמאַ". יונגע ליבע, יונגער טויט, — און אויך דאָרט פול־שטענדיגער אמאָראַליזם. דאָס וואָס מען רופט־אָן מאָראַל, דאָס הייסט אַלצדינג אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע, אויף אַ געוויסען שטייגער, די געזעלשאַפט סאַנקציאָנירט איהם, פעהלט אינגאַנצען אין דער באַגריף־וועלט פון סטענדאַל. דאָס איז די בירגערליכע, „די בורזשואַזע געמיינהייט, וואָס מיינע געשטאַלטען קאָנען ניט פאַרמאָגען", זאָגט ביי אַ געלעגענהייט סטענדאַל. און זיין גאַנצע ליבע צו איטאַליע האָט זיך אויך גענומען דערפון, וואָס די איטאַ־ליענער זיינען געווען דאָס איינציגע פאָלק, וואָס איז נאָך געווען פריי פון אָט דער בירגערליכקייט; אינסטינקט־מענשען,ליידענ־שאַפטליכע, פריי און אָפען אין זייער תאוה, צי איז דאָס ליבע, צי איז דאָס האָס.

און ניט אומזיסט האָט באַלזאַק אָנגערופען דעם דאָזיגען ראָ־מאַן „אַ פּאָעמע, העכער פון לאָרד בייראָנ'ס געזאַנגען". ס'איז אַ פּאָעמע פון דעם פרייען, אַוואַנטיוריסטישען לעבען. די אַוואַנ־טיורע ניט צוליב דערגרייכען גרויסע, אויסערליכע דערפאָלגען, נאָר כדי אויסצולעבען זיך אין דער גאַנצער פולקייט, ברייטקייט און רייכקייט פון די מעגליכקייטען, וואָס דאָס לעבען גיט אונז. סטענ־דאַל רופט עס אָן „גליק", צום אונטערשייד פון פאַרגעניגען. דער דורכשניטליכער אידעאַל פון מענשען איז פאַרגעניגען, הנאה; צי

דאָס איז פאַרגעניגען פון דעם קערפער, אָדער פון דעם, וואָס מען רופט־אָן, גייסט. און אַזוי אָדער אַזוי — אַלץ נאָך פיזיאָלאָגיע; אָבער פון פאַרגעניגען קומט אַרויס, מוז פאָלגען, ווייל זיין קאָרע־לאַט, די לאַנגווייל, דער אומעט; נאָך יעדער שפּאַנונג קומט מיד־קייט, און זעלטען האָט איינער אַזוי געפּיהלט אָט די גרויסע לאַסט פון לאַנגווייליגקייט, פון אומעט, פון אומבאַפרידיגטער לעבענס־תאוה, ווי סטענדאַל. ער האָט עס סימבאַליזירט אין זיין ראָמאַן, „אַרמאַנס". אַ מערקווירדיגע טעמע, זעהר זעלטען באַרירט אין דער ליטעראַטור בכלל; אַ טעמע פון אַן אומגעהייערען פּסיכאָלאָ־גישען ווערט, — די ליבע פון אַן אימפּאָטענטען. אָקטאַוו פאַרליבט זיך אין אַרמאַנס מיט דער גאַנצער איבערגעבענקייט, צערטליכקייט, וואָס אַ מאַן קאָן דערפיהלען צו אַ געליבטער פרוי; ער קאָן אָהן איהר ניט לעבען, אָבער ער קאָן אויך ניט לעבען מיט איהר. צווישען איהם און זיין ליבע שטעהט אַ פיזיאָלאָגישע מחיצה. און סטענדאַל שטעלט־אויף די טעאָריע פון גליק און פאַרגעניגען. גליק, וואָס מיינט מעהר ווי פיזיאָלאָגישע באַפרידיגונג, נאָר דער „עלאַן" פון לעבען, דער שוואונג, דאָס אַוועקשענקען זיך אַליין; גליק הייסט — דערהויבען ווערען איבער די מענשליכע גרענעצען, און דאָס איז דער אַריסטאָקראַטישער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור.

סטענדאַל איז, אויב ניט דער פאָטער, יעדענפאַלס איינער פון די אבות פון די פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען. פאַר איהם האָבען אַלע, ווי אַנדרעי זשיד האָט זיך זעהר גוט אויסגעדריקט, געמאָלען דעם מענשען, דעם טיפּ. סטענדאַל און פאַר איהם מאַריוואָ און אין זיין צייט קאָנסטאַן אין זיין ראָמאַן „אַדאָלף", זיינען דערגאַנגען ביז צו דעם אינדיווידועלען מענשען. סטענדאַל האָט אָנגעהויבען צו גראָבען זיך און צו גריבלען זיך אין די פּסיכישע פלאָסטען, גע־גראָבען אַזוי טיף ווי מעגליך, אַזוי ווייט ווי די לאָפּעטע אָדער ווי די עגבער־מאַשין קאָן דערגרייכען. און אייגענטליך זיינען די ווייי־טערע פּסיכאָלאָגישע ראָמאַניסטען ניט דערגאַנגען טיפער. דאָס־טאָיעווסקי האָט געוואָלט זיין פּסיכאָלאָגיש, אָבער ער איז געווען בלויז אַ דיאַלעקטיקער, אַ דענקער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּסיכאָלאָג. ער האָט רעזאָנירט און האָט געמיינט, אַז ער אַנאַ־ליזירט. און אויף איהם פּאַסט מעהר, ווי אויף אַלע אַנדערע, דאָס זעהר קלוגע וואָרט פון סטענדאַל: „יעדע גוטע חקירה באַליידיגט". וואָס מעהר מען רעזאָנירט, אַלץ ווייניגער פאַרשטעהט מען. ס'איז

דאָ אַן אילוזיע פון טיפקייט, פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ מיראַזש פון פלאַך.

אפשר איז היפּאָליט טען געווען צו־ענטוזיאַסטיש, ווען ער האָט געזאָגט אין זיין שטודיע וועגן „די פראַנצויזישע פילאָזאָפען", אַז סטענדאַל איז „דער גרעסטער פּסיכאָלאָג פון אונזערע צייטען, און אפשר פון אַלע צייטען". עס איז זיכער אַ גוזמא. מען דאַרף דעם זאָץ אַנדערש וואַריאירען. ווי טיף די פּסיכאָלאָגען זאָלען ניט ווילען זיך גראָבען, ווי שאַרף זייער אַנאַליז זאָל ניט זיין, צי הייסט דער ראָמאַניסט ד. ה. לאָרענס אָדער דזשאָיס, אָדער פּרוסט, ווייטער ווי סטענדאַל קאָנען זיי אויך ניט דערגרייכען. יעדער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז האָט זיין גרענעץ אין דעם „איך" פון דעם, וואָס אַנאַליזירט. און וויל קיינער קאָן ניט זעהן ביידע זאַכען, דאָס בילד אין דעם שפּיגעל, און דאָס וואָס הינטער דעם שפּיגעל, מוז יעדער אַנאַליז זיין בלויז אַ דערנעהנטערונג, און אָפט אַ פאַרפאַלשונג. פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז איז אָפט אויך בלויז אַן אַנדער אויסדרוק פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער פאַלסיפיקאַציע.

און נאָך אַ מאָטיוו. איינער פון די פיינסטע פראַנצויזישע שרייבער, אַ דענקער פון אַן אומגעהייערען ווערט — צום ווייניגסטען פאַר מיר, וויל אין איהם געפין איך מיין טאָן, מיינע ספקות, און אויך אַט דעם וואונדערבאַרען ענטפער: „וואָס ווייס איך?" — איך רעד דאָ פון דעם פראַנצויזישען שריפטשטעלער, וואָס שרייבט אונטער דעם נאָמען אַלען, — האָט אַרויסגעהויבען אַט דעם סטענדאַלישען מאָטיוו, דעם סאָציאַלען: בעסער געזאָגט, דעם אומסאָציאַלען. און אַלען זאָגט: „סטענדאַל איז ניט קיין בירגער, ער נעהמט ניט ערנסט די געטער פון דער פּאָליטיק, וואָס מען רופט אַן שטאָט אָדער פאָטערלאַנד; ער מאַכט חוזק פון יעדער מאַכט; ער שפּאָט פון די, וואָס נעמען זיך וויכטיג; זיינע געטער זיינען מוט, עהרע, ליבע, פריינטשאַפט... ער זעהט ניט די סאָציאַלע שטאַפּעלונג, ער דערנידעריגט זיך אפילו ניט צו גלייכהייט". און אין אונזער צייט פון אַט די טומעלדיגע ווערטער אין סאָציאַלער מיטאָלאָגיע איז סטענדאַל ווי אַ קיהלער ברונעם: מען זעהט דאָרט דעם פאַרשוויצטען פּנים אין זיין גאַנצער קאָמישער וויכטיגקייט, און מען ווערט אָפּגעקיהלט.

און איבער אַלע סאָציאַלע פראַגען און איבער דער גאַנצער פּאָליטיק, שטעהט פאַרט איינער אַליין דער מענש מיט זיינע לעצטע

פראַגען און זיינע לעצטע טראַגעדיעס. און מיינט ניט, אַז דאָס זיינען בייראָנישע אָדער גאָט־זוכערישע טראַגעדיעס. נעהמט עס פשוט'ער און באַנעהמט עס טיפער. גאָרקי דערציילט אין איינעם פון זיינע קאַפּיטלען פון די עראינערונגען וועגען טאָלסטאָי אַ וואונדערליך טיף וואָרט פון דעם אַלטען קינסטלער: „דער מענש לעבט־איבער ערדציטערנישען, עפּידעמיעס, די שרעקענישען פון קראַנקהייטען און אַלע אַגאָניעס פון דער נשמה; אָבער אין אַלע צייטען איז די טראַגעדיע, וואָס האָט איהם געמאַטערט אַממערסטען, וואָס וועט איהם מאַטערען, איז און וועט זיין די טראַגעדיע פון דעם שלאָפּצימער״.. דאָס איז געווען דער לעצטער רעזולטאַט פון דעם דענקען און דער גייסטיגער מאַטערניש פון טאָלסטאָי'ען. און טאָלסטאָי איז אייגענטליך סטענדאַל מיט אַ פאַרצעהנטפאַכטען טאַלאַנט.״

— אַך, אַך, אַך, וועגען איין קליינעם בילד, און ווי דו זאָגסט, אַ שלעכטען בילד, האָסטו אַזויפיל אַנגערעדט, מיין פריינד, אין אַזאַ הייסען טאָג דערצו. אָט דאָס איז אויך די געפאַהר פון אַנאַליזען און חקירות, ווי זאָגט דיין סטענדאַל נאָך אַמאָל: „יעדע גוטע חקירה באַליידיגט״. זי האָט מיך כמעט באַליידיגט, ווייל אויסגעשעפּט. און לאָמיר געהן נעהמען אַ קאַלטען טרונק.

יולי 28, 1935

אַנדרע ספּיר

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך געזעהן אין דעם פראַנצויזישען זשורנאַל — דעם בעסטען ליטעראַרישען זשורנאַל אין אייראָפּע, דעם „מערקיר דע פראַנס” — אַ בילד. איינער פון אַ סעריע, וואָס דער פראַנצויזישער שאַרפער צייכנער ראוועיר האָט פון צייט צו צייט געגעבען דעם זשורנאַל, אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטעל „פּנים׳ער”. עס איז געוועזן אַ בילד פון אַ פּאָעט מיט דעם נאָמען אַנדרע ספּיר.

איך האָב פריהער ניט געהערט פון דעם דאָזיגען פּאָעט, ניט געלייענט קיין שורה פון איהם. אַ פרעמדער נאָמען — אָבער אַ מערקווירדיג באַקאַנט פּנים, אַ פּנים וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין אויג און מיין פאַנטאַזיע. אַ שאַרפע, פאַרהאַטשעקטע נאָז, אַ באָרד שוואַרץ און דורכגעצויגען מיט זילבערנע פעדים, טיפע, טרויעריגע אויגען — און דער גאַנצער אויסדרוק, די האַלטונג פון דעם קאָפּ — אַזויפיל צער און ניט־דאָ׳איגקייט. אַביסעל דערמאָנט מיך אָן דעם בילד פון מיקעל־אַנדזשעלאָ, דעם גרויסען טרויעריגען, דעם קינסטלער, וואָס האָט געזונגען דאָס ליד פון שמערץ אין שטיין און אין פאַרבען און אין דעם ציטערענדיגען וואָרט. מיקעל־־אַנדזשעלעס אין דער האַלטונג פון דעם קאָפּ — אָבער נאָך עלטער דער בליק, נאָך אומעטיגער דאָס אויג. איך האָב — נאָך ניט וויסענדיג ווער דאָס איז — דערפיהלט אין דעם פּנים — אַ אידען. ספּיר — קלינגט אידיש. ס׳איז איינער פון די וואַריאַנטען פון ספּייער, פון די אַלט־אידישע נעמען, וואָס דערמאָנען אָן דער קרוינונג־שטאָט שפּייער, וואָס איז שוין געוועזן באַריהמט ווען קאַרל דער גרויסער איז געוואָרען קיסר. אַ נאָמען, וואָס האָט אַ געשיכטע. אָבער „אַנדרע” ? עס איז דאָך אַזוי אור־קריסטליך. זעלטען ווען אַ איד פאַרגינט זיך אַזאַ נאָמען — סיידען ער וויל אונטערשטרייכען זיין אַסימילאַציע, זיין פאַרקניפּט־זיין מיט דער קריסטליכער וועלט.

און דאָס בילד מיט דעם נאָמען האָבן מיר דערצעהלט דאָס לעבען פון דעם פּאָעט, וועמען ראוועיר האָט געצייכענט. דאָס לעבען פון אַ טראַגיש־צעריסענער אידישער נשמה, וואָס האָט זיך פאַרלוירען אין דעם טומעל פון דער צייט און מיהט זיך צוריק־צו־געפינען.

איך האָב נאָכגעזוכט. ניט קיין גרויסער באַגאַזש. אַ פּאָר זאַמלונגען פון לידער. אָהן גראַמען, אָבער מיט אַ מערקווירדיגען ריטם. עפּעס אַן אייגענאַרטיגע, איינטאָניגע מעלאָדיע. „סודות" הייסט איין לידער־בוך, „פּסוקים" — דאָס צווייטע. סודות? פון וואָס? פאַר וועמען?

און אַן וועמען דערמאָנען די לידער? געוועהנליך זיינען דיכטער — פון דעם צווייטען ראַנג — נאָכזינגער פון אימיצענ'ס מעלאָדיעס. אַ גאַנצער דור האָט נאָכגעזונגען ווערלענ'ס אָדער באָדלער'ס לידער, פּונקט ווי מען זינגט נאָך היינט נאָך אין דייטשלאַנד היינע'ס מעלאָדיע.

איך זעה: אַנדרע ספּיר איז אַ צווייט־ראַנגיגער — אָבער פּאָרט ניט קיין נאָכזינגער. ניט ווערלענ'ס מאָטיוען, ניט באָדלער'ס — וועמענס? ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ „שולע", אַ פּאָעטישער ריכטונג. אין 1908 האָט זיך אַרום זשול ראָמען, זשאָרזש דיו־האַמעל, שאַרל ווילדראַק א. אַ. געבילדעט אַ קרייז יונגע דיכטער, וואָס האָט געהאַט דעם דראַנג זיך צו באַפרייען פון דער פּראָזע, פון דעם זשעסט, פון די „גרויסע מאָטיוען". זיי האָבען געזוכט דאָס וואָס איז אַזוי זעלטען געוואָרען אין דעם היינטיגען לעבען — די אינטימיטעט, דעם סוד פון דער טאָג־טעגליכקייט, פון דער קליינער געוועהנליכקייט, וואָס איז אַזוי גרוי, ווען מען זעהט זי דורך דער קינסטלערישער פּריזמאַ. זיי האָבען געזוכט דעם סוד פון דער שטילקייט — די מעטאַפיזיק פון דער ווירקליכקייט.

זשול ראָמען איז געוועזן דער פיהרער פון דער גרופּע. און נאָך אַ בוך פון זיינע לידער, „דאָס איינמאָליגע לעבען" („לאַ ווי ענאַנים") האָט זיך די גאַנצע שולע אָנגערופען „ענאַנימיסטען".

און צו דער דאָזיגער שולע האָבען באַלאַנגט צוויי פּאָעטען — מיט אידישע נעמען: אַנדרע ספּיר און אַנרי פראַנק, דער זעהר יונג פאַרשטאָרבענער, פיינער, טיף־מעטאַפיזישער קאָפּ.

אָבער דאָס איז געוועזן אין 1908 — און אַנדרע ספּיר איז גע־בוירען אין 1868 — ד. ה. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזן פערציג יאָהר. און אַ פערציג־יאָהריגער איז שוין ניט מעהר, קאָן שוין ניט מעהר זיין קיין תלמיד, קיין נאָכפאָלגער און קיין נאָכ־זינגער, סיידען ער איז גאָר ניט קיין פּערזענליכקייט און ספּיר'ס פּנים איז אַן עדות, אַז ער איז אַ פּערזענליכקייט. פון וואַנען־זשע דער טאָן?

אָבער איז ספּיר אַ פּערזענליכקייט? וואָלט ניט ריכטיגער גע־וועזן צו זאָגען: ער האָט אַ פּערזענליכקייט, טראָגט אין זיך אַ קאָמ־פּליצירטקייט וואָס איז צו שווער, אַ רייכקייט וואָס בויגט־אָן זיינע אַקסלען?

ווי פּשוט, ווי גראַדליניג, ניט קוקענדיג אויף אַלע שעהנקייטען און טיפקייטען זיינען דאָך די דיכטער פון דער „ענאָנימיסטישער" שולע און פון אַלע אַנדערע שולען! אפילו די גרעסטע, אפילו די וואָס שטעהען אַליין און זיינען אַנהויבען. זיי זיינען דאָך אַלע מענשען פון היינט. דער נעכטען איז פאַרביי. און מען איז פאַרטיג מיט איהם. דער מאָרגען — מילא, וואָס ער וועט ברענגען וועט זיין. די וועלט וועט זיך געהן איהר וועג, די זון וועט אויפגעהן און אונטערגעהן, און מעהר אָדער ווייניגער וועט אַלצדינג זיך אָפּ־שטראַלען אין איהר ווי פריהער. דער היינט איז דער עיקר. זייער סוד — איז דער סוד פון דעם מאָמענט.

און ווייל אַזוי, האָבען זיי מוט צו שאַפען און אַ מאָטיוו צו קונסט, קונסט וואָס איז אין עצם — געבען פאָרם דעם מאָמענט, שפּילען זיך מיט דעם דרעהען פון דער ראָד.

אָבער אָט קומט אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין היינט — נאָר נעכטען און מאָרגען. איינער וואָס איז אַלט און קאָן זיך ניט שפּי־לען, קוקט מיט קלוגע אויגען אויף די פאַרביגע שערבעלעך — און ווייסט, אַז דאָס זיינען שפּילעכלעך, זעהט ווי עס ברעכט זיך דאָס ליכט אין וואונדערבאַרע פאַרבען און פיהלט, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אויגען־בלענדעניש, ווייסט דאָס אַלץ. איז אָנגעזאָפּט מיט ווי־סען, און מיד פון דעם. און איז מקנא.

עס קומט די אידישע פּערזענליכקייט, און זעצט זיך אין אַ מענשען ווי ספּיר, אַ זעהר געבילדעטען, ווייזט אויס אויך רייכען, גוט־ערצויגענעם פראַנצויזיש־קולטיווירטען מענשען — און הויבט איהם אָן מצער צו זיין. איך ווייס ניט וואָס ספּיר איז געוועזן אין זיינע פריהערדיגע יאָהרען. אָבער פון זיינע לידער, פון זיינע אַרטיקלען (וועגען זאַנגוויל, וויינינגער, דאַרמשטעטער, דעם בוך וואָס הייסט „עטליכע אידען"), אויך פון אַן עסעי וועגען אַנרי פראַנק — פאַרשטעה איך, אַז ער באַלאַנגט צו דער אידישער גרויס־בורזשוואַזיע אין פראַנקרייך, און האָט באַקומען זיין ערשטען קלאַפּ אין דעם דרייפוס־פּראָצעס. אַ הויך־אינטעלעקטועלער מענש מיט ליריש־פּאָעטישע נייגונגען. עס ציהט איהם צו דער קונסט.

ער אָטעמט זי איין אין זיך, ער האָט זי ליב. ער וויל זי. און וואָלט ער געווען אַ ניט־אידיש־באַשווערטער, וואָלט ער געווען אַ גרינגערער, וואָלט ער זיכער געשריבען לידער, ראָמאַנען, דראַמעס, וואָלט געוואָרען אַ זעהר באַריהמטער, זעהר פּאָפּולערער. עס איז גאַר ניט אַזוי שווער אין אַ לאַנד וואו די שפּראַך זינגט פאַר דיר, וואו דורות פון דיכטער און קינסטלער האָבען אַלצדינג צוגעגרייט. מיר זעהען אין פראַנקרייך איצט אַזאַ ביישפּיל: פּאָל וואַלערי, דער איבערזינגער פון אַלע מאָטיווען, דער איבערטראַכטער פון אַלע געדאַנקען, אַזוי צו זאָגען דער שפּיגעל פון דעם פראַנצויזישען גייסט. און פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע טרייבט ממש אַ קולט מיט איהם.

אָבער ספּיר איז עהרליך צו זיך אַליין. ער האָט אין זיך דערפיהלט די אידישע פּערזענליכקייט און קאָן ניט און וויל ניט זי פאַרלייקענען. זי מאַכט איהם שווער דאָס האַרץ, זי האַלט צוריק זיין האַנט.

אין איינעם פון זיינע לידער — פון דעם ציקעל „אידישע לידער" — אין אַ ליד, וואָס הייסט „משיח", זאָגט אַנדרע ספּיר:

קונסט. ווען איך וואָלט דיך אָנגענומען,
וואָלסטו מיין נשמה פאַרגרינגערט
זו וואָלסט מיך געפיהרט ביי דער האַנט און איך וואָלט
זי פאַרגעסן.
איך וואָלט ליב געהאַט די שעהנע קערפּערס,
די באַוועגליכע פּנים'ער, די פליסיגע גאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַלצדינג וואָלט מיר געווען גוט, נאַטירליך, נויטיג.
געשמייכעלט וואָלט איך אָהן גאַל, ווען עס גזלנ'ען די רייכע,
און געווען צופרידען מיט דער נידריגקייט פון די אָרימע.
קונסט, ווען איך וואָלט דיך אָנגענומען, וואָלט מיין לעבען
געווען שעהן
און וואָלט געהאַט פאַר מיר, פאַר מיין חלק, דעם איצט,
וואָס לויפט;
אָבער וואָלט מיין פאַרשטילט האַרץ געקאָנט נאָך לעבען,
ווען דו וואָלסט איהם פאַרשניטען פון זיין גרויסען חלום:
דעם אייביגען מאָרגען, וואָס געהט מיר פאַראויס.

דער גאַנצער ספּיר אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין די שורות, וואָס קלינגען צו־פראַזאַאיש אין מיין אומגעקינסטעלטער איבערזעצונג, אָבער האָבען אַ מעלאָדיע אין דעם קורצען, נערוועזען פראַנצויזיש.

ער קאָן ניט „אַקצעפּטירען די „קונסט", ווייל ער קאָן ניט אָננעמען דעם היינט. ער איז פאַר'סמ'ט פון דעם גרויסען חלום, וואָס הייסט מאָרגען, וואָס ווערט גערופען מיט דעם טרומייטען־וואָרט „משיח".

„משיח" הייסט ציל. עס איז געוועזן זיכער אַ פּאַראַדאָקס — און אויך ניט קיין זעהר געראָטענער — ווען רענאַן האָט געוואָלט צושפּאַנען דעם העברעאישען גאָט־נאָמען „אל" צו דעם וואָרט „אל", ד. ה. „צו" „גאָט" — זאָגט רענאַן — דער גאָט פון דער אידישער וועלט, איז געוועזן דער וואונש פון „צו", פון געהן צו אַ ציל. אַן איינפאַל — פילאָלאָגיש אונטער יעדער קריטיק, אָבער פסיכאָלאָגיש זעהר שאַרף און ווערטפול.

צוויי וועלטן שטעהען איינע אַנטקעגען דער צווייטער: די וועלט פון קאַוזאַליטעט פון סיבה און פאָלגע, די וועלט וואָס זוכט דעם „פאַרוואָס" — ס'איז די גריכיש־מערב'שע און אַנטקעגען איהר די אידישע, וואָס וויל ניט וויסען „מה למעלה ומה למטה", וואָס אינטערעסירט זיך ניט מיט דער סיבה, אָבער וויל וויסען דעם „סוף", און האָט אין זיך תמיד דעם ציל פון דעם לעבען.

און ספּיר האָט דערפיהלט אין זיך דעם טראגישען ריס. דער פראַנצויז אין איהם האָט ליב דאָס לעבען און לעכצט נאָך קונסט און שעהנקייט. דער איד אין איהם צעברעכט די טאָוולען, צערייסט דעם שלייער, און זוכט דעם זין און דעם ציל. קונסט אַנטקעגען משיח, און צווישען זיי דער ליידענדער דיכטער.

ער באַמיהט זיך צו אַנטלויפען פון זיך. זינגט זיך לידלאַך. אַזוי דאָרט אַ לידעלע, ווי די „שאַנסאָן":

מיידעלאַך פון פאַנטיוויִ,
מיידעלאַך פון פאַנטיוויִ,
מיט אייערע שאַלעכלאַך
פון שוואַרצען סאַמעט.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אייך אַזוי באַוואונדערט.

א. אַז. וו.

דר. א. קאָראַלניק

אָדער אַ ליד פון טויט, וואָס איז אַזוי סקולפּטור־איינפאַך, אַזוי רייצענד־שעהן:

ווער זייט איהר, ווער זייט איהר?
מיר געהען איהם מטהר זיין.
ווער זייט איהר, ווער זייט איהר?
מיר געהען איהם תכריכים אָנטאָן.
ווער זייט איהר, ווער זייט איהר?
מיר געהען איהם זוכען.........
א. אַז. וו.

„איהם" — ניט קיין וואָרט מעהר, און איר פּיהלט, און איהר זעהט, „זיי" געהען זוכען דעם ארון, צו פאַרשליסען, פאַרקלאַפּען, אָוועקטראָגען דעם מת. ספּיר זעהט די גאַנצע רייכע וועלט פאַר זיך, קעמפּט מיט איהר, ליידט פאַר איהר, אָבער עס טרעט פון איהם ניט אָפּ דער אידישער וועהטאָג. און ער קעהרט זיך מיט דעם רוקען צו דער וועלט און זינגט זיין ליד צו „איזראַעל".

פאַר אונז קלינגט עס אַזוי משונה׳דיג. „איזראַעל"! אָט דער גאַנצער אַלטער וואָרט־ארסענאַל, אָט די הויכע ווערטער, אָט דאָס רופען און מאָנען און אייביג דערמאָנען — צו וואָס? אָבער ביי ספּיר׳ן איז דאָס ניט נאָר קיין פראַגע און ניט קיין מיטעל צו באַקומען אידישע לעזער. ווער לייענט לידער בכלל? און פראַנצויזישע אידען האָבען זיכער ניט ליב קיין „איזראַעל"־מאָטיווען, בפרט ווען מען זינגט זיי ווי ספּיר, ניט חניפהדיג, נאָר מיט ביטערקייט, מיט גאַל, מיט יאוש.

„שמע ישראל!" — זינגט ספּיר — אָבער ניט „שמע" — הער, מיר זיינען גרויס, גאָט איז גרויס, א. אַ. וו., נאָר:

הער, ישראל!
ועסטו קיינמאָל ניט מיד ווערען צו זאָגען דיינע תפילות?
הער, ישראל!
האָסטו שוין געזעהן, אַז דיינע שונאים זאָלען פאַלען?
און הער, ישראל!
ועסטו נאָך לאַנג האָפען אין דיין שטאַרקען גאָט?

און פאַרענדיגט:

אַנדרע ספּיר

הער, ישראל,
צו די וואָפען!

אַזאַ ליד איז ניט פאַר די אויערען פון דער אידישער בור־זשואַזיע, ניט פאַר דעם באַנקיר מאָסיע קאָהן אָדער באַראָן אַזוי און אַזוי, און אַפילו ניט פאַר דעם סוחר מיט אַלטע קליידער פון דעם בעלוויל־קוואַרטאַל אין פּאַריז.

אַ ליד ניט פאַר „איזראַעל". און ספּיר ווייסט דאָס. ער פיהלט גאַנץ גוט, אַז „איזראַעל" איז אַן אַבסטראַקציע. אין איהם און אין אַ קליינער, געקליבענער צאָל, אַזעלכע ווי ער, איבער דער גאַנצער וועלט צושפּרייט, לעבט „איזראַעל". און איהם רופט ער צו די וואָפען; פון איהם רעדט ער, ווען ער וועקט דעם „אידישען שטאָלץ".

צו זיך רעדט ער, צו דער אַלטער קדושה, וואָס האָט זיך באַ־זעצט אין זיין נשמה און וויל ניט צושיידען זיך מיט איהר.

און צו זיך זינגט ער אויך דאָס שעהנע ליד, וואָס הויבט זיך אַן אַזוי:

דאָס איז דער סוף פון די אומעט־לידער.
זון, ווי ביזט דו היינט וואַרים אַזוי!
— — — — — — — — — — — — —

און ענדיגט:

זון, זאָלען זיי זיין האַרט אָדער גוט,
ווי איז דאָס מיר אַלץ איינס היינט!

האָט דער דיכטער, דער קינסטלער, גובר געווען דעם אַלטען „איזראַעל"? האָט דער היינט מנצח געווען משיח'ן?

איך ווייס ניט. ספּיר איז אַלט געוואָרען זעכציג יאָהר. ווייס באָרד און קאָפּ, און רוהיגיר דאָס געמיט.

אַלטער אידישער ווייַן. שטאַרק און בשמים'דיג, שלום גע־מאַכט מיט דעם לעבען. לאָז דער מאָרגען זיך אָפּרוהען. זון — איז דען ניט גוט דער היינט? אָט דאָס ביסעלע היינט? אַרום איהם קעמפט די אידישע נשמה. זי האָט צולאַנג געקלאַפּט אין די טויערען פון מאָרגען. רוהט זיך אָפּ אויף אַ ווייל. אַלט און מיד איז די האַנט. און ווייסט דען ניט „ישראל", אַז הינטער די טויערען פון מאָרגען — איז דאָ אויך בלויז אַ היינט?

אָקטאָבער 28, 1928.

די דריי אַנדרע׳ס

אַנדרע זשיד — אַנדרע מאָרואַ
אַנדרע ספּיר

אַ שטודיע אין מאָדערנער פראַנצויזישער קולטור

1

אַנדרע זשיד

מיט יאָהרען צוריק האָט לאָמבראָזאָ איבערראַשט די וועלט מיט אַ טעאָריע: „געניאַליטעט אָדער משוגעת". אַ טעאָריע וואָס האָט אויפגערעגט, אויפגערייצט און אַריינגעבראַכט אין הייליגען צאָרן אַלע פּראָפעסאָרען, אַלע ליטעראַטען און אַלע די וואָס שטע־הען בכלל „אויף דער וואַך".

לאָמבראָזאָ האָט צוגעשפּיצט — און וואולגאַריזירט אַ געדאַנק וואָס איז צו טיף, צו מיסטיש, צו טרויעריג פאַר דעם געוועהנליכען באַנעהם. די טעאָריע פון — דעם מום.

קאָן אַ נאָרמאַלער מענש — אויב עס איז פאַראַן אַזאַ באַ־שעפעניש — זיין שעפעריש? קאָן אַ מענש אָהן אַ מום זיין אַ קינסטלער?

עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך מיט דעם „מום". פון אייביגע יאָהרען האָט מען מורא געהאַט פאַר איהם, געהיט זיך פאַר איהם. אַ כהן־גדול האָט ניט געטאָרט האָבען קיין מום. ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ מענשען מיט אַ פעהלער — אין דעם קדשי־קדשים. פאַרוואָס ניט? פון וואַנען די ליבע צו „גאַנצקייט"? דער אידעאַל פון דעם מענשען אין זיין לעצטער פאָרמירונג. דער אידעאַל פון דעם ניט־צו־דערגרייכענדען.

אָבער דער כהן־גדול, דער מענש אָהן אַ פעהלער, איז געווען בלויז אַ צירונג און אַ מאָנומענט. דער אמת׳ער שאַפער, דער פיהרער, דער דערהויבער און דער אויפרודערער, איז ניט געווען דער כהן, נאָר דער נביא. און דער נביא איז געווען אָפט — דער מענש מיט אַ מום.

ווייל בלויז דער וואָס איז אַנדערש — לעבט אַנדערש, טראַכט שאַרפער, זעהט טיפער, וועבט שטאַרקער. נאָר דער וואָס האָט טענות צו דער נאַטור — וויסט וואָס ליידען זיינען און וואָס מיינט קאַמף און באַפרייאונג. און נאָר דער וואָס ליידט וויל דערלייזונג. מען מוז בלויז האָבען מוט זיך מודה צו זיין און ניט פאַרשווייגען דעם מום.

עס קאָן זיין, אַז אַ סך גרויסע קינסטלער האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם גרעניץ פון זייער שאַפען, ווייל עס האָט זיי געפעהלט די אומרוה. זיי זיינען געווען מענשען אָהן סודות, אָהן פאַרבאָרגענע ווינקלען, אָהן טונקעלע קעמערלעך, אַזוי צו זאָגען — אָהן קעלערס. צופיל ליכט — און צו ווייניג שאָטען. און דאָס ליכט ווערט מאָנאָטאָן.

און דאָס איז דער לעצטער מאָטיוו פון דאָסטאָיעווסקי׳ס מאַכט איבער מענשען: ער האָט געהאַט טיפע קעלערס. אונטערערדישע כחות האָבען געווירקט אין איהם. און אונטער דער ערד — אונטער דעם אויבערפלאַך — ברענט פייער, דאָרט איז דער פּרימיטיוו.

אפשר איז דאָס אויך דער גרונט, פאַרוואָס די אידישע שרייבער פון דייטשלאַנד האָבען אין דער לעצטער צייט פאַרנומען אַזאַ הויכען פּלאַץ אין דער ליטעראַטור. זיי האָבען אויך זייער מום: אידישקייט. אַ געבורט־פעהלער, וואָס קאָן ניט פאַרבעסערט ווערען. אַ מין „סאָציאַלע קראַנקהייט" וואָס עסט־אויף, וואָס לייזט־אויף דאָס „גאַנצע" — און ווירקט דערפאַר אַזוי שאַרף, אַזוי מעכטיג, אָבער נאָך טיפער ווי פּאָליטישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, מיט איין וואָרט, היסטאָרישע „מום׳ען", איז דער אינדיווידועלער.

נאָר דער פיהלט באמת דעם וועהטאָג פון דער וועלט — ווער עס האָט אַליין פון איהם געליטען. און בלויז דער קאָן אויסדריקען די טראַגעדיע פון דער וועלט־אומגערעכטיגקייט, וועמען זי האָט זיך איינגעברענט אין פליישׁ אַריין.

און אַזאַ טרעגער פון ליידען, אַזאַ מאַרטירער פון דער וועלט־צעריסענקייט און אומגערעכטיגקייט, איז דער גרויסער שרייבער פון פראַנקרייך — איינער אפשר פון די גרעסטע וואָס אונזער צייט פאַרמאָגט: אַנדרע זשיד.

ניט קיין איד — ניט קוקענדיג אויף זיין נאָמען, וואָס איז אַ שאַנד־ און שפּאָט־צונעמעניש פאַר אַזוי פיל מענשען אין מזרח־אייראָפּע. אַן עכטער פראַנצויז, פון פּאַריז, שטאַמט פון אַ גרויס־

בורזשואַזער משפּחה. דער פאָטער אַ ריכטער — דער פעטער, דער באַריהמטער עקאָנאָמיסט, פּראָפעסאָר שאַרל זשיד, אַ נאָמען וואָס איז באַקאַנט יעדען, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע — אויפגעוואַקסען אין עשירות, אָבער אויך אין אַן אַט־מאָספערע פון שטרענגקייט און צניעות און גאָטספאָרכטיגקייט. ווייל די עלטערען זיינען געווען פּראָטעסטאַנטען, פון די אַלטע הוגענאָטען אין פראַנקרייך. דער יונגער אַנדרע בלייבט פריה אַ יתום. זיין ערציהונג ווערט געפיהרט פון דער מוטער, פון אַ מוהמען און אַן עלטערער, זעהר פּוריטאַנישער, ענגלישער גואוער־נאַנטקע. אַן אַראַנזשערעע, אַ קינסטליכע סביבה. האַלב־טונקעל. דאָס ברויזענדע, ווירקליכע לעבען דרינגט ניט אַריין אין דעם שטילען, פרומען הויז פון די זשידס. דער יונגער אַנדרע לעבט, אַזוי צו זאָגען, אין אַן אַבסטראַקטער וועלט, אָט דער נעפּעלדיגער, געפעהרליכער, אָפּגרונטליכער וועלט וואָס הייסט: גייסט. געפעהר־ליכער ווי דער וועג פון די חושים איז זיין וועג. געהיימניספולער זיינע וואַלד־פאַרבאָרגענע, פעלד־פאַרלוירענע אָפּוועגען. דער גייסט זוכט תמיד — און געפינט ניט. ער פרעגט — און קאָן ניט, ווייל ניט ענטפערען. ווייל יעדער ענטפער איז אַן אָפּשטעל און אַ באַ־פרידיגונג. ענטפער איז — זעטיגונג. דער גייסט אָבער וויל הונגער. זיין תענוג איז — פּייניגונג.

און דער יונגער אַנדרע זשיד הויבט אָן פריה זיין דאָרן־וועג אין דער וועלט פון גייסט.

ער איז אַ פּראָטעסטאַנט. אין זיין הויז איז די ביבעל — דאָס בוך. און גאָט — דער שטרענגער הערשער, דער מאָהנער, דער חשבון־נעהמער. די וועלט איז מאָראַל און דאָס לעבען אַ שול פון מאָראַל. אַ שאַרפער יאָ און אַ שניידענדער ניין. וואָס מען מעג מעג מען, אָבער אויך מיט אַ מאָס. און דאָס וואָס מען טאָר ניט — איז פאַרשאָלטען.

אָבער אַנדרע קאָן ניט גלויבען. ער פיהלט אין זיך אַ תהום, און ווייסט ניט ווי איהם אויסצופילען. ער אַנטדעקט אין זיך — אין דער פריהער יוגענט שוין — אַ מום. און אַ פחד, אַ ציטערענ־דיגע מורא נעהמט איהם אַרום. אַ מום — וואָס קיינער זעהט ניט, אַחוץ איהם, אָבער טאַקע דערפאַר אַזוי שמערצליך. ווייל אַ סוד, ווייל אַ שאַנד אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט, ווייל אַקעגען

פיל רעגעלען און דינים פון דער עקזיסטירענדער, סאָציאַלער מאָראַל.

אַ סך אַנדערע האָבען געהאַט דעם מוט, און האָבען איהם פאַרשוויגען, אָדער זיך אונטערגעגעבען צו איהם און ביטער באַצאָהלט פאַר זייער שוואַכקייט. אָסקאַר ווילד׳ס לעבענס־טראַגעדיע איז צו באַקאַנט, און עס איז ניט נויטיג זיך אָפּצושטעלען ביי די דעטאַלען. אָסקאַר ווילד האָט קאָקעטירט מיט זיין מוט. פאַר איהם איז עס געווען אַן אַוואַנטיורע, דער דאָרשט פון אַן איבערגעזעטיגטען צו פאַרזוכען אַלע פרוכטען פון דעם לעבען, אפילו די פאַרבאָטענע.

ביי אַנדרע זשיד איז דאָס ניט קיין אַבענטייער, נאָר אַ וואונד, אַ ברענענדע און אַ בלוטענדע. ער פרעגט זיך: פאַרוואָס איך? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז גראָד איך — דער מענש מיט אַ צאַרטען מאָראַלישען געוויסען, זאָל טראָגען אין זיך אַ תאווה, וואָס איז פאַר׳משפט און פאַרשפּאָט אין דער געזעלשאַפט?

און ער קעמפט. אין זיך — פאַר דער מאָראַל, פאַר דער שטרענגקייט און שאַרפקייט פון די אָנגענומענע כללים. ער צווינגט זיך צו אונטערדריקען דאָס אונטערערדישע אין זיך אַליין. אָבער באַלד רעוואָלטירט ער. פאַרוואָס ניט? עס איז די מרידה פון נאַטור אַקעגען געזעלשאַפט, פון דעם אינערען געזעץ אַקעגען דעם געשריבענעם. און דער דאָזיגער קאַמף, די מרידה, איז דער הויפּט־אינהאַלט פון אַנדרע זשיד׳ס לעבענס־אַרבייט.

אָבער, ווי פרויד וואָלט זיך אויסגעדריקט, „סובלימירט", ד. ה. דער צענטראַל־פונקט ווערט אַן אויסגאַנג און ניט קיין צוועק פאַר זיך. ער פאַרטיידיגט ניט זיין רעכט אויף זיינע גלוסטעניששען. ער פאַרטיידיגט דאָס רעכט פון יעדען מענשען אויף זיין „פאַרשאָדענטקייט" און אויף אויפריכטיגקייט. ער פאַרלאַנגט זי פון זיך — ער פאָדערט זי פון אַנדערע.

„איך האָב געוואָלט זאָגען אַלצדינג, דערצעהלען דעם גאַנצען אמת" — זאָגט זשיד אין איינעם פון זיינע ביכער, און יעדעס בוך זיינס איז אַ קאַפּיטעל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. אין אַלע זיינע ווערק, אין די ראָמאַנען, וואָס זיינען מערקווירדיג אין זייער אויפבוי און סטיליסטישער פאָרם—איז דאָ איין פאַרלאַנג—דערצעהלען זיך.

„מיר מוזען אַלע פאַרשטעלען"—זאָגט ער אין זיין „קאָרידאָן". מיר אַלע מענשען זיינען מחויב צו זאָגען וידוי, אַנטפּלעקען דאָס געהיימסטע אין אונז. אמת פאַרלאַנגט קרבנות — און דערפאַר דער

חוב צום אמת. אַזאַ צוגאַנג צו דעם מענשען, אַזאַ פאָדערונג. פון דעם קינסטלער מוז נאַטירליך אויך אַרויסברייינגען אַן אייגענאַרטיגען סטיל. עס איז דער סטיל פון אַלע וואָס זיינען זיך מתודה. דער סטיל פון זשאַן זשאַק רוסאָ אין זיינע „קאָנפעסיאָנען".

אָבער רוסאָ איז געווען סענטימענטאַל און „אויפקלערעריש". רוסאָ איז געווען היסטעריש. אַנדרע זשיד איז אַ מענש פון אונזער צייט — אינטעלעקטואַל, קיהל און שטאָלץ — אפילו ווען ער עפענט־אויף אַלע געהיימסטע שופלאָדען פון זיין נשמה.

רוסאָ איז צעשוואומען און ברייט — אַנדרע זשיד איז קנאַפּ און שטרענג אין זיין פאָרם. ער טראַכט ניט אויס, ער מאָלט אפילו ניט — ער אַנאַליזירט. עס איז דער דאָסטאָיעווסקי טיפּ פון קונסט, אָבער אָהן דער ברייטקייט און וואָרט־מבול׳דיגקייט פון דאָסטאָיעווסקי. און דערפאַר אויך טיפער.

מערקווירדיג ווי די ליניע געהט. אַ באַוואונדערער און תלמיד פון דעם גרויסען, סימבאָליסטישען פאָעט סטעפאַן מאַלאַרמע, דעם פאָעט פון די שווערע צוגאַנגען און פאַרפלאָנטערטע מאָטיוון — דער חבר פון פאָל וואַלערי, דעם פאָעט פון דער מאַרמאָרקאַלטער און מאַרמאָר־האַרטער פאַרשלאָסענקייט — ווערט אַנדרע זשיד, דער אויפריכטיגער, דער מייסטער פון דער מאָדענער פאַנצויזישער קולטור, איינער פון די וויניגע מיט אַן איראָפּייאישען, אויב ניט צו זאָגען אוניווערזאַלען, פאַרנעהם.

דער מייסטער — פון אַ צייט וואָס וויל פריהער פון אַלצדינג אויפריכטיגקייט און טיפקייט. דער לערער פון אַ דור, וואָס האָט ניט קיין מורא פאַר ווערטער, פאַר פאַקטען און פאַר שמערץ. פאַרקעהרט. מיר זיינען דאָך אַלע איצט אין דער בחינה פון יענעם באַלזאַקישען „מעטאַפיזיקער", וואָס וויל זוכען דעם אמת — דאָס קיינמאָל ניט צום־סוף־דערטראַכטע, דעם אין־סוף, און געהט צו איהם אויף די וועגען פון העכסטע יסורים. ליידען כדי צו פאַרשטעהן, כדי צו דערגעהן דעם סוד, דאָס איז דער מאָטאָ פון אונזער צייט.

די וואָס זיינען געווען פאַר אונז האָבען זיך באַנוגענט מיט די פאַסאַזשען — מיר ווייסען אַז דאָס איז ניט גענוג. אַ הויז איז ניט בלויז פראָנט, דאָס וויכטיגע אין איהם איז ניט דער אויסערער שיין — נאָר דאָס וואָס טוט זיך אין די פאַרבאָרגסטע חדרים — אָט די

שטימונג פון האַלב־טונקעלקייט אין די הינטערצימערען, און דער עיקר, אין דעם קעלער.

דאָס וויכטיגסטע איז דער אונטערגרונט, דער „קעלער פון דעם וואַטיקאַן", ווי אַנדרע זשיד רופט אָן איינעם פון זיינע ראָמאַנען. שעהן איז דער וואַטיקאַן — פון דרויסען. די סטאַטועןן, די גאָלדענע פאַרצירונגען, דער גראַנדיעזער בנין — און פון דער קאַטעדראַלע טראָגט זיך אין דער גאַס אַריין דער ריח פון ווייהרויך און דער אָרגען טאָן.

אָבער אונטער דעם בנין איז דאָ אַ קעלער, זיינען פאַראַן אונ־טערערדישע וועגען. און דאָרט איז דער „עצם", דאָרט איז דער סוד פון אַלע וואַטיקאַנען, פון אַלע קאַטעדראַלען, וואָס מענשען האָבען ווען עס איז געבויט.

דער „וואַטיקאַן" איז די מענשליכע מאָראַל — און דאָס איז דאָך אין תוך די גאַנצע קולטור — ווי זי ווייזט זיך. אין דעם קעלער איז די קולטור ווי זי איז.

אָבער וואוהין פיהרט דער קעלער? ציהט ער זיך אין דער אומענדליכקייט אָהן אַ ציל און אָהן אַ זין? וואָס איז דער זין פון דעם גאַנצען אמת־זוכען? און ווען מיר געפינען שוין? איז געּ־נוג צו אַנאַליזירען, אָדער מוזען מיר אויך שאַפען אַ סינטעז? אַנאַליטיקער דערגעהען געוויינליך צו צעשטערונג, צו פאַרניינונג, און ווען זיי זאָגען „יאָ", איז דאָס אַ האַרטער און גרויזאַמער, און אָפט אַן אומלאָגישער, ניט פאַרבונדען, ניט אַרויסגעוואַקסען פון דעם ניין.

אַזוי דאָסטאָיעווסקי. זיין אַנאַליז פון דעם קעלער־מענשען דאַרף גאָר ניט, קאָן ניט לאָגיש דערפיהרען צו זיין רעליגיעז־מיסטישער טעאָריע פון אַ רעליגיעזען וועלט־אויפבוי. דער אַנאַ־ליטיקער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין אייגענעם מעסער. ער האָט אין דעם לעצטען מאָמענט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם קע־לער און זיך אָנגעכאַפּט אָן די „קרני מזבח", אָן עפּעס אַן אַלטאַר.

זשיד איז מוטיגער און לאָגישער. אויב פריי און אויפריכטיג — מוז מען געהן ביז צום סוף, מוז מען ציהען די קאָנסעקווענצען. אויב די פערזענליכקייט מוז ווערען דער הויפּט־אינהאַלט פון דער קולטור — מוז אויך די גאַנצע קולטור אויפגעבויט ווערען אויף דעם יסוד פון אינדיווידואַליטעט.

אָבער כדי אויסבויען דעם נייען בנין מוז מען צעשטערען דעם אַלטען. אַ ציל איז נויטיג. אָרדענונג אין דעם כאַאָס.

און אַנדרע זשיד זוכט די אָרדענונג — אין דעם קאָמוניזם. ניט דעם קאָמוניזם פון רוסלאַנד, דעם פאַרפּיקסירטען און פאַרגליווערטען, דעם פּאָסאַדישען, נאָר אין דעם קעלער־מאָטיוו, וואָס האָט געפיהרט צו איהם. „דער ריכטיג פאַרשטאַנענער אינדיווידואַליזם" — זאָגט אַנדרע — „מוז דינען דער געזעלשאַפט... און עס איז אַ פעהלער צו מיינען, אַז ער איז אין געגענזאַץ צום קאָמוניזם."

אַ „פעהלער", זיכער. אָבער גראָד דעם דאָזיגען פעהלער מאַכען ניט די אַנטי־קאָמוניסטען, נאָר די קאָמוניסטען אַליין. און זייער אייגענע שולד איז ווען דער קאָמוניזם, וואָס וואָלט געקאָנט ווערען אַ שיטה פון מענשען־פרייהייט, פון טיפסטער אויפריכטיגקייט, איז געוואָרען אַן אַנדער פאָרמולע פאַר סאָציאַלער פאַרגליווערטקייט. און איך האָב מורא, אַנדרע זשיד וועט געפינען וויניגער אָפּקלאַנג ביי די קאָמוניסטען, ווי ביי די וואָס ווערען פאַררעכענט פון די מאָסקווער הערשער פאַר „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען".

אָבער ניט דאָס איז וויכטיג. ניט פּאָליטיק און ניט שיטה — נאָר די טענדענץ, נאָר דער וועג. און דאָ האָט אַנדרע זשיד געקוועט אַ מערקווירדיג וואָרט: „יעדער מענש האָט זיין באַרגסטעזשקע — אָבער זיי מוזען פיהרען אַרויף."

אַרויף — אין מורא און נויט, אין פּראָטעסט און אין פּיין — אָבער אַרויף. דערהויבען דעם קעלער צו דעם טורעם — און ניט מעהר קיין מחיצה צווישען אויבען און אונטען.

די שיטה פון דעם העראָאישען לעבען, און דעם לעבען מיט אַ ציל.

„איך האָב קיינמאָל ניט געענדערט מיין ריכטונג — איך בין תמיד געגאַנגען פאָראויס. און איך געה ווייטער מיין וועג. אָבער — איצט געה איך פאָרווערטס — צו אַ צוועק."

דער אויפריכטיגסטער אינדיווידואַליסט פון אונזער צייט האָט געפונען זיין סאָציאַלע אָריענטאַציע: פון דעם אייגענוועלטיגען צו דעם אַלוועלטיגען.

די פאָרמולע פון דער צוקונפט, דער זין פון אונזער קולטור.

יוני 4, 1933

2

אַנדרע מאָרואַ

אַן אַלטע עלזאַסער אידישע פאַמיליע. סוחרים, פאַבריקאַנטען. דער פאָטער, ערנסט הערצאָג, פון דער פירמע „הערצאָג און פרענקעל" אין רואַן, דער קלאַסישער שטאָדט פון פראַנקרייך, דער שטאָדט פון ראַסין, דער שטאָדט פון פלאָבער.

אַ געפלעכט פון מאָטיווען, שטרעמונגען, וואָס קרייצען זיך, אונטערברעכען איינע די צווייטע און קאָנען זיך ניט צונויפגיסען אין דעם לעבען — אפשר. סוף־כל־סוף דאָס לעבען גלייכט אַלצדינג אויס. פריהער אָדער שפּעטער. אין דעם לעבען — קאָמפּראָמיסען און אויב ניט אַזוי, איז אַנדערש אויך גוט. אָבער אין דעם איבערלעבען — אין דער פסיכישער וועלט — דאָרט זיינען געגענזאַצען שאַרף, דאָרט זיינען יאָ און ניין שונאים, אָהן אַ מעגליכקייט פון שלום. און זיי מאַכען מיד, זיי מאַכען אַלט. זיי האָבען אַלט געמאַכט — פאַר דער צייט — דעם זוהן פון ערנסט הערצאָג, פירמע הערצאָג און פרענקעל — עמיל הערצאָג, וואָס איז אַריינגעטראָטען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אונטער דעם נאָמען אַנדרע מאָרואַ.

ער איז נאָך ניט פופציג — געבוירען אין 1885 — און שרייבט שוין איבער צוואַנציג יאָהר. און, מערקווירדיג, עס ווייזט זיך אויס, אַז ער איז אַלט צום ווייניגסטען אַכציג. אַזוי אויסער צייט, און כמעט אויסער רוים. אַזוי פילאָזאָפיש, ווי דער אַלטער וואָלטער אָדער אַנאַטאָל פראַנס אין דעם אָוונט פון זיין לעבען.

עס איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע אייגענאַרט פון אידען, ווען זיי שרייבען. זיי זיינען אַלט, ווען אין דער וויג. זיי זיינען קלוג, אָהן אַ גרונט, ווען אַנדערע אין זייער עלטער שפּילען נאָך אין פּילקע און זיפצען אין זייער ערשטער פאַרליבטקייט.

הערמאַן באַהר באַשרייבט זיין ערשטע באַגעגעניש מיט דעם דיכטער הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל. באַהר איז שוין געווען אַ מאַן קרוב די דרייסיגער, און נאָך יונג און ליידענשאַפטליך, און ראָמאַנטיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגענמאַן. לייענט ער די לידער פון אַ נייעם פּאָעט, וואָס שרייבט זיך אונטער לאָריס. וואונדער־

שעהנע, טיפע לידער פון אומעט און חכמה. ער וויל זעהן דעם דיכטער לאָריס, וואָס ווייסט אַזויפיל פון דעם לעבען. און מען ברענגט צו איהם דעם דיכטער — אַ אינגעל פון זעכצעהן יאָהר, אַ גימנאַזיסט. הערמאַן באַהר האָט אפשר דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז הוגאָ פון האָפמאַנסטאַל׳ס זיידע איז געווען דער פרעזידענט פון דער וויענער אידישער געמיינדע. ער האָט ערשט שפּעטער פאַר־שטאַנען דעם צוזאַמענהאַנג.

אידען ווערען פריה רייף, און זייער רייפקייט איז אַלטקייט. ווי אָפט פלעג איך זיך וואונדערען איבער די וויענער אידישע פעליע־טאָניסטען — אידישע יונגעלייט — פלעג זיך טרעפען מיט זיי כמעט יעדען טאָג אין דעם קאַפע, און פּריוואַט. אַזוי יונג, אַזוי נאַטירליך און גאָר ניט צו־קלוג; אָבער מיט דער פען אין דער האַנט איז דער יונגערמאַן תיכף געוואָרען אַ זיידע. געדאַנקען זיי־נען אין איהם אַרויסגעשוואומען, וואָס גאָר ניט ער האָט געטראַכט. דורות פאַר איהם האָבען זיי דורכגעלעבט. אויף ווייטע וועגען זיי־נען זיי דערגרייכט געוואָרען. אומגעציילטע יאָהרען געזוכט אַ פאָרם — אָדער אַ „תיקון״ — און אָט שטעהען זיי אויף דעם פּאַ־פּיר — פרעמד פאַר דעם, וואָס האָט זיי געשריבען, איבערראַשענד פאַר די, וואָס לייענען זיי.

אַזוי צום ביישפּיל, סטעפאַן צוייג אין וויען, אַזוי אַנרי פראַנק אין פראַנקרייך, אַזוי מאַרסעל שוואָב, און אפשר מעהר ווי זיי אַלע, וויל רייכער אין קולטור און אָרימער אין שטימונג — אַנדרע מאָרואַ.

ער האָט אַ סך געשריבען — ראָמאַנען, ביאָגראַפיעס, עסעיס און אַרטיקלען. ערנסט און הומאָריסטיש, גרינג און מיט פאַרזוכען צו שווערקייט, אָבער שטענדיג, ביי יעדען פאַרזוך, בלויז איין פאָרם: דער דיאַלאָג; ריכטיגער: די דיאַלעקטיק.

וואָס איז דיאַלאָג? אַ שמועס צווישען צוויי. אָבער די צוויי זיינען איינס. און דאָס איז דער אונטערשייד צווישען אַ דראַמע און אַ פילאָזאָפישען דיאַלאָג. אין אַ דראַמע רעדען פאַרשיידענע מענ־שען, און קומען אָפט צו אַן אויסגלייך, וויל זייער רעדען איז ניט קיין זעלבסטצוועק, נאָר אַן אויסדרוק פון טאַט.

דער דיאַלאָג אָבער — פּלאַטאָניש, וואָלטעריש, רענאַניש אָדער מאָרואַיש, — איז ניט מעהר ווי אַ וויוויסעקציע, צעשניידען דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם פון דעם געדאַנק, אַריינדרינגען אין אַלע

פאַרבאַרגענסטע ווינקעלעך פון דעם גייסטיגען לעבען, אַנאַליזירען יעדע שטימונג; און ווען מען שניידט אויף דעם קערפּער, בלייבט דער שניט, אפילו ווען פאַרנייהט; בלייבט אַ וואונד, אפילו ווען פאַרהיילט.

און מאָרואַ דיאַלאָגיזירט איבער דעם לעבען.

וואָס וויל ער? וואָס איז דער ציל, וואָס ער וויל דערגרייכען? ער וויל געפינען דעם ענטפער אויף דער פראַגע: ווי אַזוי לעבען? און געהט פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, ווי אין אַ מלחמה — טרעט צוריק, כדי צו אַטאַקירען: אַטאַקירט, כדי זיך צו שיצען, און דער רעזולטאַט איז — וואַפענשטילשטאַנד, ניט שלום. און אויב אפילו שלום אויף אַן אויגענבליק — קומט די רעוויזיע זעהר גיך, יעדענ־פאַלס די פאָדערונג צו רעווידירען דעם אָפּמאַך.

אַנדרע מאָרואַ געהט צו די קינסטלער, צו די שרייבער, און זוכט אַן ענטפער ביי זיי. און קומט צוריק אַן אַנטוישטער. ניט נאָר ווייל זיי, די אמת׳ע קינסטלער, זיינען אַזוי פרעמד צו דער וועלט, לעבען אין אַן אייגענער אַטמאָספערע, נאָר הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס אויך ביי זיי — אויך אין דער קונסט, אין דער קולטור — צוויי געגען־פאָלוסען. „פולשטענדיגע אומבאַוועגליכ־קייט אָדער אייביגע באַוועגונג — בודאַ אָדער פאָל מאָראַן (דער פראַנצויזישער רייזענדער בעלעטריסט) — אָט דאָס זיינען די צוויי איינציג־מעגליכע פאָרמען פון גליק”, שרייבט מאָרואַ אין זיין „רייזע צו די קונסט־פלעצער”.

און אַן אַנדערש מאָל — אין זיין „פראַגמענט פון אַ וואַקאַציע־טאָגעבוך”: „צוויי שורות יאָגען זיך איינע נאָך דער צווייטער אין מיין קאָפּ: אַ שורה פון מאַלאַרמע:

„דער צאַרטער, דער ריהריגער, דער וואונדערשעהנער היינט”;

און אַ שורה פון אַננאַ דע נאָיאַ: „דער אויסשפּרייט אָרום איז קינדיש און ריין”.

ביידע מיסטישע שטימונגען — היינט און נעכטען, געגענוואַרט און פאַרגאַנגענהייט. זיי יאָגען זיך איינע נאָך דער צווייטער, און פיהרען צווישען זיך אַ דיאַלאָג, וואָס פאַרענדיגט זיך קיינמאָל ניט און דערפיהרט צו גאָרניט. ווייל אַ געשפּרעך צווישען שאָטענס. און שטענדיג דער „איך”, געבראָכען און געשפּאָלטען, אין אַן אומ־זיסטיגען פאַרזוך צו געפינען אַ גאַנצקייט, די גאַנצקייט פון דעם לעבען.

„אין יעדען אויגענבליק באַט זיך אונז אַ ניי לעבען. היינט, איצט, תיכף — איז איינציק אין אונזער מאַכט". אַזוי ציטירט, אָדער סך־הכל'ט, מאַרואַ אין איינעם פון זיינע עסעיס דעם געדאַנק פון זיין לערער, דעם פילאָזאָף אַלען שאַרטיע — די אידייע פון אַ לעבען, וואָס האָט ניט קיין המשך; אַ לעבען, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען.

פילאָזאָפיש אויסגעדריקט איז עס — ראַציאָנאַליזם. און אין דעם באַשטעהט דער גרונט־חילוק צווישען ראַציאָנאַליזם און מיס־טיציזם, דער אונטערשייד אין דעם איינמאַליגען און אין דעם צייטלאָזען. דער שכל באַנעמט בלויז דאָס, וואָס איז; די שטימונג — אָדער דער געזאַמטגעפיהל — דאָס וואָס איז געווען; פאַר דעם שכל איז דאָס לעבען בלויז אַן ערשיינונג פון איצט; פאַר דעם מיסטישען געפיהל — אַן אומענדליכער שטראָם.

און דערפון דער שטענדיקער קאַמף צווישען די צוויי וועלט־צוגאַנגען — אַ קאַמף, וואָס ווערט געוועהנליך געפיהרט צווישען צוויי מענשען אָדער גרופּען, אָדער צווישען דעם מענשען אין זיינע פאַרשיידענע לעבענסצייטען. די יונגע זיינען מיסטיקער, די אַלטע — ראַציאָנאַליסטען. פאַר דעם יונגען איז אַלצדינג — שטימונג און פאַרטזעצונג. פאַר דעם אַלט־געוואָרענעם איז דער „היינט", דער „איצט" דאָס וויכטיגסטע. ווייל די נעכטענס שוין אויסגע־פּרואווט — געוואויגען און געפינען צו־גרינג אין וואָג. געגאַסען — און געבליבען אַ ביטערער טעם. און דערפאַר איז גראָד דער אי־דישער מענש — דער גייסטיגער — אַזוי צעריסען. ווייל אַלט, ווען נאָך יונג — אין זיין אַלטקייט צו־קלוג, כדי זיך אונטערצוגעבען אונטער דעם שכל. און דערפאַר איז אויך דער אידישער שרייבער אַזוי עכט, — אַזוי ער אַליין, ווען ער ווערט ניט קיין געפאַנגענער פון דער אילוזיע פון שאַפען, און בלייבט אין זיין אייגענעם עלע־מענט: דעם דיאַלאָג, דעם קלוגען, קהלת'דיגען שמועס מיט דעם לעבען און זיינע סודות.

געוויס, מאַרואַ איז ניט קיין ביישפּיל, פון אידישער שעפעריש־קייט. עס פעהלט איהם פאַנטאַזיע און עס איז ניטאָ ביי איהם דער פרישער, נאַאיווער צוגאַנג צו דעם אָביעקט. ער איז אַ גאָלדשמיד, אין בעסטען פאַל, ניט קיין סקולפּטאָר.

ער האָט געפּרואווט שרייבען ראָמאַנען: „קלימאַטער", „קריי־זען" און אַנדערע. ער האָט געשריבען ביאָגראַפישע ראָמאַנען —

שעלי׳ס, בייראָנ׳ס, דיזראַעלי׳ס, א. אַז. וו. גוטע אַרבייט, קלוג, רייך אין מאַטעריאַלען, אָבער עס פעהלט אָט דער שוואונג, דער פּאַטאָס פון דעם שעפערישען מענשען, וואָס מאַכט לעבעדיג די טרוקענע ביינער.

סטיל, געדאַנק, שטימונג — „אַלצדינג פּאַראַן, בלויז די „ראַ־זשינקע״ פעהלט.

אָבער זיינע דיאַלאָגען — זיי קאָן קוים עמיצער נאָכמאַכען. זיי זיינען אָפּט, אויב ניט בעסער, אָבער זיכער ניט ערגער, ווי די פילאָזאָפישע דיאַלאָגען פון ערנסט רענאַן. בעסער — ווייל אויפ־ריכטיגער און טיפער. בעסער — ווייל ווייניגער ליטעראַטור און מעהר לעבען, אָדער אידייע, פאַרקערפערט אין געשטאַלטען.

אַזוי, צום ביישפּיל, זיין ווערק — און נאָך מיין מיינונג, זיין בעסטע — „די דיאַלאָגען וועגען פיהרערשאַפט״. דאָרט, אין אַ שמועס צווישען אַ פילאָזאָף און אַ לייטענאַנט, ווערט דורכגענומען דער גאַנצער פּראָבלעם פון דער פּערזענליכקייט און איהר ראָלע אין דער געשיכטע. דער לייטענאַנט פּרעדיגט די טעאָריע פון דעם אַקטיווען מענשען, דעם פיהרער, דעם דיקטאַטאָר. דער פילאָזאָף צערייסט דעם שלייער פון די אילוזיעס און ווייזט די צופעליגקייט, די נישטיגקייט, די אַבסורדען פון אַלע פּלענער און פון אַלע אָנשטעלען.

און דער דיאַלאָג בלייבט ניט אַנטשידען, ניט נאָר אין דער ווירקליכקייט, נאָר אפילו אין דער טעאָריע; ניט בלויז אין דער געזעלשאַפט, נאָר אין דעם גייסט פון אַנדרע מאָרואַ, וואָס איז לייטענאַנט און פילאָזאָף, דער געשפּאַלטענער און צעריסענער מענש פון היינטיגער צייט.

אָדער אפשר פון אַלע?

ניין, מיר זיינען אַן אויסנאַם. קיין צייט איז ניט געוועזן אַזוי ווידער׳שכל׳דיג, ווי אונזערע, און קיינע ניט אַזוי צעריסען.

אין אונזער צייט פון צעריסענקייט — דער צעפליקטסטער מענש, דער אידישער.

דערפון דער חן און דער רייץ פון דעם אידישען שרייבער, און זיין ערפאָלג.

דערפון אָבער אויך דער כעס און די שנאה.

מיר זיינען אַ צו־קלאָרער שפּיגעל פאַר דער וועלט, און זי זעהט זיך אין איהם ווי זי איז. און ווי זי איז — איז זי אַבסורד.

און מענשען האַלטען ניט גערן אמת־זאָגענדע שפיגלען אין הויז. זיי רופען זיי — קרומע, און צעברעכען זיי, ווען דער אמת ווערט צו־טראַגיש. אָבער מאָרוא איז פראַקטיש און קלוג און פאַרשלייערט זיין שפיגעל — ביז צו אַ צייט.

פריהער אָדער שפעטער וועט ער אַרונטעררייסען דעם שלייער, און דעמאָלט, אפשר וועט מען איהם דעמאָלט האַסען אין פראַנקרייך; אָבער וואָס אַרט דעם שפיגעל, ווען מען האַסט איהם? דאָס איז זיין גורל.

יוני 18, 1933

3

אַנדרע ספיר

„קעמפפען, שלאָגען זיך פאַר דער צוקונפט, פאַר זיין לאַנד, פאַר אַלע גע׳רודפ׳טע און באַ׳עוולה׳טע: סימאָן לעווי, איזראַעליטישער לייטענאַנט! איך בין דאָ! אומעטום, וואו מען שטאַרבט: 1918 — 1917, די מאַרן, די שאַמפאַניע, ווערדון — איך בין דאָ! אַ ווילדע חיה פאַרשפרייט שרעקען אין דאָרף, אַ פייער ברענט אין דעם פעלד — איך בין דאָ! עס געהט־אָן דער קאַמף קעגען צביעות, פאַר־אורטיילען, טפשות, מענשען־צערייסענדער שנאה — איך בין דאָ! איך — שמעון לוי, דער פראַנצויזישער איד, וואָס חלומ׳ט זיין גאַנץ לעבען צו ווערען אַן „איזראַעליט פון פראַנקרייך", דינט אין דער אַרמיי, ווערט פאַרוואונדעט אין דער מלחמה, שלאָגט זיך פאַר פראַנקרייך, און ווערט דערנאָך אַ גוטבאַזיצער אין דרום־פראַנקרייך, קאָן זיך ניט אָנזעטיגען מיט דעם ריח פון ערד און וואַלד — פראַנצויזישער ערד און וואַלד, קאָן זיך ניט אָנשפיגלען אין זיין גליק, וואָס ער, דער איד, קאָן אויך פאַראַקערן און פאַרזייהען פראַנקרייכ׳ס פעלד, און זיין העכסטע דערגרייכונג איז — זיין טויט. ער איז דערטרונקען געוואָרען אין אַ טייך, ראַטעווענדיג קינדער, פראַנצויזישע קינדער, וואָס האָבען זיך געשפילט און זיינען אַריינגעפאַלען אין וואַסער".

פאַר פראַנקרייך געלעבט, פאַר פראַנקרייכ׳ס קינדער געשטאָרבען.

אַט אַזוי חניפות׳דיג, אַט אַזוי אונטערטעניג און מיט איינגע־בויגענער קנעכט־רוקענדיגקייט פאַנטאַזירט, מושב־זקנים׳דיגט אַ פראַנצויזישער איד, עדמאָנד קאָהן, אין אַ ראָמאַן, וואָס איז ערשי־נען מיט דריי יאָהר צוריק; אַ ראָמאַן מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען — „איד? ניין!... איזראַעליט״.

ווען איך האָב געלייענט דעם דאָזיגען ראָמאַן פון „שמעון לוי״, דעם „איזראַעליט״, האָב איך דערפיהלט אַ מערקווירדיגען האַס, אַ האַס צו די לוי׳ס און קאָהנס, צו די קעמפער און פלאַנצער, צו די וואָס מוזען תמיד לעבען צוליב אַ צוועק, און דער צוועק — צו ווערען אַ נול.

וואָס וויל אייגענטליך שמעון לוי, וואָס איז דאָס זיין הייסער חלום? דערגרייכען דאָס, וואָס דיוראַן און דיופאָן, וואָס יעדער פראַנצויזישער פויער האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסען? שמעון לוי חלומ׳ט פון די הילצערנע שיך — די סאַבאָ — פון דעם פויער אין דער ברעטאַן אָדער אין באַסקען־לאַנד. ווילסטו — לוי — געה און טו־אָן די הילצערנע שיך, און מאַך קיינעם ניט גליקליך, און רעד ניט אַזוי געשוואָלען! ווילסט ווערען אַן אַקערבויער — מהיכי־תיתי, ווילסט ווערען אַ זייהער, אַ שניטער, אַן אַרבייטער — ווער לאָזט דיך ניט? אָבער צו וואָס די הקדמות? און וואָס האָט אַ האַלץ־שוך פאַר אַ שייכות צו אידען?

און איך האָב פיינט געקראָגען דעם לייטענאַנט לעווי, און פאַרשטאַנען אויך פאַרוואָס אַנדערע, וואָס זיינען נאָך בלאַנדער פון מיר און האָבען אין זיך די „בלאָנדע בעסטיע״, די ליבע ניצשע׳שע חיה — ווי אַזוי עס מוז זיי דערעסען דער לייטענאַנט לעווי מיט אַלע זיינע טענות און אַלע זיינע אַמביציעס.

אָפט, זעהר אָפט, ווען די כמאַרע פון „למי אני עמל״ רוקט זיך אָן אויף מיר, ווען איך טראַכט מיט טיפער בענקשאַפט פון דער ענגער געטאָ־אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך געשאַפען אַרום מיר — ווענען די אַמאָליגע חלומות פון דער יוגענט, וואָס זיינען צערונען — חלומות פון זייהען אויף ברייטע פעלדער, חלומות פון ווייטע האָריזאָנטען, פון שרייבען פאַר דער גרויסער, רחבות׳דיגער וועלט — אָפט קומט מיר דער געדאַנק: אפשר איז בעסער אַזוי. איידער אַרומגעהן אַ גאַנץ לעבען מיט דעם איד־קאָמפּלעקס, פאַר־טיידיגען איהם, פאַרשטילען איהם, אויסטייטשען און פאַר׳מליצה׳־ווען די אידישקייט, ווי לודוויג לואיסאָן, דער עקסטרעם־אידישער

אַדער עדמאַנד קאַהן דער עקסטרעם־איזראַעליטישער — איידער אַזאַ צעריסענקייט — איז דאָך בעסער, געזינטער, שעהנער צו טרינקען פון דעם אייגענעם, קליינעם, זעהר קליינעם, אָבער פאַרט אייגענעם גלאָז.

ניט מעהר וועלען זיין אַנדערש. ניט שפּילען, ניט ווייזען זיך, נאָר זיין. און ווי קליין אין איהם די „אהלי יעקב" זאָלען זיין — עס אָטעמט זיך דאָרט פאַרט גרינגער, אויב מען וויל זיין אויפ־ריכטיג צו זיך און צו אַנדערע.

בפרט היינט, ווען מלאך און טייוועל, אַלע פרעגען דיך צו אַלעם ערשט: „מה שמך" — ווער ביזטו און וואָס איז דיין מהות?

בפרט נאָך היינט, ווען דער מענש איז טויט און נאָר די פּאַהן איז געבליבען.

און ווי שווער איז צו זיין ערליך צו זיך, ווען מען וויל זיין אַ איד אונטער אַ פרעמדער פּאַהן.

אַט ליגט פאַר מיר אַ בוך. אויף דעם שער־בלעטעל אַ בילד. אַן ערנסטער, הויך־שטערנדיגער קאָפּ, מיט ווייסע האָר און באָרד, און אויגען — טרויעריגע, מילדע, שוואַרצע אויגען, איינגעטונקען אין צער.

דער קאָפּ פון אַ פּאָעט. אַ בוך וועגען אַ פּאָעט, דעם פראַנ־צויזיש־אידישען דיכטער, אַנדרע ספּיר.

אַ יונגער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־פאָרשער האָט זיך גע־שטעלט אַ כמעט ניט־צו־דערפילענדע אויפגאַבע: אויסשעפּען דעם ים פון אידישען צער, געבען אַ קלאָר בילד פון דער פאַרפּלאָנ־טערטסטער, רעטענישדיגסטער ערשיינונג, וואָס הייסט: אידישער קינסטלער *).

„אויב דו ווילסט דעם דיכטער פאַרשטעהן, מוזט דו געהן אין זיין לאַנד", מוזטו וויסען פון וואַנען זיין יניקה איז. לאַנד פון טאַטעס און זיידעס, לאַנד פון דורות און לאַנד, וואָס ער האָט אַליין אַנטדעקט — דאָס לאַנד פון אַ וועלט, וואָס קיינער האָט ניט געזעהן פאַר איהם. דאָס לאַנד פון די זיידעס איז אָפען פאַר אַלע; דאָס לאַנד פון דעם פּאָעט — זיין אייגענס. און דער קריטיקער,

*) Andre Spire and his Poetry, by Stanley Bernshaw. The Centaur Press, 1933.

דער דערקלערער באַנוגענט זיך אָפּט מיט זיידע־לאַנד, ווייל דאָס דיכטער־לאַנד איז איהם פאַרשלאָסען.

אָבער ווען דאָס זיידע־לאַנד איז אויך פאַר׳חתמ׳עט? ווער קאָן עס, ווער האָט עס דעם מוט זיך צו פאַרטיפען אין אַנדרע ספּיר׳ס זיידע־לאַנד?

הערט ווי דער דיכטער רעדט — אין אַ ליד, וואָס הייסט: „חתונה־רייזע”, אַ ליד, וואָס איז אין זיין לידער־בוך: „אויף אַב־סורדע וועגען”:

דו האָסט געזאָגט צו דיין יונגער פרוי,
לאָמיר פאָהרען אין מיין היים;
מיינע עלטער־זיידעס און עלטער־פעטערס
שלאָפען דאָרט אונטער שווערע מצבות.
זיי זיינען געשטאָרבען איידער איך בין געבוירען;
דעמאָלט האָבען קהל׳שע צאָפּעס
געבלאַנדזשעט אויפ׳ן בית־עולם
און געקייעט גראָז פון די קברים.
דו וועסט לייענען פיער־עקיגע אותיות,
איינגעקריצט און שוואַרץ באַמאָלט —
אותיות, וואָס דערצעהלען,
ווי מען האָט זיי ליב געהאַט,
ווי מען האָט זיי באַוויינט:
זיי זיינען געווען גוט צו די אָרימע,
עהרליך אין זייער וואַנדעל,
גערעכט אין אַלע וועגען;
אין דער הייליגער תורה
איז דער נאָמען זייערער גרויס געווען.
באַצירט פון מצוות און מעשים־טובים
איז זייער נשמה אַוועקגעפלויגען אין אַ געטליכען קוש.
א. אַז. וו.

עס איז אַ לאַנג ליד, און אויב איהר ווילט, אַן אַבסורד ליד. פאַר אונז, פאַר מיר. אָבער פאַר אַנדרע ספּיר, פאַר די אידען פון פּאַריז אָדער פון נאַנסי, וואו דער פּאָעט איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאָהר 1868 — אַן אַלטער מאַן איז ספּיר שוין, אַן אַלטער

איד מיט אַ ווייסע באָרד — פאַר איהם און פאַר זיי — אַ טיפער זיפץ, אַ הויך פון בענקשאַפט, אַ קרעכץ פון אַ טויטער פאַרגאַנגענ־הייט. און וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס דער יונגער אַמעריקאַנער, בוירנשאַו האָט אפילו ניט איבערזעצט דאָס ליד? (ער האָט איבער־זעצט אין זיין בוך פערציג לידער פון ספיר.) וואָס זאָגט עס איהם דען? פאַר איהם אפשר בלויז אַ מליצה, פאַר אונז — אַ גע־שפרעך פון דורות צווישען זיך. אור־אַלטע קברים מיט „פיער־עקיגע אותיות״ פירען אַ שמועס צווישען זיך און דערצעהלען איינער דעם אַנדערן וועגען די „אַבסורדע וועגען״ פון זייער לעבען, די משונה׳דיגע וועגען פון אידען — אידען פון טויטע און פון לעבעדיגע דורות.

איך ווייס ניט, ווי גרויס דער פאָעט ספיר איז. איך האָב אַ ספק. און ווען דער אַמעריקאַנער פאָעט, אַלפרעד קרעימבאָרג, וואָס האָט אָנגעשריבען אַ הקדמה צו דעם בוך פון בוירנשאָו, זאָגט וועגען ספיר די ווערטער פון וואָלט וויטמאַן: „דער וואָס ריהרט אָן דאָס דאָזיגע בוך, ריהרט אָן אַ מענשען״ — ווייס איך ניט, אויב דאָס איז אָן אָפּשאַצונג פון אַ קינסטלער.

אַ דיכטער דאַרף נאָך זיין אַ סך, אַ סך מעהר ווי אַ „מענש״. ער מוז אויך זיין אַ שפּילער און אַ טענצער, ער מוז זיין אַ רעגענ־בויגען און אַ תהום, ער מוז — עך, וואָס מוז ער ניט זיין, כדי צו דערגרייכען מיט דעם געוויינליכען, אַבסטראַקטען, אויערדיגען וואָרט די עפעקטען פון האַנט און אויג, און חושים?

און פאַר מיר איז אַנדרע ספיר׳ס קונסט צו־מאָגער, צופיל וואָרט און צו־וויייניג חושים, צופיל געפיהל, צו־וויייניג האַנט.

אָדער — צופיל איד?

רעדט ער צו דער פרוי אין דעם ליד „נאַקעטקייט״ (מיט אַ מאָטאָ פון דער גמרא: „שער באשה ערוה״):

דו האָסט מיר געזאָגט: איך וויל דיר זיין אַ חבר׳טע,
אַריינגעהן צו דיר און דיך ניט צערודערן.
מיר וועלען פאַרברענגען אָוונטען לאַנגע אין שמועסען...
— — — — — — — — — — — —

זעה, מיינע קליידער זיינען צניעות׳דיג אָרים,
און דו זעהסט אפילו ניט דעם געשטעל פון מיין האַלז.
ענטפער איך דיר: פרוי, דו ביזט נאַקעט,

די האָר פון דיין האַלז זיינען פריש ווי אַ בעכער,
שנייד זיך אָפּ דיינע האָר.
פרוי, דו ביסט נאַקעט,
אויף אונזער שוואַרצען בוך רוהען דיינע נאַקעטע הענט.
— — — — — — — — — — —
פרוי, האַק זיך אָפּ דיינע הענט;
פרוי, דו ביזט נאַקעט;
דיין קול זינגט אַרויס פון דיין ברוסט;
דיין קול, דיין אָטעם, די היץ פון דיין גוף.
פרוי, רייס אַרויס דיין קול!

און ווען איך לייען דאָס ליד, הער איך דעם קול פון מזרח. הייס בלוט — אָהן אַ צוואַנג, תאווה — אָהן שעהנקייט. די אַסקעזע פון אַ פרוש — אַ פרוש פון פּאַריז. און איך פאַרשטעה פאַרוואָס אַ פראַנצויזישער קריטיקער זאָגט פון איהם: „ער איז פריהער פון אַלץ איד. דער פּאָעט לאָזט קיינמאָל ניט אָפּ דעם אידען אין איהם. און פון דעם אידען האָט ער די אָדלער־האַרטקייט, קאָנ־צענטרירט. כמעט גרויזאַם. ער האָט אין זיך שנאה. ער איז אַ פּאָעט פון קאַמף און עקשנות, בייסענדער איראָניע... אָבער אויך אַן אומענדליכע ליבע פאַר זיין פאָלק. אין זיינע לידער איז דער גאַנצער עפּאָס פון דעם מאָדערנעם אידענטום”.

דער מאָדערנער איד, וואָס רעוואָלטירט. דער איד, וואָס וויל ברעכען אַלע קייטען, אפילו פון דער פאָרם, אפילו פון דעם וואָרט, און שטעלט זיך פאָרט אָפּ אין דעם לעצטען אויגענבליק; שטעלט זיך אָפּ מיט אַ ביטערען שמייכעל אויף די ליפּען.

שרייט אַנדרע ספּיר אין דער וועלט אַריין: **שמע ישראל!** (עקאָוט, איזראַעל!)

שמע ישראל!
וועסט קיינמאָל ניט מיד ווערען צו זאָגען דיינע תפילות?
געלויבט זאָל זיין דער אייביגער, וואָס איז זיך נוקם פאַר מיר,
וואָס באַשיצט מיינע רעכט און שטיצט מיך אין נויט,
וואָס דערדריקט מיינע שונאים און הרג׳עט מיינע רודפים!
געלויבט זאָל זיין דער אייביגער, וואָס גאַרטעלט מיינע לענדען צום קאַמף!

דר. א. קאַראַלניק

שמע ישראל!
האָסטו שוין געזעהן אַמאָל אַ שונא צו דיינע פיס?
האָט דיין גאָט צעהאַקט דיינע ביינער און דעם קינבאַק?
— — — — — — — — — — — — — —

שמע ישראל!
נעם דאָס געווער אין דער האַנט!

אָט אַזוי דאָס ליד — דאָס גבור־ליד, דאָס יאוש־ליד, דאָס ביטער ליד פון דעםווירקליכען לעבען, דאָס ליד פון דורות, וואָס קברים האָבען איהם געשושקעט: מיר, אַלטע; מיר, אַמאָליגע, מיר זיינען געגאַנגען אויף אַבסורדע וועגען! מיר האָבען געהאָפט און געוואַרט, און געליטען שאַנד, מיר האָבען זיך געגאַרט, אַ וועלט פאַרשפילט, און אָט פוילען מיר אין די קברים און דאָס געלעכטער פון די צייטען הילכט אין אונזערע אויערען: גלויבען, האָפען! ווי לאַנג? קעמפען — און אונטערגעהן, קעמפען — און זיגען! אַ נייער „שמע ישראל״ דאַרף קלינגען איבער דער וועלט. זאָג דאָס זיי, די אייניקלאַך, זאָג דאָס זיי, אַנדרע!

אַנדרע ספיר זאָגט. אַנדרע ספיר — אַ דיכטער געוואָרען אין די יאָהרען פון רייפקייט (זיינע ערשטע לידער זיינען ערשינען מיט דרייסיג יאָהר צוריק) — איז געוואָרען דער דיכטער פון אידישער רייפקייט.

רייף זיין — הייסט פאַרווירקליכען דעם חלום פון דער יוגענט. רייפקייט איז טויט.

און ספיר — דער גוטער, שטימונגספולער ספיר, אין זיין רויזען־גאָרטען, אין זיין שעהנער ווילאַ, אין זיין לוקסוס־סביבה און לוקסוס־שפּראַך, אין דער מוזיקאַלישער, פיין־געשליפענער שפּראַך פון פראַנקרייך — רופט דעם אידען אין זיך צו טאַט, און בעט זיך ביי פראַנקרייך:

וואונדערליך לאַנד,
וואָס האָסט אַזויפיל פעלקער פאַרשלונגען,
ווילסטו׳ס מיך אויך?

און ער בעט זיך ביי זיין „פלאַם פון גייסט״, ביי זיין „טרויער, ווילדקייט, משוגעת״:

די דריי אַנדרעס

קומט, באַשיצט מיך
אַנטקעגען דעם עקר־פאַרשטאַנד פון דעם שמייכעל־לאַנד.

ספּיר וויל ניט שמייכלען. דאָס איז געווען גענוג פאַר היינע׳ן. ער וויל — שטורם. ער וויל — לעבען.

אַנדרע ספּיר זאָגט אַרויס דאָס ניט־דערזאָגטע, זינגט אַרויס דאָס ליד, וואָס אידען האָבען ניט געוואָגט.

אַ ליד פון שטאָלץ און פון אויפגעברויזטער, לאַנג־פאַרהאַלטע־נער שמשון קראַפט.

שמשון, וואָס זעהט; שמשון, וואָס היט זיך פאַר דלילה, און רייסט זיך אין קאַמף קעגען די פלשתים; אפילו די פלשתים אין אונז אַליין.

אָט דאָס אַלץ האָב איך אַרומגעלייענט, אַרויסגעהערט פון דעם אומשולדיגען ליטעראַריש־עסטעטישען ביכעל וועגען אַנדרע ספּיר. וואָס איז דער קריטיקער בוירנשאָו שולדיג, וואָס ער האָט דאָס אַלץ ניט געהערט?

פאַר איהם איז ספּיר בלויז אַ פּראָבלעם אין „פרייען פערז". און ער ווייסט גאָר ניט, אַז ספּיר׳ס פּראָבלעם איז: פריי פון דעם קבר; אַ שטורם, וואָס רייסט אַרויס די סימאָן לעוויס פון זייערע טויט־חלומות.

און ווען די שטימע קומט און זאָגט: שמעון לעווי, ביי שלאַכ־טען, וואו מען שטאַרבט — ביזטו דאָ?

ענטפערט אַנדרע ספּיר: ניין, איך בין ניטאָ. איך בין דאָרט, וואו איך וויל זיין. און כל־זמן ניט דאָרט, בין איך אין ערגיץ ניטאָ. הערסטו, וועלט, אין ערגיץ ניט! און טו וואָס דו ווילסט. דו וועסט עס סיי־ווי־סיי טאָן.

מאַי 20, 1933

טאָלסטאָי און זיין חלום

צו זיין הונדערט־יאָהריגען געבורטסטאָג

שוואַך און ציטערענדיג איז די האַנט. אָבער זי שרייבט: „איך מוז זיך ראַטעווען. ניט מיך, ליאָוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי — נאָר דאָס וואָס לעבט נאָך אַמאָל אין מיר. שוואַך, אָבער אַלץ איך". אין צוג, שפּעט ביינאַכט. אַרום דעם אַלטען, ווייס־גרויען, צוויי־און־אַכציג־יאָהריגען — דריי מענשען, דאָקטאָר דושאַן מאַקאָוויצקי און צוויי פרויען — איינע אַ פרעמדע אָבער פאַרגלויבטע און געטריייע, איינע אַן אייגענע, די טאָכטער — אַלעקסאַנדראַ, סאַשאַ. זיי לויפען, זיי אַנטלויפען. גראַף ל. נ. טאָלסטאָי, דער שטאָלץ פון רוסלאַנד, דער גרויסמייסטער פון דעם וואָרט, אַנטלויפט פון זיין היים — זיך ראַטעווען.

און דער זקן פאַרגעסט באַלד זיין סביבה. פון דער האַנט פאַלט אַרויס די פעדער. דער אַלטער, גרויער, ווי אויסגעטריי־קענטער קאָפּ פאַלט אַראָפּ אויף דער ברוסט. ער דערפיהלט אַ שוואַכקייט, די אויגען פאַרמאַכען זיך. אָבער דער אַלטער שלאָפט ניט. ער טראַכט. דער מוח, וואו עס זיינען, נאָך טורגעניעוו'ס אויסדרוק, אַ גאַנץ לעבען אַרומגעלאָפען גאַנצע טשאַטעס יאַגד־הינט, נישטערענדיג נאָך די שפּורען, אַריינבייסענדיג זיך מיט חיה'שער עקשנות אין דעם קערפּער פון דעם דעריאָגטען האָז — אָט דער פיבערנדיג טעטיגער, אומ'ברחמנות'דיג זוכענדער און פרעגענדער מוח האָט נאָכאַמאָל זיך צעשפּילט.

און פאַר דעם גרויסען, מידען זקן איז אויפגעשטאַנען זיין גאַנץ לעבען מיט אַזויפיעל קלאָרקייט, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער.

קורץ ווי אַ בליץ — שאַרף און ליכטיג, יעדער מינדסטער שטריך — איינס נאָך איינס.

ער האָט מיט אַמאָל דערזעהן זיך אַליין. זיך — דעם מענשען פון דעם טיפסטען סוד. דערזעהן זיך — ווי אַ פרעמדער וואָלט איהם געזעהן, ווען עס וואָלט מעגליך געווען אַז איין מענש זאָל זעהן דעם אמת פון דעם צווייטען — דעם אמת פון זיך אַליין.

ער האָט דערזעהן זיין גאַנץ לעבען, ווי אַ מעכאַניקער דער־זעהט אַ מאַשין — צענעהמט זי, שרויפט זי אויף, קוקט זיך איין

אין דעם ווערק, דאָס האַרץ פון דער כלי און געפינט איהר תוך.

צוערשט — די יוגענט. קאַזאַן, קרים, קאַווקאַז, דער אוני־ווערזיטעט, אַלט־רוסישע סביבה. ניקאָלאַי דעם ערשטענ׳ס צייטען, שטרענג, קאַלט גרויזאַם. מיליטער, יונג בלוט צעשפּילט זיך, לייַדענשאַפטען. אַ שטורמיש לעבען, אַ העסליך לעבען. פּריצ׳יש, ווילד, אָפּגעטיילט ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט פון דעם פאָלק. ער — דער גראַף, דער אַריסטאָקראַט. ער — אויפ׳ן שפּיץ באַרג. זיי — די מיליאָנען, אונטען, אין טאָל. צעטראָטענע, דערקוועטשטע, ניט מעהר ווי אַ לייטער פאַר איהם, שטויב אונטער זיינע פיס. לעבעדיגע שטיינער.

דער קינסטלער וואַכט־אויף אין איהם, ער שרייבט. ער איז פאַר זיך נאָך אַלץ דער צענטער. און ער שרייבט זיין אויטאָביאָגראַפיע. מיט אַמאָל — באַריהמט. ער ווערט אַ גרויסער שריי־בער, דערצעהלער, קינסטלער.

די יוגענט פאַרגעהט. ער פאַרליבט זיך, האָט חתונה, איז גליקליך.

שרייבט ווייטער. שוין ניט מעהר פון זיך, אָבער נאָך אַלץ פון זיינע — זיין קרייז, זיין סביבה. „מלחמה און שלום״ — דער גראַנ־דיאָזער וועלט־ראָמאַן, דער עפּאָס פון מלחמה — וואַקסט־אויס אונ־טער זיינע הענט.

ער דערמאָנט זיך אַן די ווערטער, וואָס ער האָט דעמאָלט פאַר־שריבען אין זיין טאָגבוך — אין 1862: „דאָס לעבען פון די באַ־אַמטע, פון די סוחרים, פון די סעמינאַריסטען און די פּויערים איז פאַר מיר ניט אינטערעסאַנט און כמעט ניט פאַרשטענדליך. מיר איז אינטערעסאַנט, פאַרשטענדליך און ליב בלויז דאָס לעבען פון דער אַריסטאָקראַטיע״.

און אַ געפיהל פון מורא, פון טויט־שרעק קומט איבער דעם זקן. „איך האָב אַזוי געשריבען — שוין ניט קיין קינד געווען, אַ מענש אין די יאָהרען, זיך ניט געשעמט פאַר דעם פּאַפּיר, ניט פאַר זיך: ליב איז מיר די אַריסטאָקראַטיע. אפשר איז דאָס דער טיפסטער אמת? אפשר איז סאָניאַ, מיין ווייב, וואָס איך האָב נאַר־וואָס איבערגעלאָזט, גערעכט. אפשר בין איך טאַקע אַן אַריסטאָק־ראַט, אַ גראַף, אַ פּריץ וואָס האָט קינסטלערישע קאַפּריזען, אַ קינסט־לער וואָס פאַזירט? וואו איז דער אמת?״

און נאָך אַמאָל האָט דער עגבער אָנגעהויבען איינצוגראָבען זיך

אין דעם מוח, די יאַגד־הינט האָבען זיך צעלאָזט אויפ׳ס ניי — און דער אַלטער האָט אַ טיפען קרעכץ געטאָן. ער הערט ווי דער דאָק־טאָר זאָגט דער טאָכטער סאַשאַ: „איך האָב מורא, ער זאָל ניט ווע־רען קראַנק״.

ער הערט עס און עס ווערט איהם נאָך איינזאַמער, נאָך שרעק־ליכער. „קראַנק — טויט? טויט! וואָס איז דאָס? איך פיהל, איך פאַרשטעה, איך מוז שטאַרבען. צוויי־און־אַכציג־ יאָהר, גענוג געלעבט. אַלע כחות אויסגעשעפּט. אַלצדינג דערגרייכט, וואָס אַ מענש קאָן דערגרייכען. וועלט־רוהם, פון אַלע פיער ווינקלען פון דער ערד ציהען זיך מחנות פון פרעגענדע, פון זוכענדע, אַלץ צו מיר. מיט יעדער פּאָסט הונדערטער בריף. פון יונגע מיידלעך, וואָס ווילען וויסען דעם סוד פון דעם לעבען, פון סטודענטען וואָס קעמפען פאַר פרייהייט, פון אַמעריקאַנער, וואָס פאַרשטעהען ניט קיין חכמות און ווילען אינקאָרפּאָרירען, אָפּגיסען אין אַ קאָנקרעטער פאָרם די שיטה פון טאָלסטאָי. מיין נאָמען איז פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. מיינע ווערק איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען. דער מייסטער, דער גרעסטער קינסטלער, דער מכשף פון דעם וואָרט. וואָס נאָך — אַ גאָט? גאָט! ווידעראַמאָל דאָס וואָרט! אַ גאַנץ לעבען איהם געברויכט, פערציג־פופציג יאָהר ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל — און וואָס איז דאָס: גאָט? און ער דערמאָנט זיך. ער האָט עס דאָך אַליין געשריבען, דאָרט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין זיין ערשטער צייט פון פאַמיליען־גליק, ווען ער האָט געדיכטעט דעם גראַנדיאָזען עפּאָס: „מלחמה און שלום״.

דאָרט האָט ער געשריבען: „לעבען איז אַלץ. לעבען איז גאָט, אַלץ באַוועגט זיך, בייט איבער דעם אָרט — און אָט די באַוועגונג איז גאָט. און אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן לעבען — איז דאָ גענוס, דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון גאָט. ליב האָבען דאָס לעבען — הייסט ליב האָבען גאָט. שווערער און באַגליקענדער פון אַלצדינג איז — ליב האָבען דאָס דאָזיגע לעבען אין ליידען, אין דעם ניט־פאַרשולדיגטען ליידען״. אַזוי האָט ער אַליין געשריבען אין זיין ראָמאַן *).

אָבער איז דאָס טאַקע גאָט? אומפאַרשולדיגטע ליידען. נו, און פאַרשולדיגטע? און ווען איינער איז שולדיג — וואָס דעמאָלט?

*) „מלחמה און שלום״ — פינפטער טייל, קאַפּיטעל 15.

און וואָס הייסט שולד? האָט ער דען אַליין ניט פאַרשריבען אין זיין טאָגבוך, דעם 3טען מערץ, 1863 — די ווערטער, אַ פּראָגראַם פאַר זיין קינסטלעריש שאַפען און פאַר זיין גאַנץ לעבען? „עס דאַרפען ניט זיין קיין שולדיגע״?

ניט אין דער קונסט — ניט אין דעם לעבען. עס דאַרפען ניט זיין — ווייל עס זיינען ניטאָ. די וועלט איז אַ קייט. אַלצדינג פאַר־קייטעלט, פאַרבונדען. וואָס איז — מוז זיין, איז. ניטאָ קיין צופאַל. דער שולדיגער און דער אומשולדיגער — דער זינדיגער און דער הייליגער — אַלע זיינען זיי, ווייל זיי מוזען זיין. זינדיגע, הייליגע? ווער איז זינדיג, ווער קאָן זיין הייליג?

ער דערמאָנט זיך אָן זיין ליבסטען מענשען: יעראָשקאָ, דעם קאָזאַק פון דער „סטאַנציע״, דעם „פעטער יעראָשקאָ״, וואָס האָט געלערענט לעבענס־חכמה מיט דעם רייכען און אַריסטאָקראַטישען יונקער אַלענין אויף קאַווקאַז. יעראָשקאָ — וואָס איז ער ניט גע־ווען? אַ גנב, אַ שיכור, אַ מערדער אויך, ווען עס האָט געמוזט זיין. געשאָסן הירשען און ווילדע חזירים — אָבער אויך טאָטערען און טשעטשענצען. און ער האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט פאַרטראַכט איבער דעם וואָס ער טוט. אַ חיה אויף צוויי פיס. פריי ווי אַ חיה, נאַטור־געבונדען ווי דער וואַלד, ווי דער הירש, ווי די פעטע ערד. מאָראַל? ער האָט אפילו ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. יעדע פרוי פאַר יעדען מאַן — אַלצדינג וואָס דו קאָנסט נעהמען — דיינס. לעבען. דאָס איז אַלץ. פריי — ניט געפּענטעט פון דער שטאָדט, פון דעם געזעץ, פון דער ציוויליזאַציע. און ער האָט ליב געהאָט יעראָשקאָ׳ן, פונקט ווי ער האָט ליב געהאָט דעם ווילדען טאָטער חאַדזשי מוראַט, דעם טאָטערשען רוצח, וואָס פלעגט שיסען, האַקען, קאָטעווען מענשען און איז גרייט געווען פאַרקויפען זיין פאָלק, זיין לאַנד, די פרייהייט פון קאַווקאַז. האָט זיך איבערגעגעבען דעם רו־סישען צאַר, ווייל ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן זיין שונא שאַ־מיל, דעם פאַרטיידיגער פון דער קאַווקאַזישער פרייהייט. און ווייַ־טער איז געגאַנגען זיין זכרון, טיפער: אַ גאַנצען לעבען געפּרעדיגט מיט דעם מויל הייליגקייט — אָבער אין האַרצען תמיד ליב גע־האַט זינדיגע.

אַ גאַנץ לעבען געפּרעדיגט — שלום מאַכען מיט דעם טויט — און אַליין מורא געהאַט פאַר איהם, ווי זעלטען עמיצער אַרום איהם.

טויט! ווי ער האָט איהם באַשריבען! דער טויט פון קניאַז

אַנדרעי אין „מלחמה און שלום", דער טויט פון „איוואַן איליטש", דער טויט פון דעם „בעל־הבית" אין דער מייסטערהאַפטער ערצעה־לונג „דער בעל־הבית און דער אַרבייטער", וואו צוויי מענשען ווע־רען פאַרפרוירען אין פעלד. ליגט דער גראַבער, בויכיגער, געלט־פאַר׳שיכור׳טער בעל־הבית פאַרגראַבען אין שניי. ער פיהלט: ער שטאַרבט. און עס ווערט איהם גוט. ער האַט ניט קיין מורא. ער דערהערט אַ קול: „קום" — און ער ענטפערט: „איך געה, איך געה" און געהט מיט שמחה צוריק אין דער אומענדליכקייט פון וואַ־נען ער איז געקומען.

ליב געהאַט דעם טויט — דעם לעצטען אמת — און דאָך: גאַט איז לעבען! הייסט עס, אַז טויט איז ניט גאַט! וואו איז גאַט? און וואָס איז דער זין פון דעם לעבען, ווען מען דאַרף שטאַרבען?

דער אַלטער ווערט אויף אַ מינוט ווידער יונג, גאַר יונג, נאָך אַ גימנאַזיסט. ער געדענקט — שוין דעמאָלט געקומען איבער איהם דער געדאַנק פון טויט. און ער האַט זיך דערשראָקען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם לעבען. האַט זיך דער יונגער ליאָוואושקאַ אוועקגעלייגט אויף אַ ווייכען דיוואַן, געגעסען צוקער־קעס און געלייענט ראָמאַנען.

„האָב איך ניט געטאָן מיין גאַנץ לעבען אַזוי? מורא געהאַט פאַר דעם טויט — דערשראָקען זיך פאַר די רעטעניש פון דעם לעבען — האָב איך זיך אַוועקגעלעגט אויף דעם ווייכען גראַפענ־טום, אין מיין שעהנער יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, — און געשריבען ראָ־מאַנען!

„אַרום מיר — אַ ים פון ליידען, און איך האָב זיי געלייקענט. אַרבייטער פאַרהאָרוועטע, מענשען אין שטעדט פאַרקאָוועטע, קוים קוים וואָס זיי אָטעמען — אַזוי געבוירען, ניט זייער שולד, זייער גורל, און איך האָב זיי געזאָגט: זייט גוט! קעמפט ניט, גלויבט! און זיי האָבען געפרעגט: ווי אַזוי גוט זיין, ווען דאָס לעבען איז אַזוי שווער? ווי אַזוי ניט קעמפען, אַז עס איז ניט איבערצוטראָ־גען? דער צאַר, דער פאָפּ, דער גביר, דער בעל־הבית, יעדער מענש דריקט דעם צווייטען — ווי חיה צו חיה — געזעץ פון נאַ־טור — און דו זאָגסט: גוט, און דו ענטפערסט: גאָט! און זינדיגט אַ מענש, שרייסטו, ווי אין „אַנאַ קאַרענינאַ": „מיין איז די נקמה און איך וועל זי פאַרגעלטען". „מיין" — הייסט גאָט׳ס! גוט — אָבער וואָס האָט דען אַנאַ אַזוינס געטאָן? מען האָט זי פאַרבונדען

מיט אַ מענשען, וואָס זי האָט ניט ליב געהאַט — מיט דעם טרוקע־נעם, אומגעבילדעטען קאַרענין — האָט זי זיך פאַרליבט אין דעם איהר נאָהנטען וורענסקי. געוועז „אומגעטריי" איהר מאַן, און דער־פאַר — מוז זי שטאַרבען? מוז זי באַצאָהלען מיט איהר לעבען פאַר איהר „שולד"? פאַרוואָס? עס זיינען דאָך ניטאָ קיין שולדיגע!"

די געדאַנקען האָבען געפּיקט אין מוח. אָבער דער קינסטלער איז מיד געוואָרען פון דענקען אין אַבסטראַקציעס. די געדאַנקען האָבען אָנגענומען פלייש און הויט, און פלאַסטיש, לעבעדיג זיך אויפגעשטעלט פאַר זיינע אויגען.

אַלע געשטאַלטען וואָס ער האָט געשאַפען זיינען פאַרבייגעגאַנ־גען פאַר איהם — די לאַנגע גאַלעריע פון בילדער, וואָס ער האָט אַרויסגערופען. איינער נאָך דעם צווייטען — און יעדער מיט זיין פראַגע, זיין אמת און זיין איינציג־אַרטיגקייט. קוטוזאָוו און נאַפּאָ־לעאָן, דער העלד פון פשטות און דער העלד פון היסטאָרישער פּאָזע. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע פאַר איהם: „דו לייקענסט מיך? איך בין פאַר דיר געוועז — אַ נישטיגער, קליי־נינקער מענש, וואָס האָט בלויז געטראַכט וועגען זיך, פון זיך, אַ מענש וואָס האָט, ווי דו האָסט וועגען מיר געשריבען, קיינמאָל ניט, ניט ביז צום לעצטען מאָמענט פון זיין לעבען, געקאָנט פאַרשטעהן וואָס איז גוט, שעהן, אמת, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון זיינע אייגענע מעשים — און האָט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון אַלצ־דינג וואָס איז מענשליך" — ביזטו אויך געוועזן גערעכט? אויב עס איז דאָ אַ זין און אַן אמת אין לעבען — בין איך ניט געוועזן זיין שליח? האָב איך גאָר ניט געהאַט קיין פונקציע אויף דער וועלט? און אפילו אויב איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטעהן דעם זין פון דעם וואָס איז דורך מיר געטאָן געוואָרען — מינערט עס מיין ווערט? ווער קאָן פאַרשטעהן דעם זין און דעם אמת? אויב אַלצדינג איז וייט־יענדיג, פאַראויס־באַשטימט — בין איך אויך געוועזן נויטיג. איך האָב דערפיהלט מיין שליחות, פאַרוואָס פאַר'משפּט'סטו מיך?"

פאַרבייגעגאַנגען אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָלאַי דער ערשטער, ניקאָלאַי פּאַלקין, דער שטעקענדיגער — ווי מען האָט איהם גערופען. און זיי האָבען געפרעגט: „דו האָסט געמיינט, אַז מיר זיינען געוועזן אומגליקליכע! מיך, אַלעקסאַנדער, האָסטו אַפילו געצוואונגען צו ווערען אַ מאָנאַך, אַ וואַנדערער פיאָדאָר קוזמיטש — דו האָסט זיך פאַרגלויבט אין דער לעגענדע וואָס איז באַשאַפען

געוואָרען, אַז איך בין גאָר ניט געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט אין טאַגאַנראָג, נאָר געלאָזט באַגראָבען אויף מיין אָרט אַ סאָל־דאַט, ווען איך האָב געלאָזט קאַטעווען און טרייבען קאַסטראַי — ביז צום טויט — איך אַליין אָבער בין אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין, אַוועקגעוואָרפען אַלצדינג און געוואָרען גליקליך אין מיין פריהייט און אָרימקייט.

„און מיך, ניקאָלאַי, האָסטו אויסגעמאָלט ווי איינעם, וואָס ליידט פון דעם שרעקען וואָס ער פאַרשפּרייט, אַ פאַרטעמפּטע קייזערליכע חיה אין אַ מונדיר. אַזוי מיינסטו, ווייל דו זעהסט דאָס גאַנצע לעבען מיט איין אויג — דו קינסטלער. ווייסטו דען ניט, אַז מאַכט איז אויך אַ זעלבסט־ווערט — אונטער מענשען? האָסטו זיך גאָר קיינמאָל ניט פאַרטראַכט וועגען דעם, אַז מען קאָן זיין אַ רשע — און דאָך אָפּלעבען רוהיג און זיכער און צופרידען און גליקליך ביז צום סוף פון די יאָהרען? פאַרוואָס מיינסטו, אַז אַ מענש מוז דוקא זיין גוט?" — און טאָלסטאָי האָט געשוויגען.

פאַרבייגעגאַנגען — ניקאָלאַי ראָסטאָוו און פּיער בעזוכאָוו, ליאָווין און אַנאַ קאַרענינאַ, וראָנסקי און דער קניאַז נעכליודאָוו, קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ — פון „וואָסקרעסעניע" — און פעדיאַ פּראָטאַסאָוו פון דעם „לעבעדיגען מת" — האַדזשי מוראַט און „פאַטער סערגעי" — אָט דער פירשט סטיעפּאַן קאַסאַטסקי, דער אַריסטאָקראַט און אָפיציר וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען די וועלט און איז געוואָרען אַ מאָנאַך — און אויך דאָרט ניט געקאָנט זיך באַרוהיגען, ווייל די וועלט מיט איהרע תאוות איז איהם נאָכגעלאָפען — ביז ער איז געוואָרען אַן אָרימער וואַנדערער מיט אַ קלומיקעל אויף דער פּלייצע, אָהן אַ נאָמען — צונויפגעגאָסען זיך מיט דעם מענשען־ים און זיך באַרוהיגט.

אַלע די אומצייליגע געשטאַלטען פון טאָלסטאָי'ס שעפערישער פאַנטאַזיע זיינען דורכגעגאַנגען פאַר איהם. און אַלע האָבען זיי געפרעגט: „וואָס האָסטו פון אונז געוואָלט? וואָס האָסטו אין אונז געזוכט?" דער „קיילעכדיגער" סאָלדאַט פּלאַטאָשאַ קאַראַטאַיעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע — אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו איהם און מיט זיין כיטרען פויערשען שמייכעל אַ פרעג געטאָן אויף זיך: „טאַיאָ — הייסט עס, איך בין עס, וועמען דו האָסט געזוכט? איך, דער זינדיגער, דער שמוציגער, דער אומווויסענדער? איך — די ערד? עך — פריץ, פריץ! ווי ווייניג דו האָסט גע־

וואוסט פון מיר! ווי ווייניג דו האָסט פאַרשטאַנען! אַ שטן האָט געלעבט אין מיר, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע מענשען, ער איז בלויז געווען אַ דערשלאָגענער, אַ שוואַכינקער. און גוט בין איך אויך געווען, ווייל צו שוואַך צו זיין שלעכט. און איך — פּלאַטאָשאַ — דיין שפּיגעל?"

דער קיילעכדיגער סאָלדאַט האָט אַ לאַך געטאָן מיט זיין מויל אָהן צייהן — און ווייטער געגאַנגען. און טאָלסטאָי האָט געשוויגען.

און נאָך די געשטאַלטען פון זיין פאַנטאַזיע — געשטאַלטען פון זיינע פריינד. טורגעניעוו איז אויפגעשטאַנען פאַר איהם. „קינסט־לער — וואו איז דיין אמת געווען?" — האָט איהם איוואַן סערגעע־יעוויטש געפרעגט. „מייסטער, צו וואָס האָסטו צעבראָכען דיינע סטאַטועז? זעה, ווי רייך און שעהן איז די וועלט! שטראַלענדיג, אַ פאַרביגער רעגענבויגען! אַ שפּיל. וואָס דאַרפסטו אַ זין? זיינען מיר, קינסטלער, ניט באַרופען אָפּצומאָלען דעם רעגענבויגען — צי דאָס איז פאַר דעם מבול צי נאָך דעם מבול, אַ רעגענבויגען וואָס זאָגט אָן שרעק אָדער וואָס איז אַ בונד צווישען מענשען און גאָט? פאַר אונז איז דאָס אַ רעגענבויגען, ניט מעהר. קינסטלער — דו האָסט געוואָלט ווערען אַ נביא — און האָסט געשטראָפט דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין זינד און קיין הייליגקייט — דאָרט וואו עס איז דאָ בלויז נאַטור — ווי ליבע, ווי תאוה, ווי דער סודות'דיגער קוואַל פון דעם זיך באַנייענדען לעבען."

און דאָסטאָיעווסקי איז אויפגעשטאַנען פאַר איהם:

„נביא, לערער, פיהרער — דאָס האָסטו געוואָלט זיין! צו גאָט האָסטו געשטרעבט! וואָס האָסטו געוואָלט פון גאָט? האָסטו געציטערט ווי אַ בלאַט אין אַ שטורעם? איז די פּיין פון מענשען צו דיר דערגאַנגען? האָסטו געפיהלט אויף דיין רוקען די שמיץ פון דער בייטש, ווי איך, געווען אין קאַטאָרגע ווי איך — מיט די לעצטע, מיט די פאַרשטויסענע געלעבט, ווי איך? האָסטו אַמאָל אַריינגעלעבט זיך אין דער וועלט פון ניט־זיין, פון קראַנק־זיין, פון עלענד, נאַסע קעלערס, הונגער, פאַרברעכען און בענקשאַפט, ווי איך? וואָס ווייסטו פון הייליגקייט — גראַף, רייי־כער, פריץ, קינסטלער? דיין גאָט איז — ליבע, אָבער גאָט איז אויך ביטערקייט, גאָט איז ברענענדער פייער, גאָט איז שטורעם".

און דער לעצטער איז צו איהם געקומען, דער, אין וועמעס נאָ־מען ער האָט זיך אָנגעקלאָמערט, ווי אַ זיך טרינקענדער אָן אַ

ברעט: „מיך האָסטו געריפען דיין גאַנץ לעבען! האָסטו מיך פאַר־שטאַנען? און ווער האָט מיך פאַרשטאַנען? דו האָסט געזאָגט אַמאָל — אין איינעם פון דיינע בריף — „גלויבען איז ווי געאָמעט־ריע", אַזוי פּשוט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך. און ווייסטו דען ניט, אַז מיין תלמיד שאול פון תרשיש איז געווען נעהנטער צו מיין אמת, ווען ער האָט געלערנט, אַז מען דאַרף אָוועקשטעלען די גאַנצע וועלט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, כדי מיך צו פאַרשטעהן, ווייל קיינער, קיי־נער קאָן ניט משיג זיין דעם רעטעניש פון ליידען, פאַר ווען עס זאָל ניט זיין, דעם רעטעניש פון דער וועלט. און האָב איך אַליין ניט געפרעגט אין מיין אַגאָניע: אבי, למה שבקתני, פאָטער, פאַר־וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזען?"

און ווידער האָט טאָלסטאָי געשוויגען.

באַלד זיינען זיי אָוועק די געשטאַלטען — און פון דער טיפע־ניש זיינען אַרויס צוויי מערקווירדיגע פיגורען, — פון דעם אַלטען, גרייז־גרויען מזרח. און טאָלסטאָי האָט זיך דערמאָנט אַן אַ וואונדערליכער מעשה'לע, וואָס ער האָט אָנגעשריבען: „אסרחדון און לאַאילע".

אסרחדון, דער מלך פון אַשור, האָט באַזיגט און פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט זיין שונא — דעם מלך פון אַן אַנדער לאַנד — לאַאילע. ער האָט זיך נוקם געווען אַן דעם לאַנד. טויזענטער מענשען האָט ער גע'הרג'עט, צעהנדליגער טויזענטער אָפּגעהאַקט הענט און פיס, אַרויפגעזעצט אויף פלעקער לעבעדיגערהייט, די פרויען פאַרקויפט פאַר שקלאַפינס און קעבסווייבער, — לאַאילע'ן אַליין האָט ער אַריינגעזעצט אין אַן אייזערנער שטייג און געטראַכט, וואָס פאַר אַן אַכזריות'דיגען טויט זאָל ער פאַר איהם אויסקלייבען. און ווי אסרחדון איז געלעגען אויף זיין בעט, ניט געקאָנט אַנטשלאָ־פען ווערען, טראַכטענדיג וועגען נייע גרויזאַמקייטען — איז צו איהם געקומען אַן אַלטער מאַן און האָט איהם געזאָגט: „ווילסט, וועל איך דיר ווייזען נייע וועגען פון אכזריות". ער האָט אַריינגע־זעצט דעם מלך אין אַ ביטעל מיט וואַסער — און האָט איהם גע־גאָסען וואַסער אויפ'ן קאָפּ. און אסרחדון האָט פלוצלינג דערזעהן: זיך, זיך אין די געקאָטעוועטע, זיך אין די צעהאַקטע, געפייניקטע, זיך אין דעם געקייטעטען לאַאילע. און ער האָט געפיהלט אויף זיך די גאַנצע פיין און נויט און אכזריות פון דער וועלט. ער איז געוואָרען — איינס — מיט דער גאַנצער וועלט.

און טאָלסטאָי האָט אַ זיפץ געטאָן. ער האָט פּלוצלינג פאַר־שטאַנען זיך, זיין לעבען, דעם גרויסען סוד פון זיין גאַנצען קאַמף: ער — אסרחדון און ער לאַאילע. ער — דער ראָד און ער דער ראָד־געבונדענער, ער דער חלף און ער דער האָלז. די חיה אין דעם וואַלד — און דער יעגער וואָס דערשיסט זי, דער שטיין אויף דער גאַס און דער פוס וואָס צעטרעט איהם. און ווידער האָט טאָל־סטאָי געבעטען — די תפילה פון זיינע לעצטע יאָהרען: „איך וויל ניט זיין „איך" — איך וויל זיין אויסער צייט, פריי פון יעדער באַ־גרעניצונג, די גרעניץ פון „איך" — איך וויל זיין — דו".

דו — דו — וואָרט — באַלד — באַלד!

אַ שמייכעל האָט זיך צעשפּרייט איבער טאָלסטאָי'ס אַלטען, אויסגעקנייטשטען פּנים. ער האָט אויפגעעפענט די אויגען: „סאָ־שאַ, וואו זיינען מיר — זיינען מיר שוין דאָרט?" „באַלד, פאָטער, באַלד! מיר וועלען באַלד דאָרט זיין."

און אַ פּאָר טעג שפּעטער — איז ער אַהין געקומען, דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין צייט און קיין „איך", דאָרט וואו אַלצדינג איז „דו".

און אַרום דעם טויטען קערפּער פון דעם גרויסען זוכער זיינען געשטאַנען די יורשים מיט אומצופרידענע מינעס, סאָפיאַ אַנדרע־יעוונאַ מיט כעס, די תלמידים מיט טריאומפירענדע פּנימ'ער — די צייטונג־שרייבער מיט בליי־פעדערען.

איהם אָבער איז געווען גוט, און רוהיג. אַ שטויבעלע אין דעם וועלטען־שטויב.

סעפּטעמבער 9, 1928

דער פּראָבלעם טאָלסטאָי

(צו זיין 25טען יאָהרצייט)

מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק אין אַ דערפעל, אין אַ פויערים־שטיבעל, האָט דער אַלטער ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָל־סטאָי, דער זקן פון דער וועלט־ליטעראַטור, דער „שרייבער פון דער רוסישער ערד" אויסגעקעמפּט זיין לעצטן קאַמף, זיין קאַמף מיט זיך אַליין, זיין קאַמף אַנטקעגען זיך אַליין.

די וועלט האָט זיך דעמאָלט געוויגט. עס איז געווען אַ דראַמאַ־טישער סוף — גרויס און אַלט, געזעטיגט אין יאָהרען און כבוד, באַשאָנקען מיט אַלע אוצרות, וואָס דאָס לעבען קאָן געבען אַ מענ־שען, אַנטלויפט דער אַלטער ריז פון זיין היים און ראַטעוועט זיך, לויפט און ווייסט אַליין ניט וואוהין און ווייסט אַליין ניט צו וואָס; לויפט אַנטקעגען דעם טויט און טרעפט זיך מיט איהם אויפ׳ן וועג. און מ׳האָט גערעדט, מ׳האָט פאַנטאַזירט וועגען דער טראַגעדיע פון טאָלסטאָי.

אַ געמיטליכע צייט דאַמאָלס געווען. דאָס לעבען מעהר אָדער ווייניגער איינגעאָרדענט, און אפילו אין זיינע ערגסטע פאָרמען און אפילו אין זיין ווילדסטער טיפקייט נאָך אַלץ בלויז דער „לימבאָ", דער פאָליש צו דעם גיהנום, נאָך ניט דער גיהנום אַליין. „לימבאָ" איז דאָס אָרט פאַר נשמות, וואָס האָבען זיך ניט אויסגעלעבט, גע־שטרעבט און ניט דערגרייכט, צו שוואַך געשטרעבט, צו לעבליך געוואָלט. פאַר קינדער, וואָס האָבען נאָך ניט אַריינגעקוקט אינ׳ם תהום פונ׳ם לעבען, נאָך ניט אויסגעפּרואווט זיין גאַנצע ביטערקייט און נאָך ניט אויסגעפילט דעם תהום מיט זייערע ליידען, מיט זייער צער און מיט דעם צער פון אַנדערע אויף זייער געוויסן. און דער־פאַר איז אויך טאָלסטאָי׳ס שיקזאַל אויפגענומען געוואָרען ווי אַ טראַגעדיע. אָבער מיר פון היינט האָבען זיך שוין אַ רוק געטאָן אַ טריט ווייטער פון דעם „לימבאָ" צו דעם אמת׳ן גיהנום, צו דער פיין פון די, וואָס האָבען צעשטערט, צעבראָכען אַלע ווערטען, אי־בערגעשמאָלצען דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס דורות האָבען אונז געלאָזט בירושה, און די משא, די געשמאָלצענע, רינט נאָך אַלץ און וואַרט נאָך אויף איהר פורעם. צווישען אונז און טאָלסטאָי שטעהט מלחמה

און רעוואָלוציע און חורבן. טויזנטער מאָטיוועז, וואָס טאָלסטאָי האָט גאָרניט פּאַראויסגעזעהן און אין זיך ניט קולט געווען. און טאָלסטאָי הערט אויף צו זיין פאַר אונז טראַגיש, ער ווערט פאַר אונז בלויז פּראָבלעמאַטיש.

עס איז אפשר בכלל צייט צו רעווידירען דעם גאַנצען פּראָבלעם פון טאָלסטאָי, אפילו דעם קינסטלערישען. מ׳האָט אונז אַזוי איינגעוויגט אין דער אידייע, אַז זיין קונסט איז די פולקאָמענקייט, אַז ער איז דער קינסטלער, דער געשטאַלטער, אַז ס׳איז שווער אָפּט אָפּצוטיילען אָט די איינגעזאַפּטע, פאַרוואָרצעלטע, פון קינדוויז־אָן אויפגענומענע מיינונג פון דעם אמת־קריטישען צוגאַנג, פון דער טיפערער אָפּטייטשונג. טאָלסטאָי האָט אַליין געזאָגט וועגען קונסטווערק, אַז דאָס זיינען פאַרטיגע בנינים, וואו מ׳האָט שוין אַוועקגענומען די רעשטאָוואַניע. „נאָר דער קען זעהן אַ קונסטווערק, ווער ס׳שטעהט העכער איבער איהם״, זאָגט טאָלסטאָי. „אָבער דער קריטיקער קוקט פון אונטען־אַרויף, פון דער זייט, פון אַלע זייטען, זוכט צו געפינען אַ געזיכטס־פּונקט, צו געפינען אַ צוגאַנג.״

ס׳איז מעגליך. אָבער טאָקע דערפאַר, ווייל קריטיק הייסט יעדעס מאָל זעהן דעם בנין פון אַן אַנדער ווינקעל, אָדער אַנדערש אויסגעדריקט און אפשר נאָך גענויער, באַטראַכטען דעם קרישטאָל אין אַלע זיינע פאָרמען, אין זיין גאַנצקייט, פון אַן אַנדער זייט, ווי דאָס ליכט ברעכט זיך אין איהם, יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אופן, טאָקע דערפאַר מוז מען פון צייט צו צייט ענדערען דעם צוגאַנגספּונקט, ווייל ליכט איז ניט סטאַטיש, יעדעס מאָל אַן אַנדער ווינקעל און די ברעכונג איז אַן אַנדערע. מיט אַ דור צוריק איז טאָלסטאָי׳ס קונסט געווען די העכסטע אַנטוויקלונג, דאָס הייסט, די לעצטע מעגליכקייט פון זיין, ווייל מיר אַלע האָבען דעמאָלט געזעהן די וועלט אין דער פלאַך, אין פּאַסאַד. דער טיף־בליק, דער טיף־קוק איז דאַך געווען אין זיין ערשטער סטאַדיע, אין לעבען ווי אין קונסט. אָבער פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָט זיך דאָס אויג פאַרטיפט. מיר זעהען היינט אַנדערש, יעדענפאַלס, מיר ווייסען, מיר פיהלען, אַז דאָס, וואָס איז געזעהן פון דער פלאַך, פון פּאַסאַד איז ניט דאָס לעצטע, אַז ס׳איז בלויז אַ געשטאַלטונג און ניט די גאַנצע געשטאַלט. און ווען מען לייענט היינט אויפ׳ס ניי טאָלסטאָי׳ס מייסטערווערק, זיין „מלחמה און שלום״, „אַנאַ קאַרענינאַ״ און אַנדערע, ווען מיר זעהען פאַר אונז היינט געשטאַלטען

פון פיער בעזאוכאָוו, לעווין, קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ, נעכליודאָוו, — די גאַנצע גאַלעריע פון פיגורען, וואָס טאָלסטאָי האָט פאַר אונז אויסגעמאָלט — פיהלען מיר, אַז מיר זעהען זיי בלויז אין צוויי די־מענסיעס. עס פעהלט אונז די דריטע. דאָסטאָיעווסקי האָט בלויז איין דימענסיע, די טיף, און דערפאַר איז דאָסטאָיעווסקי אַזוי מאַ־דערן, דאָס הייסט, דערפאַר פיהלען מיר איהם מיט אַזאַ גוואַלדיגען פאַטאָס. געוויס, קיינער קאָן זיך ניט אויסמאָלען קיין פיגור פון דאָסטאָיעווסקי. קיין שום מאָלער וואָלט ניט געקאָנט מאָלען אַ בילד פון אַ קאַראַמאַזאָוו, פון ראַסקאָלניקאָוו. זיינע פיגורען האָבען ניט קיין גוף, ניט קיין פּלאַסטיק. עס איז אַ צעשוואומענע געשטאַלט, אין נעפּעל, אָבער הינטער דעם נעפּעל פיהלען מיר לעבען, וואָס איז שטאַרקער און מעכטיגער, ווי דאָס אויסגעפורעמטע, ווייל אין אונז, ווייל מיר אַליין.

טאָלסטאָי אָבער איז אַזוי קלאָר. יעדע געשטאַלט איז אויסגע־טאַקט, שטעהט מיטביידע פיס אויף דער ערד. אַלצדינג אויסגע־רעכענט, ווי מאַטעמאַטיש, מיט אַ צירקעל און מיט אַ ליניע. יעדעס וואָרט צוגעמאָסטען און אָפּגעמאָסטען, כמעט קיינמאָל ניט אויסגעטראַכט. אָבער ווען די ערד וואַקעלט זיך, ווען שטורעם, ווען די ליניעס ווערען צעשוואומען, ווען אַלצדינג — איבערגאַנג, דאַמאָלט פאַרלירט די געשטאַלטיגקייט פון טאָלסטאָי איהר אייביג־קייטס־ווערט. זי איז צו צייטליך באַשטימט, צו פעסט, און אַלצדינג וואָס איז פעסט, און אַלצדינג וואָס איז אויסגעגאָסען אין באַשטימטע פאָרמען, ווערט פריהער אָדער שפּעטער צעבראָכען. נאָר דאָס לעבען בלייבט, וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיגט, און ביי טאָלסטאָי׳ען איז אַלצדינג צו פאַרענדיגט.

טאָלסטאָי דער פּסיכאָלאָג. געוויס איינער פון די גרעסטע, איינער פון די זיכערסטע. ער פיהרט אונז אַריין אין איבערלעבו־גען מיט אַזאַ געניטער האַנט און פאַרפיהרט אונז קיינמאָל ניט — ניט אין קיין טעות׳ן, ניט אין קיין פּלאָנטערס, אָבער אויך ניט אין דעם תוך, אָט אין יענער פאַרבאָרגענקייט און צעטומעלטקייט, וואו ס׳איז נאָך ניטאָ קיין אָרדענונג, קיין אידייע, קיין געדאַנק, וואו אַלצדינג איז נאָך בלויז נאַקעטער ווילען און שווערער קעמפּענדער אינסטינקט. טאָלסטאָי׳ס פּסיכאָלאָגיע איז מאָראַליש, ניט פּסיכיש, און דאָס לעבען איז פאַר איהם אַ מאָראַלישער פּראָבלעם. אין דעם

זיין קראַפט, אָבער אויך אין דעם זיין גרענעץ. און, אויב מען וויל, אויך זיין טראַגיק.

ווייל אין עצם איז טאָלסטאָי געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי ער האָט געוואָלט זיין ווי ער האָט זיך געוויזען אפילו פאַר זיך אַליין. אין עצם אַ ברוטאַלע נאַטור, פּרימיטיוו, מיט ליידענשאַפט אָהן אַ צוים, דורכאויס איסטינקט, און אפשר אָפּגרונט. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, ווי טאָלסטאָי הויבט אָן איינע פון זיינע בעסטע דערצעהלונגען, די קאָזאַקען־געשיכטע אין קאַווקאַז, „נאַביעג״ (די אַטאַקע). „איך האָב תמיד ליב געהאַט מלחמה, הויבט ער אָן אין דער דערצעהלונג, „און ניט ווייל,״ און אַז. וו., „נאָר ווייל עס האָט מיך אוימגעהויער פאַראינטערעסירט צו וויסען, ווי אַזוי, פאַר־וואָס אין מענש הרג׳עט אַן אַנדערן.״ טאָלסטאָי פאַרענטפערט זיך פאַר זיך אַליין. ער שפּיגעלט זיך אַליין פאַר מאָטיווען, וואָס זיינען געקומען צו איהם שפּעטער, רעפלעקטיוו. דער אמת, דער טיפ־סטער אמת איז, אַז טאָלסטאָי האָט געגאַרט נאָך קאַמף, נאָך דעם ברוטאַלען צוזאַמענשטויס פון קראַפט און קראַפט, אַז דער פּראָצעס פון טויט איז ביי איהם געווען אַ סך וויכטיגער ווי דער פּראָצעס פון לעבען. זעלטען האָט אַ קינסטלער אַזוי פיל גערעדט און גע־טראַכט וועגען טויט, ווי טאָלסטאָי. עס איז געווען זיין אלף און תיו. עס איז געווען זיין אויסגאַנגס־פּונקט און זיין ענד־פּונקט. ניט דער אַנהויב, ניט דאָס ווערן, ניט די מיסטיק פון שאַפען און באַשאַפען ווערען, נאָר דער „דאַנס מאַקאַבר,״ דער טויטען־טאַנץ, האָט געהאַלטען זיין אויפמערקזאַמקייט אין שפּאַן, וואָס פאַרכאַפּט זיין פאַנטאַזיע. צי דאָס איז דער סאָלדאַט, וואָס שטאַרבט אויפ׳ן פעלד פון שלאַכט, צי דאָס איז אַנאַ קאַרענינאַ, וואָס שטאַרבט אונ־טער די רעדער פון דעם וואַגאָן, צי דאָס איז איוואַן איליטש, וואָס שטאַרבט אין זיין אייגענעם בעט.

שטענדיג און אייביג דאָס בילד פון טויט, פון דעם גרויזאַמען סוף, פון דעם ניין. און נאָר דער טראַכט אַזוי פיל וועגען טויט, ווער ס׳האָט ניט ליב דאָס לעבען, אין וועמען עס איז פאַראַן אַ גוואַלדיגער אינסטינקט פון צעשטערונג. און טאָלסטאָי האָט דאָס געוואוסט. און זיין גאַנץ לעבען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך געהיט פאַר זיין אייגענעם אָפּגרונט. ערגעץ־וואו אין אַ בריוו פון טאָלסטאָי׳ען, געשריבען 1850, אין אַ בריוו, אויב איך האָב קיין טעות ניט, צו דעם רוסישען קריטיקער סטראַכאָוו,

איז דאָ אַ זעהר באַלייכטענדער זאַץ. „מען מוז אַרומגעהן אַלצדינג, וואָס דערצאָרנט, דאָס, וואָס רעגט אויף, דאָס, וואָס מאַכט דעם מענשען אויפּציטערען, פאַרגלעטען, פאַרקיילעכען און פאַרבייגעהן, אויב מען קאָן.״ און טאָלסטאָי איז תמיד פאַרבייגעגאַנגען אַלע שטורמען פון דעם לעבען, און דערפון זיין מאָראַל, די מאָראַל פונ׳ם מיטעל־וועג. „איך,״ זאָגט ערגעץ טאָלסטאָי, „האָב ליב פשוט אַלצ־דינג וואָס איז באַשטימט, קלאָר, שעהן און געמעסיגט.״ און וואָס איז קלאָר און געמעסיגט, און וואָס איז שעהן און באַשטימט, אויב ניט דאָס, וואָס רירט קיינעם ניט אָן, וואָס שטעהט אָפּגעזונדערט, וואָס וואַנדערט ניט און ליידט ניט — דאָס אָפּגעזונדערטע?

טאָלסטאָי האָט פיינט געהאַט ליידען, ניט פיינט געהאַט מיט דעם רחמנות, מיט דעם טיפען פּאַטאָס פון דעם, וואָס ליידט אַליין מיט, וואָס קאָן זיך דערהויבען אָדער זיך אַראָפּלאָזען ביז צו דעם טיפסטען מיטלייד, נאָר ווי דער מענש, וואָס אַנטלויפט פון ליי־דען און באַהאַלט זיך הינטער דער געמאָלטער וואַנט פון ווערטער, פון אידייען, פון פאַנטאַזיעס, דער וואַנט פון דער קונסט. אין איינער פון זיינע פאָלקס־מעשיות זאָגט טאָלסטאָי: „אויפ׳ן דאָרף שטאַרבט אַ אינגעלע. זיין מוטער וויינט. אויף דער גאַס ווערען לידער געזונגען. דער וואַלד וויינט ניט נאָכ׳ן בוים.״ דאָסטאָ־יעווסקי האָט אויך אויפגעהויבען דעם פּראָבלעם. פאַרוואָס שטאַרבט דאָס אינגעלע? געוויס, אַלצדינג, וואָס איז דאָ מוז שטאַרבען, אַלצדינג, וואָס איז פאַראַן, מוז ליידען, אָבער פאַרוואָס? און אויב יאָ, וואו איז דער זין און וואו איז די גערעכטיגקייט דערפון? טאָלסטאָי האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט גאָט. „גאָט׳ס ממשלה אין אונז״. און וואָס מיינט דאָס? ער האָט זיך געטרייסט, אַז עס קאָן אַנדערש ניט זיין, אַז לעבען קומט נאָך טויט, און טויט איז אַן עפּיזאָד אין לעבען, אין דעם אַל־וועלטליכען לעבען. פאַר דאָסטאָיעווסקי׳ן איז אַזאַ גרינגער ענטפער געווען ניט גענוג. ער האָט געזוכט ניט גאָט אין אונז, נאָר אונז אין גאָט. ער האָט ניט פאַרענטפערט גאָט און די וועלט און די אָרדענונג. ער האָט זיי באַשולדיגט. דער לעבעדיגער מענש האָט פּראָטעסטירט אַנטקעגען דעם אומגעהייערען ליידען, וואָס יעדע באַשעפעניש באַצאָלט פאַר זיין עקזיסטענץ, און האָט געפרעגט: „מוז עס אַזוי זיין? פאַרוואָס און פון וואַנען אָט דער כאַאָס אין דער וועלט?״ און דאָסטאָיעווסקי איז געווען דער טיפע־

רער, ווייל ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו דעם פּראָבלעם ווי טאָלסטאָי. עס איז ניט אומזיסט, וואָס פון אַלע דענקער, פון אַלע פילאָזאָפען, וואָס האָבען געהאַט אַן איינפלוס אויף טאָלסטאָי׳ען, איז שאָפּענהויער געווען דער נאָהענטסטער צו איהם. שאָפּענהויער, אויך דער פאַרגלעטער, דער מענש, וואָס האָט געמאַכט פון לייד אַן ענטפער און אויפגעשטעלט אַ סיסטעם פון דער וועלט פון מאָ־ראַל אויף דעם פּרינציפּ פון מיטלייד. אָבער דאָס מיטליידען איז געווען בלויז אין דער אידייע, אין וואָרט און ניט אינ׳ם טיפסטען תוך, און דאָס הייסט, אין דער טאָט. ס׳איז זעהר גרינג צו זיצען אין פראַנקפורט־אַן־דער־אָדער, געניסען דאָס לעבען, אָפּשוימען די גאַנצע פעטקייט פון דער עקזיסטענץ און טראַכטען וועגען ליידען און שרייבען אַזוי שעהן, אַזוי געטאָקט וועגען מיטלייד. און עס איז אויך גרינג צו זיין אַ גראַף און זיצען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ פאַרזאָרגט מיט אַל־דאָס גוטס, אַרומגערינגעלט מיט אַ פאַמיליע, מיט באַוואונדערער, מיט פאַרעהרער און ליידען פאַר דער וועלט, ליידען טעאָרעטיש און קוקען מיט ביטול אויף די, פאַר וועמען דאָס ליידען איז געווען אַ פּערזענליכע ערפאַהרונג און אַן אייביגער פּראָצעס, צי דאָס איז דאָסטאָיעווסקי, צי דאָס זיינען די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען אויסגעשטאַנען די גרעסטע ליידען פאַר זייער ליבע צו די מענשען, צי דאָס זיינען, למשל, אידען, ווע־מען טאָלסטאָי האָט אַזוי ניט ליב געהאַט, ניט ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען פאַר איהם דאָס לעבעדיגע בילד פון אמת׳ע ליידען, און ער האָט פון זיך געטריבען אַלצדינג, וואָס איז געווען צו נאָהנט צו דעם תהום.

ערגעץ־וואו האָט טורגעניעוו זיך אויסגעדריקט וועגען טאָל־סטאָי׳ען: „עס פעהלט איהם אמת׳ע פרייהייט, דערפאַר וואָס עס פעהלט איהם דאָס אמת׳ע וויסען”. אפשר האָט טורגעניעוו ניט געמיינט געננוי דאָס, וואָס איך טייטש אַריין אין זיינע ווערטער. אפשר האָט ער אונטער „וויסען” פאַרשטאַנען ברייטע בילדונג און געלערנטקייט, און דאָס האָט טאָלסטאָי ניט פאַרמאָגט. אָבער טורגעניעוו, צוויי־דימענסיאָנאַל ווי ער איז געווען און אומטיף, האָט אָבער איינס געפיהלט: טאָלסטאָי האָט ניט ליב, האָט אין זיך ניט דעם פונק פון ליידענשאַפט, די פּסיכישע פעהיגקייט זיך צו דערוויטערען פון זיך אַליין, אַראָפּלאָזען זיך אין דעם תהום פון לעבען, אוועקשענקען זיך צו אַנדערע. טורגעניעוו האָט עס אויף

זיין אופן פאַרמאָגט. ער האָט געקאָנט ליב האָבען, מקריב זיין זיין גאַנץ לעבען, זיין פערזענליך לעבען פאַר אַ געליבטער פרוי, זיך אָפט לעכערליך מאַכען, זיך פאַרגעסן, זיך אַוועקשענקען, און אויך די קליינע פון דער וועלט האָט טורגעניעוו אַנדערש געליבט און אַנדערש פאַרשטאַנען ווי טאָלסטאָי. טורגעניעוו האָט אויסגע־מאָלען די פויערים פון רוסלאַנד, כאָר און קאַליניטש און אַנדערע, פויערים פאַרשקלאַפטע, אין פאַנשטשינע, אָבער מיט דער גאַנצער רייכקייט פון אַ מענשליכער עקזיסטענץ, מיט אַלע מעגליכקייטען, מיט אַלע טענער פון דער נשמה־סימפאָניע. און זיינע דערציילונגען פון פויערים לעבען האָבען געמאַכט אַן עפּאָכע. זיי האָבען גע־האָלפען באַפרייען די פויערים, און דאָס אַלץ אָהן פּרעטענזיעס, ניט געוואָלט זיין קיין לערער, ניט געוואָלט באַפרייען די מענשהייט, בלויז טראַכטען־מיט, פיהלען־מיט זיין צייט, און דאָס איז גענוג פאַר אַ מענשען, ווייל אין יעדער צייט איז וועלט־געשיכטע, און אין יעדען מאָמענט איז אייביגקייט.

טאָלסטאָי אָבער האָט ניט געוואָלט מיטלעבען, נאָר זיך אַרויס־לעבען פון זיין צייט. היסטאָרישע ראָמאַנען — און דאָס הייסט אַנטלויפען פון דער צייט צוריק. מאָראַלישע דערציילונגען און דראַמען — און דאָס איז אַנטלויפען פון דער צייט, אַנטלויפען פון זיך אין די ווייטע מרחקים.

„מען דאַרף, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין שולדיגע", שרייבט טאָל־סטאָי. און אין דעם דאָזיגען „מען דאַרף" איז ניט געווען אַ זוכען נאָך באַרוהיגונג, נאָך אָפּריינינגונג פון דעם אייגענעם געוויסען. „מען דאַרף" מיינט: איך וויל ניט זיין קיין שולדיגער, קיין מיט־שולדיגער, און עס דאַרף ניט זיין קיין שולד אויף דער וועלט, ניט קיין שולד און ניט קיין שולדיגע. קיינעם קומט גאָרניט, קיינער טאָר ניט מאָנען, מען דאַרף ניט פאָדערען. און איז אומרעכט אויף דער וועלט, מילא, „גאָט זעהט דעם אמת און זאָגט איהם ניט אַזוי גיך". און ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרהאַקען זיך אין דער פראַגע: וואָס איז דער אמת און וואו איז דער אמת פון גאָט? ווייל דאָס וואָלט געווען פלאַנטער און צאָרן און נאָגענדער צער, און טאָלסטאָי איז פון דעם אַנטרונען, פונקט ווי ער איז אַנטרונען, פון זיך אַליין, ווען ער איז געווען יונג און ליידענשאַפטליך און דורכגעווייקט מיט אַלע תאוות פון לעבען, גאַנץ אינסטינקטיוו, און פונקט ווי ער איז אַנטלאָפען פון זיך אַליין ווען די לעצטע שעה

איז געקומען, ווען דער טויט האָט זיך געוויזן. אַ גאַנץ לעבען געטראַכט פון טויט, געזעהן דעם טויט, און ווען ער האָט איהם דערזעהן, האָט ער זיך דערשראָקען, איז ער אַנטלאָפען.

און אָט שטעהט פאַר אונז אויפ׳סניי אָט די גיגאַנטישע, די פון שטיין אויסגעהאַקטע פיגור פון דעם שטאַרקסטען אינסטינקט־מענש, וואָס דאָס ניינצענטע יאָרהונדערט האָט פאַרמאָגט, דעם מענשען וואָס איז געשטאַנען ביי דעם ברעג פון דעם אָפּגרונט און האָט מורא געהאַט אַריינצוקוקען און איז פאַרבייגעגאַנגען און איז אַרומגעגאַנגען אַרום איהם אין אַ קרייז. אָבער ס׳איז אַ כישוף־קרייז, און צי ווילען מיר יאָ, צי ווילען מיר ניט, דער אָפּגרונט לאָקט, דער אָפּגרונט רופט.

נאָוועמבער 24, 1935

דאָקטאָר טשעכאָוו

צו דעם 25סטען יאָהרצייט פון א. פּ. טשעכאָוו

„יעדער מענש איז אַ גאָט און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ משוגענעם". מיר דאַכט זיך, עס איז געווען דער אַלטער, נאַאיווער און וואוילער עמערסאָן, וואָס האָט געזאָגט די חכמה. איך בין איהם מקנא. מען דאַרף האָבען אַ מאָס און אַ גלויבען, אַ וואָרט־סקאַלאַ, כדי זיך צו דערטראַכטען אפילו צו אַזאַ געדאַנק. „גאָט?" אַך, גאָט, ווען מיר וואָלטען בלויז געוואוסט, וואָס גאָט איז? אָדער אפילו באַשיידענער — הגם עס איז דאָס אייגענע — וואָס גאָט וויל פון אונז?

„משוגענער" — און וואָס איז נאָרמאַל? עסען, טרינקען, געלט פאַרדינען, ניט וועלען וויסען מעהר קיין זאַך, און וועלען אַזוי ווייניג — איז דאָס נאָרמאַל?

פערד איז נאָרמאַל. ער מאַכט אויטאָמאַבילען און פאַרקויפט זיי. און האָט געלט. און איז איבערצייגט, אַז דאָס איז דער עיקר פון דעם לעבען, אַז אויף די פיר רעדער פון זיין טאַראַטאַיקע קאַטשעט זיך די גאַנצע וועלט. און ער לאַכט זיך אויס פון אַלע און פון אַלעמען, וואָס קאָן ניט איינגעשפאַנט ווערען אין דער סכעמע, אין דעם פעסטען פּלאַן: אַרבייטען, פאַרדינען, עסען, שלאָפען און — שטאַרבען. פאַר איהם איז אַלצדינג, וואָס געהט אַרויס פון דעם רעהמעל — ניט נאָרמאַל, זינלאָז, נאַריש, משוגעת. פאַר איהם איז פאַסקאַל אַ בטלן און אַ משוגענער, און קאַנט — אַ האַלבער אידיאָט, און ספּינאָזאַ — אַ פּאַראַזיט, און אַ ניט־צוגעפּאַסטער. און ווען ער וואָלט געהאַט די גייסטיגע קראַפט צו טראַכטען און דעם מוט צו זאָגען, וואָס ער טראַכט, וואָלט ער, ווי דער „גרויס־אינקוויזיטאָר" אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו" אַרויסגעטריבען דעם גרינדער פון זיין אייגענער קירך, ווען ער וואָלט זיך אויפסניי באַוויזען און געפאָדערט אַ „באַרג־דרשה"־לעבען.

פערד? וואָס פערד? מילא, ער איז אַ גייסטיגער טומטום. אָבער אומצייליגע פערדס, וואָס שרייבען ביכער, וואָס האַלטען פאַרלעזונגען אין די אוניווערזיטעטען, שאַפען טעאָריעס, מאַכען

עקספּערימענטען — אויך זיי קומען אויף אַזאַ וועג אָדער אויף אַן אַנדערן צו דער אייגענער מסקנא: דענקען איבער זאַכען, וואָס געהען אַריבער די גרעניצען פון דעם, וואָס איז נויטיג פאַר דעם פּראַקטישען, מאַטעריעלען, בירגערליכען לעבען — איז „משוגעת".

די פּסיכיאַטרען באַמיהען זיך עס צו באַווייזען. זיי האָבען אפילו אַ וואָרט און אַ פאָרמולע: אַלע פילאָזאָפען, מעטאַפיזיקער, רעליגיעזע מענשען, מיט איין וואָרט, אַלע רוחניות'דיגע מענשען זיינען „סכיזאָ־פרעניקער", ד. ה. מענשען מיט אַ צעשפּאָלטענעם באַוואוסטזיין. און דאָס איז, מיינען זיי, פּונקט אַזוי אומנאָרמאַל ווי אַ צעשפּאָלטענער שאַרבען.

דעם דאָקטאָר'ס קוק אויף דער וועלט. ביאָלאָגיש, קערפּער־ליך — אפשר ריכטיג; אָבער מענשליך, אָבער אין דעם קרייז פון אונזערע אינטימע איבערלעבונגען, ד. ה. אייגענטליך וואו מענשליכקייט הויבט זיך ערשט אָן — אָט דאָרט, אין דער אומ־באַשטימטער, כאַאָטישער וועלט, אָהן פעסטע גרעניצען — דאָרט איז דער גאַנצער צוגאַנג אַזוי ווערטלאָז, וויל ער פיהרט צו גאָרנישט, אין ערגיץ ניט.

אפילו ווען דער דאָקטאָר איז ניט בלויז אַ טעאָרעטיקער, וואָס שרייבט וויסענשאַפטליכע טראַקטאַטען און מאַכט עקספּערימענטען אין זיין לאַבאָראַטאָריע, נאָר ווען ער איז אַ בעלעטריסט, אַ דער־צעהלער, אַן אָפּשפּיגלער פון דעם מענשליכען לעבען און זיינע טיפענישען, ווי אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו.

עס איז אפשר איינזייטיג; עס קאָן זיין, עס איז ניט אינגאַנצען גערעכט, אָבער מיר דאַכט זיך אַז טשעכאָוו, דער גרויסער טשע־כאָוו, דער שרייבער, וואָס איז אַמאָל — ערשט ניט לאַנג — גע־ווען איינער פון די זיילען פון דער רוסישער ליטעראַטור און איז היינט — פינף־און־צוואַנציג יאָהר נאָך זיין טויט — געוואָרען אַזוי פּאָפּולער אין דער אייראָפּייאישער און נאָך מעהר אין דער אַמעריקאַנישער וועלט — אַז טשעכאָוו, זאָג איך, איז געווען מעהר דאָקטאָר פון מעדיצין, איידער קינסטלער.

ניט בלויז אין זיינע טעמעס, נאָר אויך אין זיין גאַנצער מעטאָדע. ווען מען לייענט טשעכאָוו'ס ווערק נאָכאַנאַנד, אָהן הפסקות, ווערט מען פאַרוואונדערט, ווי אָפט עס פיגורירען דאָרט צוויי טיפּען: דער דאָקטאָר און דער קראַנקער.

די בעסטע און די גרעסטע ערצעהלונגען פון טשעכאָוו'ן, „אַ

געוועהנליכע געשיכטע״, „קאַמער נומער זעקס״, „דער שוואַרצער מאָנאַך״, „דועל״, א. אַז. וו. איז די הויפּט־פיגור — אַ קראַנקער, לונגען־קראַנק אָדער פּסיכיש־קראַנק.

טשעכאָוו, אַליין אַ קראַנקער, אַליין ליידענדיג פון שווינדזוכט, אַ מסוכנ׳ער חולה, וואָס האָט קוים דערשלעפּט ביז פיר און פערציג יאָהר, האָט געהאַט דעם אינסטינקטיווען געפיהל פון יעדען קראַנקען, אַז קראַנקהייט איז אַ העכערע גייסטיגע מדרגה, אַ מין שטומע און פאַרבאָרגענע מרידה קעגען דער וועלט פון געזונטע — אַט דער גראָבער, רויט־באַקיגער, נאָרמאַל־פונקציאָנירענדער געמיינשאַפט פון געזונטע מענשען. און אין דער אייגענער צייט האָט ער געהאַט אַזאַ איבערטריבענע, ווייל פאַרצווייפעלטע, ווייל האָפנונגסלאָזע ליבע צום לעבען.

לעבען — צו יעדען פּרייז. לעבען — וואָס פאַר קרבנות עס זאָל ניט קאָסטען. וואָס איז אַט די גאַנצע לייטער פון ווערטען, וואָס מיר האָבען אויפגעשטעלט, וואָס איז אונזער גאַנצער קאָדעקס פון מאָראַל; וואָס איז אונזער גאַנצער קאַמף און אַלע אונזערע אַמביציעס אַנטקעגען דעם איינציגען און דעם וויכטיגסטען פאַקט אין דער וועלט ——לעבען? און זאָל זיין ווי אַ ווערימעל. האָט דער וואָרים ניט די מיסטישע קראַפט, וואָס הייסט לעבען? אַ לעבעדיגער הונט — בעסער ווי אַ טויטער לייב.

אָבער דער קראַנקער אין טשעכאָוו׳ן ווערט קאָרעגירט דורך דעם דאָקטאָר טשעכאָוו. דער דאָקטאָר איז ניט סענטימענטאַל, קאָן ניט, טאָר ניט נאָכגעבען געפיהלען. ער ווייסט — נאָך דאָס קאָן לעבען, וואָס האָט אין זיך די נויטיגע באַדינגונגען. ער ווייסט — כדי צו לעבען, מוז מען ליידען. מיט גרויסע וועהטאָגען, מיט שמערץ מוז מען באַצאָלען פאַר דעם זכות צו אָטעמען און צו וואָרימען זיך אין דער זון. מען קאָן ניט שאַנעווען דעם חולה, אפילו ווען עס טוט איהם וועה. ער געדענקט דעם היפּאָקראַטישען פּרינציפּ: „וואָס רעצעפּטען קאָנען ניט היילען — מוז אייזען היי־לען; וואו דאָס מעסער העלפט ניט — העלפט פייער; און העלפט דאָס אויך ניט — בלייבט די לעצטע רפואה: דער טויט״.

ער, טשעכאָוו, וויל בלויז זיין מאָדערן: ער פאַרלאַנגט אַנטי־סעפּטיק. ער וויל היגיענישע באַדינגונג; ער פּרעדיגט „פאַר־היטונג־מעדיצין״. קערפּערליך, סאָציאַל, קולטורעל — אויף אַלע געביטען פון דעם מענשליכען לעבען.

אָבער צווישען דעם דאָקטאָר און דעם חולה — צווישען דעם מענשען, וואָס דורשט נאָך לעבען, און דעם היטער פון דעם לעבען — רוקט זיך אַריין פון צייט צו צייט דער מענש, אַט די מערקוויר־דיגע באַשעפעניש ,וואָס פרעגט תמיד, וואָס צווייפעלט, וואָס זוכט נאָך דעם זין און דעם ווערט פון אַלצדינג — און דער מענש נאָגט, דער מענש זיפצט און וואונדערט זיך: צו וואָס דאָס גאַנצע — וואָס איז לעבען און וואָס איז טויט? יאָ, דער מענש וויל וויסען, צי עס איז כדאַי?

און טשעכאָוו ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן.

ווי זיכער טשעכאָוו׳ס האַנט איז, ווען ער מאָלט קוריאָזע מענשען. ווי שטאַרק און פעסט זיין ליניע, ווען ער שרייבט רע־צעפּטען. פשוט׳ע: כינאַ, דעסטילירטע וואַסער. איך וואָלט שיער ניט געזאָגט — באַבסקע רפואות. ער מאָלט פאַרלוירענע, אינע־וויניג צעשטערטע, צעבראָכענע מענשען. קליינע שטעטלאַך, גרויע אַטמאָספערע, נודנע טעג, יאָהרען אָהן אַ זין און אַ לעבען אָהן אַ צוועק. ער מאָלט — אַן אָרים לאַנד, אַ שמוציג לאַנד, אָהן היגיענישע בעדער, אָהן ריינקייט אין דענקען, רעדען און לעבען, אַ לאַנד פון צעשויבערטע נאַטורען, פון ניט־געראָטענע, פון באַגאַבטע מענשען, וואָס האָבען פאַרטרונקען אָדער גלאַט פאַר־שלאָפען זייערע טאַלאַנטען. ער מאָלט אויס — רוסלאַנד מיט פער־ציג יאָהר צוריק.

ניט קיין לאַנד — אַ קליניק. און יעדער מענש מיט זיין קראַנקהייט־געשיכטע. ניטאָ כמעט קיין איין געזונטער, קיין איין פּאָזיטיווער טיפּ. טשעכאָוו איז אַזוי פאַרליבט אין דער קראַנקהייט, אַז דער געזונטער איז איהם אומסימפּאַטיש. ער האָט ליב דעם נאָרמאַלען מענשען, ער בענקט נאָך איהם — אָבער בלויז טעאָרע־טיש, אין דער פאַנטאַזיע, „אָט נאָך צוויי הונדערט יאָהר״, אָבער דערווייל — לאָז זיין כאַאָס, לאָז זיין אָפּגעלאָזענקייט, זאָל זיין ווי עס איז.

ער איז מסכים מיט יעדער קריטיק. די רוסישע אָרדנונג — די ערגסטע; דער רוסישער מענש — פויל, אומגעבילדעט, ברוטאַל, די בעסטע זיינען שיכורים, די ניכטערסטע זיינען אַזוי אומאינטע־רעסאַנט. דאָס פאָלק — גראָב און באַרבאַריש, אַזיע; די אינטע־ליגענץ — סענטימענטאַל, אומאויפריכטיג, רעדט פראַזען, לייענט ביכלאַך און פּאַטשט דעם לאָקעי אָדער די דינסט און טוט אַלערליי

מיאוס׳קייטען. אַלצדינג ריכטיג — נו, און דער אויספיהר? רעוואָלוציע? טשעכאָוו לאַכט. ניט כדאי. זיין רעוואָלוציאָנער — דער טעראָריסט, וואָס פאַרדינגט זיך פאַר אַ לאַקעי, כדי צו דער׳הרג׳ענען אַ הויכען באַאַמטען (אין דער געשיכטע „די ערצעהלונג פון אַן אומבאַקאַנטען״), האָט ניט דעם מוט און דעם ווילען צו הרג׳ענען. אין דעם מאָמענט, וואו ער באַקומט די געלעגענהייט, פאַרליבט ער זיך גאָר אין אַ פרעמדער פרוי און פאַרענדיגט זיין קאַריערע אַזוי ריהרענד־נאַריש, מענשליך־סענטימענטאַל.

הייסט עס — ניט רעוואָלוציע, נאָר אָרדנונג, נאָר „סטאַטוס קוואָ״? דאָ פּראָטעסטירט טשעכאָוו אויפסניי, און ער מאָלט דעם „מענשען אין אַ שייד״, דעם לערער פון גריכיש, וואָס וואָגט ניט צו טאָן ניט נאָר דאָס, וואָס מען טאָר ניט, נאָר אפילו דאָס, וואָס מען מעג, אויב עס איז נאָר ניט בפירוש ערלויבט דורך אַ צירקולאַר אָדער אַ געזעץ.

טשעכאָוו וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, זוכט אַלערליי תשובות אויף די פראַגען, וואָס דאָס רוסישע לעבען האָט געשטעלט, און קאָן ניט געפינען קיין איינציגען פונקט, וואו זיך אָפּצושטעלען.

און זיין גאַנץ שאַפען איז אַן איין־און־איינציגער דיספּוט מיט דעם רוסישען געדאַנק. יעדע זיינע ערצעהלונג איז אַן אָפּקלאַנג און אַן אָפּלייקענונג.

אַזוי, צוםביישפּיל, זיין באַריהמטסטע און אפשר טיפסטע ערצעהלונג „קאַמער נומער זעקס״, וואָס איז אייגענטליך אַ דיסקוסיע מיט טאָלסטאָי אין אַ פאַנטאַסטישער פאָרם. טאָלסטאָי זאָגט: זייט גוט! טאָלסטאָי פאָדערט מאָראַל, פּשטות, נשמה־ריינקייט. און טשעכאָוו ענטפערט ביטער, איראָניש: אפשר — ריכטיג, אָבער פיזיאָלאָגיש אוממעגליך. ווייסט איהר, וואו גוטסקייט און ריינקייט, און מענשליכקייט זיינען פאַראַן? דאָרט וואו דער מענש איז ניט מעהר קיין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. מאָראַל און נשמה־שעהנקייט זיינען ניט נאָרמאַל, און דערפאַר בלויז גוט פאַר דעם משוגעים־הויז. און דער גוטער, איידעלער און באמת מאָראַלישער דאָקטאָר, אַנדרעי יעפימיטש — דער דאָקטאָר, וואָס האָט אַזויפיל רעספּעקט פאַר אַ פרעמדער פערזענליכקייט, אַז ער קאָן אפילו ניט שאַפען זיך מיט אַ צווייטען — ער ווערט סוף־כל־סוף פאַרשפאַרט אין דעם משוגעים־הויז און שטאַרבט דאָרט.

דער מענש איז אַ גאָט, אָבער דער גאָט באַווייזט זיך צווישען די גרויע ווענט פון דער „קאַמער נומער זעקס”, אין דער קאַמער פון משוגעים.

טשעכאָוו גנהמט אויף דעם מאָטיוו: ראַציאָנאַליזם. דער מענש וויל זיין גרויס, ער קאָן ניט פאַרטראָגען דאָס מיטעלמעסיגע. אַ נייע וועלט, אַ שעהנע וועלט, אַ וועלט וואו חלומות ווערען אמת. וואו איז זי? קאָן דאָס אַ מענש דערגרייכען? יאָ, ענטפערט טשע־כאָוו — און שרייבט אָן זיין ערצעהלונג דער „שוואַרצער מאָנאַך”. יאָ — אָבער נאָר ווען ער ווערט משוגע. ניט פריהער, ניט שפּעטער. פאַר דער משוגעת, איידער דער מענש הויבט אָן צו זעהן געשטאַלטען און חלומ׳ען פון אוממעגליכקייטען — איז ער — אַ שטויבעלע, אַ נישטיגקייט. און געהט די משוגעת פאַרביי, היילט ער זיך אויס, — האָט ער שוין ניט מעהר צו וואָס צו לעבען — און ער מוז שטאַרבען.

און אָט אַזוי — אין יעדער ערצעהלונג, אין יעדער דראַמע, געהען מענשען ווי שאָטענס, ווילען זיין ווי גאָט — און פיהרען דאָס לעבען פון אַ משוגע׳נער, זינלאָזער בענקשאַפט, זיפצען אָהן אַ גרונט, זעלבסטמאָרד אָהן מאָטיוו, יאָהרען אָהן אינהאַלט און — אַזוי, אַזוי — טראָפּענס בלוט וואָס רינען פון אַן אָפענער וואונד. אָבער עס קומט אויף איהם אָן דער געלעכטער און דער שפּאָט. און דעמאָלט לאַכט ער ניט — ער שינדט פּאָסעס. ער מאַכט חוזק. ער קאַריקירט, ער שאַרזשירט.

עס קומט זעלטען פאַר אַזאַ קאָמבינאַציע. מיר דוכט זיך, טשע־כאָוו איז דער איינציגער, וואָס האָט געקאָנט פאַראייניגען צוויי שרייבער, צוויי כאַראַקטערס: טשעכאָנטע, דעם לץ, און א. פּ. טשעכאָוו, דאָקטאָר טשעכאָוו, דעם ערנסטען און טרויערדיגען. עס קאָן זיך גאָרנישט גלויבען, אַז דאָס איז איין מענש, וואָס האָט אָנגעשריבען, לאָמיר זאָגען, דעם שאַרזש „די פערדישע פאַמיליע”, דעם פאַרס „די חתונה” — און דעם מעלאַדישען זיפץ, דעם טרויער־מאַרש פון אַלט־רוסלאַנד „דער קאַרשען־גאָרטען”.

מאַרק טווען איז געוועזן אויסגעהאַלטענער. קיינמאָל ניט אַזוי שפּאַסיג, ניט אַזוי סאַטיריש, ווי טשעכאָנטע, ווי דער יונגער טשע־כאָוו האָט זיך גערופען — אָבער אויך קיינמאָל ניט אַזוי טיף־ערנסט, ווי טשעכאָוו אין זיינע שפּעטערדיגע געשיכטען וועגען „איבעריגע מענשען”.

און ניט נאָר דערפאַר, וואָס מאַרק טווייִנ׳ס אַמעריקע האָט ניט געקאָנט געבען אַזאַ מאַטעריאַל פאַר געלעכטער און פאַר שטילע טרערען ווי טשעכאָוו׳ס רוסלאַנד, טשעכאָוו וואָלט אויך אין אַמעריקע געבליבען דער אייגענער. ער וואָלט אויך דאָ געפונען די אייגענע טיפען — די אייגענע ענטפערס און די אוממעגליכקייט צו ענטפערען.

דער דאָקטאָר טשעכאָוו וואָלט געשטעלט דעם דיאַגנאָז פון יענקי־לאַנד און דאָ אויך געפונען די באַצילען פון טויט. אָבער — איז אפשר דער שאַרפזיניגער קריטיקער טשוקאָווסקי גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז יעדער רוסישער שריפטשטעלער האָט זיין „גרימאַסע”? דאָסטאָיעווסקי זיינע — די גרימאַסע פון דעם גאַטזוכער, און טאָלסטאָי זיינע — די גרימאַסע פון דעם הייליגען? גאָרקי פון דעם באָסיאַק — און אַנדרעיעוו פון דעם — טייוועל?

עס איז פאַראַן אַ גרויסער אמת אין די מעסער־שאַרפע ווערטער. די רוסישע שריפטשטעלער האָבען ליב די פאָזע. זיי זיינען אפשר די איינציגע וואָס שפּילען קאָמעדיע ניט נאָר פאַר אַנדערע — נאָר פאַר זיך אַליין! זיי רעדען זיך איין, לעבען זיך איין אין אַ פאָזע, אין אַ באַשטימטען זשעסט, אין אַ כימערע און פאַרשטעלען פאַר זיך אַליין די ווירקליכקייט. זיי זיינען די מערקווירדיקסטע, פאַראַדאָקסאַלסטע שרייבער: רעאַליסטען אין דער טעכניק און אומהיילבאַרע ראָמאַנטיקער אין זייער געדאַנק, אין זייער פאַרנעהם, און ווער ווייסט — צי דער רעאַליזם איז טאַקע אַזוי רעאַליסטיש, ווי זיי מיינען! אפשר אויך דאָרט — אַ קרומען שפּיגעל?

די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַוויזען ווי קרום דער שפּיגעל פון דער רוסישער ליטעראַטור איז געווען, ווי ווייניג זי האָט פאַרשטאַנען דעם רוסישען מענשען.

און אפשר איז טשעכאָוו׳ס אַזוי באַריהמטער רעאַליזם אויך געווען אַ מין „וואַמפּוקאַ־רעאַליזם” — אַ צוגעטראַכטער, רעאַליזם פון מאַריאָנעטען?

* * *

פינף און צוואַנציג יאָהר נאָך טשעכאָוו׳ס טויט. און ער איז שוין כמעט אַלטערטום. און ער לייענט זיך שוין היינט ווי ראַבלע אָדער לוקיאַן — הומאָר פון פאַרגאַנגענע צייטען, און פּראָבלעמען, וואָס זיינען שוין פרעמד און ווייט. און טשעכאָוו האָט אַליין גע־

ענטפערט פאַרוואָס: „אַט לערנט איהר אַלץ, פאַרשט אויס די אָפּגרונטען פון זיי, אַנאַליזירט שטאַרקע און שוואַכע, שרייבט ביכלעך און רופט אַרויס אויף דועלען — און אַלצדינג בלייבט אויף דעם אייגענעם אָרט. און אָט, זעהט, עפּעס אַ שוואַכינקער זקן שעפּטשעט א וואָרט מיט דעם רוח הקודש אָדער אַ נייער מחמד קומט רייטענדיג פון אַראַביע מיט זיין שווערד און אַלצדינג הויבט אָן צו געהן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און אין אייראָפּע בלייבט ניט קיין שטיין אויף אַ שטיין. — עס — דיאַקאָן — דאָס זיינען באָבע־מעשיות". („דער דועל").

עס זיינען ניט געווען קיין באָבע־מעשיות. אַנדערע צייטען זיינען געקומען, קאָמפּליצירטע, פאַרפלאָנטערטע. ניין איז גע־וואָרען יאָ — און דאָס אוממעגליכע מעגליך. ווי אַזוי צו געפינען דעם וועג אין טומעל? טשעכאָוו ווייסט ניט. ער האָט ניט קיין ענטפער. ער האָט ניט קיין „פילאָזאָפיע". ער האָט ניט קיין פאָדים וואָס זאָל צונויפבינדען די ערשיינונגען פון דעם לעבען.

ער האָט זיי געוואָלט צונויפהאַלטען מיט געלעכטער, און דער געלעכטער איז טויט. ער האָט זיי געוואָלט פאַרבינדען מיט זיין לירישען זיפץ — אָבער דער זיפץ איז פאַרקלונגען.

דער דאָקטאָר האָט געקאָנט שטעלען אַ דיאַגנאָז. דער דאָקטאָר האָט ניט געקאָנט היילען. עס איז ניט געבליבען קיין אַנדער אויס־וועג — ווי אַליין — קראַנק צו ווערען. אַ שעהנער זשעסט — אָבער סוף כל סוף טעאַטער און ניט לעבען, ניט וויסענשאַפט און אַפילו — ניט קונסט.

ווייל קונסט איז — ווי ווערהאַרן האָט אַמאָל געזאָגט: „פאַר־געסען דאָס לעבען". טשעכאָוו, אָבער, האָט צופיל פון איהם געטראַכט, תמיד אָן איהם דערמאָנט און זיך אונטערגעגעבען איהם, געבונדען הענט און פיס.

דער אָרימער, דער קראַנקער דאָקטאָר! וואָס פאַר אַ וואונ־דערבאַרער קינסטלער וואָלט ער געקאָנט זיין, ווען ניט זיין פאַר־צווייפעלטע פאַרליבטקייט אין לעבען!

אויגוסט 18, 1929

אַרום דעם אומרוה פון דאָסטאָיעווסקי

(צו זיין פופציגסטען יאָהרצייט)

אַרום — ניט וועגען — ווייל עס איז דאָסטאָיעווסקי. איינער פון די ווייניגע. איינער פון די זעלטענע — וואָס צווינגען אייך תמיד צוריק קומען צו איהם, צוגעהן צו איהם אַמאָל פון דער זייט, אַן אַנדערש מאָל פון דער צווייטער. אַ פּאָליעדער — אַ קריסטאַל מיט אַ סך זייטען און ווינקלען — און דערפאַר איז אַלצדינג אין איהם — אַן „אַרום".

געווען גרעסערע קינסטלער און טיפערע דענקער פון איהם — און זיכער גרעסערע, ריינערע, בעסערע מענשען. אָבער עס איז ניט שווער זיי צו דערקענען, זיי צו פאַרשטעהן. זיי האָבען אַ גרונט־געדאַנק, אַ צענטראַל־בילד. און האָט איהר פאַרשטאַנען דעם עיקר — דאָס איבעריגע איז שוין בלויז אָרנאַמענטיק.

אַזוי איז צ. ב. טאָלסטאָי, אָדער באַלזאַק — אין דער קונסט, אַזוי זיינען די עטליכע, די געצעהלטע גרויסע דענקער פון דער וועלט. יעדער צענטער איז אַ פּונקט. מעג דער פּונקט אפילו זיין דער קוואַל פון ענערגיע, מעג ער אפילו אין זיין אויסשפּרייטונג ווערען אַ וועלט, אַ קאָסמאָס — זיין מהות איז פאָרט איינפאַכקייט. און יעדע פשטות איז — אַ „יאָ".

אָבער ווען דער צענטער אַליין איז ניט קיין פּונקט, נאָר אַ פלאַך — אַ שטח, אַ כאַאָטישע וועלט? ווען אין דעם לעצטען עצם איז ניט קיין פשטות און ניט קיין גאַנצקייט? איז דאָס ניט קיין צענטער? מעגליך. אָבער פאָרט — מיר האָבען דאָך פאַר זיך אַזאַ געוואַלדיגע מענשליכע ערשיינונג ווי פ. מ. דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָלט אין זיין כשוף שוין זיבעציג יאָהר — און נאָך מעהר פאַר די לעצטע פופציג יאָהר נאָך זיין טויט — די אינטעליגענץ פון דער אַלטער און דער נייער וועלט, אַ קוואַל פון פּאַטאָס און פון ליידען, פון גלויבען און פון ספקות, אַ שפּייזער פון דורות?

מיר דוכט זיך, זעלטען איז אויף דער וועלט געווען אַזאַ צעריסענער מענש ווי פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי. אפשר דער איינציגער

שרייבער פון גרויסען פאַרנעהם, וואָס האָט זיך אַזוי געפּייניגט ווי ער. ווייל שטענדיג מיט זיך אין קאַמף און ווידערשפּרוך, ווייל געטריבען דורך אַ רוח — אַקעגען זיין אייגענער נאַטור.

זיין אייגענע נאַטור? וואָס וויסען מיר פון איהר? אַלצדינג וואָס מיר לייענען וועגען דאָסטאָיעווסקי דעם מענש, דאָסטאָיעווסקי דעם שרייבער, קלערט אַזוי ווייניג אויף. פאַרקעהרט. וואָס מעהר מיר לייענען וועגען איהם — אַלץ ווייניגער פאַרשטענדליך ווערט ער אונז.

אַ קראַנקער מענש — אַן עפּילעפּטיקער, אַ שווערער מענש. אַ שלעכטער מענש. האָט כמעט קיין פריינד ניט געהאַט. אפילו אַזאַ גוטע און איידעלע נשמה ווי בעלינסקי, וואָס האָט איהם לכתחילה מקרב געווען, האָט זיך פון איהם דערווייטערט, האָט איהם ניט געקאָנט מעהר פאַרטראָגען.

דאָסטאָיעווסקי האָט אַלעמען פיינט געהאַט. אַלעמען — די בעסטע פון זיין צייט. וואו ער האָט נאָר אַ געלעגענהייט, מאַכט ער פון זיי חוזק, פאַראַדירט ער זיי, און אָפט זעהר ניט פיין, אָהן טאַ־לאַנט און אָהן מאָס.

דאָסטאָיעווסקי איז היסטעריש, ווי אַן עפּילעפּטיקער מוז זיין. און דאָס מיינט — איבערטריבען אין דער פאָרם, תמיד אויפגע־רעגט, קיינמאָל ניט אין די גרעניצען פון דער ווירקליכקייט.

זיין סטיל, אָפטמאָל ניט אַריבערצוטראָגען. אַזוי פאַרמלאָז, אַזוי געשמאַקלאָז, און כמעט קיינמאָל ניט רוהיג, נאַטירליך, אַזוי צו זאָגען — מענשליך. און מען ווייסט קיינמאָל ניט — איז דאָס באַוואוסטזיניג אָדער אוימבאַוואוסטזיניג, אויסגעוועהלט אַזוי. שרייט עס טאַקע אַרויס פון איהם ווי פון אַ דיבוק — אָדער איז דאָס געמאַכט און אָפּגעשפּאָט? אָדער אפשר ביידע?

אַ רוסישער ליטעראַטור־פאָרשער — טיניאַנאָוו — האָט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אָנגעשריבען אַ זעהר אינטערעסאַנטע סטודיע וועגען „דאָסטאָיעווסקי און די פּאַראָדיע". ער האָט דאָרט אָנגע־וויזען, — מיט דעם גאַנצען פילאָלאָגישען אַפּאַראַט, מיט ציטאַטען און פאַרגלייכען, מיט אויסצוגען פון דאָסטאָיעווסקי'ס נאָטיצען, מיט באַנוצונג פון דעם אַרכיוו־מאַטעריאַל, — אַז דאָסטאָיעווסקי האָט כמעט זיין גאַנץ לעבען פּאַראָדירט גאָגאָל'ן. פּאַראָדירען הייסט אָבער ניט נאָר אָפּשפּאָטען, נאָר אויך נאָכמאַכען. פּאַראָדיען שרייבט מען אויף איינעם וועמען מען וויל מבטל זיין. און מבטל זיין וויל

מען — מוז מען —דעם וואָס האָט מאַכט איבער אונז, דעם צו שטאַרקען.

גאָגאָל איז געווען דער אידעאַל פון דאָסטאָיעווסקי — אומבאַוואוסטזיניג. אָבער אין דעם מאָמענט ווען זיין אָפּהענגיגקייט פון גאָגאָל׳ן איז איהם געוואָרען קלאָר, האָט ער מיט זיין גאַנצען כח געזוכט זיך פון איהם צו באַפרייען, דורך פּאַראָדיע, דורך אָפּשפּאַטען, דורך צופיהרען דעם גאָגאָליזם ביז צום אַבסורד — און דערנאָך ביז צו דעם שאַפען פון אַן אייגענעם וועלט־בילד.

וואָס איז אָבער געווען גאָגאָל? אַ רעאַליסט? אַן אָפּמאָלער פון ווירקליכקייטען? אַ פּסיכאָלאָג? אַלצדינג וואָס גאָגאָל האָט געשריבען — פון דעם „שינעל" ביז צום „רעוויזאָר" און די „טויטע נשמות" — איז געווען אַן אומגעהויערע ראָמאַנטישע קאַריקאַטור. עס איז ביי איהם ניטאָ קיין איינציגער „ווירקליכער", לעבעדיגער מענש, בלויז גראַנדיעזע איבערטרייבונגען. אַ מין גוליווער אויף רייזען. ער זעהט בלויז ריזען אָדער קאַרליקעס, אָדער גאָר די מלוכה פון יאַהוס. בלויז ביי סוויפט׳ן איז דער סימבאָל געווען צו בולט. עס האָט דעם גרויסען ענגלישען סאַטיריקער געפעהלט — פּאָעזיע, קונסט.

און טאַקע וויל גאָגאָל איז געווען אַ געניאַלער קאַריקאַטוריסט — איז פאַרשטענדליך זיין איבערברוך, וואָס האָט דערפיהרט צו דער אומפאַרשטענדליכער, פיליסטערישער „קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינד", וואָס האָט אָנגעוואָרפען אויף רוסלאַנד אַזאַ מרה־שחורה, וויל אַזוי גרוי־וואָכעדיג, אַזוי טעמפּ־ווינקעלדיג.

דאָסטאָיעווסקי האָט אין זיך געהאַט אַ גאָגאָל־נשמה. בלויז — דער קינסטלער אין איהם איז געווען שוואַכער, טיפער דער אינטעלעקט, ווייטער דער האָריזאָנט. קליגער, געפרואווטער, קלאָרער — אָבער אָהן דער „ראַזשינקע". אָהן דעם לעצטען עפּעס, וואָס מאַכט אַ מענשען פאַר אַ קינסטלער.

אַ ראָמאַנטיקער לויט זיין גאַנצען טעמפּעראַמענט און גייסטיגען בוי, און אַ ראָמאַנטיקער מיינט אַ מענש, וואָס פאָדערט פון מענשען דאָס וואָס איז אין זיי ניט פאַראַן — די „בלויע בלום". אַ ראָמאַנטיקער איז דער וואָס לעבט אין אַ וועלט פון איין דימענסיע: הויך, אָדער איהר עקוויוואַלענט: טיף.

ניט אומזיסט האָט דאָסטאָיעווסקי ליב געהאַט צו מאָלען אויף זיינע מאַנוסקריפּטען שפּיציגע טורעמס, גאָטישע קלויסטערס; ניט

אומזיסט פלעגט ער — ווי זיין פרוי אַנאַ גריגאָריעוונאַ דערצעהלט אין איהרע זכרונות — שטעהן אָפט שעה'ענווייז פאַר די גאָטישע קלויסטערס אין דייטשלאַנד, אָדער אין איטאַליע, און זיך ניט קאָנען אָפּרייסען פון זיי.

אַ צוג וואָס דערנעהנטערט איהם צו די דייטשע ראָמאַנטיקער פון דעם אָנהויב פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט. זיי — די ראָמאַנטיקער — האָבען ליב די שעהנקייט פון שפּיציגע ליניעס, פון די הויכע זיילען וואָס ציהען זיך „צום הימעל" — די דורות'דיגע שעהנקייט, אָט די ברייטע, די רייפע, די פאַרענדיגטע איז זיי פרעמד, זי איז פאַר זיי — צו מענשליך. און זיי מיינען — אַז שעהנקייט איז געטליכקייט, און אַז געטליכקייט איז — דער שמאָלער שטראַל וואָס ציהט זיך אין דער אומענדליכקייט. זיי האָבען מורא פאַר דעם פאַרענדיגטען.

און דערפון אויך די ליבע פון אַלע ראָמאַנטיקער צו דעם מיטעלאַלטער. וואָס מעהר שרעקליכקייט — אַלץ בעסער. בלייכע אַסקעטען, פאַנאַטישע אינקוויזיטאָרען, אַנטלויפער פון דעם לעבען, פייניגען, קאַטעווען זיך און אַנדערע — אָט די גאַנצע מיטעלאַלטערליכע פּסיכאָלאָגיע איז געוואָרען דער אידעאַל פון די ראָמאַנטיקער. און אַזוי האָבען זיי זיך אויך פאַרגעשטעלט די רעליגיע.

ניט גלויבען, — דאָס האָבען זיי ניט געקאָנט, — נאָר וועלען גלויבען, טראַכטען פון וועלען — מיט איין וואָרט: „ליב האָבען די ליבע". צו דער ליבע אַליין זיינען זיי נאָך ניט געקומען.

און ווען מען לייענט מיט אַ קריטיש אויג דאָסטאָיעווסקי'ס ראָמאַנען, ווען מען באַפרייט זיך פון דער שוין טראַדיציאָנעל געוואָרענער פראַזע, אַז דאָסטאָיעווסקי איז געוועזען אַ גאָט-זוכער, אָדער דער נביא פון רוסלאַנד, דער „נביא" פון דער גאַנצער נייער וועלט, ווען מען עמאַנציפּירט זיך פון דעם גאַנצען פּלפּול אַרום דאָסטאָיעווסקי'ן, פון די הונדערטער מפרשים, — אָנגעהויבען מיט מערעזשקאָווסקי'ן און ענדיגענדיג מיט שעסטאָוו, וואָלינסקי און אהרן שטיינבערג — זעהט מען אין זיי דעם ראָמאַנטיקער, וואָס האָט „ליב צו ליבען" און קאָן ווייטער ניט דערגעהן. מען דערזעהט סטאַווראָגינ'ען, וואָס רעדט זיך איין אַז ער איז אַן עראָטיקער און האָט אַ שם פאַר אַן אויסוואורף — אַ דאָן זשואַן געפּאָרט מיט דעם מאַרקיז דע סאַד — אָבער אין עצם אַ גאַנץ אומשולדיגער מענש. ווייל ער האָט גאָר קיין פעהיגקייט ניט צו זינדיגען. ער זינדיגט

מיט דעם מות. און ווייל אין דער פאַנטאַזיע, אין דער פאָרשטעלונג איז ניטאָ קיין גרעניץ — איז זיין „זינד" אויך אַן איבערנאַטירליכע, און דאָס מיינט אומנאַטירליכע.

אייגנטליך — אויב איהר ווילט — האָבען דאָך דאָסטאָיעווסקי'ס געשטאַלטן ניט קיין קערפּערס און ניט קיין חושים. ווי גרינג איז צו זעהן טאָלסטאָי'ס אַ פיגור. זי לעבט פאַר אייך. אפשר ניט אין זיך — ווי פאַר אייך. טאָלסטאָי'ס „פּסיכאָלאָגיע" איז אָפּט, זעהר אַ מסופק'דיגע. זי איז צו פשוט. זי איז אָפּט אַזוי אַבּסטראַקט, אַז זי ווערט בלויז אַ מין רעדעלע, ווי אין דער ליאַלקע פון „האָפמאַנ'ס ערצעהלונגען". אָבער דער גוף, אָבער די פאָרם! ווי פּראַכטפול איז קיטי אָדער קליאַד אַנדרעי אָדער ניקיטאָ דער אַרבייטער — און ווי וואונדערבאַר ליגט דער לעבעדיגער און דער־נאָך דער טויטער איוואַן איליאיטש! און ווייל די געשטאַלט — די סטאַטוע — איז אַזוי וואונדערבאַר געטריי, גלויבט איהר טאָלסטאָי'ען אפילו דאָרט וואו ער איז שוואַך — אין דער פּסיכאָלאָגיע, אין דער מאָטיווירונג.

און דאָס איז דאָך סוף־כל־סוף קונסט. איהר גרויסקייט — און עכטקייט — באַשטעהט אין דעם וואָס זי האָט גרעניצען, ווי דאָס דענקען. בלויז דאָס דענקען האָט אַ ווערט, איז אמת וואָס שטעלט זיך אָפּ, וואָס ווערט ניט ווי אַ וואָלקען — אָט אַ בער און אָט אַ באַרג. קונסט שטעלט זיך אָפּ — וואו געשטאַלט הערט אויף

דאָסטאָיעווסקי אָבער האָט ניט געקאָנט מאָלען קיין געשטאַלטען — פּיזיש. און וואו ער פּרואווט — ווערט עס טאַנדעט. פּרואווט אויסמאָלען זיך סמערדיאַקאָוו'ן, אָדער סטאַווראָגין און ווערסילאָוו, אָדער גרישאָ און ליזאָ און נאַסטענקאָ — און אַלע די באַריהמטע געשטאַלטען פון דאָסטאָיעווסקי'ס ראָמאַנען. עס איז כמעט אוממעגליך. ווייל דאָסטאָיעווסקי האָט זיי ניט געזעהן, נאָר פאַרטראַכט. ווייל זיינע פיגורען זיינען פּאַראַדיען — ד. ה. פאַר־לענגערונגען און איבערטרייבונגען פון מענשען, וואָס ער האָט ניט באַאָבאַכט מיט דעם רוהיג־אויפבעהמענדיגען קינסטלער־אויג, נאָר איבערגעטראַכט און אויסגעטראַכט מיט זיין אויפגערייצטען, כאַאָטישן אינטעלעקט.

ניטאָ קיין אויסערע וועלט ביי דאָסטאָיעווסקי'ן. ניטאָ קיין נאַטור ביי איהם. און ער — דער געוואַלדיגער רוסישער פּאַט־ריאָט, דער „נביא" פון דער רוסישער ערד — האָט זעלטען געגע־

בען אַ בילד פון רוסלאַנד דעם לאַנד. רוסלאַנד דער ערד. און ווייטער — ער האָט געזונגען הימנען דעם רוסישען פאָלק. „מען וועט קומען קיין רוסלאַנד" — האָט ער געזאָגט אין זיין באַריהמטער פושקין־רעדע — „לערנען חכמה". אָבער האָט ער געשאַפען כאָטש איין רוסישען פאָלקס־טיפּ? האָט ער איין גרויסע פיגור פון דעם רוסישען פויערטום — וואָס איז דאָך דאָס רוסישע פאָלק? אַ פּאָר פאַרברעכער־טיפּען אין זיינע מעמואַרען פון דעם „טויטען־הויז" — אַ בוך וואָס איז אייגענטליך אַ מין עפּיזאָד אין דאָסטאָיעווסקי'ס שאַפען — דאָס איבעריגע אינטעליגענטען, האַלב־אינטעליגענטען, און שטענדיג: שטאָדט.

פסיכאָלאָגיע! לאָמיר זיך קלאָר ווערען וועגען דעם וואָרט. וואָס מיינט אייגענטליך, ווען מען רעדט פון דער „פסיכאָלאָגיע" פון אַ קינסטלער. סוף־כל־סוף איז אַלצדינג אין דער וועלט פון גייסט: באַשרייבען. דאָס מיינט: אויסמאָלען, פאָרשטעלען, געבען אַ בילד. וויסענשאַפט איז באַשרייבונג. מען ציילט־אויף די פאַקטען. און דאָס וואָס מיר רופען־אָן ערקלערען — איז אין לעצטען אַנאַליז אויך באַשרייבונג. ערקלערען מיינט דאָך ניט מעהר ווי — קלאָר מאַכען, בולט מאַכען אַ בילד אָדער אַן ערשיינונג, באַלייכטען די אייגענשאַפטען און שטריכען וואָס זיינען פריהער געווען אומקלאָר. און אַזוי אויך דאָס דענקען. מיר „איבערזעצען" שטענדיג פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער, פון דער שפּראַך פון די חושים אין דער שפּראַך פון סימנים, פון צייכענס, ד. ה. אָפּקירצונגען פון אַמאָליגע ערפאַהרונגען.

און פסיכאָלאָגיע איז אויך בלויז אַ באַשרייבונג פון די פּראָצעסען וואָס געהען פאָר אין אונז — אַזוי ווייט ווי מיר קאָנען זיי אויפּפאַסען, אָפּזונדערען, קלאַסיפיצירען און „פאַרשטעהן". אָבער יעדער פסיכאָלאָג ווייסט, אַז בלויז די פשוט'סטע, אויבענאויפיגסטע, אַזוי צו זאָגען פּאַסאַדיגע עמאָציעס און פסיכישע איבערלעבונגען, לאָזען זיך אַרויסשיילען און באַשרייבען. דאָס טיפסטע, דאָס קאָמפּליצירטסטע, אָט דער „שטראָם", — ווי וויליאַם דזשיימס האָט אָנגערופען דאָס באַוואוסטזיין, — דאָס לאָזט זיך גאָר ניט אָפּצאַמען, אַריינכאַפּען אין די וויסענשאַפטליכע נעצען. דאָס וואָס וויל ניט און קאָן ניט זיין קלאָר — קאָן אויך ניט ערקלערט ווערען. און די „אינטימסטע איבערלעבונגען" זיינען גראָד די, וואָס זיינען די פרעמדסטע, אומבאַקאַנטסטע פאַר אונז. זיי זיינען — ווי אין

טאַגאָר׳ס באַוואוסטער דראַמע — „דער קעניג אין דער פינסטער״. ער איז דאָ, ער לעבט, ער האָט ליב, אָבער מען זעהט איהם ניט. מען קאָן איהם ניט זעהן.

ווען מען רעדט דערפאַר וועגען „נשמה־אויסטייטשונג״ איז דאָס ניט מעהר ווי אויסטייטשונגען פון ווערטער, וואָס מיהען זיך צו באַשרייבען פּראָצעסען וואָס זיינען „דק מן הדק״. עס זיינען השערות וועגען השערות, עס זיינען רמזים וועגען סודות.

דערפאַר, ניט בלויז אין דער וויסענשאַפט פון דער פּסיכאָלאָגיע זיינען די דירעקטע באַשרייבונגען פון נשמה־פּראָצעסען געפאַרבטע, לאַבאָראַטאָרישע, אַנעסטעזירטע, אָדער טויטע בילדער פון אַן אַמאָל־געוועזענעם, נאָר אויך די פּסיכאָלאָגישע באַשרייבונגען אין דער קונסט.

סיידען דער דערצעהלער וויל גאָר ניט ערקלערען, וויל גאָר ניט פּסיכאָלאָגיזירען, בלויז דערצעהלען, נאָר באַשרייבען. און דעמאָלט קומט אָפּט אַרויס פון זיך אַליין דער פּסיכאָלאָגישער אמת. איך ווייס ניט צי פּרוסט האָט געמיינט אויפצודעקען די „פּסיכאָלאָגיע״ פון זיינע מענשען וואָס ער האָט באַשריבען. ער האָט גאָר עפּעס אַנדערש געוואָלט: זיין דער געטרייער קאָפּיסט פון זייערע באַוועגונגען, זשעסטען, פון דער אָטאָם־באַוועגונג אין דעם מענשליכען טאָן, ניט דעם מענשליכען זיין. ער האָט באַשריבען אויף עטליכע בלעטלעך ווי אַלבערטינע פאַרשפּילעט אַ שוך. לויטער באַוועגונגען און פיזישע פּראָצעסען. אָבער דער ריטם פון דער באַוועגונג דערוועקט אין אונז דעם ריטם פון אַ געוויסען „ערלעבען״, „דערפיהלען״ — און דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איז מעגליך.

ווי איז אָבער דאָסטאָיעווסקי׳ס פּסיכאָלאָגיע? זיין מעטאָדע איז פון — דערצעהלען די נשמה, דערקלערען זי, פון שפּאַלטען זי אין צוויי, און לאָזען די צוויי טיילען פיהרען אַ ויכוח איינער מיט דעם צווייטען.

געוויס — עס איז אַ טיפער געדאַנק. עס איז אַ פילאָזאָפישע, אַ מיסטישע אידייע. אַלע מענשען — בלויז דער אין זיך געשפּאַלטענער „מענש״, דער „אדם קדמון״, וואָס האָט זיך אָטאָמיזירט. און ווען טעאָלאָגיש צוגעפאַרבט קאָן מען צולייגען: „וועגען דער זינד — דער אורמענשליכער זינד פון דעם „עץ הדעת״.

און איך וויל דאָ דערווייל ניט אַריינגעהן אין דעם אַנאַליז פון דער אידעע. איך גיב צו, זי האָט אין זיך אַ געוואַלדיגען פּאַטאָס

— זי קאָן ווערען דער אינהאַלט פון אַ וועלט־צוגאַנג. אָבער ווען מען וועל פאַרשטעהן ניט דעם מענשען, אדמ׳ען — נאָר אַ באַשטימ־טען מענשען, צי דער מענש הייסט ראַסקאָלניקאָוו אָדער מאַרמע־לאַדאָוו, קאַראמאַזאָוו אָדער ווערכאָווענסקי, קניאַז מישקין אָדער אַרדינאָוו (פון דאָסטאָיעווסקי׳ס ערצעהלונג „די באַלעבאָסטע״) — איז דעמאָלט אַזאַ מעטאָדע ריכטיג, פאַסיג, דערגרייכט זי איהר ציל?

און ווען מען לייענט זיך טיפער, שטרענגער אַריין אין די באַריהמטע דאָסטאָיעווסקישע נשמה־גראָבונגען, באַקומט מען ניט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ דיאַלאָג, ריכטיגער, אַ דיאַלעקטיק, אַ ויכוח צווישען דאָסטאָיעווסקי׳ס אין זיך געשפּאַלטענע, ווידער־שפּרוכספולע געדאַנקען — אַ ויכוח ווי אין בוניען׳ס פּילגרימס׳ פּראָגרעס״, און ניט קיין „אַנאַטאָמיע״ פון נשמות?

געוויס — און ווער קאָן עס לייקענען? — עס זיינען דאָ אויפ־בליצען אין דאָסטאָיעווסקי׳ס ראָמאַנען — „פּאַלאַנקעס״, וואָלט דאָסטאָיעווסקי געזאָגט, וואו קיין שום ראָמאַניסט האָט ניט געהאָט אַזאַ וויזיע, אַזאַ לאָמטערן ווי ער.

אָבער וואו זיינען די אויפבליצען? הויפּטזעכליך דאָרט, וואו אַלצדינג ווערט ריינע פאַנטאַזיע, אַבסטראַקציע. אין דער רעדע פאַר דעם געריכט אין „קאַראַמאַזאָוו״, אין דער וואונדערבאַרער לעגענדע פון דעם גרויסען „אינקוויזיטאָר״ — און נאָך מעהר אפשר אין דעם „וידוי פון סטאַווראָגין״ אַ קאַפּיטעל פון די „בעסי״, וואָס איז ניט אַריין אין די קלאַסישע אויסגאַבען. און וואָס איז אין די דאָזיגע מייסטערהאַפט געשריבענע בלעטער — אויב ניט די פּילאָ־זאָפיע פון ספק אין גלויבען, דער יאוש פון דעם מענשען וואָס וויל גלויבען און קאָן ניט — ד. ה. די טראַגעדיע פון דעם באַוואוסט־זיין, אין דעם מאָמענט ווי עס ווערט באַוואוסטזיין?

און דאָרט איז דאָסטאָיעווסקי דער גרויסער מייסטער. אפשר דער איינציגער. דער איינציגער, וואָס האָט אַזוי שאַרף, אַזוי ליי־דענשאַפטליך אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון דער — שולד פון דעם אומשולדיגען, פון דער אומשולד פון דעם מענשען און — דער שולד פון גאָט.

און דאָס איז געווען דאָסטאָיעווסקי׳ס אייגענטליכער לעבענס־פּראָבלעם. ער האָט דאָך געוואָלט — ער האָט דאָך גע׳חלומ׳ט — אָנצושרייבען אַ גאַנץ אַנדער ווערק: דאָס לעבען פון אַ גרויסען זינדער.

דר. א. קאַראַלניק

אַ מין עפּאָס פון דעם מענשליכען אינטעלעקט. זיין אייגען לעבען — דאָס לעבען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — די ליניע געצויגען אין אַלע ריכטונגען. צוערשט די גרויסע זינד — דער־נאָך די גרויסע הייליגקייט. די זינד — שטאָלץ; די הייליגקייט — עניוות און ליבע. ליבע — צו דער ערד, צו דער וועלט, צו גאָט.

אַזוי דער חלום. דער חלום פון אַ מענשען וואָס האָט זיך גע־וואָלט באַפרייען — וואָס איז נאָכגעלאָפען דעם לעבען, דעם אומ־פאַרשטאַנענעם, און האָט איהם געוואָלט אַריינקוקען אין פּנים אַריין. אָבער — דאָסטאָיעווסקי האָט קיינמאָל ניט אָנגעשריבען דעם ראָמאַן, זיין לעבענס־ווערק איז געבליבען אַ חלום.

און ניט דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין צייט — אָדער קיין רייפקייט — נאָר וויל ער האָט ניט געקאָנט. וויל — ער אַליין איז ניט געוואָרען פריי פון דער „זינד", און די „הייליג־קייט" איז פאַר איהם געווען — אַ בלויע בלום.

דער סקעפּטיקער, דער פּאַראַדיסט, איז געווען שטאַרקער ווי דער גלויביגער. דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט תמיד גערעדט פון גאָט — האָט אין איהם ניט געגלויבט. אפשר אין קריסטוס — און דאָס אויך אין דער גאַנץ פּאָעטישער, ראָמאַנטישער פאָרם — אָבער אין גאָט זיכער ניט. דאָסטאָיעווסקי האָט בלויז געפאָדערט, אַז מען זאָל גלויבען אין גאָט — אפילו אויב עס איז ניטאָ אין ווּעמען צו גלויבען. ווי קאָן מען ציילען — אויב עס איז ניטאָ קיין איינס? ווי קאָן מען לעבען — אויב עס איז ניטאָ קיין אָנהויב און קיין צוועק? אַן אומגלויביגער שטעלט תמיד די טעאָלאָגישסטע פראַ־גען. און ווער ווייסט — אפשר זיינען די גרעסטע טעאָלאָגען — די גרעסטע אַטעאיסטען? און פאַרקעהרט?

* * *

איך ווייס — עס איז ניט וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן, נאָר אַרום — אפילו שוין צו ווייט אַרום. און ווייטער, פיהל איך, איז צופיל רמזים און ווייניג קלאָרקייט. בין איך זיך אַליין קלאָר וועגען דאָסטאָיעווסקי'ן? קאָן איך זאָגען: אַז דאָס איז ער, אַזוי זעה איך איהם? אָט דאָס באַטייט ער פאַר מיר?

ניין —אַרום און אַרום — פּאָליעדערדיג, פּיעלווינקעלדיג. און תמיד רעטענישדיג. דערפאַר ציהט ער, דעריבער זיין כשוף, דער כשוף פון דער געשפּאָלטענער וועלט.

פעברואַר 28, 1931